STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00650

GEKLIBENE VERK

Mendele Mokher Sefarim

Permanent preservation of this book was made possible
by Shirley Rubin Carasik
in honor of
grandaughter, Rose Lillian Stein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדעלע מוכר ספרים

געקליבענע ווערק

באַנד 1

דאָס קליינע מענטשעלע
די טאַקסע

מענדעלע מוכר ספרים

דאָס קליינע מענטשעלע

אָדער

א לעבנס־באַשרייבונג פון
יצחק־אברהם תקיף

איקוף פארלאג

Mendele Moicher Sforim

SELECTED WORKS

VOLUME I

Dos Kleine Mentchele
Di Takse

1946

Published by YKUF

189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

געדרוקט אין 4,000 עקזעמפּליאַרן

Printed in the U. S. A.

געדרוקט אין דער פּראָמפּט פּרעס, 113 פּערטע עוועניו, ניו יאָרק 3, נ. י.

209

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון
די קולטור-טוער חבר און חברטע
וועלוול און באַלטשע וואולקאַן
ניו-יאָרק.



מענדעלע מוכר ספרים

„דאָס קליינע מענטשעלע"

„דאָס קליינע מענטשעלע אָדער אַ לעבנס־באַשרייבונג פון יצחק־אברהם תקיף"* איז דאָס ערשטע ווערק אין יידיש, וואָס שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש האָט פאַרעפנטלעכט און אויך דאָס ערשטע ווערק, וואָס איז אַרויס אונטערן נאָמען מענדעלע מוכר ספרים.

„דאָס קליינע מענטשעלע" איז געדרוקט געוועז צוערשט אין יידישן „קול מבשר" (פון נומ. 45, יאָר 1863 ביז נומ. 6, 1864), וואָס איז דער־שינען ווי אַ יידישע ביילאַגע צום העברייאישן „המליץ" אונטער דער רע־דאַקציע פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים (1816־1893).

ביז יענער צייט האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש געשריבן און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און אַ דערציילונג בלויז אין העברייאיש. ער איז שוין באַקאַנט געווען אין דער העברייאישער ליטעראַטור מיט זיינע ווערק „משפט שלום" (1860), „תולדות הטבע" (1862), אַ דערציילונג „למדו היטב" (פאַרגרע־סערט שפּעטער און דערשינען אונטערן נאָמען „האבות והבנים", 1868). אָבער אויך אין אָט די פאָר יאָר האָט שוין ש. י. אַבראַמאָוויטש ביי פאַרשיי־דענע געלעגנהייטן אַנגעהויבן אַרויסווייזן אינטערעס צו דער יידישער שפּראַך און אַלצמער באַגריפן איר באַטייט פאַרן פאָלק.

אין זיינע זכרונות („רשימות לתולדותי" — נאָטיצן צו זיין אויטאָביאָ־גראַפיע, — געשריבן אין העברייאיש) דערציילט ער ווי אַרום ער איז אַרי־בער צו שרייבן יידיש, און ער גיט איבער זיינע טראַכטענישן וועגן דעם: „. . . איך קוק זיך צו צום לעבן פון מיין פאָלק און איך וויל אים געבן סיפּורים פון יידישן קוואַל אויף דער הייליקער [העברייאישער—נ.מ.] שפּראַך. דאָס רוב אָבער פאַרשטייט דאָך נישט די דאָזיקע שפּראַך און רעדט גאָר אויף עברי־טייטש. וואָס־זשע קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנ־צער מי און פון זיין גאַנצן דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט קיין נוצן נישט זיין פאָלק? די דאָזיקע פראַגע: פאַר וועמען מי איך זיך, — האָט

* יצחק־אברהם און נישט אברהם־יצחק, ווי ס'איז געדרוקט ע"פ טעות אין פיל ערטער, אין יידיש און אין העברייאיש, ביי מענדעלען גופא און ביי אַנדערע.— נ.מ.

מיך נישט געלאָזט רוען און געבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט: וואָרום אין מיין צייט איז די יידישע שפּראַך געווען אַ פּוסטע כלי, זי האָט נישט פאַר־מאָגט קיין שום גוטע זאַך אויסער שפּאַטעריי, נאַרישקייטן, און פּלאַפּלע־רייען — די אַרבעט פון נאַרישע לייט, וואָס קאָנען נישט רעדן ווי מענטשן...
— — — אונדזערע שרייבער, די בעלי־הלשון, וואָס האָבן נאָר אין זינען געהאַט די הייליקע שפּראַך און זיך גאָרנישט אינטערעסירט מיטן פאָלק — זיי האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט גרויס שפּאָט. און אויב איינער פון צען האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אָן דער „פאַרשאָלטענער" [יידישע שפּראַך—נ.מ.] און האָט עפּעס וואָס אָנגעשריבן, האָט ער עס באַ־האַלטן אונטער זיבן שלעסער, האָט ער עס באַהאַלטן אונטער זיין הייליקן טלית, כדי די שאַנד זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן און עס זאָל נישט שאַטן זיין גוטן נאָמען . . . ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין פאַרלעגנהייט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מיך אַריינלאָזן אין דער „אומ־ווירדיקער", וועט מיין כבוד באַדעקט ווערן מיט שאַנד. איך האָב אויך אויסגעהערט די שטראָף־רייד פון מיינע פאַרערער, די „חובבי־הלשון העברית" [די ליבהאָבער פון העברייאיש—נ.מ.], פאַרוואָס איך וויל פאַר־שוועכן מיין נאָמען און כבוד צווישן יידן, אָפּגעבנדיק מיינע כוחות דער דאָ־זיקער פרעמדער. די ליבשאַפט אָבער צום נוצלעכן האָט אין מיר באַזיגט דעם פּוסטן כבוד און איך האָב ביי זיך באַשלאָסן: זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין —איך וועל מיך דערבאַרעמען אויף יידיש, די פאַרשטויסענע טאָכטער, און ס'איז צייט צו טאָן פאַר מיין פאָלק. אויך איינער פון מיינע גוטע פריינט (יהושע מרדכי ליפשיץ) [1878-1828—נ.מ.] איז צו מיר צוגעשטאַנען און ס'איז ביי אונדז ביידע געבליבן צו אַגיטירן און איבעררעדן דעם בעל־„המליץ", ער זאָל אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף אונדזער פאָלקס־שפּראַך . . . האָט אויף מיר גערוט גאָטס גייסט און איך האָב אָנגעשריבן מיין ערשטע דערציילונג 'דאָס קליינע מענטשעלע' . . ."

שלום־עליכם אין זיין שילדערונג „פיר זענען מיר געזעסן" (אַלע ווערק, ב. 15, ז. 156) גיט איבער אייניקע פּרטים וועגן דער צייט און אומשטענדן, ביי וועלכע ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט געשריבן זיין ערשט יידיש ווערק, און ער דערציילט אויך די געשיכטע פונעם פּסיידאָנים מענדעלע מוכר ספרים. — שלום־עליכם גיט איבער אין אַבראַמאָוויטשעס נאָמען און מיט זיין לשון: „צו שרייבן יידיש, דאָס הייסט, צו רעדן מיטן גאַנצן פאָלק אויף זיין לשון, האָט אים שוין לאַנג געצויגן . . . און מחמת שרייבן יידיש איז מיט פערציק יאָר פריער [שלום־עליכמס דעראינערונגען זענען אָנגעשריבן

אין יאָר 1908 — איז עס שוין אויך דאַן געווען אַ קיימא־לן נישט פון 40, נאָר פון 45 יאָר — נ.מ.] נאָך געווען אַ שאַנדע, ובפרט נאָך פאַר אַזאַ יונגן מאַן אַ משכיל, ווי ער, וואָס „קלוגע מענטשן" האָבן אויף אים געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ „חיים זעליג סלאָנימסקי", — האָט ער זיך מיט זיין ערשטן ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע" באַהאַלטן בחדרי־חדרים, אַז קיינער זאָל נישט ווּיסן, און האָט אוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיקן פאַר־שוין, איינעם אַ סענדערל, אַ מוכר־ספרימניק, וואָס האָט זיך ארומגעשלעפּט אין יענער צייט מיט זיין פערד און וועגעלע אין דער סביבה פון באַרדי־טשעוו, דאָס באַרימטע גלופּסק אַליין. „דאָס קליינע מענטשעלע אָדער יצחק־אברהמל תקיף" איז געגומען געוואָרן פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צייט געקנאַקט אין גלופּסק מיט דער גרויסער בייטש און אָנגע־טריבן די כנסת־ישראל . . . אָנגעשריבן האָט ער „דאָס קליינע מענטשעלע" אין פאַרלויף פון צוויי טעג, נישט מער, מיט פחדים און מיט פיבער, און אוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר" אריין, צו אַלעקסאַנדער צעדערבוים. דערזען אויפן שער דעם נאָמען „סענדערל מוכר ספרים", האָט זיך אַלעקסאַנ־דער צעדערבוים דערשראָקן, צי מיינט מען דאָס נישט אים אַליין טאַקע (אַלעקסאַנדער—סענדער—סענדערל) ? האָט ער זיך מיישב געווען — קיין גרויסע צערעמאָניעס מיט אַ יידישן מחבר דאַרף קיינמאָל אַ רעדאַקטאָר נישט מאַכן, ובפרט נאָך אין יענער צייט — און האָט אים איבערגעמאַכט דעם נאָמען סענדערל אויף מענדעלע, — און אָט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט „מענדעלע מוכר ספרים" . . .

דעם פאַקט, אַז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך אָנגערופן „סענ־דערל מוכר ספרים" אין זיין ערשטן יידישן ווערק „דאָס קליינע מענטשע־לע", באַשטעטיקט אויך י. ח. ראַווניצקי (1859־1944) אין זיין מענדעלע־ביאָגראַפיע. ווי ער דערציילט, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש „פון דער יוגנט געדענקט איינעם אַ סענדערל מוכר ספרים, וואָס פלעגט אַמאָל אַראָפּקומען קיין קאַפּוליע".

ש. י. אַבראַמאָוויטש גיט איבער אין זיינע דערמאָנטע ביאָגראַפישע שטריכן: „די דאָזיקע דערציילונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם צווישן יידן, אַזוי אַז אינגיכן איז געווען געדרוקט די דריטע אויפלאַגע [אין 1866, די צווייטע אויפלאַגע איז אַרויס אין אָדעס אין 1865—נ.מ.] און שפּעטער — די פערטע אויפלאַגע (גאָר אינגאַנצן אויפדאָסניי איבערגעמאַכט) אין ווילנע 1879". „דאָס דאָזיקע העפט מיינע — זאָגט ש. י. אַבראַמאָוויטש — איז געווען דער פונדאַמענט־שטיין אין דער ניי־יידישער ליטעראַטור. פון

יענער צייט אָן [פון 1864—נ.מ.] האָט מיין האַרץ געצויגן צו יידיש (חשקה נפשי ביהודית), און איך האָב זי פאַרקנסט צו מיר אויף שטענדיק". „איך האָב איר געגעבן — שרייבט אַבראַמאָוויטש אין די העברייאישע מליצה־אויסדרוקן — די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איר קומט, און זי איז גע־וואָרן אַ שיינע און באַחנטע האַרין און זי האָט מיר געווינען פיל קינדער".

ווי אייניקע אַנדערע ווערק, אַזוי אויך האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש זיין „דאָס קליינע מענטשעלע" עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט, פאַרגרעסערט און געענדערט. דער צווייטער וואַריאַנט, וואָס איז דערשינען אין 1879 איז, ווי מענדעלע גופא גיט אָן אויפן שער־בלאַט „גאָר אין גאַנצן אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט". ווי מ. ווינער שרייבט אין זיין באַמערקונג צו דער יידיש־סאָוועטישער אויסגאַבע פון „דאָס קליינע מענטשעלע" (מאָסקווע, 1935, ב. 3, ז. 388) איז „צווישן דעם ערשטן וואַריאַנט פון 1864 און דעם צווייטן פון 1879 זייער אַ גרויסער חילוק". אין דער ערשטער פאָרם איז עס געווען אַ קורצע דערציילונג פון אַ פּאָר צענדליק זייטלעך. דאָס ווערק איז דער־נאָך אויף מער „ווי דריי און אַ האַלבן מאָל גרעסער געוואָרן, ס'זענען אריינ־געפירט געוואָרן אַ היפּשע צאָל וועזנטלעכע נייע עפּיזאָדן. פונעם אור־שפּרונגלעכן זייער אייגנאַרטיקן מעשה־ביכל (1864) איז ערשט אין דער אויסגאַבע פון 1879 אויסגעבויט געוואָרן אַ ליטעראַריש ווערק".

אין 1907 איז דערשינען (אין אָדעס, די ערשטע יובילײ־אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק) אַ נייער וואַריאַנט, אין וועלכן עס זענען דורך ש. י. אַב־ראַמאָוויטשן אַריינגעבראַכט געוואָרן, ווי מ. ווינער ווייזט אָן, „זייער אויס־פירלעכע ענדערונגען", וואָס „באַשטייען דער עיקר פון: 1) אָן אויספיר־לעכער סטיליסטישער, גראַמאַטיקאַלישער, לעקסישער איבעראַרבעטונג; 2) נים־וועזנטלעכע טעקסטועלע ענדערונגען, צוגאָבן און שטרייכונגען; 3) אַ לייכטער איבערקאָנסטרואירונג אין דער קאָמפּאָזיציע; 4) איבערגרופּירונגען פון פאַרשיידענע קליינע עפּיזאָדן, זאַצן א.אז.וו. . . . 5) ענדערונ־גען אין דער קאַפּיטל־נומעראַציע, אין דער איינטיילונג פון אַפּזאַצן, אין דער אינטערפּונקטואַציע". „די סטיליסטישע, גראַמאַטיקאַלישע און לעקסישע איבעראַרבעטונגען . . . קאָן מען פעסטשטעלן כמעט אין יעדער דריטער־פערטער שורה און אַמאָל נאָך אָפטער".

די סאָוועטיש־יידישע אויסגאַבע פון „דאָס קליינע מענטשעלע" איז גע־דרוקט לויט דעם וואַריאַנט פון 1879, ווייל לויט דער מיינונג פון דער רע־דאַקציע פון דער אויסגאַבע, איז דער וואַריאַנט „דער סאַמע כאַראַקטערים־טישער" פאַרן ווערק, און „די פריערדיקע אויפקלערערישע טענדענצן" זע־

נען שוין ביי מענדעלען אין יאָר 1907 „געוועזן אויסגעוועפּט". אין דער סאָוועטישער אויסגאַבע זענען „גענומען געוואָרן אין אַכט באַשטימטע ענ־דערונגען און ס'זענען אויך געבראַכט „די סאַמע וויכטיקסטע וואַריאַנטן"...

מיר אָבער האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם לעצטן וואַריאַנט, וואָס מענדע־לע אַליין האָט אים אין לויף פון יאָרן באַאַרבעט, געשליפן און געמיים־טרעוועט. מיר האָבן פאַר זיך דעם געוויינלעכן לייענער, פאַר אים איז די נייע מענדעלע־אויסגאַבע צוגעגרייט. דער ספּעציעלער מענדעלע־פאָרשער, וואָס וועט וועלן נאָכגיין נאָך די אַלע וואַריאַנטן זינט 1864, וועט מוזן אָנ־קומען צו די אַלע דערמאָנטע אויסגאַבעס.

„אין „דאָס קליינע מענטשעלע" גייט מענדעלע נאָך אַן עלטערער סוזשע־טיש־פאָבולאַרער טראַדיציע. — די דערציילונג אין דער פאָרם פון אַ ווידוי פון אַ פאַרברעכערישן תקיף, וואָס האָט חרטה אויף זיינע בייזע טאַטן, איז שוין פריער באַנוצט געוואָרן פון י. ערטער (1800־1900) אין זיין „הצפה לבית ישראל", קאַפּיטל „גלגול נפש" און י. ב. לעווינזאָן (1788־1860) אין דעם א. ג. צווייטן טייל „הפקר־וועלט" (ביי לעווינזאָנען: דער גייסט פונעם פאַרשטאָרבענעם תקיף, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך „מאַגנעטיזם", דער־ציילט זיין פאַרברעכעריש לעבן; ביי מענדעלען: די לעבנס־באַשרייבונג פונעם פאַרברעכערישן תקיף ווערט געליענט נאָך זיין טויט אַלס „זיין צוואה)..." (מ. ווינער — אינעם אריינפיר צום 3טן באַנד פון מענדעלע מו"ס־ווערק, מאָסקווע 1935, ז. 18).

אין „דאָס קליינע מענטשעלע" מאָלט ש. י. אַבראַמאָוויטש אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן טיפן און געשטאַלטן פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן און, ווי זיין שטייגער איז, שטעלט ער זיך אָפּ שריט און טריט אויף די כאַראַק־טער־שטריכן פון די קליינשטעטלדיקע יידן, אויף זייער לעבן, פּירעכצן, רייד און האַוואיעס. ער דערציילט וועגן די ראשי־הקהל און וועגן סתם יידן און לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט אויסצודריקן דורך זיין „נישט דאָס בין איך אויסן" זיין שאַרפע באַציאונג צו די יידישע „שוואַכקייטן". אין דעם ווערק ווערן אַרויסגעבראַכט פיל רעאַלע טיפּן, ס'זענען געשילדערט אייניקע מאָ־מענטן און עפּיזאָדן פון אַבראַמאָוויטשעס אייגענעם לעבן. ווען ער איז אַלס יינגל אָנגעקומען קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, געפּרואווט ווערן אַ משורר ביי אַ חזן, און ווי ער ווערט אַריינגעבראַכט אינעם הויז פונעם משכיל, וואָס האָט געוואוינט הינטער דער שטאָט. דער יונגער אַבראַמאָוויטש האָט זיך דאָן אָנגעזען מיט פאַרשיידענע פאַרשוינען און מיט זיין שאַרפן אויג און וואַכן

אויער האָט ער באַוויזן אויפצוכאַפּן געניי זייערע תנועות, זייער באַרעדעוו־דיקייט. צווישן דער רייכער גאַלעריע יידן און יידענעס, האָבן מיר אָרעמע און רייכע, תקיפים און דערשלאָגענע, אכזרים און אויך ליבע טיפּן, ווי גוט־מאַן און זיין פאַמיליע. אין גוטמאַנען — ווי מענדעלעס נאָענטער פריינט י. ל. בינשטאָק (1836־1894) האָט געשריבן — איז געגעבן געוואָרן מענדע־לעס לערער, דער באַוואוסטער העברייאיש־יידישער שרייבער און השכלה־קעמפּער אברהם בער גאָטלאָבער (1811־1899) וואָס מענדעלע האָט זיך מיט אים געטראָפן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און וועמען ער האָט פיל־פיל צו פאַרדאַנקען פאַר זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. אברהם בער גאָטלאָבער האָט מיטגעהאָלפן דעם אומבאַקאַנטן שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן צו ווערן דער באַוואוסטער מענדעלע מוכר ספרים.

נ ח מ ן   מ י י ז י ל

יאַנואַר 1946

דאָס קליינע מענטשעלע

אָדער

אַ לעבנס־באַשרייבונג פון
יצחק־אברהם תקיף

א

זייט־זשע מוחל, רבותי, און שטעלט אייך פאַר מענדעלע מוכר־ספרים, מיך אַליין, הייסט עס, ווי איך שטיי מיר האַרבסטצייט מיט מיין בײדל ערגעץ אויף אַ וועג, שטאַרק פאַרטראַכט און ריר מיך נישט פונעם אָרט. אפשר וועט איר וועלן מיינען, אַז מיין בײדל האָט זיך איינגעזונקען אין בלאָטע און איך טראַכט דאָ, ווי אַזוי עס אַרויסצושלעפּן? — ניין! דאָס איז געווען טאַקע היינטיקס יאָר תרט״ו, וואָס מען מעג אים פאַרשרייבן אין די קראָניקעס פאַר אַ וואונדער מיט זיין טרוקענעם זייער שיינעם האַרבסט. אין דרויסן איז געווען גאָר זומער: וואַרעם, לויטער. בהמות האָבן זיך געפּיטערט אויף די פעלדער, פון וועלכע עס האָט געדיכט אַרויסגעשפּראָצט יונגע גרינע תבואה. ביימער האָבן אויף זיך געהאַט אַ געל־גרין העמדל, ערטערווייז אַפילו מיאוס אָפּגעבליאַקעוועט, צעהאַקט, צעפאַלן מיט אויסגעטריפּלטע לעכער, נאָר דאָך האָבן זיי נישט געהאַט נאָך בדעה אויסצוטאָן זיך איגנאַנצן נאַקעט אויף צו שלאָפן זייער געוויינטלעכן האַרטן שלאָף דעם גאַנצן ווינטער. אין דער לופט זיינען אומעטום געפלויגן לאַנגע ווייסע פעדים שפּינגעוועב, אַ סימן אויף גוט, שיין וועטער, הגם דער לוח האָט געשריבן אויף וואָלקנדיקע טריבע טעג און קאַלטע רעגנס. ער האָט, זאָל ער מוחל זיין, נישט געטראָפן, געזאָגט, ווי דער שטייגער איז, אַ גרויסן ליגן . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

אפשר וועט איר ווייטער וועלן מיינען, אַז איך בין געשטאַנען מיט מיין בײדל, ווייל איך האָב נישט געוואוסט דעם וועג? נאָך אַ מאָל ניין! איך האָב זייער גוט געוואוסט, אַז דאָרט, וואו דער וועג צעטיילט זיך, נעמט מען זיך רעכטס קיין גלופּסק און לינקס ערגעץ אַנדערש אין אַ שטעטל. לאָז זיך אייך דאַכטן — קאַבצאַנסק. נאָר וואָס דען זשע? פּשוט איז פּשוט, איך האָב מיר קיין עצה נישט געקענט געבן, אין וועלכער זייט זיך צו נעמען. איך האָב געהאַט טעמים פאָרן קיין גלופּסק, צו מאַכן דאָרט עפּעס אַ שטיקל חילוף און אָפּצוזעצן דאָרט סטאָטשקעס און וועקסענע חנוכה־ליכטלעך, אַקעגן־זשע האָב איך ווידער געהאַט טעמים צו פאָרן אויפן יאַריד דאָרט אין שטעטל, און מחמת דעם בין איך געבליבן שטיין אויפן וועג נישט אַהין, נישט אַהער, אַזוי ווי אין דער קלעם. טראַכטנדיק האָב איך מיך גראָד פאַרקוקט אויף מיין פערדל, וואָס איז געשטאַנען זייער רואיק, געקראַצט דעם האַלדז אין דער האָלאָבלע און איז פונעם שטיין, אַפּנים, שטאַרק צופרידן געווען. איך האָב געקוקט אויף אים עפּעס מיט אַזעלכע אויגן, גלייך ווי איך וואָלט פאַרלאַנגט

פון אים עפּעס אַן עצה. און באַלד טאַקע איז מיר איינגעפּאַלן איבערצוגעבן די גאַנצע זאַך אים, דעם פערדל, ווי ער וועט וועלן, אַזוי זאָל זיין. לאַכט נישט, לאַכט נישט, רבותי! אַז מען איז אַמאָל מסופק און מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן, פאַרלאָזן זיך קלוגע אַפילו אויף משונהדיקע מיטל. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז אַזוינס אַ פאַטש טאָן זיך, אין אַזאַ פאַל, אין שטערן און מאַכן אויף דער האַנט קנייטשן? אָדער וואָס שטעקט אַזוינס נאָך אין אַנדערע אַזעלכע גורלות און אַלערליי סימנים? אַ נאַר אַפילו גילט דענסטמאָל זייער שטאַרק, מען פרעגט אים און מען נעמט־אָן זיין עצה. עס טרעפט זיך אין דער וועלט זייער אָפט, אַז קלוגע גיבן זיך איבער נאַראָנים אין די הענט און לאָזן זיך פון זיי פירן. איך קען אַ סך אַזעלכע נאַראָנים, וואָס שפּילן אַ ראָליע, און דווקא ביי סוחרים, לייטישע מענטשן . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

איך האָב אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל, אָפּגעלאָזט די לייצן און עס גע־לאָזט גיין פריי, פירן מיך, וואוהין עס וויל. דאָס פערדל האָט זיך גענומען רעכטס אויף דעם וועג קיין גלופּסק. נו, האָב איך מיר געטראַכט, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, פיר מיך, פיר מיך, אפשר ביסטו גערעכט. אַז דיר געפעלט גלופּסק לאָז זיין גלופּסק!

אויף מאָרגן פרי נאָכן דאַווענען בין איך אָנגעקומען קיין גלופּסק און בין מיר, ווי מיין שטייגער איז, צוגעפאָרן גלייך צום בית־מדרש. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט מיך אומצוקוקן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר אַן עולם יידן בעלי־בתים, בעלי־ביתלעך, בחורים מיט שלום־עליכמס, מיט אַ טאָפּ—אַ לאַפּ, אַ קוק אין ביידל, און מיט שאלות, ווי דער שטייגער איז פון יידן. די ווייסע חברה, די תלמוד־תורה־יינגלעך, האָבן זיך פריילעך־לעבעדיק געוויטעט מיט מיין פערדל, גאַר פריינטלעך מקבל־פּנים געווען זייער אַלטן באַקאַנטן און שוין אַפילו זיך מכין געווען רייסן סטרונעס פון זיין ווידל.

אויפן שולהויף האָב איך געזען רעדלעך מענטשן, עפּעס האַמפּערט מען זיך, מען שמועסט, מען זאָגט ווערטלעך, מען אַכט און שאָקלט מיט דעם קאָפּ. באַלד האָבן עטלעכע רעדלעך זיך צונויפגענומען אין איין רעדל, עס האָט געאַרבעט, געפּילדערט, געמאַכט מיט הענט אי מיט פיס, און באַלד איז דאָס צונויפגעשטיקטע רעדל צעשפּרונגען געוואָרן, ווי אַ זייפנבולבע, אויף קליינע רעדלעך. אַפּנים, טראַכט איך, ס'איז עפּעס געשען. אַז מען קלינגט איז חגא. איך בין שטאַרק טשיקאַווע געווען צו וויסן, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס, עפּעס בין איך דאָך אַ ייד, מיין נשמה איז, ווי זאָגט מען עפּעס, ניט פון קלאָטשע, זי וויל אויך אין דער וועלט אַלצדינג הערן, שמעקן, ווי אַלע

יידישע נשמות. עס קומט דאָך טאַקע אַמאָל שטאַרק צונוץ. עס זענען דאָ זייער פיל יידן, וואָס ציען זייער שטיקל פּרנסה דערפון, וואָס זיי שטעקן אַר־מעטום אַריין די נאָז און שמעקן, וואָס וואו צוויי זענען זיי דריטע און פאָדערן חלק, אָדער העפּ, ווי מען רופט עס אויף זייער לשון. יחדיו איז אַ יידישע זאַך . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

אַז איך האָב מיך צוגעהערט צו אַ ניי רעדל מענטשן, וואָס איז אויסגע־וואַקסן לעבן מיר, איז מיר אַריין אין אויער אַט דער דאָזיקער שמועס:

— אַ־וואַ, אַ־וואַ! ברוך דין האמת! נאָך כמעט גאָר אַ יונגער מאַן, איך מיין אַרום ארבעים און אפשר טאַקע, האַ, אַרום חמישים. אַ־וואַ! ס׳טייטש אַזאַ מענטש, אַזאַ מענטש!

— מילא וואָס־זשע זאָרגט איר זיך דאָ אַזוי, רב אברהמצע, און קענט זיך נעבעך נישט טרייסטן? אַ שיינע, ריינע כּפּרה, כ׳לעבן! נישט אַזאַ גרויסער יחוס? טאַקע, באמת טאַקע, וואָס?

— ביי דיר, יאָסל, איז אַלץ נישט קיין יחוס! מסתמא איז טאַקע ר׳ אברהמצע געגרעכט. אַ־וואַ, אַזאַ רייכער מענטש! אַ רחמנות, ווי איך בין אַ ייד!

— נאַט אייך אַ נייעם בעל־רחמים, לייבצע טעמעס! וואָס, האַ, האָט מעלתו פריער געזאָגט? דאַרטן וואָס געזאָגט?

— געזאָגט?! וואָס, יאָסל, האָב איך געזאָגט, איך? וואָס אדרבה.

— טאַקע אדרבה ואדרבה, רב לייבצע אַליין מיט זיין כשר מיילכן האָט געזאָגט: „אויך מיר אַ מענטש ייציק אברהמל תקיף! ער איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זיין, נישט מוחל זיין, אַ גראָבער יונג, אַ רמאַי, אַן אַכזר און דערצו נאָך אַביסל חושים".

— וואָס איך, יאָסל? עט, נישטאָ מיט וועמען צו רעדן . . . אַ גוטן טאָג!

— אַ גוטן טאָג, אַ גוט יאָר! קומט, ר׳ אברהמצע, אין בית־מדרש אַריין, לאָמיר דאָרט נעמען ביים שמש צו ביסלעך בראַנפן.

— זעסטו, יאָסל, אַביסל בראַנפן אַצינד שאַדט טאַקע אפשר נישט. האַ? האָסט, כ׳לעבן, קלוג געטאָן, יאָסעלע, וואָס דו האָסט אַזוי גוט מכבד געווען דאָ דעם ליגנער. לאָמיר זיך נישט נאַרן, באמת טאַקע, וואָס איז ער דאָ אַזאַ פּאַרנעם? ער איז עליו השלום געווען אַן עם־הארץ, אַ קאַכלעפל, אַ באַרייסער.

— אַט דערפאַר, ר׳ אברהמצע, האָב איך אייך טאַקע ליב. זעט איר, דערפאַר טאַקע, וואָס איר האָט תמיד ליב צו זאָגן דעם אמת.

— ממון קורח! . . . אָנגעשטאָפּט מיט געלט געווען, עליו־השלום —

רייסן זיך איין יעדן דאָס געזונט, שרייענדיק דאָרט אין אַ צונויפגעשטופּט רעדל.

וויפיל, אַ שטייגער, וועט איר אים געבן?

— אַ ק״ן אלפים מיין איך אים זיכער געבן.

— קאַרג, נישקשה, איר מעגט צולייגן נאָך, נאָך . . .

— מהיכא תיתי, אַז איר ווילט . . .

— איך האָב מורא טאָקע די גאַנצע שי״ן אלפים.

— איר זענט אַ נאַר! . . . טאָקע ת״ק אלפים.

— איך בין אַ נאַר, און איר זענט אַ קבצן!

— ווּעסט כאַפּן אין באַק!

— ווּעסט כאַפּן אין בײדע.

עס ווערט אַ קאָכעניש, אַ בוצקעניש, יידן צעלויפן זיך.

— ניין, ניין! — הערט זיך שרייענדיק אַ געמבע נאָך פון אַ רעדל מענטשן — דאָס איז פאַר איר נישט קיין שידוך! איר שפּילט זיך מיט אַזאַ רייכע אלמנה? איך האָב פאַר איר אַן אַנדער שידוך, עס וועט מיט גאָטס הילף גיין. ס׳איז איר איבערגעבליבן אַ פאַרמעגן, זי האָט אַ געבליאַטעוועטע כתובה און מיינער וועט זי מיט גאָטס כוח נעמען, כאַפּן מיט בײדע הענט.

— יחדיו, יאָקל־גרונם! — קוויטשעט אַ ביי־קולכן — איך בין דערויף אויך געפאַלן, יחדיו, יידן, זייט עדות!

— אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין! — לאָזט זיך הערן אַ קול, און דאָס רעדל איז ווי אַ בולבע זיך צעפלויגן.

איך האָב אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל, אים אומגעקערט צווישן די האַלאַבלעס מיט דעם פּנים צום וואָגן, אונטערצופאַשען עס מיט אַביסל סיטשקע, און דערנאָך האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט אויספּאַקן מיין ביידל. נאָר קוים וואָס איך האָב געמאַכט אַ שטיקל סדר, אַרויסגעהאַנגען פון ביידע זייטן בויד אַ קרענצל קמיעלעך, בליטשקענע יאַרמולקעלעך, עטלעכע פּעקלעך ציצית און אַרויסדערטאַפּט אַ סטאַטשעק, אַ טלית־קטן וכדומה, איז דער בית־דין שמש געקומען צולויפן הענדום־פּענדום אין איין אָטעם:

— אוי גוואַלד, ר׳ מענדעלע! שלום־עליכם, ר׳ מענדעלע! דער רבי, זאָל לעבן, האָט אייך זייער שיין געלאָזט בעטן, איר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד, גיכער, טאָקע גיכער, ר׳ מענדעלע.

ב

דאָס וואָס דער רב איז אַזוי גיך געוואָר געוואָרן, אַז איך בין געקומען — דאָס גראָד איז מיר קיין חידוש נישט געווען. וואָרום גלופּסק איז אַ יידישע שטאָט, און יידן דערגייען זיך תמיד אַלצדינג געשווינד. לאָז איינער ביי זיך אויסרעדן עפּעס אַ וואָרט, באַלד טאַקע ווייסט מען דאָס אויף דער צענטער גאַס און מען צעטראָגט עס אויף טעלערלעך, אַ סך גיכער ווי דער טעלעגראַף. אַ חידוש איז מיר נאָר געווען, וואָס באַדאַרף מיך אַזוי דער רב האָבן? און צו וואָס האָט ער נאָך מיר געשיקט דעם בית־דין־שמש אין אַזאַ איילעניש? באַלד אָבער איז מיר אַרויף אויפן זינען — אַ דין־תורהלע . . . דאָ מוז עפּעס זיין אַ קרעצל.. און עס האָט מיר אַ טיאָכקע געגעבן אין האַרצן! וואָרום וואו האָט איר דען אַ יידן, וואָס ער זאָל נישט פילן ביי זיך אין די געשעפטן עפּעס אַ מכהלע, וואָס מען זאָל נישט קענען צו אים נעבעך זיך זוכן? . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

איך האָב איבערגעמישט אין קאָפּ מיינע געשעפטן און מיר איז אַרויף אויפן געדאַנק דער מחותן! אפשר טשאַטעוועט אויף מיר דער מחותן, וויל מיך צווינגען איינצולייגן דעם נדן און וויל וויסן אַן עק, אַ סוף. דער מחותן מיינער איז אַ פּראָסט מענטשל, ער מיינט, וואָס עס שטייט אין די תנאים, מוז מען האַלטן און וואָס מען האָט זיך מתחייב געווען, מוז מען טאַקע סילוקן. ער פאַרשטייט נישט, דער נאַר, אַז דאָס אַלצדינג איז לאו־דווקא, עס גייט אַזוי נאָר אין שמועס, גלאַט אַזוי פון איידלקייט וועגן. מען באַדאַרף זיך ברייט שטעלן מיטן פולן מויל. עס זאָל פּאַר דער וועלט אַ פּנים האָבן, ווי אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך נוהג געווען . . . נישט דאָס בין איך אויסן. אָדער, האָב איך געטראַכט, אפשר גאָר חלילה דער מוכר ספרים! יענער מוכר ספרים, מיט וועלכן איך האָב פּאַר אַ יאָריקן זומער געשטעכעוועט אויף פאַרלעגערטע מינים: איך האָב אים אין חילוף אָפּגעגעבן הגדות, תיקון־שבועותלעך, ההעלעך, וואָלפציינדלעך, היינטיקע נייע מעשות, שמאָכ־טעס, קיי און שפּיי. און ער מיר — מענה־לשונס, תפילה־זכהס, חנה־בת־טובים, מעש, מחזורים, וכדומה נאָך מיני ספרים. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט און וויל איצט טענהן אַ מקח טעות, אויסצומאַנטן ביי מיר עפּעס! גאָט זאָל שומר ומציל זיין האָבן צו טאָן מיט אַ היגן מוכר ספרים. עס קען צעזעצט ווערן די גאַל פון זייערע טענות און תביעות! . . . נישט דאָס בין איך אויסן. הכלל, ס'איז

מיר געוואָרן אויפן האַרצן עפּעס נישט פריילעך. אַהער, אַהין, מען מוז דאָך גיין.

מיישב האָב איך מיך געווען מיטצונעמען אַ פּאָר סטאָטשקעס, עטלעכע קלייניקייטן, גאָר אַ שפּאָגל נייע תחינה. אפשר וועט דאָס דער רביצין טויגן און מיר צונוץ קומען . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

אויף מיין פערדל בין איך געווען עפּעס ברוגז, וואָס אים איז געפעלן געווען גלופּסק, דערפאַר האָב איך אים מכות אונטערגעשאָטן סיטשקע, אים דערלאַנגט אַ זעץ אין דער מאָרדע מיט עטלעכע שטעכווערטלעך און, איבער־געבנדיק אים מיט דעםביידל אונטער דעם שמשס השגחה, בין איך אַוועק־געגאַנגען אין כעס, זאָלן אים זיינע גלופּסקער יינגלעך רייסן סטרונעס, וויפיל זייער האַרץ גלוסט. רעכט אויף אים, ער האָט אַזוי געוואָלט. אַז אים איז ניחא גלופּסק — איז מיר אויך ניחא, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

ווי איך האָב נאָר געעפנט די טיר און אַריינגעטראָטן מיט אַ פוס אין שטוב, איז מיר דער רב געלאָפן אַקעגן מיט אַ קול:

— אוי, ר׳ מענדעלע! אוי, שלום־עליכם, ר׳ מענדעלע! טאַקע נאָר איין גאָט האָט אייך געבראַכט אַהער פּונקט אין דער צייט, וואָס איר זענט אונדז נייטיק, טאַקע שטאַרק נייטיק, ליבער האַצעדיקער ר׳ מענדעלע! ר׳ מענדעלע, דאָס איז מן השמים, דאָס איז באַשיינפּערלעך טאַקע אַ נס, ר׳ מענדעלע, ר׳ מענדעלע איר האָט געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס אַצינד גראָד זענט איר אָנגעקומען, ר׳ מענדעלע.

„די גרויסע חכמה האָט געטאָן נישט איך, מענדעלע, נאָר מיין פערדל״ — אַזוי האָב איך דערנסטמאָל צו מיר אַליין געלאַכט און זיך איבערגעבעטן אין האַרץ מיט מיין שלימזלניק, דעם פערדל נעבעך אויף דין־תורות, ווי עס האָט גאַנץ קלאָר אויסגעזען, האָט מען מיך דאָ נישט גערופן, נאָר וואָס דען־זשע? — דאָס האָב איך נישט געקענט טאַקע פאַרשטיין. אָן אַנדערער וואָלט זיכער געמיינט, אַז מען האָט דאָ שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף זיין ביידל מיט סחורה; נאָר איך אָבער בין ניט קיין מלופּם־קינד און ניט ערשט נעכטן פונעם איי אַרויסגעקראָכן, אַז איך זאָל מיך נישט קענען אָנשטויסן.

איר זאָלט וויסן אַ כלל: די וועלט באַשטייט אויף אָפּנאַרעכץ. דער וואָס באַדאַרף האָבן עפּעס אַ נייטיקע זאַך, מאַכט זיך כלומרשט געפּגרט, אַזוי ווי די זאַך טויג אים לחלוטין נישט, בכדי ער זאָל עס קענען קויפן בחצי־חינם. ווען, למשל, איינער גענייטיקט זיך אין אַ מחזור, דינגט ער כלומרשט אַ סליחה, אַ קינה, אַ פּעקל ציצית, דערווייל טוט ער אַ כאַפּ, אויף קאַטאָוועס, דעם מחזור, גיט כלומרשט אַבי אַט אַ קוק און לייגט עס אַנידער מיט אַ

קנייטש און מיט אַ שמייכעלע: אַט פּאַר אַ קלייניקייט וואָלט איך עס אפשר אויך געקויפט. די גאַנצע וועלט איז אַ מאַרק, איטלעכער זוכט מציאות, איינער ביים אַנדערן אָפּצערייסן; איטלעכער וויל, יענער זאָל פאַרלירן און ער זאָל געפינען; איטלעכער מיינט קודם־כל זיך, און ערשט דערנאָך, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן כאַפּן אַזוי מציאות, און צו מאַכן אַ גליק, ערשט דענסטמאָל, אַז עס קריכט אים שוין פונעם האַלדז, מיינט ער — ווייטער טאַקע זיך . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

איך האָב אין דעם רבס פּנים מיך אָנגעשטויסן, אַז קויפן וויל ער ביי מיר כלל נישט. זיסט וואָלט ער דאָך נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט. אמת טאַקע, דער רב איז אַ העכסט אָרנטלעכער כשרער ייד, אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן! אָבער אויף דער וועלט מוז מען דאָך נאָרן. אַפילו די מלאכים האָבן געמוזט ביי אברהם אבינו נאָכטאָן דעם סדר פון דער וועלט, ויאכלו — און זיי האָבן געטאָן טאָן גלייך ווי זיי האָבן געגעסן . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

דער רב, זאָל לעבן, האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין זיין באַזונדער שטיבל, און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט מיך געבעטן זיצן אויף אַ בענקל אים אַקעגן. דאָס בענקל האָט באַדאַרפט האָבן, ווי דער שטייגער איז ביי אַ רב, אַ צעבראָכן פיסל, און צעטראָגן בין איך דאָך דענסטמאָל פונעם גאַנצן ענין אויך געווען — דעריבער פאַרשטייט זיך, אַז ווי באַלד איך האָב אין כאַפּעניש און איילעניש מיך דערויף געזעצט, בין איך מיר געפאַלן. נאָר פונדעסטוועגן אָן סכנות, דער רב האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און איך נישט וויסנדיק.

צום צווייטן מאָל האָב איך מיך דערויף געזעצט שוין פאַמעלעכן, נישט געכאַפּט, גוט היטנדיק זיך די ביינער. דער רב, זאָל לעבן, האָט שווייגנדיק געריבן מיט ביידע הענט דעם שטערן, געגלעט די באָרד, עפּעס ווי ער האָט זיך שטאַרק געיישובט. איך האָב אָסור נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס זאָל עס אַזוינס באַטייטן. איך האָב אַפילו אָנגעהויבן גאָר שטאַרק זיך וואונדערן, וואָס זאָל דאָס באמת טאַקע באַטייטן? נאָר איך האָב מיך ווידער טאַקע מיישב געווען; לאָם איך נישט זיין אַזוי גייציק, איך וועל עלטער ווערן נאָך אַ ווײַלע, וועל איך דאָך שוין אַלצדינג וויסן. כך הוה: נאָך אין אַ ווײַלע אַרום נעמט דער רב אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע עפּעס אַ היפּש פּעקל פּאַפּירן און, אַ מאַך־געבנדיק מיט די אַקסלען, זאָגט ער צו מיר מיט אַן ערנסט פּנים כהאי לישנא:

— רב מענדעלע! אַט דאָס פּעקעלע פּאַפּירן האָט מיר איבערגעגעבן

פאַרן טויט יצחק אברהם עליו השלום, מיט אַ בקשה, אַז תיכף נאָך זיין יציאת נשמה, זאָל איך עס איבערלייענען פאַר אַלע אונדזערע נגידים און מקיים זיין אַלצדינג, ביז אויף אַ האָר, וואָס דרינען שטייט. צוואת המת. ווי איר ווייסט, איז דאָך אַ מצווה מקיים צו זיין. לכן האָב איך באַלד נאָך דער פטירה זיינער, היינט טאַקע, פאַרבעטן צו מיר די אַלע נגידים, אליפי הקהל אונדזערע, און האָב זיי געלייענט אַ מקצת פון די פאַפּירן היינט, און דאָס איבעריקע האָבן מיר אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, וואָס־זשע וויל איך פון אייך? פון אייך, רב מענדעלע, וויל איך, איר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד אויך קומען צו מיר מאָרגן פרי, אם־ירצה־השם, בשעת קריאת הפאַפּירן. פאַר וואָס? אַט דאָס וועט איר וויסן, אם־ירצה־השם, לאחר הקריאה. מסתמא איז רעכט. מאָרגן וועט איר שוין וויסן, אַז איך האָב אייך מטריח געווען איבער אַ דבר גדול. לעת־עתה גיב איך אייך לייענען, פאַר זיך אין דער היים, ביחידות אַט די עטלעכע בלעטלעך, וועלכע איך האָב היינט פירגעלייענט פאַר אונדזערע נגידים, כדי איר זאָלט באַקאַנט ווערן מיט דעם ענין מתחלה ועד סוף.

אַז איך בין צוריקגעקומען צום בית־המדרש, האָב איך געטראָפן מיין הונגעריק פערדל נעבעך ווי עס שטייט, מיט אויפגעשטעלטע אויערן, און קוקט איןביידל אַריין. נו, חכם מיינער, זאָג איך, אַ נעם־געבנדיק אים פריינטלעך ביי דער טשופרינע. קום, זאָג איך, עסן סיטשקע! לעת־עתה, חכם מיינער, ביסטו נישט קראַנק צו עסן סיטשקע. מאָרגן, אם־ירצה־השם, אַז די חכמה דיינע וועט איינגיין און איך וועל זען דעם פועל־יוצא דערפון, זיך זען מיט אַ גראָשן, דענסטמאָל, זעסטו, האָסטו ביי מיר אַ גאַנץ מעסטל האָבער, איך נעם פאַר עדות די אַלע בהמות, וואָס נעבכטיקן דאָ אויפן שול־הויף! . . .

ג

אויף איינעם פון יענע בלעטלעך, וואָס דער רב האָט מיר געגעבן, זע איך, שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

ווידוי ליצחק אברהם

און דערנאָך הייבט זיך אָן צו דערציילן עפּעס גאָר אַ גאַנצע מעשה, אַזוי:

איך בין געבוירן געוואָרן, דערציילט יצחק אברהם, אין דעם שטעטל בעזליודעוו ביי אָרעמע עלטערן. מיין טאַטן געדענק איך נישט, וואָרום ער איז געשטאָרבן בשעת איך בין נאָך געלעגן אין די וויקעלעך. ער האָט אי־

בערגעלאָזן נאָכן טויט ירושה אַ שלאַפע ווייב מיט אַ היפש ביסל קינדערלעך און מיך אַ צוגאָב. ווייטער גאָרנישט. איך היב אָן צו געדענקען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, ערשט אין דעם עלטער פון אַ פינף, זעקס יאָר. ווערליק ווי געדענק, האָט מען מיך אין דער יוגנט, אַפּנים, נישט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן חכם. אַז איך פלעג עפּעס זאָגן אָדער עפּעס טאָן, פלעגט מען זייער לאַכן. געבאַלעוועט האָט מען מיך כלל נישט. מען האָט מיך נישט געקושט, נישט געגלעט, נישט געהאַלדזט, ווי אַנדערע קינדער, און אַז איך האָב אַמאָל געוויינט, האָט מען מיך נישט איינגענומען מיט לאַקעטקעס, מיט צוקערקעלעך, מיט שפּילעכלעך, נאָר מיט פּעטש און מיט קלעפּ. דאָס וואָרט רחמנות האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. איך האָב נישט געהערט, אַ שטייגער, מען זאָל זאָגן: אַ רחמנות, ער האָט נעבעך נישט געגעסן; אַ רחמנות, דאָס פּנים איז אים נעבעך געשוואָלן; אַ רחמנות, ער האָט נעבעך זיך נישט אויסגערוט, ער קומט נעבעך אָפּ און וואַלגערט זיך נעבעך; אַ רחמנות, ער ליידט נעבעך קעלט, ער האָט נעבעך אויף זיך קיין לויט פליש ניט, איך האָב געהערט נאָר זאָגן: קוקט נאָר אָן דאָס שיינע פּנים, די אָנגעבלאָזענע צורה, די רויטע פּיס ווי בעריקעס; קוקט נאָר אָן דעם פרעסער, עס גייט אים שוין איבער די סלונע; זעט נאָר דעם שיינעם נפש, ער הייבט שוין אָן זיינע אָנשטעלן — צאַפּלען, ציטערן און קלאַפּן מיט די ציינדלעך . . . אָן אָרעמאַנס אַ קינד איז אויף דער וועלט אַן איבעריקע זאַך, איטלעכן גרויס אין די אויגן, מען ווינטשט אים נעבעך שטילערהייט דעם טויט נאָך ליגנדיק אין בויך, מען נעמט אויף ביי געבוירן ווערן ווי אַן עקזעקוציע, נאָך איידער ער קוקט אָן די ליכטיקע וועלט איז מען אים נעבעך שוין דם־שונאים. איז ער שוין דאָ, האָדעוועט ער זיך ווי עס איז און דערוועקט אַפילו ביי זיינע אייגענע עלטערן נישט קיין געפיל פון רחמנות צו זיך, סיידן ווען ער ווערט נעבעך מסוכן קראַנק, ערשט דענסטמאָל רופט זיך אין זיי אָפּ דאָס מענטשלעך האַרץ, וואָס איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון צרות און לייד אין דער ביטערער אָרעמקייט: ערשט דענסטמאָל צעגיסן זיך אין זיי די אמתע ריינע עלטערנס־געפילן און שטעלן זיך פאַר דאָס גאַנצע אומגליקלעכע לעבן פון זייער בידנע קינד נעבעך, וואָס אַזאַ טייערע, כשרע נשמה איז אומשולדיק פאַרוויסט, פאַרשוואַרצט געוואָרן נעבעך, נישט געהאַט קיין גוטע, רואיקע שעה. זיי מאָלן זיך דאָס אַלצדינג אויס מיט שרעקלעכע פאַרבן און זייער האַרץ שרייט, וויינט מיט בלוטיקע טרערן. אַז אַ פאַרשטיינערט האַרץ עפנט זיך, איז דאָס נאָר אַ טייך בשעת דאָס אייז לאָזט און עס גייט די קריע — דאָס האָב איך אין דער לעצטער צייט אַליין געפילט — עס טראָגט, קאָכט, רוישט מיט אַ שרעקלעכער

קראַפּט! זייער אַפּט טאָקע באַוויינען דעריבער אָרעמע עלטערן זייערס אַ קינד אַ סך שטאַרקער און רירנדיקער ווי די רייכע לייט . . .

געהאַדעוועט האָב איך זיך ווי אַ ווילד פערד אין סטעפּ — פאַרגרעבט, פאַרווילדעט, און האָב אין מיר געהאַט די אַלע מיאוסע קונדייסקע זאַכן מיט אַלע אָפּשניצלעך. אַ טבע האָב איך געהאַט קוקן יענעם אין מויל אַריין בשעת ער האָט גערעדט און קוקן אויך אין די אויגן. די מאַמע מיינע פלעגט מיך דערפאַר נישט איין מאָל הרגענען — שלאָגן און אויסרייסן מיר שטיקער פלייש. אַמאָל אַז איך בין עפּעס געלעגן קראַנק און די מאַמע איז צו מיר גוט געוואָרן, האָב איך מיך שטאַרק פאַרקוקט איר אין די אויגן, און אַז איך האָב געזען, אַז זי לאָזט זיך קוקן, נישט צו רעדן קיין קרום וואָרט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטן און זי אַ פרעג געגעבן: איך בעט דיך, מאַמע, וואָס איז עס פאַר אַ מענטשעלע ביי דיר אין די אויגן? די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט: נאַרעלע, דאָס קליינע מענטשעלע איז די נשמה! דאָס קליינע מענטשעלע איז נישטאָ אין קיינעמס אויגן, נישט אין די אויגן פון די חיות און בהמות, נאָר אין יידישע אויגן.

דער מאַמעס דאָזיקער ענטפער איז מיר אַריין שטאַרק אין קאָפּ און האָט אין מיר דערוועקט אַ סך פרישע צאַפּלדיקע געדאַנקען. אַז אַ מאַמע זאָגט, מסתמא ווייס זי דאָך, וואָס זי זאָגט, זי איז דאָך אַ מאַמע. אַ גרויסע, אפשר צען מאָל גרעסער פון מיר, איר איין פינגער איז גרעבער פון מיין גאַנצער האַנט. דעריבער האָב איך אָנגענומען אירע ווערטער שוין גלייך ווי אַ גע־וויסע, אויסגעמאַכטע זאַך און דרינען געגלויבט פון גאַנצן האַרץ.

פון דענסטמאָל אָן איז מיין כוח־המדמה שטאַרק באַשעפטיקט געווען מיט דעם קליינעם מענטשעלע. עס איז דאָך עפּעס גאָר אַ חידוש, אַ טשי־קאַווע זאַך! אין שלאָף אפילו האָב איך נִיט פאַרגעסן דאָס קליינע מענטשע־לע, עס האָט מיר זיך געחלומט, איך האַלט דאָס קליינע מענטשעלע, איך שפּיל זיך מיט דעם קליינעם מענטשעלע, איך בין גאָר אַליין אַ קליין מענטשעלע, שפּרינג אין די אויגן ווי אַ קליין מענטשעלע! הכלל, דאָס קליינע מענטשע־לע איז מיר נישט אַרויס פונעם זינען. עס האָט מיר עפּעס זיך אַזוי גע־גלוסט אויך צו זיין אַ קליין מענטשעלע. אַ קאַטאָוועס, אַ קליין מענטשעלע איז דאָך די נשמה, אינגאַנצן גרויס ווי אַ פלוי, דאַכט זיך, אַ גאָרנישט און איז דאָך דאָס חיות, דאָס לעבן! . . . מיר איז אַרויף אַ געדאַנק, ווי אַזוי דער־טאַפּט מען דאָס קליינע מענטשעלע? און האָב אָנגעהויבן וועגן דעם שטאַרק צו טראַכטן.

איינמאָל בין איך געפאַלן אויף אַן אויבער־הסברה. בשעת די מאַמע

האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ אַרויסצונעמען אַ טעפּל פונעם אויוון, בין איך פלוצים צוגעלאָפן ווי אַ פאַרמישטער — איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז דענסטמאָל געשען — און האָב איר פון הינטן אויף גאָטס באַראָט אַ זעץ געטאָן מיט דעם קולאַק אין דער פּאָטיליצע, כדי דאָס מענטשעלע זאָל איר פון די אויגן כאָטש אויף אַ ווײַלע אַרויסשפּרינגען. איר קענט אייך משער זיין, וויפיל פּעטש און קניפּ איך האָב דערפאַר געלייזט. אַ חוץ דעם האָב איך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, וואָרום די מאַמע נעבעך האָט מיט איר שטערן צעבראָכן דאָס טעפּל קאַליש.

אַן אַנדערש מאָל האָב איך געכאַפּט נאָך אַ גרעסערן פּסק. ס'איז אין מיר אַריין אַן אַפּיקורסישער געדאַנק, נישט צו באַגניגען זיך מיט דעם גלויבן אין דער מאַמעס ווערטער, נאָר טאַקע אַליין צו פּרואוון, מיך צופּשיקאַנען אויב אַ בהמה האָט אַ מענטשעלע, אַ נשמה הייסט עס, צי ניט. נו איז מיינער צוגעגאַנגען אויף דער גאָס צו אַ קו, און בשעת איך האָב מיך גענומען אַריינ־קוקן איר אין די אויגן, האָט זי מיך דורס געווען מיט די הערנער און שרעק־לעך שטאַרק צעביילט, דער צייכן איז מיר טאַקע עד היום אויף דער לינקער באַק געבליבן. די אַלע קלעפּ האָבן נישט אַרויסגעשלאָגן, פאַרקערט, זיי האָבן נאָך מער אין מיר אַריינגעשלאָגן דעם געדאַנק פון אַ קליין מענטשעלע.

געלערנט האָב איך אין דער תלמוד־תורה. וואָס אַ תלמוד־תורה איז, ווייסט איר זייער גוט און איך פאַרשפּאָר עס אייך צו שילדערן. דאָס איז אַ קבר אויף צו באַגראָבן אָרעמע יידישע קינדער, צו פאַרשלאָגן זיי די קעפּ און אָפּצערייסן פון דער וועלט; דאָס איז אַ פאַבריקע אויף צו פאַבריצירן טויגעניכטן, ליידיקגייער, בידנע, פאַרוואָרלאָזטע אומגליקלעכע נפשות; דאָס איז אַ וויסטע גרוב, אַ לאָך, אַן אומריינע חורבה אויף הינערשע פּיסלעך, ווי געווייַנטלעך ביי אונדז אין די שטעטלעך, וואָס איז אַ חרפּה, אַ בושה, זיי זאָלן טראָגן אויף זיך אַזאַ טייערן, הייליקן נאָמען . . . ווי מיר דאַכט זיך, בין איך נישט געווען אַ גראָב יינגל. ביי אַכט יאָר לערך האָב איך שוין געלערנט חומש מיט חיבור, מיט אַלע אויסרעדענישן פון רש״י, כאָטש איך בין נאָך שטומפּיק געווען אויף דער עברי. אַפּנים, מע קען זיך זיין אַ למדן און פונדעסטוועגן פאָרט אַ גרויסער נאַר, איינס צום אַנדערן האָט נישט . . .

די מאַמע מיינע פלעגט מיך רופן שלימזל און איז באמת טאַקע זייער גערעכט געווען. אין דער תלמוד־תורה בין איך שלימזלדיקער געווען מער פון אַלע אַנדערע קינדער. דער רבי, וואָס פאַרדינט אָסור נישט אַזוי צו הייסן, האָט זייער ליב געהאַט דעם ענין פון שמייסן, אפשר נאָך מער ווי דעם ביטערן טראָפּן. ער האָט פּשוט גרויס הנאה געהאַט צו פּייניקן, גלאַט אַזוי

זיך, די פֿאַרוויסטע, פֿאַרוואָגלטע קינדערלעך נעבעך, וואָס זיינען אָן דעם אויך געגנוג אָפּגעקומען און קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין זייער דאַרן אויסגע־דייוועדטן גוף געהאַלטן. ער האָט געבראָכן די צעבראָכענע ביינער, געצופּט, געריסן דאָס דאַרע שטיקל לייב, און דער בעסטער חלק קלעפּ איז מיר, שלימ־מזל, אָנגעקומען. ער האָט צום סוף אויף מיר זיך שטאַרק פֿאַרעסן מחמת אַ זאַך, מיך געהרגעט־געשלאָגן אַזוי, אַז איך בין פֿון זיינע הענט קוים לעבע־דיק אַרויס און געמוזט אויפֿהערן צו גיין אין דער תּלמוד־תּורה. די מעשה איז אַזוי געשען:

דער רבי האָט מיט מיר אין דער סדרה בראשית אויסגערעדט אויף דעם פּסוק „ויאמר למך לנשיו״ אַזוי: למך איז געווען אַ בלינדער, תובל־קין האָט אים געפֿירט, און אַז ער האָט דערזען פֿון וויטן זיין זיידן קין, האָט אים זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ חיה (דער רבי האָט געזאָגט אַ פוקס, בכדי דאָס בעסער מסביר צו זיין) האָט ער צו דעם בלינדן, צו למכן, געזאָגט, אַז ער זאָל צילן אויף דעם פוקס, האָט ער געצילט און אים געהרגעט. און אַז למך איז געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז גאָר קין זיין זיידע, האָט ער געפּאַטשט איין האַנט אין דער אַנדערער האַנט און ער האָט דערווייל זיין זון תובל־קין צעקלאַפּט אויף טויט. האָבן זיינע ווייבער דערפֿאַר פֿון אים זיך פורש געווען, דאָס טייטש אָפּגעשיידט, האָט ער זיי איבערגעבעטן, ויאמר — און ער האָט געזאָגט, לנשיו — צו זיינע ווייבער, עדה וצלה — עדה וצלה, שמען — הערט, קולי — מיין קול, נשי — ווייבער, למך — למך! . . .

ויהי היום איז מיט אַ מאָל געקומען אין תּלמוד־תּורה עפּעס אַ דייטש, אַ געגאָלטער, דאַכט זיך, אַזש פֿון פּעטערבורג. מיט אים זענען געקומען אַלע גבאים פֿאַרהערן די קינדער. צום שלימזל באַדאַרף ער מיר גראָד הייסן פֿאַרטייטשן אַ שטיקל חומש און נאָך דעם גוטן פּסוק „ויאמר למך לנשיו״! ווען האָב איך דען גערעדט מיט אַ מענטשן און בפֿרט נאָך מיט אַ דייטש, אַ גלוח? איך האָב געפּלאָטערט, געציטערט אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער. עס האָט מיר גערוישט אין די אויערן, געקלאַפּט אין האַרץ, די האָר האָבן מיר זיך געשטעלט קאַפּויר, און אין די אויגן איז מיר געוואָרן פינצטער און ליכ־טיק צוגלייך, אַז איך וועל בישט אין שטאַנד זיין אויסצודערציילן אַזאַ גרויסע לאַנגע מעשה מיט למכן און דאָ שטייט מען איבערן האַלדז, איין קול: זאָג, זאָג! — וואָס זאָל איך טאָן, מען מוז זאָגן. עס האָט מיר פֿאַרנומען דעם אָטעם, איך בין אַרויס מיט דער שפּראַכע, מיך שטאַרק פֿאַרבאַלעמור־טעט און אַנידערגעלייגט, מ׳שטיינס־געזאָגט, אַ מין טייטש: „ויאמר — אַ פוקס, למך — אַ בלינדער, לנשיו — האָבן די ווייבער פֿון אים זיך אָפּ־

געשיידט, תובל־קין האָט אים געפירט, עדה, עדה וצלה — און ער האָט אים געהרגעט". — דער דייטש איז געבליבן שטיין, ווי מען קאַכט איינעם אָפּ מיט אָקרעפּ, איז אָקאָרשט פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר כעס. ער האָט צוגערופן דעם רבי און מיט אַ בייזער אים געזאָגט: האַ, וואָס הער איך? ווי זאָ לערנען זי אירע תלמידים?! שאַנדע און שפּאָט! שעמען זי זיך, הער רבי! . . . דער רבי האָט זיך געקראַצט, קאַלופּעט די נאָז און געטאַלעפּעטשעט מיט דער צונג: מיין האַרענקע, דער קנאַב האָט זיך פאַר־שראָקן, דער קנאַב זוי אַ גוטשקער ייִנגל אויף נאמנות! נו — האָט דער דייטש געזאָגט צו מיר — פירכטע ניכט, מיין קינד, עס ווירד דיר ניכטס געשען. זאָגע מיר ויאמר, וואָס טייטש ויאמר? איך אָבער האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן ווי אַ ליימענער גולם און אַ זאָג געטאָן דעם דייטש גלייך אין פּנים: פּוקס! . . . מיין איך ויאמר, ער האָט זיך געבעטן צו די ווייבער . . . דער רבי נעבעך איז געשטאַנען ווי אין געהאַקטע וואונדן און זיך שיעור נישט באַגראָבן אין דער פאַר גרויסן בזיון. ער האָט געלייזט פאַר דאָס זייניקע וויפיל אין אים איז אַריין און געהאַט אַ וויסטן, פינצטערן טאָג. זיין שווער ביטער האַרץ האָט ער דערנאָך צו מיר אויסגעלאָזן. פון יענער צייט אָן פלעגט ער תמיד צו מיר זיך טשעפּען און מיך שלאָגן, ממיתן אויף וואָס די וועלט שטייט, ביז וואַנען מיר איז שוין אוממעגלעך געווען אויסצוהאַלטן. איך בין פאַרשלאָפּט געוואָרן און אויפגעהערט צו גיין אין דער תלמוד־תורה.

ד

די מאַמע מיינע האָט געלעבט אין דחקות און נישט געהאַט פּשוט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. זי פלעגט אַרבעטן זאָקן, פליקן פעדערן, זיך שטעלן אַמאָל פאַר אַ וואַרטערין ביי אַ קינפּעטערין, און אונטער אַ פּסח וואַל־גערן מצה. זי פלעגט טאָג ווי נאַכט נעבעך אַרבעטן, טאַן, און פון איר גאַנ־צער אַרבעט קוים געהאַט וואַסער אויף קאַשע. ווייבערשע מלאכות האָבן אין דער וועלט נישט קיין ווערט און ווערן זייער ווייניק באַלוינט. וואָרום וואָס זענען דען ווייבער אינגאַנצן? וואָס פאַר אַ פּנים, וואָס פאַר אַ ווערט, האָט מ'שטיינס־געזאָגט, די גאַנצע יידענע, אַז זי איז שוין אַפילו אַ בריה? פון ווייבער, אַזוי איז ביים עולם שוין איינגערעדט, קען קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויסקומען, זייערע אַלע מלאכות האָבן קיין שום ממשות. עפּעס רעכטס

אין תוך אַריין, גוט אי נוצלעך, איז נישט פאַרן ווייבערשן מוח . . . פונעם טאַטנס ירושה איז געוואָרן אַ גוטער סך־הכל: צוויי מיידלעך מיט אַ ייִנגל זענען געשטאָרבן, מען קען טאַקע זאָגן, פשוט פאַר הונגער, איין גרויסער בחור האָט ערגעץ זיך אַוועקגעשלעפּט און איז פאַרפאַלן געוואָרן ביז אויפן היינטיקן טאָג, מען ווייסט עד־היום נישט, וואו זיין געביין איז הינגעקומען. לעבן דער מאַמען איז געבליבן אַ קראַנק, שלאַף מיידל, אינגאַנצן אַ צעבראָ־כענער שאַרבן, און איך, שלימזל, וואָס איך בין איר געזעסן אויפן האַלדז. אַן אַפּעטיט האָב איך געהאַט אַן עין־הרע זייער אַ גוטן, דאָס ביסל עסן, וואָס איך פלעג אַלץ פון אירס נעבעך אַוועקנעמען, האָט מיר נישט געקלעקט אויף אַ צאָן. איך פלעג אַלץ בעטן עסן, עסן! כאָטש וואָס עס־איז, אַבי עסן! די מאַמע נעבעך האָט געליטן און נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. לייט פלעגן זי ראַטן, מיך אַוועקצוגעבן עפּעס צו אַ בעל־מלאכה, נאָר זי פלעגט פאַרוואַרפן מיטן קאָפּ און דערביי רעדן מיט האַרץ:

— אַ־אַ, די כפרה בעסער זאָל ער ווערן איידער אָפּצוגעבן אים צו אַ בעל־מלאכה, צו פאַרשוואַרצן מיר דאָס פנים און דאָס פנים פון זיין טאַטן עליו־השלום! . . . ער, דער טאַטע זיינער, וועט דאָך דאָרט נישט קענען רואיק ליגן אין קבר. ס׳טייטש, רב טעביל דעם מלמדס אַ זון זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, איינגעקויפט אין דער חברה פ״ץ! ס׳איז דאָך נאָר אַ ווייטיק אַזוינס צו הערן. אַ, נישט דערלעבן, נישט דערהאַרן, ריבונו של עולם, זאָלן עס מיינע שואים.

גאָט האָט צום סוף דער מאַמע געהאָלפן, מיך אַריינצוגעבן אין אַ קלייט פון צעלניק. זי איז געווען איבערגליקלעך און האָט געמיינט, איר זון איז שוין אַ סוחר.

נאָר איר זון אָבער איז גאָר געוואָרן אַ הונט! איך וועל עס אייך באַלד טאַקע מפורש זיין.

מיין עובדא איז געווען אָנצוכאַפּן איטלעכן, וואָס איז דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי און שלעפּן אים אין קלייט אַריין. איז עמי־צער פאַרבייגעגאַנגען אויף דער גאַס, פלעגט מען מיך אָנרייצן אַזוי ווי אַ הונט און איך האָב באַדאַרפט אַרויסלויפן, שרייען אין איין אָטעם: אַהער, פאַני! וועבעלנע טיכלעך, ליינוואַנט, שלייקעס, מעסערלעך, קאַלאָשן אַמע־ריקאַנישע, ים־שוימענע שטעקלעך, מאַנדל־זייף, פּאָמאַדע! וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. תחילת איז מיר דאָס געווען אַביסל פריקרע, ווי גייט מען עס גלאַט אַרויס שרייען אויף דער גאַס און פאַרשטעלן יענעם דעם וועג, ס׳איז דאָך עפּעס משונה ווילד! איך פלעג אַביסל אונטערפאַלשעווען, מאַכן

די שפּיל בקיצור און אַריינברענגען דאַדורך אין כעס מיין בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע, וואָס פֿלעגן מיך זידלען, אויסמישן גלייך מיט דער בלאָטע און אויפוואַרפֿן מיר, אַז איך פֿרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט, כאָטש איך נעבעך האָב געהאָרעוועט, געאַרבעט איבער מיינע כוחות און געטאָן אַלערהאַנד מלאכות אין קלייט און אין שטוב, דערצו נאָך בין איך געווען אַ משרת ביי די עלטערע משרתים, פֿלעג זיי פּאָלגן אין פֿייער, אין וואַסער אַריין, קריכן זיי אונטער די נעגל און בין נאָך זייער גערן געווען, אַז איך האָב דערביי פֿון זיי נישט געכאַפּט קיין פּסק און טרוקן פֿון זייערע הענט אַרויס. ווער שמועסט, ווען אַ משרתל פֿון דער אַנדערער קלייט פֿלעגט אַמאָל אַרויסרייסן אַ קונה ביי מיר פֿון די הענט, דאָ האָב איך שוין געמעגט זיך געזעגענען מיט דעם לעבן. אַלע ביי אונדז אין קלייט זענען אויף מיר אַרויף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנט און מען האָט מיר געגעבן וויפֿיל אין מיר איז אַריין. מיין מאַמע און דער טאַטע, ר׳ טעביל דער מלמד, עליו־השלום האָבן דענסטמאָל אויך גוט געלייזט, מען האָט זיי חלילה נישט פֿאַרגעסן. געגעבן אי אין דער מאַמען, אי אין דעם טאַטן אַריין, העט־העט ביז אברהם אבינו! פֿון עסן אין אַזאַ ביטערן שווערן טאָג איז גאָר קיין רעדע נישט געווען, איך האָב געפֿאַסט, נישט טועם־טעם געווען. מען האָט מיר אַפֿילו מתיר געמאַכט עסן ווערים, קרענק. נאָר אַזוי ווי עסן ווערים, קרענק איז נישט פֿאַר קיין מענטשלעכן מאָגן, האָב איך פֿאַרבראַכט דעם טאָג פּשוט אין אַ תענית. און אַזעלכע תעניתים פֿלעגן מיר אָפֿט זיך מאַכן אַ פּאָר מאָל אין וואָך, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז שלעכט, האָב איך אַ נעם געגעבן זיך צו מיין זאַך בישלמות. ווי באַלד אַז עמיצער, וואָס דאַכט זיך נאָר אַז ער איז אַ קונה, האָט זיך אַ וויַיז געגעבן פֿון דערווייטנס, אַז מיינער האָט ווי אַן אָפּגעריסענער הונט פֿון דער קייט געשווינד אַקעגן אים זיך אַ לאָז געטאָן, פֿאַרשריגן אים דעם קאָפּ מיט דעם גאַנצן צעטל סחורות, אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און געשלעפּט פֿאַר די פּאָלעס. איך פֿלעג אַפֿילו אַמאָל פֿון אַזעלכן באַקומען אַ קלאַפּ אָדער אַ שפּיי אין פּנים, נאָר איך אָבער פֿלעג מיר טאַקע טאָן דאָס מייניקע, גלייך ווי מיר איז גאָרנישט געשען. מיט דער צייט האָב איך דרינען מיך אַזוי איינגעוואוינט, אַז דאָס שרייען איז ביי מיר געווען אַ חדווה, אַ פֿרייד. איך פֿלעג זייער הנאה האָבן, ווען עס פֿלעגט מיר זיך מאַכן אַריינדערטאַפּן עפּעס אַ פּריץ, אים פֿאַרדולן דעם קאָפּ און צווישן דעם צעטל מיני צעלניק־סחורה אים אויך רעכענען מיט אַ געשריי: מאָזשע פּאַני פּאַריזשעסקי האַרצווייטיק מיינע אויף דיין קאָפּ! פּאָמאַדאַ, מכות, צרעת דיר, פּאַני!

דער דאָזיקער ענין המסחר מיינער אויף דער גאַס פלעגט מיך אָפט ברענגען אין אַ סיכסוך מיט משרתים פון אַנדערע קלייטן, וואָס פלעגן אויך אָנכאַפּן קונים און שרייען. מיר האָבן זיך געריסן אין דרויסן, אַקוראַט ווי אונדזערע בעלי־בתים האָבן זיך געריסן צווישן זיך איבעווייניק אין די קלייטן איבערן לייזעכטס, נישט־מער נאָר מיט דעם חילוק: ביי זיי האָט מען געוואָרפן מקחים, אָראָפּגעלאָזן די פּרייזן, און ביי אונדז, משרתים, האָט מען געוואָרפן קלעפּ, אַראָפּגעלאָזן פּעטש. און אַזוי ווי איך בין געווען דער קלענסטער, דער שלאַפסטער, איז פאַררעכנט געווען אַ מצווה, די אַלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פייערדיקע פּעטש, על פּי מענטשלעכקייט, מיר איינעם צוצולאָזן. אַזעלכע מתנות אָבער זענען מיר נישט וואויל באַקומען, און פון אַזעלכע מצוות על פּי מענטשלעכקייט, בין איך אויס מענטש געוואָרן. הגם צו אַזעלכע מיני מיסחרים איז אַ מענטש נישט אַזוי שטאַרק נייטיק, אָן דעם קען מען אויך זיין אַ „מענטש", אַ משרת הייסט עס, נאָר כוח, געזונט אָבער באַדאַרף מען דאָך טאַקע האָבן, און איך בין געוואָרן, פּשוט איז פּשוט, אויס מענטש, דאָס הייסט אָן כוח, אָן קראַפט, קוים וואָס איך האָב מיר געהאַלטן אויף די פיס. אַ קאַטאָוועס וואָס איך בין נעבעך אויסגעשטאַנען !' אין שטוב האָב איך באַדאַרפט טאָן, העלפן אין בעל־הביתישקייט, אין קלייט האָב איך באַדאַרפט אַרבעטן, ראַמען, קערן, איטלעכן באַדינען, איטלעכן צופרידן שטעלן. און עסן פלעג איך יסורים, קלעפּ האָב איך געלייזט פון פרעמדע אי פון אייגענע. דער גרויסער משרת אין קלייט פלעגט מיר נאָך מער פון אַלע טאָן צום טויט. אים איז עפּעס נישט געפעלן געווען, וואָס איך נעכטיק אין דער קיך, וואוהין ער פלעגט זיך שטילערהייט אַריינכאַפּן. ער פלעגט זיך אַלץ זוכן צו מיר, ווי מיך פון דאָרט משלח צו זיין און בכלל מיינער פּטור צו ווערן. איך בין אים געווען עפּעס ווי אַ דאָרן אין די אויגן. פונדעסטוועגן וואָלט איך עס אפשר אַלצדינג איבערגעטראָגן, ווען עס זאָל נישט געווען זיך מאַכן די מעשה מיט אַ קנעפּל.

איך האָב אַמאָל דערזען אין קלייט, וואַלגערנדיק זיך אַ מוטערפּערלען קנעפּל, וואָס האָט געפינקלט, געלויכטן מיט אַלערליי קאָלירן און פאַרשיינט די אויגן אַזוי, אַז איך האָב באַקומען צו אים אַ גרויסן יצר־הרע. דערביי איז מיר אַרויף אויפן זינען מיין קראַנקע שוועסטער. איך וועל איר עס געבן אַ מתנה, זי וועט אַ שבת, אַ יום־טוב, דערמיט זיך אויספּוצן און זיך באַרימען פאַר אירע חברטעס. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבן חשק. איך האָב גענומען דאָס קנעפּל און אַריינגעלייגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס אַלצדינג פון דערווייטנס

צוגעזען, באַלד צוגעלאָפן צו מיר מיט אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו ליגסט אין קעשענע? זעט איר — בעל־הביתטע, האָט ער גע־זאָגט — יענע זאַכן, וואָס האָבן געפעלט, איז אויך זיין מלאכה!" דאָס האָט ער שוין געזאָגט בכיוון, כדי אַרויפצוּוואַרפן אויף מיר זיינע אייגענע חטאים, אַפּנים, און איך געדענק ווי פון שלאָף, אַז ער פלעגט אַמאָל טאַקע אונטעררוקן דער דינסט קלייניקייטן . . . קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ וויסטן פינצטערן סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבן.

ה

די מאַמע האָט מיך ווידער באַקומען צו זיך צו גאַסט אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה! איך זאָג נישט אומזיסט „אין אַ מזלדיקער שעה", וואָרום יענע צייט גראָד איז געווען די צייט, וואָס זי האָט ערגעץ ביי אַ בעקער געוועלגערט מצה, און דורך איר חשיבות איז איר געראָטן, אויסצואַרבעטן דאָרט פאַר מיר אַ התמנות פון אַ גיסער, דאָס הייסט אונטערצוגיסן וואַסער, מיט אַ פסחדיק קריגל, דער קנעטערין, וואָס דענסטמאָל האָט עס ביי מיר אַזוי פיל פאַרנומען ווי די גרויסע שטעלע פון אַ שר־המשקים. איך האָב מיך מיט דער שטעלע ביי זיך אין האַרץ מייחס געווען און געקוקט אויף זיך עפּעס מיט דרך־ארץ, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס מען באַדאַרף צו אים אָנקומען און זיין הילף איז שטאַרק נייטיק. אין דער ערשטער צייט איז מיר אַפילו אָנגעקומען שווערלעך צו צוטרעפן אַקוראַט די מאָס וואַסער, און עס זענען דורך מיר חמצדיק געוואָרן עטלעכע מירעס און מען האָט מיר דערפאַר מיאוס אָנגעריבן אַ נאָז, נאָר דערנאָך איז עס ביי מיר געגאַנגען ווי אַ פּוטער. איך האָב מיך געהאַלטן ביי זיך פאַר איין גיסער אין דער וועלט, אַפילו אין פאַריז קען קיין שוין בעסערער פון מיר נישט זיין. צווישן די מענטשן, וואָס האָבן ביים בעקער זיך איבערגעוואָרפן מצה באַקן, איז געווען אויך איינער, אַ דרדקי־מלמד. ער איז געווען מיט מיין גיסן זייער צופרידן און מיך אַפילו אַ קניפּ געטאָן אין בעקעלע. די מאַמע מיינע האָט מיט דעם מלמד עפּעס אַלץ גערעדט, גערעדט, דערנאָך האָט זי מיך צוגערופן און געזאָגט: זעסטו, יצחק־אברהמצע, רב עזריאל נעמט דיך צו, ביי זיך אין חדר, פאַר אַ באַהעלפער! דערביי האָט זי געמאַכט צו דעם מלמד: איך חידוש מיך מער נישט, רב עזריאל, ווי אַזוי דאָס איז מיר ביז אַצינד נישט אַרויף אויפן מוח! זיין טאַטע, עליו־השלום, ווי איר ווייסט, איז גע־

ווען אַ מלמד, זאָל דער זון זיינער, אים צו לאַנגע יאָר, אויך זיין אַ מלמד, נאָר אויך די אייגענע מעשה טאַקע, זאָלט איר מיר געזונט זיין, אַז דער מוח, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, ליגט מיר, שונא־ציון, אין דער ערד. איר האָט דאָך מיינעם, אייך אויף צו לאַנגע יאָר, געקענט. אויך די אייגענע מעשה, מסתמא איז דאָך אַזוי אָנגעשריבן געװאָרען, דער זון זאָל אויך בלייבן ביים טייטל. אַז זיין ליבן נאָמען איז ניחא, איז מיר אויך ניחא. נימערערגער, זאָל זיין מיטן טייטל . . .

ס'איז אָבער נישט געווען, ווי די מאַמע האָט געזאָגט. מיטן טייטל, ס'איז גאָר געווען מיט דער וויג, מיט דער ציג וכדומה מיט אַזעלכע זאַכן! רב עזריאל־מלמדס ווייב האָט מיך גענומען אין אירע הענט אַריין, מיט מיר געשמאַק געקנעלט און מיך מכבד געווען מיט אַלערליי מלאכות. איך בין ביי איר געווען אַ פאַרשטעקל, אַ קאָרק, מיט וועלכן זי האָט פאַרשטאָפּט אַלע לעכער. אַלע טאָג אין דער פרי האָב איך באַדאַרפט, ווי אַ ייד פאַר־פעלט נישט דאַוונען, אָפּפירן די ציג אין דער טשערעדע. זעלטן, זעלטן אַז ר' עזריאל פלעגט זי, די ציג הייסט עס, מיט זיין כבוד אַליין פירן פאַר די הערנער און איך פלעג זי מיט אַ ריטל פון הינטן אָנטרייבן. אָפּגעפאַר־טיקט זיך מיט דער ציג, איז געגאַנגען אַ סדרה פון אָנטראָגן האָלץ, צונויפ־קלייבן אין הויף, אויפן מיסט, דאַרע שפענדלעך, אויסגיסן די פּאָמייניצע, אויסקערן די שטוב און האַלטן אויף די הענט דאָס קליינע קינד מיט אַ נאָס פאַרקאַטשעט העמדל, וואָס האָט געוויינט, זיך געריסן נאָך דער ברוסט, געצאַפּלט מיט הענטלעך אי מיט פיסלעך, זיך פאַרגאַנגען, פאַרקייכט און, מחילה, געפייפט מיטן נעזל. איך האָב עס באַדאַרפט איינבעמען, אויס־טראַכטן שפּילכלעך, בלאָזן אין קולאַק ווי אויף אַ טרומייט, קנאַקן מיט דער צונג, מאַכן „סאָראָקע־וואָראָנע" און זינגען „פּי־פּי־פּי", „ציגעלע־מיגעלע" און נאָך אַנדערע קינדערשע לידלעך. חלילה אָפּצושטעלן זיך אַ רגע! די רביצין האָט געעפנט אַ פּיסק און אויסגעגאָסן אויף מיר אַ תוכחה, האַלטנ־דיק די קאָטשערע, נאָר אויף צו פּלעטן מיר דעם מוח.

איבערגעקומען בשלום אָט די דאָזיקע מלאכה, בין איך געלאָפן צונויפ־נעמען די קינדער אין חדר אַריין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַ ניי קאַ־פּיטל — דער „מודה אני" מיט אַלע תרי"ג באַהעלפערישע מלאכות, פּוצן שטיוועלעך, שיכלעך, אַרויסנעמען נאַסע יינגלעך פון אונטער די איבערבעטן, אויסזוכן זיי דאָס אָנטאָן, פאַרשפּיליען שפּענצערס, אָפּרייסן שלומפּערס, אָפּבלאָזן פּעדערן פון יאַרמעלקעלעך, אָפּווישן נעזלעך, שלעפּן מיט געוואַלט פון דער שטוב און אַרויסשטופּן אין דרויסן . . . אָט אַזוי בין איך געגאַנגען

פון שטוב צו שטוב ביז איך האָב צונויפגעזאַמלט די גאַנצע קאָמאַנדע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער משונה ווילדער מאַרש, וואָס מען האָט אים געמעגט אויף חידושים אָנקוקן. פאַראויס און אונטער מיר לויפן, שפּרינגען, קריכן ייִנגלעך אין דער „פאָלנער פאָרמע”, מיט אַרויסגעשטעקטע העמדלעך אונטן פונעם שפּענצער. דער גייט טרויעריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי צו דער שחיטה, יענער האַלט אַ שטיק ברויט מיט אַן איי און עסט, איינער מאַכט קוקוריקו! און דער אַנדערער — ציגעלע מע־מע־מע! איך אַליין גיי האָפּערדיק אין דער מיט, אָנגעלאָדן אין די קעשענעס. אין דעם בוזעם, אין אַ קוישל אויפן אָרעם פלעצעלעך מיט פּוטער, ברויט באַשמירט מיט שמאַלץ, ריפּטלעך ברויט מיט אַ ווײַדל פון אַ הערינג, מיט טעפּלעך קאַשקע, זויערמילך, קעז, ציבעלעס, קנאָבל און שאר ירקות, און פיר פון ביידע זייטן ביי די הענטלעך אַ האַלב טוץ ייִנגלעך. אַ טייל ייִנגלעך כליפּען, שמאָרען מיט דער נאָז, אַ טייל שפּאַרן זיך איין און ווילן נישט גיין, אַ טייל פאַרדרייען דעם קאָפּ אַהינטער, וויינען, שרייען מאַמע, מאַמע! הויך אויפן קול איבער דער גאַנצער גאַס . . .

אָנקומענדיק אין חדר האָט דער רבי מיט דעם עלטערן באַהעלפער איבערגענומען דעם גאַנצן עטאַפּ קליינע אַרעסטאַנטלעך, און זיך גענומען צום שמייסן, איך האָב באַדאַרפט דערלאַנגען ריטער און האַלטן פאַר די פיסלעך. אָפּגעשפּיליעט און געלייגט אויפן בענקל האָט דער רבי מיט זיין כבוד אַליין, אַז די אָפּגעשמיסענע קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שפּילן אויפן בערגל מיסט אין דרויסן, האָב איך מיך געזעצט אָפּרוען — וויגן דאָס קינד, רבי עזריאל דעם מלמדס קדיש, זינגען אים דערביי „אונטער כייקעלעס וויגעלע שטייט אַ ווייס קלאָר ציגעלע”, אָדער אויפפלאָנטערן אַמאָל אַ מאָטיק פּאַדים, גיין אויפזוכן די הינער, שרייען אַ־קיש! און טרייבן דעם האָן מיט זיין פּעקל ווייבער, די לעפּטשיכעס, אַראָפּ פונעם בוידעם אי פונעם דאַך. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך מיך איינגעשפּאַנט גיין ברענגען די ייִנגלעך וואַרמעס אין חדר אַריין און אַזוי האָב איך מיך געדרייט אַהין־אַהער, אָנגעטופּעט ביז פאַרנאַכט.

פאַרנאַכט איז געקומען די צייט אָפּצופירן די כאָפּטע קינדער אַ היים. מיינע צאַן־קדושים זענען לוסטיק געלאָפן, געשפּרונגען, די מיט אַ אונטערגעשלאָגן אויג, יענער מיט בלויע צייכנס אויף דער באַק, איינעם האָט געפלאַמט אַן אויער, דעם אַנדערן איז אַביסל אויסגעצופּט געוואָרן אַ פּאה. קיינער אָבער האָט פאַר שמחה דערויס זיך גאָר נישט געמאַכט. אַלע האָבן געשטיפּט, געאיילט, געיאָגט לעבעדיק־פריילעך. אין דער צייט איז אויך

די טשערעדע קי צוריק געגאַנגען פונעם פעלד מיט די פאַרשייטע ציגן פאַר־אויס. איך האָב אָפּגעלאָזן מיינע צאָן־קדושים און געגאַנגען מקבל־פּנים זיין ר׳ עזריאל דעם מלמדס ציג, האָב זי אַ כאַפּ געטאָן ביי די הערנער און אָפּגעפירט אַ היים אין איר רו אַריין. דערמיט האָב איך זי אָפּגעהאַלטן פון אַ גרויסער מיאוסער עבירה — שפּרינגען ערגעץ אין אַ פרעמדן גאָרטן אַריין, און מיר האָב איך פאַרשפּאָרט אַ קאָפּדרייעניש זי צו זוכן, ווי עס פלעגט זיך מאַכן אַמאָל, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מכוח מיין עסן איז דער מדובר געווען אַזוי: ר׳ עזריאל האָט מיר צו־געזאָגט קעסט ביי זיינע בעלי־בתים, ביי איינעם אַכט טאָג, ביים אַנדערן צוויי וואָכן, אָדער אַ חודש, ווי עס האָט זיך געלאָזט. נאָר באמת בין איך געווען אויף קעסט נישט ביי די בעלי־בתים, נאָר וואָס דען? — ביי זייערע קעכינס, וואָס האָבן געהאַט אַ מיגו נישט צו האַלטן ר׳ עזריאלס התחייבות און מיך לאָזן פּשוט הונגערן, און וואָס דאָס האָבן זיי זייער אָפּט טאַקע געטאָן. איך ווידער פון מיין זייט, הגם אין מיינע תנאים איז נישט גע־שטאַנען צו טאָן דאָרט עפּעס אַ מלאכה, פונדעסטוועגן האָב איך פאָרט נישט געקענט אַזוי גראָב זיין, אָפּצוזאָגן זיך, ווען מען האָט מיך מכבד גע־ווען מיט אַרבעט. איך פלעג רייבן כריין, שאַרפן מעסערס, שייערן, רייניקן די שבתדיקע מעשענע לייכטער, גיין צום שוחט קוילען עופות, לויפן אין דער דינסטס שליחות אין קלייטל נאָך פעפער, נאָך אינגבער מיט צימערינג צום קוגל, וכדומה נאָך זאַכן אין דעם בעל־ביתישקייט.

ס׳איז געווען אַרום תשעה־באב־צייט. איך האָב מיך שטאַרק מכין געווען, אַנגעגרייט כלי־זין — הילצערנע שווערדלעך פאַר מיינע יינגלעך, אָפּגעפאַרבט זיי, די שווערדלעך הייסט עס, מיט שוואַרצע יאַגעדעס און מיט אַנדערע מיתה־משונה־פאַרבן און געהאַפּט דערפון צו האָבן אַ שיינעם גראַשן. נאָר פלוצלים האָט אויף מיר זיך אַנגערוקט אַ כמאַרע און צעשטערט מיינע האַפענונגען. ר׳ עזריאל האָט אין יענער צייט באַדאַרפט גראָד שלאָגן טויט־שלעק עפּעס איינעם אַ נגידס אַ יינגל, אַ בן־יחיד, וואָס איז געווען שטאַרק ציטעריק ביי די עלטערן. דאָס יינגל איז פאַרשלאָפּט געוואָרן און געלעגן קראַנק אין בעט. די מאַמע מיט דעם טאַטן האָבן געליאַרעמט, גע־שריגן און געזאָגט: זיי מוזן דעם רב עזריאלן גוט אָנלערנען און צונעמען ביי אים דעם גאַנצן חדר. רב עזריאל האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, געזוכט אַ וועג ווי זיך צו רייניקן, און אַרויפגעלייגט די גאַנצע שולד אויף מיר, דאָס איז, האָט ער זיך פאַרענטפערט, דעם באַהעלפערס מלאכה. ער איז, האָט ער געזאָגט אויף מיר, אַ גרויסער שייגעץ, אַ ווילדער עכבראש!

דאָס ייִנגעלע פון זיין זייט האָט געשוויגן, שטאַרק מורא געהאַט, ווי געווײנטלעך, אויסצוזאָגן פונעם חדר. עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז איך בין שולדיק, און ביי ביידע צדדים איז געבליבן, מיך גוט אויסצופּאַטשן און אַרויסצוטרייבן פונעם חדר. איך בין געוואָרן דאָס כּפּרה־הינדל און מען האָט מיט מיר, שלימזל, טאַקע באַלד געשלאָגן כּפּרות!

ו

טאַ! — האָט די מאַמע מיינע זיך אָנגערופן אין אַ שמועס מיט עפּעס אַ ייִדענע, און בשעת מעשה געקוקט אויף מיר — אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּעס, אסתּר, אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. איך האָב פון מיין זייט יוצא געווען, זיך געלייגט, ווי מען זאָגט עפּעס, זאָלט איר מיר געזונט זיין, אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט צו פאַרשוואַרצן מיינעם דאָרט אין קבר דאָס פּנים, נאָר גיי צערייס זיך, שונאי ציון, אַז עס פאַלט אַלץ מיט דער פּוטער אַראָפּ. איך האָב אים אַזוי ווי איר קוקט אים אָנעט, אסתּר, שוין געשטעלט אויף עטלעכע ערטער. ער האָט געקענט דאָרט ווערן אַ לייט, טאַקע וואָס לייט הייסט, אַז גאָט און לייט וואָלטן מיר מקנא געווען. נאָר גיי צערייס זיך, אסתּר, נעם כאָטש דאָ איינעט אַ מיתה־משונה און ווער די כּפּרה, אַז עס קומט גאָר אויס, דיר אויף צעזעצעניש, שונאי־ציון, פּונקט בויבעריק! אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּעס, אַז דאָס שלימזל לאָזט נישט אָפּ אַ מענטשן, מוז מען אָנבויגן דעם קאָפּ. אַז מען קען נישט אַריבער, זאָגט דער עולם אַ ווערטל, מוז מען אַרונטער. יאַק נימאַ ריבאַ טאָ אי ראַק ריבאַ, זאָגט אַפילו אויך דער פּויער להבדיל. איר זענט דאָך אַ וואוילקענעוודיקע, אסתּר, טאַ! צו אַ בעל־מלאכה, לאָז זיין צו אַ בעל־מלאכה. מסתּמא איז דאָך אויבן אַזוי אָנגעחתמעט געוואָרן, אַז טעביל דעם מלמדס זון זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, וויי און ווינד איז מיר! אויך די אייגענע מעשה, מה אנו מה חיינו, גיי פרעג דעם ריבונו של עולם קשיות!

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אַריינגעטרעטן פאַר אַ לערניינגל צו לייזער דעם שניידער.

לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאַר ייִדל מיט אַ בלייך פּנימל, זייער ספּרוטנע, אַ רירעוודיקס ווי קוועקזילבער, מיט אַלע שניידערשע פּאָס־טעמקעס — אַ פאַלגע מיט די ביינער. מען האָט אים געקענט רופן אי אַ

ווייבערשער אי אַ מאַנסקער שניידער, אָדער, נאָך גלייכער, נישט קיין ווײַ־בערשער, נישט קיין מאַנסקער, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען נייען אי ווייבערשע, אי מענישע קליידער, אַלצדינג אין דער וועלט, אַפּילו אַ היטל אויך, און האָט קיין זאַך נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענט פלעגט אַ יופע מגולגל ווערן אין אַ שלאָף־ראָק, אַ שלאָף־ראָק אין אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע אין אַ קליידל און אַ קליידל אין אַ קינדערש לייבל. דערצו איז ער געווען אַ בריה. עס האָט ביי אים אויסגעגעבן תמיד מאַטעריע אַקוראַט ווי־פיל מען באַדאַרף, און אים איז נאָך אויך איבערגעבליבן אַ היפּשער שטיק יתור. אונטער אַן אַסיען, די רעכטע צייט, ווען ביי יידן אין דער פאַמיליע הייבן אָן קליידער איבערגעניצעוועט און מגולגל ווערן פון איין מלבוש אין דעם אַנדערן, דענסטמאָל איז ער געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט.

לייזער האָט פון זיך הנאה געהאַט און זיך געהאַלטן פאַר דעם בעסטן שניידער ווען נישט אין דער גאַנצער וועלט, על כל פנים פאַר דעם בעסטן אין בעזליודעוו, ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס אים פעלט. אַז מען פלעגט אים אַמאָל ווייזן עפּעס אַ גוט שטיקל אַרבעט ערגעץ פון דער פרעמד, פון בערלין אַ שטייגער, פלעגט ער געבן אַ שמייכל און נישט וועלן אַפּילו דעם כבוד אָנטאָן, דערצו זיך רעכט צוקוקן און צו באַטראַכטן, ווי דאָס איז געניײט, ווי עס גייט דער שניט.

— עט ! — פלעגט ער שמייכלען מיט אַ קנייטשעלע און יענעם אָפּ־שלאָגן די פליגל — עט, וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ חריפות ? וואָס האָט מען דאָ געפונען אַזוינס וואָס צו זען ? אַזעלכע אַרבעטן האָב איך שוין אין מיין לעבן טויזנטער מאָל איבערגעמאַכט. מען באַדאַרף נאָר צו אַלץ האָבן מזל, אַבי ס'איז אין בערלין, כע, כע, איז שוין גוט.

אַ צינגל לייזער האָט געהאַט אַ געשליפנס, זייער אַ געלויפיקס. אַז עמיצער פלעגט וועלן אים אויסמאַלן, ווי ער זאָל אים נייען, האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסרעדן, פאַרכאַפּט און גערעדט אַלץ אַליין:

— איך וויס, איך וויס־וויס־וויס ! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאָטס הילף מאַכן אַ שטיקל אַרבעט נאָך בעסער ווי איר אַליין ווילט. דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאַכן אַזאַ אַרבעט ? איך וויס, זייט זיכער, איר וועט צופרידן זיין.

ביים אָפּברענגען די אַרבעט, אַז יענער פלעגט זאָגן: דאָ קוועטשט אים, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט לייזער נישט געוואָלט גאָר הערן, אַלץ גערעדט, גערעדט און פאַרשאָטן מיט רייד:

— חלילה, ווי פאַלט איר אויס אַזוינס צו זאָגן ? עס קוועטשט נישט !

עס טאָר גאָר נישט קוועטשן, עס הייבט נישט אָן אַפּילו זיך צו קנייטשן. גיט נאָר אַ צי, זייט מוחל, אַהין אַביסל. עס ליגט גוט אַזוי ווי אויסגעגאָסן. נאַט אייך אַ נייס — ס'איז שמאָל! וואָס הייסט שמאָל? אַז סע טאָר נישט זיין שמאָל! איר האָט ערשט אָפּגעגעסן און זענט אַביסל פול, דאַכט זיך אייך אויס, אַז ס'איז שמאָל. איך זאָל פאַרקרענקען אין דעם היגן הקדש, וואָס מיר איז דערפון אַראָפּגעפאַלן, ביי מיינע יידישע נאמנות! מען איז קוים אויסגעקומען ווי מיט קרעפּל־פלייש. ס'איז איבערגעבליבן פונעם אונטערשלאַק אַ שמאָל פאַסיקל פערקעל, האָב איך עס אייך אָפּגע־בראַכט. בעסער ווי איך האָב אייך געמאַכט, קען מען שוין טאַקע ערגעץ נישט מאַכן. איר וועט זיך אַביסל איינגיין, וועט איר געוויינט ווערן. טראָגט געזונט!

ביים צאָלן פלעגט זיך אָנהויבן אַ דינגעניש. ער האָט אַוועקגערעדט אַ שעה מיט חרמות, אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין זיין אַרבעט, אויסגערעכנט איטלעכעס פּיצעלע באַזונדער, וואָס האָט אים געקאָסט, געמאַכט אַ שניי־דערשן חשבון און געשטעלט פאַר עדות אונטער די אויגן דעם קרעמער, דעם שמוקלער, אי די יידענע פונעם שאַפּקעלע, און אָפּגעשאָטן פשוט מיט ניין מאָס רייד, ביז מען האָט אים מוסיף געווען נאָך אַ צען גראָשן. טאַ. פלעגט ער דערנאָך מאַכן, גיט כאָטש אַביסל בראַנפן . . . מיט אַביסל בראַנפן האָט ביי לייזערן זיך אָנגעהויבן און אויסגעלאָזן אַלע געשעפטן. ער איז נישט געווען חלילה קיין שיכור, זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסן. נאָר טרינקען האָט ער געקענט. די מלאכה האָט ליב דעם טרונק — איז געווען זיין ווערטל. און ער האָט טאַקע אמת ליב געהאַט די משקה. צוליב דעם פלעגט ער זיין אַ גאַנצער מאַכער אין דעם צעך, האָבן אַזאַ התקרבות מיט דעם צעכמייסטער, אַרויסווייזן זיך און שטאַרק אַרבעטן בשעת עפּעס אַ וויבאָר, ווייל געוויינטלעך גייט עס דאָ נישט אָן אַביסל בראַנפן. לייזערס נשמה האָט נישקשה געפילט, וואו מען באַקומט דעם ביטערן טראָפּן. נאָר זאָגן, אַז פאַר אַ כוסה האָט ער פאַרקויפט זיין האַרץ, זיין פאַרשטאַנד, ער האָט אויפגעהערט צו פילן, צו פאַרשטיין וואָס גוט און וואָס שלעכט — חלילה, דאָס נישט. פאַרכוסעט האָט ער עס נישט, ער האָט טאַקע ביי זיך געהאַט זיין שכל און ווי אַלע אַנדערע זייער גוט געוואוסט דעם אמת, ער האָט נאָר פאַרכוסעט, פאַרקויפט זיין גאַלקע . . .

לייזער דער שניידער האָט מיך גלייך ביי מיין אָנקומען צו אים שטאַרק גענומען אין דער אַרבעט און מיט מיר אָנגעהויבן דעם אלף־בית פון דער מלאכה. דער אלף־בית איז נישט באַשטאַנען דערינען, ווי מען האַלט די

נאָדל, ווי מען באַדאַרף אַ שטאָך טאָן — ניין! דאָס איז נאָך געווען צו פרי, דעם דאַזיקן כבוד האָט מען מיר נאָך אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעגעבן. לייזער האָט מיט מיר אָנגעהויבן פון דער התחלה — פון זיין פּאַמייניצע, האַלץ טראָגן וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. כמעט דער אייגענער אלף־בית, וואָס ביי דעם צעלניקער און ביי עזריאל דעם מלמד, נאָר מיט אַביסל פאַרענדערונגען, ווי עס פּאַסט צו אַ שניידער, דהיינו: גיין אין מאַרק נאָך כשרע פּאָדים; אַריינשטעלן פּרעסלעך וואַרעמען אין אויוון, ביי לייזערן גופא אין שטוב, אָדער אַמאָל ערגעץ ביי אַ שכן; זוכן אַ מאָל צען אין טאָג אונטערן טיש, אונטער די בענק, דעם פינגערהויט, אָדער אַ דין נאָדעלע; אַרויסציען פאַרסטריגעס און אָפּטראָגן מיט דעם בעל־הבית ערגעץ אַ שטיקל אַרבעט. און אַזוי ווי לייזער האָט געהאַט אַ ווייב, אַ בעל־הביתטע, אַ בריה אַ יידענע, האָט זי זיך מיט מיר שטאַרק אָפּגעגעבן, אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פאַר מיר אַרבעט און מיר ניט געלאָזט חלילה ליידיק זיצן קיין רגע. די מאַמע מיינע האָט נאָך לעת־עתה נישט געהאַט זיך וואָס צו שעמען פון מיין מלאכה, און מיין טאַטע ר׳ טעביל דער מלמד האָט נאָך דערווייל געקענט רואיק ליגן אין קבר: זייער זון האָט זיי נאָך נישט פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, ביז דער נאָדל איז נאָך געווען גאַנץ ווייט. און מכוח שלאָגן — דערינען האָט מען זיך נישט געדונגען. אַמאָל האָט מיך געשלאָגן לייזער, אַמאָל לייזערס ווייב און אַמאָל ביידע אינאיינעם טאַקע, אָדער זיי ביידע, נאָר אויף אַן אַנדער מין אופן, דהיינו אַזוי: לייזער האָט פריער אָפּגעשטעקט עטלעכע פעטש לייזעריכען און לייזעריכע האָט זיי מיר געטריי איבערגעגעבן מיט פּראָצענט, מיט געשמאַקע עטלעכע קניפּ דערצו, אָדער פאַרקערט, לייזעריכע האָט מיט אַ מאָל צום ערשטן אַריינגעלייגט מיט אירע אייגענע הענט, וויפיל זי האָט נאָר געקענט אין לייזערן, און לייזער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן, ער זאָל עס באַלד נישט אַריינוואַרפן אין מיר... לייזער מיטן ווייב האָבן געלעבט ווי אַ פּאָר טויבן, גלייך אין אַלע זאַכן: ביידע זיינען געגאַנגען אין ספּאָדיק, ביידע האָבן געהאַט אַ גלייכע דעה, ביידע האָבן מורא געהאַט איינער פאַר דעם אַנדערן, זיך געהאַלדזט, אַרומגענומען און זיך געטיילט מיט דעם שענסטן בעסטן — מיט פעטש...

קיין האַניק האָב איך ביי לייזער דעם שניידער נישט געלעקט. איך האָב געאַרבעט אין שטוב ווי אַן אייזל און געכאַפּט פון אַלע זייטן קלעפּ, דענסטמאָל האָב איך געמיינט, אַז דאָס אַלצדינג מוז מען אַ לערניינגל טאָן און אַן דעם חלילה, דאָס הייסט, אָן פּאַמייניצעס־טראָגן וכדומה און אָן קלעפּ, הייסע פייערדיקע פעטש, וועט ער נישט קענען זיין אַ בעל־מלאכה,

אַקוראַט ווי אַן קלעפּ קען מען נישט לערנען און מאַכן פאַר אַ למדן. אַ שפּיגעלע האָב איך פאַר מיר געהאַט לייזערס אַן אַרבעטער. אַ דאַרער, איינגעהויקערטער, אויסגעבלייכטער בחור, וואָס ער האָט זיינע בעסטע יונגע יאָרן פאַרבראַכט ביי לייזערן, געטאָן עבודת פּרך און געליטן ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה האַלטן אַ נאָדל און שטשאָבען. דעריבער פלעג איך, שלימזל, נעבעך מקבל באהבה זיין אַלע פּעטש און אַפילו נישט הויך וויינען.

איינמאָל אונטער אַ פאַר־פסח רופט דער בעל־הבית צו מיר זיך אָן:

— איציק אברהמל, גיב נאָר אַ שפּרינג אין קרעמל, כאַפּ, פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן, פאַר אַ גראָשן כשרע פאָדים און באַווארף, ווארפן זאָל עס מיט דיר, אַט פון דעם דאָזיקן קלייד דעם פעדער־חלק, דערנאָך דעם אונטער־חלק. זשיווא, ממזר!

איך געדענק, ווי שטאַרק איך האָב מיך דערפרייט דענסטמאָל אויף דעם כבוד — זיצן ביי דעם טיש און האַלטן אַ נאָדל, גלייך ווי מען וואָלט מיך אויף אַ חתונה מכבד געווען האַלטן די חופּה־שטעקנס. הײדאַ! איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש אַקעגן דעם אויסגעבלייכטן בחור, פריילעך, לוסטיק און מיט ביידע הענט געהאַלטן דעם אונטער־חלק, ווי עפּעס אַ טייערע זאַך, אַן אבן־טוב. דער שניידער האָט אויף אַ ביי־קולכן צוגעזונגען אַ שטיקל פון כל־נדרי, באַלד אַ מלך־עליון, באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ מאַרש, צוגעשאָקלט מיטן קעפּל און צוגעפּויקט צום טאַקט מיט די פיסקעס, באַלד האָט ער געזאָגט אַ המצאהלע איבער מיר, איבער דעם אויסגעבלייכטן בחור, און דערביי אַרויסגעשטעקט אַ שפּיץ צינגל, באַלד האָט ער געזונגען ווײנענדיק ווי מען באַזעצט אַ כלה און באַלד האָט ער געזאָגט, ווי דער מאַרשאַלעק, גראַמען. „זשיווא, איציק אברהמל! — האָט ער מניה־וביה טאַקע געזאָגט מיט אַ ניגון, — שנייץ אָפּ דאָס ליכט, ממזר! גיי גיכער, אַנגעבלאָזענע צורה! אַביסל גיכער, איציק אברהמל, כאַפּ ביי מיר נישט, ממזר, קיין דרעמל!" און איך, שטאָך דאַ שטאָך, שטאָך דאַ שטאָך אין דעם קלייד, אין די פינגער, וואו עס האָט זיך פּאַפּאַדעט. נאָר ווער הערט אַ שטאָך בשעת אויפן האַרץ איז פריילעך? . . .

פלוצלים אָבער האָט אויף מיר זיך אָנגערוקט אַ כמאַרע: אין דער גאַנצער שטוב האָט אָנגעהויבן צו שטינקען סמאַליענע. מען זוכט דאָ, מען זוכט דאָרט און מען געפינט לסוף, אַז ביי מיר, שלימזל, סמאַליעט זיך דער אונטער־חלק, יענער אונטער־חלק, וואָס איך האָב באַווארפן! וואָרום בשעת איך האָב אָפּגעשנייצט דאָס ליכט, איז אַ שנויץ דערויף אַראָפּגע־

פאַלן! אַ געוואַלד, אַ געשריי, אַ געפּילדער, וואַליי פּעטש, קולאַקעס און קלעפּ איז מיר געפאַלן ווי האָלץ! איך האָב גענוג געהאַט פאַר דאָס מיי־ניקע. דער שניידער פּרוּווט זיך מאַכן פונעם אונטער־חלק אַ פעדער־חלק, אַרבל, עס גייט נישט! ער האָט שוין נעבעך פונעם קאָסטן אַרויסגענומען דעם שטיק יתור פון דעם קלייד, נאָר מוטשע זיך, שונאי ציון, פון היינט איבער אַ יאָר, עס גייט נישט! כאַטש צערייס זיך! כאַטש טו דאַ פוטער אַריין, עס גייט נישט! דער אונטער־חלק מוז טאַקע בלייבן אַן אונטער־חלק, פון אַ חזריש עקל קען מען קיין שטריימל נישט מאַכן . . .

— הער נאָר אויס, איציק אברהמל! — האָט געזאָגט לייזער — הער אויס, ממזרוק, ייִנגאַטש איינער, אַ קרענק דיר אין די ביינער! פּאַטשן דיך האָב איך שוין מער קיין כוח נישט, אַז די בעל־הביתטע וועט קומען פונעם מאַרק, וועט זי דיך מסתמא אויך דערוואַרעמען אַביסל און אויסטאַפּן דיר דיביינדער. זי האָט אויך אַזאַ רעכט גלייך ווי איך און זי וועט דיר אירס נישט שענקען. נאָר דאָס אַלצדינג אָבער איז אַלץ גאָרנישט, אַ היוניק אַקעגן דעם, וואָס דו וועסט ערשט לייזן שפּעטער, באַם עס וועט מיר נישט איינגיין מיין הסברה.

לייזער דער שניידער האָט באַלד טאַקע זיך פאַרטראַכט איבער דעם אונטער־חלק און גערעדט צו זיך אַליין: „פאַר וואָס נישט טאַקע אַ קעשענע . . . פונעם לאַך אַ קעשענע? . . . אי וואָס? . . . עט, מילא וואָס מאַכט עס אויס? . . .” דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן און אַ געשריי געטאָן:

— פּאַשאָל וואָן ממזר! אַלע־לולע (הללוהו) כל צבאיו, הינט זאָלן מיט דיר האַנדלען.

איך האָב מיך אַרויסגערוקט פון אונטערן טיש ווי אַ קעצעלע, און גע־וואַרט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אַ וויסטן סוף.

די דאָזיקע טרויעריקע מעשה איז געשען מיטוואָך תחילת אָוונט. פריי־טיק, געדענק איך ווי היינט, האָט דער בעל־הבית מיר געהייסן אָפּטראָגן נאָך אים דאָס קלייד צו דעם אַרענדאַטאָרס ווייב. די אַרענדאַטאָרקע גיט אַ בליק — אַ דונער, אַ שלאַק: אַ קעשענע סאַמע אונטן!

— וואָס איז דאָס אַזוינס, שניידערל לעב? — האָט זי זיך צעשריגן

— ס׳טייטש, וואָס איז דאָס—דאָס? איך וועל, אסור חזיר, אַזאַ קלייד בשום אופן נישט צונעמען!

— אי — האָט לייזער מיינער געענטפערט מיט אַ זיס לעכעלע און איר פאַרשלאָגן די רייד — אי, שרייט, כ׳לעבן, נישט, בריינדל! אַזוי העלף מיר

גאָט ווי איך האָב אייך געמאַכט גוט! איך האָב אייך גענייט דאָס קלייד נאָך דער סאַמע לעצטער מאָדע. ס׳טייטש, ביי אַלע פריצעס זענען היינט אויפגעשפּאָלטן קעשענעס אונטן. אַ משוגענער מאַכט היינט קעשענעס פאַרנט! איך זאָל אַזוי, ריבונו שול עולם, פּטור ווערן פון מיין מלאכה און נישט באַדאַרפן זיין קיין שניידער (אַזוי געוויינטלעך פלעגט ער זיך שווערן, ווי דער שטייגער פון אַלע אַנדערע יידישע בעלי־מלאכות) ווי שיין דאָס זעט אויס! אַ שאַד, כ׳לעבן, וואָס איר קענט נישט אַליין מיט אייערע אייגענע אויגן אָנקוקן דעם זיבעטן חן, וואָס דאָס האָט. טאַפּט, כ׳לעבן, נישט, ברײנדל, ס׳איז גוט! אָט טראָגט געזונט. פאַרנוצט געזונט, צע־רייסט געזונט! גיט נאָר קריטשענע מיין לערניינגל, ער פאַרדינט, כ׳לעבן, ער האָט נעבעך די אויגן זיך אַרויסגענומען און אַ סך געהאָרעוועט אויף דער קעשענע. מיר קומט אויך, כ׳לעבן, אַ כוסה!

לייזער איז געווען פאַררעכנט אין בעזלידעוו פאַר איינעם פון די בעס־טע שניידער, וואָס נייען נאָך זשורנאַלן, און דער אַרענדאַר דאָרט איז גע־ווען איינער פון די גרעסטע נגידים, היינט אַז מען האָט געזען זיין ווייב, די אַרענדאַרקע, גייט אַרום אונטן מיט אַ קעשענע, זענען דערנאָך אַלע בעז־לידעווער מאָדנע ווייבלעך אַרויסגעגאַנגען אונטן מיט אויסגעשפּאָלטענע קעשענעס. נאָר הגם מיין קעשענע איז אַריין אין דער מאָדע, איך אָבער בין דערפון נישט געהאָלפן געוואָרן. לייזער האָט מורא געהאַט, איך זאָל מיט דער צייט נישט אַרויסוואַרפן עפּעס אַזעלכע נייע מאָדעס, וואָס וועלן אים חלילה אָנמאַכן בויכווייטיק, און מחמת מורא נישט געוואָלט געבן מיר אַ שטאָך אַרבעט. ער האָט מיך אין גאַנצן אַוועקגעשענקט זיין ווייב במתנה גמורה, זיך נאָר איבערגעלאָזן דאָס רעכט, מיר אַ מאָל אָפּצושטעקן אַ פּאַטש. וואָס טויג מיר, האָט ער זיך אָנגערופן, אַזאַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַזאַ מין קינצלער? און דערביי אָפּגעזאָגט זיין געוויינטלעכן פּסוק: אַלע־לולע כל צבאיו, הינט זאָלן מיט אים האַנדלען!... לייזעריכען האָב איך אַמאָל אַ שאָדן אָנגעטאָן, נישט ווילנדיק איר צעבראָכן אַ טאָפּ מיט אייער און גע־מוזט לסוף דורך דעם עוקר זיין.

מען האָט מיך דערנאָך אָפּגעגעבן צו אַלערליי אַנדערע בעלי־מלאכות, וואָס אַ וואָך צו אַן אַנדערן. איך אָבער בין געווען אַ שלימזל און ערגעץ נישט געהאַט קיין גליק. איטלעכער בעל־מלאכה באַזונדער האָט מיך דאָס ערשטע באַקאַנט געמאַכט מיט דעם בעל־הביתישקייט און מיך איינגע־שפּאַנט אין דעם יאָך, איין בעל־הבית האָב איך אויף מיר געהאַט, עפּעס אַ שוסטערל, אַ פריילעכער קבצן, ער פלעגט מיך אַלץ שיקן צווישן די אומריי־

נע ערטער — רייסן ביי חזירים חזיר־האָר פונעם רוקן. נאַרעלע, אַזוי איז געווען תמיד זיין ווערטל: פון אַ חזיר אַ האָר איז אויך גוט. ביי אַ חזיר איז אַ מצווה צו רייסן . . . בשעת אַרויסטראָגן אַ פּאָמייניצע פלעגט דער דאָזיקער פריילעכער קבצן אויף שפּאַס אויפשטיין און מאַכן מיט אַ ניגון:

— תן כבוד לאיציניו! טראָג, איציק אברהמעניו, איך זאָל דערלעבן טראָגן דיר צו דער חתונה וויין אין אַ רעשעטע! טראָג, איציניו, טראָג. אין דיינע יאָרן האָב איך גענוג פּאָמייניצעס איבערגעטראָגן! . . .

דעם דאָזיקן שוסטערל האָב איך אין האַרץ ליב געהאַט, ער איז מיט מיר זיך באַגאַנגען בעסער ווי אַלע אַנדערע. איך וואָלט מיך ביי אים געהאַלטן און אפשר עפּעס וואָס אויסגעלערנט, נאָר ער איז אָבער שטאַרק קראַנק געוואָרן, אָנגעהויבן שטאַרקער ווי פריער צו הוסטן, צו שפּייען מיט בלוט, ווייל ער איז נעבעך שרעקלעך אָפּגעקומען, געהאָרעוועט, געאַרבעט איבער די כוחות, מפרנס צו זיין די ווייב און קינדער, און עסן האָט ער נעבעך געגעסן יסורים. חוץ אַ דאַר שטיקל ברויט מיט עפּעס וואָס־ס'איז דערצו, איז אין זיין מויל נישט געקומען. דעם טעם פון פליש האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן. ביי אַ שמועס אַמאָל פלעגט ער אַלץ שפּאַסן: פליש — דאָס איז נישט קיין יידישע זאַך. איך משוגענער האָב מיר טאַקע איינגערעדט אַ שטיקל לונג־און־לעבער שבת אין טעפּל! . . . מען האָט אים נעבעך אויף אַ וועגעלע אַוועקגעפירט אין הקדש אַריין און ער איז דאָרט טאַקע באַלד געשטאָרבן . . .

ז

ויהי היום — איז אין בעזלידעוו אָנגעקומען איינער פון די אַרומפאָרנדיקע חזנים און האָט ביי אונדז שבת געדאַוונט מיט משוררים, דער עולם איז פון אַלע קלייזלעך אים געלאָפן הערן. אַ טייל האָבן זיך נוהג געווען, ווי זאָגט מען עפּעס, ווי פּראָסטע בעלי־בתים — האָבן אָפּגעדאַוונט ותיקין, פריער טאַקע גוט קידוש געמאַכט און דערנאָך געגאַנגען הערן. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט, מען האָט זיך געשטופּט אויף די קעפּ און איך האָב צווישן דעם עולם אויך זיך אַריינגעשטופּט הערן דעם חזן, ווייל איך האָב ווי אַלע יידן זייער ליב געהאַט זינגען.

דער חזן האָט געהאַט אַ קליין משוררל, אַ פייפער, אין מיינע יאָרן. איך האָב אים עפּעס אַזוי מקנא געווען, ווי ער שטייט זיך ביים עמוד אונ־

טערגעהאַלטן דאָס בעקל מיט דער האַנט און טרעלעלייקעט, אַז איך וואָלט פון מיר באַדאַי דאָס העמד אַוועקגעגעבן, אַבי זיין ווי ער אַ משורר. איך האָב אויף דעם דאַזיקן משורר געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ דענסטמאָל, ווען מיר ייִנגלעך זענען אַלע געווען אין פּאַלעש בשעת לייענען. איך בין פאַר אים אינגאַנצן בטל געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער וועלט איז שוין נישטאָ קיין בעסערס פון אַ משורר. ווי קום איך צו אים! אַז דאָס משורר האָט נאָר געעפנט דאָס מויל, נו האָט מיינער זיך גענומען אים אַריינקוקן אין דעם מויל, און ווען עס וואָלט נאָר מעגלעך געווען אַריינ־צושפּרינגען אין אים ווי איך שטיי און גיי, וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס פאַרגעניגן, מיך פשוט מחיה געווען.

אַהיים קומענדיק פון דער שול האָב איך מיך אַלץ געפּרואווט נאָכמאַכן דעם משורר. ביי די זמירות האָב איך מיך שטאַרק צעלאָזט אויף אַ קולכן און טרעלעלייקעט אַזוי, אַז די מאַמע האָט גרויס תענוג געהאַט. נאָר איך האָב כלל נישט געמיינט די זמירות ווי נאָכצומאַכן דעם משורר. עס האָט מיר עפּעס זיך געזונגען. דאָס מויל האָט מיר נישט געקענט אויף אַ רגע זיך צומאַכן. מען האָט שוין אָפּגעגעסן וואַרמעס און איך האָב טאַקע אַלץ נאָך געזונגען, געמאַכט שטייגער. דאָס זינגען איז לסוף איבערגעגאַנגען אין קונדס אַריין און איך האָב מיך געריסן אויף אַלערליי משונה ווילדע קולות. אַז די מאַמע האָט דאָ אַ קוק געטאָן, אַז איך וויל גאָר ניט אויפהערן און לאָז זי נישט אַביסל אָפּרוען נאָכן קוגל, האָט זי מיך גוט אויסגעבאָכעט און אַרויסגעוואָרפן פון דער שטוב. וואוהין לויפט אַ ייִנגל שבת ביי־טאָג? מסתמא אין בית־מדרש אַריין. הע, הע! דאָרט האָב איך געטראָפן די גאַנצע ווייסע חברה, די אַלע רעכטע קונדסים. איך האָב געמיינט, אַז נאָר איך איינער האָב נאָכגעמאַכט דעם משורר, ניין! אַלע אַנדערע האָבן דאָס אייגענע געטאָן וואָס איך. איטלעכער באַזונדער איז געווען שטאַרק באַ־שעפטיקט, דער האָט געקוויטשעט, דער געריטשעט, דער האָט געברומט ווי דער באַס, יענער נאָכגעמאַכט דעם פּיסטל־זינגער, איינער האָט זיך משונה געקרימט, זיך געריסן אויפן האַלדז, געהירזשעט, געציגלט זיך ווי דער חזן, און דער אַנדערער האָט זיך צעלאָזט אויפן ביי־קולכן ווי דער פלייטער. דער־נאָך האָט די חברה, אַלע אינאיינעם, זיך אַ נעם געטאָן אָפּצושפּילן דאָרט אויבן אין דער ווייבערשער שול דאָס שיינע בעטלערל, מיט וועלכן דער חזן האָט געזאָגט מי־שברך. מען האָט געמיאָקעט, געפּישטשעט, געסווישטשעט, געהילכט, געשריגן ביז דער שמש האָט אונדז אָפּגעשפּריצט מיט וואַסער און אונדז מיאוס טאַקע אַרויסגעטריבן.

באמת, מוזט איר וויסן, האָב איך טאַקע געהאַט אַ דין קולכן, אַ שיין געלענקל. איך פלעג אַמאָל אונטערהעלפן לייזער דעם שניידער באַזעצן אַ כלה, אָדער אונטערהעלפן אים אין אַ מלך־עליון. לייזער פלעגט דערביי קוקן אויף מיר און זאָגן מיט אַ שמייכל, ווי איינער, וואָס עס טוט אים שטאַרק הנאה: גוט, ממזרוק איינער! אַזוי, אַזוי. אין דיין טאַטן אַריין, ממזר!... מיר איז אַריין אין קאָפּ צו בעטן די מאַמע, זי זאָל מיך אָפּגעבן צום חזן. איך האָב מיך צו איר צוגעזעצט ווי אַ זלידנע, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז זי האָט מיך געמוזט פירן טאַקע צום חזן. די אָרעמע פאַרוויסטע אלבנה נעבעך איז שוין אויך גערן געווען אַזאַ סחורה ווי איך פּטור צו ווערן. אַז דער חזן האָט מיר געהייסן אַ קוויטש טאָן און דערנאָך געזאָגט, ער נעמט מיך צו, האָב איך פאַר שמחה געמיינט, אַז די וועלט איז מיינע. איך בין גאָר ניט אין שטאַנד צו שילדערן, ווי מיר איז דענסטמאָל געווען אויפן האַרצן. די מאַמע מיינע איז אַפּנים דערפון געווען שטאַרק צופרידן, טאַקע שטאַרק, וואָס שטאַרק הייסט, וואָרום אין אַ שמועס מיט איר באַקאַנטער יידענע האָב איך געהערט, ווי זי האָט צו איר געזאָגט אַזוי:

— אויף די אייגענע מעשה, אסתר, זאָלט איר מיר מאריך ימים זיין, וואָס קען אַ מענטש יענעמס תכלית פאַרזאָרגן? צעברעך דיר, שונא־ציון, דעם קאָפּ, צערייס זיך און שפּרינג דיר אַפילו פון דער הויט, אסתר, וועסטו גאָר נישט מאַכן. ווי זאָגט מען עפּעס, אסתר, אַז השם יתברך דערהייבט אַ מענטשן, ווייסט מען גאָר נישט פון וואַנען איז דאָס אים געקומען. איך זאָג עס אָקעגן מיין יתום, זאָג איך עס. אויף די אייגענע מעשה, לייט האָבן געזאָגט צו אַ בעל־מלאכה, אסתר, לאָז זיין צו אַ בעל־בלאכה. וואָס וואָלט פון אים געוואָרן? באַדאַרף גאָר דער אויבערשטער חסד טאָן און באַווייזן, אַז ניט אַזוי ווי לייט זאָגן, ניין, אסתר, נאַ דיר גאָר אַ חזן!... געדאַנקט און געלויבט איז, אסתר, השם יתברך, מיין יתום איז שוין אַצינד פאַרזאָרגט, ער איז אַ לייט, אויף מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן! איך האָב עס גאָר אַזוי פיל ביי זיין ליבן נאָמען נישט פאַרדינט. דאָ האָבן באַשיינפערלעך נאָר זכות־אָבות זיך געמיט.

מיט דעם חזן בין איך מער ווי אַ האַלב יאָר אַרומגעפאָרן אויף דער וועלט. מיר, שלימזל, איז ביי אים אויך שלעכט געווען, ערגער פון אַלע איבעריקע משוררים. איך האָב נישקשה גוט מפטיר געקויפט. דער שטייגער איז געווען, ווען דער חזן האָט ערגעץ געדאַוונט, האָבן די משוררים באַדאַרפט אונטערוויילעכס קוקן אויפן עולם. זען, אויב זיין דאַוונען געפעלט, וואָס זאָגט מען אויף זיין געמבע און ווי ער זעצט עברי, און אַז דער חזן

האָט אין דערהיים עמיצן אַ רוף געטאָן ביים נאָמען, מיט עפּעס אַ וואונק דערביי, האָט עס געהייסן: נו זאָג נאַר, איז מען עפּעס צופרידן געווען? כמעט תמיד אָבער איז דער גורל ווי אויף צו להכעיס געפאַלן אויף מיר. עס קען אפשר זיין דעריבער, ווייל די איבעריקע משוררים פלעגן באַלד נאָכן דאַוונען מאַכן פליטה און אויסגעטריקנט ווערן. קוים האָט ער נאַר אַ זאָג געגעבן: אברהמקע! און דערביי דערלאַנגט דעם געוויסן וואונק, אַז מיי־נער, וואָס האָט נישט געוואוסט קיין חכמות, איז אַרויס מיט דער שפּראַכע: חזן, מען האָט געלאַכט, טאָקע זייער שטאַרק עפּעס געלאַכט! נו, פלעגט ער מיך אָננעמען ביים אויער, דרייען און דרייען, ציען און ציען, אַז איך זאָג אייך, דער שניידערקעס קלעפּ זענען אָקעגן דעם קאַטאָוועסלעך געווען.

אַמאָל האָבן מיר ערגעץ אין אַ שטעטל געדאַוונט שבת פּרשה שקלים. דער חזן האָט צום דאַוונען זיך שטאַרק מכין געווען, ווייל ער האָט אַרויס־געקוקט אויף יענעם שטעטלס חזנות. שבת־צונאַכטס האָבן צו אים זיך פאַרקליבן מענטשן אַ גאַנצער עולם, מען האָט געטרונקען פּונש, ווייִן, און ס'איז געווען אַ פריילעכע מלווה־מלכה. דער חזן האָט געמאַכט חן, זיך געפיעסטעט, זיך געקלאָגט אויפן האַלדז, אַז ער האָט אַביסל זיך צוגעקילט און מוז עטלעכע טעג אָפּהיטן זיין כלי, זיך ווי דער שטייגער איז אַלץ געקווינקלט, געקווייַנקלט און פונדעסטוועגן האָט ער דעם עולם, ווייטער טאָקע ווי דער שטייגער איז, פאַרט צוליב געטאָן, געזאָגט „אליהוס" און געזונגען אַ וואַלעכל. דעם חזן איז גראָד אויסגעקומען נייטיק נאָך עפּעס צו שיקן, און ער האָט אַ רוף געטאָן: אברהמקע! האַ־האַ, דאָ האָט מיי־נער געעפנט אַ פּיסקל און אַ זאָג געגעבן: „חזן, מען האָט פון אייך גע־לאַכט! גאַנץ הויך אויף אַ קול און פריילעך, ווייל איך האָב געהאַט אין קאָפּ אַביסל משקה. דער חזן נעבעך איז געוואָרן אָנגעצונדן, רויט אָנגע־בלאָזן ווי אַן אינדיק, דאָס פּנים האָט אים זיך געמינעט און דער גאַנצער עולם איז געבליבן עפּעס ווי צעמישט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. איך האָב געמיינט, אַז דער חזן וויל מיר נישט גלויבן. באַרעדעוודיק בין איך גראָד דענסטמאָל געווען פונעם ביסל פּונש, נו האָב איך מיך צעלאָזט מיט מיין זיס צינגל און אָנגעהויבן צו שווערן: „ווי איך בין אַ ייד, חזן, מען האָט פון אייך געלאַכט! אָט־אָ די דאָזיקע מענטשן טאָקע האָבן שטאַרק חוזק געמאַכט . . . ווער שמועסט, יענער, יענער, וואָס טרינקט און סודעט זיך אַלץ מיט אייך, ער האָט, כ'לעבן, זייער געלאַכט בשעת מיר האָבן געאַרבעט אין דער קדושה. עפּעס האָט ער, דאַכט זיך, געזאָגט: קאַטשאַן! ווייס איך וואָס קאַטשאַן הייסט? אינדיקזוימען צי קאַטשקעפוטער . . ." דער

חזן האָט פאַרביסן די ליפּן, כלומרשט געמאַכט זיך לאַכנדיק און געזאָגט דעם עולם אויף מיר, אַז איך בין אַ שוטה, תמעוואַטע, ווייסט נישט, ווער עס האָט מיך געשוירן, צו די אַלע מעלות בין איך נאָך גראָד איצט אַביסל פאַרלעקט אויך, נאָר ער מוז אַזאַ אַנשיקעניש האַלטן צוליב דעם קולכן. דעם עולם איז געוואָרן עפּעס אויך פריקרע. די מלווה־מלכה האָט זיך נישט געקלייעט און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען עפּעס צעשטערכעט. איר קענט אייך משער זיין, וואָס איך האָב דערנאָך געליטן. דער חזן האָט מיר געוויזן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן און דאָס ביסל פונש איז מיר באָקאָם אויסגעפאַלן.

איך בין מיט דעם חזן ווייטער אַרומגעפאָרן, זיך געשלעפּט אין אַ סך יידישע שטעטלעך און אויף שבת נחמו זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין צבוע־טשיק. דער חזן האָט אַרויסגעקוקט אויף צבועטשיטשער חזנות. ער האָט דאָרט איינגעלייגט די וועלט און געאַרבעט אויף אַלע כלים. די גבאים האָבן אים געבעטן, ער זאָל דאָרט פאַרבלייבן אויף ימים נוראים, און דער־נאָך וועט מען מיט אים זיך אויסגלייכן, אַלצדינג, אם ירצה השם, גומר זיין. איך בין דערוויל אַביסל באַקאַנט געוואָרן מיט צבועטשיטשער קונדסים און בין, ברוך השם, ביי דער דאָרטיקער ווייסער חברה געווען אַ שטיקל חשוב. דהיינו, אַז ס'איז אויסגעקומען צו לויפן מיט אַ הוראַ נאָך דעם דאָרטיקן שטאָט־משוגענעם, האָט מען מיך געלאָזט לויפן פאָראויס, אָדער מען האָט באַדאַרפט עמיצן מאַכן אַ פאַנפע, פלעגט מען דערצו נעמען קליאַטשע ביי מיר פון דער קאַפּאָטע, און ווען ס'איז אַמאָל געראָטן אַרויסצוגנבענען פונעם שמשס שאַפקעלע דעם שופר, פלעגט מען מיך מכבד זיין מיט דעם ערשטן בלאָז. עס וואָלט מיר אָנהויבן אפילו צו ווערן רעכט גוט, נאָר וואָס העלפט מען אָבער, אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל!

הערט נאָר מיין סוף ביים חזן! ראש השנה קענט איר זיך פאָרשטעלן ווי מיין חזן נעבעך האָט געהאָרעוועט. ער האָט געאַרבעט, ווי מען זאָגט, אויף אַלע זאַסטאַוועקעס, געדרייט איטלעכס וואָרט אַ מאָל צען אַרויף און אַראָפּ, אויסגעטייטשט עס מיט דעם פינגער, פון דער געמבע איז ער פלוצים אַריין אין דעם ביי־קול — היידי־די־די אַהער, היידי־די־די אַהין, און איז שיעור נישט געקראָכן אויף די גלייכע ווענט. דער באַס איז אַכריפּנעט געוואָרן פונעם שטייגער מאַכן, ביי איטלעכן שטיקל אַ ניי שטייגערל, נאָך אַ מאָל לאַטומדום־דום־דום!! ווידער אַמאָל לאַטומדום־דום־דום!! ער איז אָפּגעגאַנגען מיט שוויס און זיך אַלץ געווישט מיט דעם פאַטשיילכן, וואָס איז אים נישט אַרויס פון דער האַנט, מיט וועלכער ער האָט עס גע־

דרייט אין דער לופטן. דעם פליישער נעבעך האָט שוין נישט געדינט דאָס קול, ער האָט באַדאַרפט איבערשרייען דעם באַס, נאָר עפּעס דעם חזנס אַ וואָרט — אַ פּייף, אַ קוויטש, און איך, שלימזל, האָב כמעט אַלע רגע באַדאַרפט אַ קוויטש טאָן, טאַ־טע־ניו! אָדער אַ לאַנגן טראַטאַטאַ־טי! אַזש נו... הכלל, מען האָט געאַרבעט, זיך געריסן אויף וואָס די וועלט שטייט.

אין דער שול האָט געדאַוונט אַ יונגערמאַן, אַ נגיד. ער איז געווען אַביסל פון היינטיקער וועלט, אַ דיקער, אַ געזונטער, אַ שטיקל לץ און זייער אַ גוטער מענטש. ער פלעגט ליב האָבן זיך נאַריש צו מאַכן מיט קינדער און ער האָט שרעקלעך פיינט געהאַט דעם חזן פאַר זיינע מיאוסע העוויות. אַז דער חזן איז אַביסל זיך צעפאָרן אין דעם „אתה זוכר" וואָס אין דער מוסף־דיקער שמונה־עשרה, זיך געגאַנגען אַ גאַנג ווי אויף אַ פּאַטשטאָווען וועג, אַרויסוואַרפנדיק געטאַקטע ונאמרלעך „פּאַ־מאַלאַדעצקי", האָט צו מיר ווי אַ קעצעלע זיך צוגערוקט דער לץ, דער נגיד, און עפּעס מיט אַן ערנסט פּנימל מיך שטילערהייט אַ פרעג געטאָן: זאָג נאָר, קליינער, קענסטו מאַכן אַ וויינשל? און מניה־וביה טאָקע איז שוין ביי אים אויף דער אונטערשטער ליפּ פאַרטיק געוואָרן אַ וויינשל, אַזאַ גרויסע, אַזאַ רויטע, אַז איך האָב מיך שטאַרק צעלאַכט, אָבער דענסטמאָל גראָד האָט דער חזן שוין אויסגעטאַקט אַ ונאמרל און געוואָרט, אַז איך זאָל מאַכן טראַטאַ־טאַ־טי! אַז דער עולם האָט געזען, דער חזן איז עפּעס געבליבן שטיל ווי דערוואָרגן, האָט מען אָנגעהויבן פּאַטשן אויף די סטענדערס. דער חזן האָט מיט כעס זיך אַרומגעקוקט צו מיר, גלייך ווי איך וואָלט אים געגזלט, אָדער נישט געוואָלט אָפּגעבן וואָס אים קומט. די אויגן האָבן אים געפייערט און דאָס פּנים איז אים געווען רויט, אויסגעפּריעט ווי אַ צימעס. דער באַס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר מיט אַ ברום, ווי אַ קו צו אַ קעלבל, נו, הייסט עס, ענטפער שוין אָפּ דיין טראַטאַ־טאַ־טי! נאָר קוים וואָס איך האָב מיך גענומען מיט פינגער צום גאָרגל אַ הילך צו טאָן, האָט דער נגיד אַקעגן מיר געמאַכט נאָך אַ מאָל אַ וויינשל, און איך האָב נישט־ווילנדיק, פון דער העלער הויט, אויסגעשאָסן אַ געלעכטער הויך אויף אַ קוויטש! דער חזן האָט זיך צעטומלט, פאַרפּלאָנטערט, פאַרפּלוטעט, און אַרויסגעשפּרונגען פון די האַלאַבליעס, אַראָפּ פונעם גלייכן שליאַך, האָט איבערגעהיפּערט אַ שטיק שמונה־עשרה און דערצו נאָך געמאַכט עטלעכע גרייזן. דער עולם האָט פון אַלע זייטן געמאַכט פאַרוואונדערט: אי, אי! געקלאַפּט און געפּאַטשט אויף די סטענדערס, די ווייבער דאָרט אין דער ווייבערשער שול האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און אין איין אָטעם אַ געשריי געטאָן: אוי, עס ברענט!...

דאָ האָבן שוין ווידער די מאַנסבילן זיך דערשראָקן, זיך אָנגעהויבן שטופּן און אַרויסלויפן פון דער שול. דער כלל, ס'איז שוין געווען אַ צערודערט דאַוונען. דער עולם איז שרעקלעך נישט צופרידן געווען.

אויף מאָרגן נאָך ראש־השנה האָט דער חזן מיך אַרויסגעטריבן און אַליין איז ער נעבעך בבושה וחרפה אַוועקגעפאָרן, זיך ווייטער ערגעץ אַרומ־שלעפּן. איך, שלימזל, בין איבערגעבליבן אין צבועטשיץ ווי אויפן וואַ־סער.

ח

ראש־השנה האָב איך אין צבועטשיץ געגעסן ביי אַ יידן, וואָס איז שווער אַקוראַט צו באַשטימען, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז געווען: עפּעס נישט קיין חסיד, נישט פון היינטיקער וועלט, עפּעס אי אַהין אי אַהער און דאָכט זיך ווידער נישט אַהין נישט אַהער; נישט געקליידט אַלטפּעטעריש, נישט היינטיק מאָדיש, נישט, ווי מען זאָגט, פליישיק, נישט מילכיק, עפּעס „נאָ" האַלבגעבראָטן, גלאַט פאַר זיך עפּעס אַ מין ייד. איך האָב דערנאָך אין דער וועלט באַגעגנט אַ סך אַזעלכע מיני יידן, נאָר איך בין קיינמאָל אויף זיי קיין מבין נישט געווען און נישט געקענט רעכט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מענטשן זיי זענען . . . אַז איך בין געבליבן עלנט, זיך אַרומגע־בלאָנקעט ווי אַ שעפּעלע איינער אַליין, נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איי־בערצוקומען, האָב איך מיך מיישב געווען און בין געגאַנגען צו דעם דאָזיקן יידן און האָב אים דערציילט מיין אומגליק, די גרויסע צרה וואָס מיך האָט געטראָפן. דער דאָזיקער ייד איז געווען בטבע נישט קיין שלעכטער, אַ שותק, אַ רענדל אַ וואָרט, ער האָט מיך שווייגנדיק אויסגעהערט און אַלץ געגלעט די וואָנצעס. דערנאָך האָט ער פאַרטראַכטערהייט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, איך זאָל בלייבן, האָט עס געהייסן, און געזאָגט אין שטוב, מען זאָל מיר געבן עפּעס עסן. ביינאַכט, אַרום זייגער צען, עלף, אַז אויף דער גאַס האָט מען שוין נישט געזען קיין משוגענעם הונט, און אין דרויסן איז געווען כאָטש אַן אויג אַרויסצונעמען, איז ער מיט מיר געגאַנגען העט־העט אין עק שטאָט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל, עס האָט נאָר זיך גע־הערט דאָרט אַ רוישן פוןביימער, וואָס דער ווינט האָט צו־ווילן מיט זיי געטרעסעט, ווי מיט אַ לולב, אויך אַ געשושקעריי פון עטלעכע איבערגע־בליבענע בלעטלעך ערגעץ דאָרט אויף אַ בוימל און אַ קול פון אַן אָסיענדיק רעגנדל, וואָס האָט צו־ווילן געקראָפּעט אויף אַראָפּגעפאַלענע

בלעטער און אויף פאַרטריקנטע גראָז פון אַלערליי מיני גאָרטנוואַרג. איז דער ווינט אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט פון דערווייטנס זיך געלאָזט הערן אַ געקלאַפּעריי ערגעץ פון אַ מיל און אַ ליאַרעם, אַ גערויש פון אַ האַסטיק פלייצנדיק וואַסער. קוים האָט דער ווינט ווידער אויף דאָס ניי אָנגעהויבן, האָבן מיט אים, ביים אָנהייב בלאָזן זיך פון דער שטאָט, פאַרטראָגן מטושטשע, פאַרמישטע מיני קולות: אַ קריי פון אַ האָן, אַ מרוקען פון אַ קו, אַ סקריפּ פון אַהין־און־אַהער זיך שליידערנדיקן טויער, אַ גערודער, אַ געטומל פון אַ בעל־העגלישער פאָרנדיקער יאַזדע און אַ בילן פון ערגעץ אַ בעל־הביתישן הונט. אַפּנים, אַז אין יענעם געסל זענען נישט געזעסן קיין יידן, זיסט וואָלט דאָך דאָרט נישט געווען קיין גערטנער מיט ביימער, אויף דער ערד וואָלט דאָך נישט געווען צעזייט, צעשפּרייט, קיין בלעטער, און מיין ייד וואָלט דאָך געמוזט טאַפּן דעם וועג, ער זאָל חלילה אין דערמיט גאַס נישט אַרויף אויף אַ קו, אָדער נישט אָנשלאָגן זיך אין צעבראָכענע טרעפּלעך פאַר איטלעכער טיר. מיין ייד איז אַלץ געגאַנגען, נישט צו רעדן מיט מיר אַפילו איין וואָרט, ביז צום סוף זענען מיר צוגעקומען צו אַ הויפל און אַריינגעגאַנגען דאָרט אין אַ נידעריקס, נישט קיין גרויס הייזל. אין אַ קליין פאָרצימער האָט געצאַנקט אַ ליכט, דאָרט האָט מיין ייד אויסגעטאָן זיין אויבערקלייד און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן חדר, מיר אָבער האָט ער געהייסן וואַרטן דאָ אין דעם פאָרצימער. מיר איז גראָד אויסגעקומען דאָרט שטיין אונטער דער צוגעמאַכטער טיר, האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס:

„עד כאן אומרים בשבת הגדול“, — דערמיט האָט זיך געענדיקט דאָס לעצטע בלעטל פון די, וועלכע דער רב האָט מיר געגעבן, און אַזוי ווי ס׳איז געווען שוין שפּעטלעך ביינאַכט, האָב איך געלייענט קריאת־שמע און זיך געלייגט אויף מיין אָרט אין בית־מדרש שלאָפן.

ט

קוים וואָס איך האָב דערלעבט מאָרגן פרי אָפּצודאַווענען, האָב איך עפּעס איבערגעכאַפּט אין דער גיך, איבערגעלאָזן ווייטער אויף דעם שמש מיין ביידל מיט דעם פערדל און מיך געיאָגט צום רב.

אין שטיבל ביים רב האָב איך געטראָפן אַ היפּשן עולם מענטשן, אָן עיך־הרע — דיינים און נגידים. דער רב אַליין איז דאָרט ניט געווען. אַלע

אין שטיבל זיצן עפּעס אַזוי ווי פאַרטראַכט. נגידים זענען אַפילו תמיד פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, און קוקן אויף יענעם מיט אַ מרה־שחורהדיקן פּנים, עפּעס אַזוי, אַז עס ווערט פאַרקילט אין בויך, עס גלוסט זיך אַוועקגיין און זיי מער נישט אָנקוקן. איך ווייס אָסור נישט, אַז מען האָט געלט, וואָס האָט מען דאָ אַזוי צו טראַכטן, צו זאָרגן און צו מאַכן אַזאַ ערנסט פּנים? דאַכט זיך, צו געלט צײַלן באַדאַרף מען עפּעס ניט האָבן אַזעלכע הויכע געדאַנקען. מען קען, דאַכט זיך, האָבן אין קאַסטן געלט און קוקן אויף אַ מענטשן גלײַך, נישט מיט קיין קרום פּנים . . . מילא גאָרנישט, נישט דאָס בין איך אויסן.

— וואָס זיפצט איר אַזוי, ר׳ חנא? — האָט איין נגיד דעם אַנדערן געפרעגט.

— איך זיפץ, ר׳ בעריש — האָט ר׳ חנא געענטפערט — אויף דער אבדה, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן. יצחק־אברהם איז געווען זייער אַ נוצלעכער מענטש, מיר האָבן אַלע אין אים געהאַט אַ פרײַנט, אַ טוער און אַ ב ע ל ־ ס ו ד . ער איז אונדז צופרי אָפּגעשטאָרבן. ער האָט באַדאַרפט כאָטש נאָך עטלעכע יאָר לעבן. אַ שאָד כ׳לעבן! מיר מעגן טאַקע אַלע זיפצן אויף אַזאַ גרויסער אבדה. קיינעם איז יצחה־אברהם אַזוי נישט אָפּגעשטאָרבן ווי דער שטאָט, אונדז אַליין, מיין איך.

— טאַקע גאַנץ אמת, ר׳ חנא — האָבן אַלע געענטפערט און זיך שטאַרק פאַרטראַכט.

— איך האָב נאָך הײַנט אַ חתונה — האָט זיך אָנגערופן איין דיין — איך בין מסדר קדושין.

— און מיר חלשט גאָר דאָס האַרץ — האָט געזאָגט דער אַנדערער דיין — פון אַלע זאַכן וואָלט איך גענומען עפּעס אין מויל אַרײַן. מיר איז שוין טאַקע צייט צו עסן, איך האָב נאָך הײַנט חוץ אַ גלעזל צוקאָריע נישט טועם־טעם געווען.

— מײַנע מערידן טוען מיר אָן גאָר צרות! — איז אַרײַן אין דער מיט נאָך אַ דיין — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס טוט איר עפּעס צו אײַערע מערידן? מערנצימעס, זאָגט מען, זאָל דערצו גוט זײַן. ווייס איך? איך האָב אַלץ ביז אַהער געהאַלטן פון געקאָכטע פלוימען מיט צענעס.

— צו מערידן איז די בעסטע רפואה — האָבן יענע צוויי דיינים זיך גלײַך אָרויסגערעדט — זיך גאָר נישט וויסנדיק מאַכן און גאָר נישט טאָן, מיר האָבן עס בקבלה פון אונדזערע טאַטעס . . .

איך בין געזעסן ווי אויף שפּילקעס און געציילט די מינוטן, דער רב

זאָל אָריינקומען, איך זאָל שוין זוכה זיין צו הערן דעם סוף פון דער גאַנ־צער מעשה און צו וואָס בין איך דאָ אַזוי נייטיק געווען. ס׳איז מיר צו גרויס געווען איטלעכע רגע און איך בין מיד געוואָרן וואַרטנדיק. גאָט האָט געהאָלפן, דער רב איז אַריינגעקומען מיט אַ געקנייטשטן שטערן, וואָס האָט באַוויזן, אַז אינעווייניק אין קאָפּ זענען דאָ פיל מחשבות, און מיט אַ פּאָר־ענטפערן זיך, וואָס ער האָט געלאָזט דעם עולם אויף זיך אָביסל וואַרטן. ער איז געווען, זאָגט ער, טרוד אין אַ האַרבער שאלה מיט אַ לונגען־לעבער.

— זענט איר, רבותי, דאָ אַלע? — טוט דער רב אַ פרעג, אַנידער־זעצנדיק זיך אויף זיין שטול.

— אַלע, רבי, אַלע, חוץ איין רב פּייוויש פעלט צום מספר.

— רב פּייוויש איז היינט אַ בעל . . . ווי זאָל איך זאָגן? אַ בעל־שמחה . . . חברה קדישא, רב פּייוויש מיין איך, וועט נעמען אַ גוטן רח״ש קבורה־געלט פון יצחק־אברהמס יורשים, מיין איך — רופט זיך אָן איינער פון די נגידים מיט אַ שטאַרק פּאַרקרימטער, עסיק־זויערער צורה, וואָס האָט די גאַל אין מויל.

— איך בעט איבער אייער כבוד, רבותי, וואָס איך פאַרנעם אייך מיט אַזאַ מעשה — ווענדט זיך דער רב צו דעם עולם — איר זענט דאָך מענטשן, סוחרים, איטלעכער פון אייך איז אַ טרוד, פאַרדרייט אין זיינע עסקים און האָט אַוודאי קיין צייט נישט! נאָר וואָס זאָל איך טאָן, ס׳איז דאָך אַ מצווה מקיים צו זיין צוואת המת. ער, עליו־השלום, האָט עס פון מיר פאַר־לאַנגט און פאַרדינט טאַקע מיט רעכט, מען זאָל ממלא זיין די בקשה זיינע, אַזוי ווי איר וועט צום סוף אַליין אַרויסזען. זייט־זשע מיר הונדערט מאָל מוחל, רבותי!

— נישקשה, נישקשה! — האָבן די אַלע נגידים זיך אָנגערופן — אַדרבה, רבי, די מעשה געפעלט אונדז זייער. מיר וואָלטן נישט מיד גע־וואָרען זי צו הערן ביז אין סוף אַריין כאָטש אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַזוי שיין געפעלט זי אונדז. און גאָר אָן דעם, האָט יצחק־אברהם עס טאַקע ביי אונדז אַלע פאַרדינט, מיר זאָלן פון זיינעט וועגן אָוועקלייגן אָביסל צייט און הערן זיין באַשרייבונג. מסתמא וועט דאָך עס צו עפּעס פירן. דער סוף מוז אַוודאי זיין וואונדער־שיין און מיר וועלן קיין חרטה נישט האָבן, וואָס מיר האָבן אַזוינס געהערט.

דער רב, זאָל לעבן, נעמט עפּעס אַ פּעקעלע פּאַפּירן און אויסהוסטנדיק זיך אָביסל, טוט ער אַ זאָג:

— מיר זענען נעכטן, דאַכט זיך, געבליבן דערביי: „האָב איך געהערט אַט אַזאַ מין שמועס״.

— יאָ, דאָ! דאָ! — רוף איך מיך אָן, און טו אַ לייג פאַר דעם רב די עטלעכע בלעטלעך, וואָס ער האָט מיר געגעבן נעכטן.

— אַ־אַ, גוט, גוט, רב מענדעלע! — מאַכט דער רב פריינטלעך צו מיר און שטעלט מיך פאַר פאַר דעם עולם:

— דער דאָזיקער אורח, רבותי, איז רב מענדעלע . . . אונדזער רב מענדעלע! איך האָב אים געלאָזט זיך מטריח זיין צו מיר, ווייל ער איז נייטיק צום ענין. אַצינד, רבותי, הערט, זייט מוחל וואָס עס שטייט געשריבן ווייטער.

עס ווערט באַלד טאָקע, ווי דער שטייגער איז, אַ הוסטעריי, אַ נאָזשנייצעריי, מיט די בענקלעך אַ גערוקעריי. דער רב, זאָל לעבן, קוקט אַריין ערנסט אין די פּאַפּירן, גלעט די באָרד און וואַרט, ביז דער עולם וועט זיך באַרואיקן.

ד

אונטער דער צוגעמאַכטער טיר — הייבט דער רב אָן לייענען ווייטער

— האָב איך געהערט אַט אַזאַ מין שמועס:

— גוטן אָוונט, הער גוטמאַן!

— ווילקאָמען, הער יאַקאָבזאָן! אָ, וואָס פאַר אַ גאַסט! שאָן זייט דריי וואָכן וואַרען זי ניכט ביי מיר. וואָס זאָל עס דייטען, הער יאַקאָבזאָהן?

— ליבער הער גוטמאַן, ווי האָב איך געקאָנט? זי ווייסען דאָך, היינט איז די הייליגע פייערטאָגע ימים טובים־צייט, און די היעזיגע יודען זענען אַצונד נאָך מעהר פאַנאַטיש ווי אַן אַנדערס מאָל, זי קענען דאָך מיין לאַגע, ווי אַבהענגיג איך בין פון דיזע לייט, זיי זאָלען מיך, אַ שטייגער, דערזעהן געהן צו איהנען . . .

— זי האַבען פאָלקאָממען רעכט, הער יאַקאָבזאָהן. אויב אַזוי האָבען זי רעכט. יאַ, זי זינד אַבהענגיג, זי האַבען פאַמיליע.

— האָט איהר שוין געענדיגט אייער ווערק, הער גוטמאַן?

— אָ, יאַ, דאָס בוך איזט מערקווירדיג געלונגען. זעהר אַ ניצליכער ספר! שאַדע נור, דאָס ביי אונז זעהר וועניג מענשען זינד, וועלכע העברעאיש לעזען.

— זאָגען זי בעסער, הער גוטמאַן, דאָס איהר קיין בעלוינונג פאַר

אייער אַרבייט האָט, און זי מוסען אָפטמאָל נעבעך דאַרבען און דערצו נאָך אומפערדיענט ליידען פעראַכטונג און רדיפות.

— גלויבען זי מיר, הער יאַקאָבזאָהן. דער שרייבער, דער דיכטער, ברויכט אייגענטליך קיינע אַנדערן לאָהן אויסער פערשטאַנדען צו ווערדען. פעראַכטונג, רדיפות, מאַנגעל, דיזע שפּאַרנען נור זיין גייסט צו אַרבייט אָן, ערשט דענסטמאָל גלוסט זיך אַרבייטען, און פערדינטע פעראַכטונגס, אומכבוד, איזט עבען זאָ דעם מענשען אַנגענעהם ליעב ווי פערדינטע אַכטונג. פיר די וואַרהייט, דעם אמת, צו ליידען, איזט אייגענטליך קיין ליידען. ליידען הייסט חנפענען, צבועטשען, זיך זעלבסט פערלייגנען, זיין געוויסען, זיין הערץ, זיין שכל צו פערקויפען. זי מיינען, איין חונף, איין פאַלשער מענש צו זיין איזט איינע גרינגע, לייכטע אַרבייט? חלילה! עס איזט אָבער עבען זאָ שווער ווי איין גנב צו זיין. דער חונף, דער צבועק, דער פאַלשער, מוז איממער זאָ פירכטען, איממער זאָ אויף דער הוט זיין, זיך שטענדיג זאָ היטען ווי דער גנב. גלויבען זי דען, דאָס אַלע מיינע פערפאָלגער, וועלכע מיך רודפן, רעליגיעז, אמת פרום און גליקליך זינד? אָ, ניין, ניין! איין געוויססער טייל פון זיי רודפן, פערפאָלגען מיך בלאָס אויס נייד, אויס קנאה. גאַנץ פשוט, זיי פיהלען זיך פאַר לעדיגע, אונווירסענדע, אונביצליכע מענשען, זיי שטעכט, פאַר וואָס איז דאָ איין פערשטענדיגער מענש, וועלכער אויף זיי אַ מבין איזט און נעהמט זיי דורך און דורך מיט אָפענע אויגען. זיי שייען זיך פאַר אָפענע אויגען זאָ ווי פעלדערמייזע פאַר די שטראַהלען פון דער ליכטיגער זון.

— ווירקליך, הער גוטמאַן, מיט זעלכע אייגענשאַפטען און זעלכע גוטע מחשבות זינד זי באמת טאַקע בעניידענסווערטה, מען דאַרף זי טאַקע מקנא זיין. וויססען זי, וואָס אייגענטליך בין איך יעצט צו איהנען געקאָממען? איהר האָט מיר שוין אייניגע מאָל געזאָגט, אַז איהר ברויכט נייטיג אַ יונגעל צו שיקען, אַמאָל, אַ גאַנג. אַצונד האָב איך אַזעלכען בעקאָממען און האָב איהם געבראַכט. עס שיינט, ער איז איין עהרליך יונגעל, כאָטשע אַביסעל אַ לעקיש, ניט געשליפען.

איך האָב דעם דאָזיקן שמועס כמעט אין גאַנצן פאַרשטאַנען, דאָס הייסט נישט דעם געדאַנק, דעם פשט דערפון. דאָס איז געווען נישט פאַר מיין מוח, איך האָב נאָר פאַרשטאַנען ווערטער. אַ טייל ווערטער זענען געווען פון אונדזער לשון, יידיש־דייטש, און אויפן ביסל דייטשע ווערטער האָב איך שוין געקענט ווי ס'איז מיך אַנשטויסן, מחמת אַרומפאַרנדיק מיט דעם חזן האָב איך אַלע סאָרטן מענטשן געהערט רעדן. דער חזן אַליין

פלעגט ליב האָבן אַריינצוּואַרפן אַמאָל אין זיין שמועס עפּעס אַ דייטשיש וואָרט, ווען עס האָט אים געפּאַסט, און רעדן מיט אַ פּתח, וואו ביי אונדז, פּראָסטן עולם, קומט אויס מיט אַ קמץ — גוט שבת! גוטע וואָך, קנאַבעל, וכדומה. אַמאָל פלעגט אים נאָך גאָר אויסקומען צו זאָגן אַז ער זינגט נאָך נאָטן און קאַרכיש דאַוונען קען ער אויך . . . די תלמוד־תורה האָט מיר אויך געגעבן אַביסל דייטש פון די טייטשווערטער אין חומש, ווי אַ שטיי־גער: „ועלטה" — און אַ נעפּל, „וסעדו לבכם" — און לענט־אונטער אייער האַרץ, „ירכי" — מיין דיך, „מחשף" — אַנטפּלעקט, „באָחו" — אויפן געמייזעכץ, „בין המשפתים" — צווישן די געמאַרקן, „ותחללה" — און דו האָסט זי פאַרשוועכט, „קוממיות"—האַרכליך, וכדומה נאָך אַזעלכע טייטשן. אין דער צעלניק־קליים האָב איך אויך געכאַפּט עטלעכע דייטשע ווערטער פון די משרתים, וואָס פלעגן אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַ קונה זיך צעלאָזן אויף דייטש: „מיין האַר, קוקען זיי אָן די וואַרע! איך האָב בנאמנות ניכט טייער געביטען. שוין וועלוועלער פון באַרשטש, זאָג איך איהנען. זיי וועלען, מיין האַר, קיין חרטה ניכט האָבען". נאָר חוץ דעם גאָר פאַר־שטייען טאָקע אַלע יידן דייטש. ס'איז דאָך פאַרט זייער מאַמע־לשון . . .

די טיר האָט פלוצלים זיך געטאָן אַ עפן און מען האָט מיך אַריינגע־רופן אין דעם צווייטן חדר. מיין ייד, זע איך, זיצט אָן דעם היטל. דער דייטש נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און זאָגט צו מיר גאָר פריינטלעך:

— נו ליבער, יונגער מענטש! דו ווילסט ביי מיר אין הויז זיך שטעלן? ביי מיר וועסטו נישט האָבן קיין שווערע מלאכות. דו וועסט באַ־דאַרפן טאָן געוויינטלעכע זאַכן און גיין אַמאָל אַ גאַנג.

איך האָב אויסגעטעלעפּעטשעט אַ פּאָר אויגן און עפּעס אַזוי תמעוואַטע געקוקט, אַז דער דייטש האָט נישט געקענט זיך איינהאַלטן אַ שמייכל צו טאָן. ער איז מיר אָבער זייער געפעלן. זיין פּנים האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי גוט און ער האָט מיט מיר גערעדט עפּעס אַזוי פריינטלעך, נישט ווי אַלע אַנדערע, ווי דער שניידער, דער חזן, אַ שטייגער, און ווי די מאַמע מיי־נע אַפילו. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ רואיקער, גוטער מינע, אַז עס האָט מיך צו אים עפּעס געצויגן. איך האָב אויפגעהויבן די האַנט צו מיין שמיישן־מיצל (וואָרום איך בין שטענדיק געגאַנגען אין אַ שמיישן־מיצל, סיי ווינטער, סיי זומער אין די גרויסע היצן, בשעת אַפילו איך בין געגאַנגען באָרוועס). האָב עס אַ קאַפּ אונטערגעהויבן און געהאַלטן איבער דעם קאָפּ, דערנאָך האָב איך עס אַ רוק געטאָן אויף איין זייט, אויף דער אַנ־דערער זייט קאָפּ, אַביסל אַ בייג געגעבן צום פּנים, אַ שלעפּ געטאָן פון

אונטן, אַהין־אַהער, אַ קאַפּעלע העכער, און מיט דער אַנדערער האַנט אַ טאַפּ געגעבן די פּאות, אַ קראַץ די פּאָטיליצע. איך האָב פּשוט אַליין נישט גע־וואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם קאָפּ און מיט דעם מיצל, ביז לסוף האָב איך מיר געמאַכט האַרץ און האָב עס אויף גאָטס באַראָט ראַפּטאָם אַראָפּגעכאַפּט פונעם קאָפּ. איך האָב בשעת מעשה געפילט, ווי איבער מיין הוילן קאָפּ ווייעט עפּעס אַ קיל ווינטעלע, גלייך מען וואָלט מיך געשווירן. אַלע רגע האָב איך געמוזט מיך אַ טאַפּ טאָן ביים קאָפּ. ס'איז מיר פאָרגעקומען ווילד משונה, עפּעס ווי אין באָד.

— נו מיין ליבעס קינד — האָט דער דייטש געזאָגט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט מיר אויף דעם אַקסל — דו ביסט אַ גוטער בוש! ווי הייסטו?

איך בין געשטאַנען פאַרדולט, אַקוראַט ווי אַמאָל פאַר יענעם דייטש אין דער תלמוד־תורה. האָב געעפנט אַ מויל, אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און געקוקט לעקישעוואַטע, נאָר ווי אַן אַנגעמאַלטער גולם.

— ווי הייסטו? — האָט דער דייטש מיך נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך ווייס??

— ס'טייטש, דו ווייסט נישט, ווי דו הייסט! ווער דען־זשע ווייסט?

— די מאַמע — האָב איך געענטפערט — די מאַמע מיינע פלעגט מיך רופן יצחק אברהמצע, דער תלמוד־תורה־מלמד — איצע אברהמעלע, דער שניידער — ממזרוק איציק אברהמל, דער שוסטער, בשעת ער פלעגט מיר צואווינטשעווען, ווען איך האָב געטראָגן די פּאַמייניצע, האָט מיך גע־רופן — איטצוניו אברהמעניו, און דער חזן — אברהמקע. היינט ווי זאָל איך וויסן ווי אַזוי איך הייס?

— גערעכט! — האָט דער דייטש געזאָגט מיט אַ שמייכל — נאָר זיבן נעמען ווי יתרו האָסטו פאָרט נישט. דו האָסט נאָר איין צונויפגע־פּאָרטן נאָמען: יצחק־אברהם, זייער אַ שיינער נאָמען, נאָך די אָבות. איך וועל דיך טאַקע אַזוי רופן. דו הייסט ביי מיר איזאַק־אַברהאַם, נו, זאָג, ווילסטו ביי מיר זיין, אַברהאַם?

— איר זאָלט מיך אָבער נישט הרגענען, שלאָגן. איך האָב שוין, כ'לעבן, קיין גאַנץ ביינדל נישט.

ביי דעם דייטש האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן טרערן.

ער נעמט מיך אָן ביים אַקסל און אַריינקוקנדיק מיר גלייך אין פּנים אַריין, מאַכט ער אַזוי:

— נעבעך, נעבעך! עס ווייזט אויס, דאָס ער האָט זייער פיל געליטן. אַזוי יונג און האָט שוין נעבעך קיין גאַנץ ביינדל נישט! יאָ, יאָ! — האָט

ער זיך אָנגערופן דערנאָך צו מיין יידן — יאָ, ער איזט ווירקליך פּלומפּ, זייער נאַאיוו, תמעוואַטע, אָבער איין גוטער בורשע.

מיין ייד האָט געשוויגן און נאָר געגלעט די וואָנצעס.

— ניין! — האָט דער דייטש ווידער צו מיר געזאָגט — איך וועל דיך, אויף מיין וואָרט, נישט אָנרירן. דו ביסט דאָך אַזאַ מענטש ווי איך, חוץ דעם ביסטו נאָך אַן עלטער אויך, זיי רואיק, איך וועל דיך נישט שלאָגן, נו, בלייבסטו ביי מיר?

— יאָ! — האָב איך געענטפערט, און בין געבליבן ביים דייטש.

יא

דער דייטש איז נעבעך געווען זייער אָרעם, נאָר די אָרעמקייט אָבער האָט ביי אים אין הויז קיין שליטה נישט געהאַט אַרויסצואווייזן זיך מיט איר אומריינקייט, פוילקייט, אָפּגעלאָזנהייט און מיט אַלע אירע איבעריקע מיאוסע סימני דלות, ווי געווייינטלעך ביי אַלע אַנדערע, און בפרט נאָך ביי יידישע אָרעמע נישט קיין פאַרמעגלעכע לייט. און שטוב ביי אים איז גע־ווען ריין, אַלצדינג אויף זיין אָרט. עס האָט געלויכטן, געפינקלט אין איט־לעכס ווינקעלע. די מאַדאַם, זיין ווייב, האָט אַכטונג געגעבן אין איטלעכער שפּאַרונע, איז נישט געזעסן קיין רגע ליידיק, האָט געקאָכט, געבאַקן, גע־שמירט, גערייניקט, געאַרבעט, גענייט, פאַרריכט גרעט, און ביי די אַלע דאָזיקע מלאכות, וואָס מאַכן אַן אַנדערן בייז ווי אַ רוח, איז זי שטענדיק געווען רואיק שטיל, מיט אַ פריילעך פּנים. צו אַלצדינג האָט זי געהאַט צייט. ווי פאַרטראָגן אין דער בעל־הביתישקייט זי איז געווען, איז איר פונדעסטוועגן נאָך איבערגעבליבן צייט צו נעמען אַמאָל אַ בוך אין דער האַנט, צו לייענען און וויסן, וואָס טוט זיך, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט. דער מאַן איז ביי איר געווען געהויכט און געקרוינט. זי האָט פון אים אי פון זיין שרייבן געהאַלטן עולם־ומלואה, נישט צוגעלאָזן צו אים קיין שום עגמת־נפש, וואָס האָט אים געקענט שטערן פון דער אַרבעט, און איז געווען מיט אים באמת איין גוף, איין נשמה. זייער עלטסטע טאָכטער, אַ פיינע, אַן איידעלע, פלעגט צוהעלפן דער מוטער, פלעגט וואַשן, פּרעסן, טאָן וואָס מען באַדאַרף און זייער שיין שטריקן. זי האָט געהאַט אויף איבערצובייטן נאָר איין קלייד, אָבער ווי שיין און ריין איז עס תמיד געווען, גאָר שפּאָגל־ניי, ווי ערשט פון דער נאָדל! אַלע טאָג, אין איין באַשטימטער צייט,

פלעגט זי לערנען מיט אירע צוויי קליינע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט מדריך געווען, זיי געגעבן אַ גוטע עדוקאַציע, האָט זיי תמיד געצוואָגן און געפירט ריין ווייס אָנגעטאָן. דער עלטערער זון האָט געלערנט אין אוני־ווערזיטעט. פון דאָרט פלעגט ער אָפט שיקן אַהיים צו די עלטערן הייסע וואַרעמע בריוו, אין וועלכע ער פלעגט זיי טרייסטן און בעטן, זיי זאָלן זיך נישט זאָרגן, נישט אָפּעסן זיך דאָס האַרץ דערפון, וואָס זיי זענען נישט אין שטאַנד אים צו העלפן מיט עפּעס געלט אויף זיינע באַדערפעענישן. אמת טאַקע, ס׳איז אים אַביסל ענגלעך, ער ליידט אַביסל מאַנגל, אָבער ער האָפט, אַז ער וועט ווי עס־איז זיך אויסדרייען און נישט שטאַרבן פאַר הונגער. נישקשה, פלעגט ער אויסלאָזן די בריוו מיט אַ טרייסט, דאָס וואָס איר האָט מיר געגעבן, האָבן עס אַנדערע רייכע טאַטעס און מאַמעס זייערע קינדער בשום אופן נישט געגעבן; איר האָט מיר געגעבן אַ סך מער פון געלט: איר האָט מיך געלערנט, אויסגעבילדעט מיין פאַרשטאַנד; איר האָט אויך אויסגעאיידלט מיין האַרץ, אַריינגעלייגט אין מיר גוטע געפילן: ליבשאַפט צו מענטשן, רחמנות צו בידנע אומגליקלעכע לייט, און מיך געוואוינט זיך צו באַנוגענען מיט ווייניק, איבערצוטראָגן צרות אונטער אַ שלעכטע צייט מיט אַ פריילעך געמיט — אַזעלכע מידות טובות, וואָס רייכע עלטערן קענען זיי מיט זייער געלט אַליין און מיט דעם גאַנצן פאַרמעגן זייערע קינדער נישט געבן״ . . . דעם זונס דאָזיקע בריוו פלעגן אַלע אין שטוב זייער אָפט לייענען הויך, זיך בשעת מעשה פרייען און צוגלייך זיך באַוואַשן מיט טרערן. הכלל, דאָס איז געווען זייער אַ טייערע, זעלטענע פאַמיליע. איך האָב דענסטמאָל אָבער נאָך גאָר אַזוי ווייט קיין שכל נישט געהאַט דאָס אַלצדינג צו פאַרשטיין, אַקוראַט ווי איך באַשרייב עס דאָ איצט, איך האָב נישט מער ווי געפילט, אַז גוטמאַן און זיין ווייב זענען עפּעס גאָר אַנדערע מיני מענטשן, נישט אַ שטייגער ווי לייזער דער שניידער מיט לייזעריכען, ווי רב עזריאל דער מלמד מיט זיין פלוניתטע און אויך נישט אַפילו ווי דער רייכער צעלניקער מיט זיין דיקער, געזונטער צעלניקערין, די אשת־חיל, וואָס האָט געהאַט אַ פּיסק אויף שרויפן, געטראָגן אַ האַלדז־פּערל, אַ זיידן קלייד און איינגאַנצן איז זי געווען פאַרשמירט, פאַרשלומפּערט. איך האָב מער נישט ווי גלאַט געזען, אַז דאָס איז נישט דאָס הויז, נישט, מ׳שטיינס־געזאָגט, יענע יידישע אָפּגעלאָזענע, צעקראָכענע קינדערלעך, נאָר אין תוך אַריין אָבער צו פאַרשטיין, ריכטיק אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דעם דייטשס פאַמיליע, דאָס איז דענסטמאָל נאָך נישט געווען פאַר מיין מוח.

דער דייטש מיינער איז געזעסן טאָג ווי נאַכט אין זיין באַזונדער צי־

מער, אַרום אים האָבן זיך געוואָלגערט ביכער אויפן טיש און אונטערן טיש, און ער האָט אַלץ געשריבן. ער איז געווען אין דעם שרייבן זייער פאַר־טיפט, אַריינגעטאָן דערינען מיט לייב און לעבן, און מען האָט באַשיינפּער־לעך געזען, אַז ער האָט דערפון חיות. ער פלעגט דערביי אַמאָל רעדן צו זיך אַליין, לאַכן, אָדער קריצן מיט די ציין, גלייך ווי ער וואָלט מיט עמיצן עפּעס געהאַט וואָס צו טאָן. האָט מען אים אַמאָל אין דער מיט מפסיק גע־ווען מיט עפּעס אַ זאַך, פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן פּלוצלים, גלייך ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל, האָט געקוקט עפּעס צעטראָגן און געענט־פערט בוידעם, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. איך פלעג נישט איין מאָל מאַכן מיט די אַקסלען און אַוועקגיין, נישט צו וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט. שטיוול האָב איך אים פאַרשפּאַרט צו פּוצן, ווארום ער איז זייער זעלטן אויסגעגאַנגען. דערפאַר האָט ביי אים דער כאַלאַט און די שטעק־שיך זייער מיאוס קריעה געריסן.

מיין עיקר אַרבעט איז געווען — פאָלגן אַ גאַנג. ער פלעגט מיך אָפּט שיקן אויף דער פּאָסט, אָפּצונעמען און אויפצולייגן בריוו, אָדער „פּאָסיל־קעס". אַמאָל פלעגט ער מיך שיקן צו איינעם מיט אַ קוויטל, אָדער מיט אַ בוך וכדומה נאָך אַזעלכע געגנג. דאַכט זיך אין פלוג, האַ, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אַרבעט ? זייער אַ גרינגע זאַך, נאָר אָבער ניין ! ס'איז נאָך אַזאַ ביטערע, מיאוסע שווערע אַרבעט גאָר נישטאָ. אַז איך פלעג אַמאָל אָפּטראָגן איינעם אַ קוויטל, פלעגט ער פאַרדרייען שטאַרק מיט דער נאָז, גלייך ווי ס'איז אים פאַרגאַנגען אַ ריח פון שאַרפן, ערשט אָנגעריבן כריין, און מיט אַ בייז פּנים מיר הייסן קומען מאָרגן. מאָרגן האָט ער געזאָגט — איבער־מאָרגן. איבערמאָרגן האָב איך אים אין דער היים נישט געטראָפן, און ביים קומען צו אים שפּעטער נאָך אַ מאָל, פלעגט ער שוין אויף מיר אַ היק טאָן : וואָס ווילסטו אָט־אָ־דאָס יינגל פון מיר האָבן ? עפּעס איז דאָך פון אים נישט פּטור צו ווערן ! אַן אַנדערער פלעגט פּשוט אָנזאָגן זיינע משרתים, מען זאָל מיך נישט לאָזן אויף דער שוועל ; אַ דריטער פלעגט איבערלייענען דאָס קוויטל, קווענקלען זיך און אַוועקגיין, מיר נישט צו זאָגן אַפילו אַ וואָרט ; אַ פערטער פלעגט זיך אָנרופן : זאָג דעם הער דיינעם, אַז איך בין נישטאָ אין דער היים ! פאַרשטייסטו ? . . . הכלל, מען פלעגט מיך טרייבן, אויסווייכן ווי אַן עיפּוש. אַז מען האָט מיך נאָר דערזען פון דער־ווייטנס מיט אַ קוויטל צי מיט אַ ביכל, פלעגט מען פאַרמאַכן די טיר פאַר־שליסן, אָדער אָנרייצן אויף מיר אַ הונט — אַ משרת . . . מען האָט גע־זען, אַז פיל פון יענע בעלי־בתים, צו וועלכע איך בין געגאַנגען, באַקומען

פשוט דעם שלאָק, דער רוח נעמט זיי פאַר אַ ביכל, עס מאָרדעוועט עפּעס מיט זיי די ביינער. פאַר וואָס זיי האָבן דערפאַר אַזוי מורא? — דאָס האָב איך דענסטמאָל נישט געקענט פאַרשטיין. האָט איינער אונטער צען אַמאָל זיך שוין דערבאַרעמט און צוגענומען אַ ביכל, פלעגט ער עס באַלד טאַקע אַ שליידער געבן צו אַל־די־שוואַרצע יאָר, ערגעץ אונטער אַ בעט, אָדער אונטער אַ באַנק, און מיר געבן אַ צעריסן קערבל אָן אַ נומער . . . יענע צייט איז פאַר מיר געווען זייער אַ ביטערע. איך ווינטש, אַלע מיינע שונאים זאָלן געפּרואווט ווערן, גיין מיט ביכלעך צו יידישע נגידים, הערן דערביי זייערע שטעכווערטלעך, זען, ווי עס ענדערט זיך זיי דאָס געשטאַלט, ווי זיי בלאָזן זיך אָן, ווערן אש־להבה, און אָנקוקן זייער פינצטער פּרצוף־פּנים!

מיין יידל, אָדער הער יאַקאָבזאָן, פלעגט אָפט קומען צום דייטש שפּעט ביינאַכט, זיצן דאָרט אַביסל און שמועסן. און ווען איך בין נישט מיד געווען, פלעג איך אַמאָל זיך צוהערן אונטער דער טיר צו זייער שמועס, גלאַט אַזוי, אַבי די צייט צו פאַרטרייבן. איינמאָל האָב איך געהערט, ווי יאַקאָבזאָן האָט עפּעס דערציילט פון אַ דאָקטאָר שטיינהערץ און זיך אַלץ שטאַרק געחידושט.

— עט — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופן — וואָס חידושט איר זיך דאָ אַזוי, הער יאַקאָבזאָן, און ווערט נתפּעל? דער דאָקטאָר שטיינהערץ איז אַ קליין מענטשעלע און דעריבער טאַקע איז ער אַזוי רייך און ביי איטלעכן גאָר די נשמה. איז דען עס ביי אייך אַ נייס, עס פאַרשטייט זיך, אַז מען ווערט אַ קליין מענטשעלע, איז מען דאָס לעבן און מען דערגרייכט אַלצדינג אויף דער וועלט.

איך בין פאַרצאַפּלט געוואָרן הערנדיק די דאָזיקע ווערטער. ס'טייטש, גוטמאַן, מיין הער גוטמאַן, זאָגט אויך, אַז אַ קליין מענטשעלע איז די נשמה און איז רייך! . . . פאַר גרויס וואונדער האָב איך אַ שפּרונג געטאָן, זיך אָנגעכאַפּטביים קאָפּ און בין געווען שטאַרק צעטראָגן. גוטמאַן אָבער האָט מיך גראָד אַ רוף געגעבן, און אַז ער האָט דערזען מיין נאַריש פּנים דענסטמאָל, איז אים אוממעגלעך געווען זיך איינצוהאַלטן, נישט צו טאָן אַ שמייכל. מיין יידל האָט אָנגעקוקט מיך, געשאָקלט מיט דעם קאָפּ און געמאַכט: ע־ע! ער איז נאָך טאַקע אַלץ תמעוואַטע, דער אייגענער לעקיש וואָס פריער! . . .

אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך ווידער געהערט אונטער דער טיר, ווי יאַקאָבזאָן האָט אין אַ שמועס גערעדט פון איסר וואַרגער, ווי רייך און

גליקלעך ער איז, אין שטאָט דער גאַנצער פירער. זיין חשיבות, זיין שטאַר־קייט איז עפּעס גאָר שלא כדרך הטבע!

— ס'איז גאַנץ פּשוט — האָט גוטמאַן געזאָגט — איסר וואַרגער איז אַ קליין מענטשעלע, און איז ביי דעם גביר די נשמה. דאָס אַלצדינג איז דווקא כדרך הטבע, ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, און מען האָט זיך דאָ גאָר נישט צו חידושן.

— יאָ, טאַקע זייער אמת, גוט אויף דער וועלט איז טאַקע נאָר אַ קליין מענטשעלע! — האָט יאַקאָבזאָן געזאָגט מיט אַ זיפץ, זיך באַלד טאַקע גע־זעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

יב

ברוך־הבא, קליין מענטשעלע! ווידער דאָס קליינע מענטשעלע, נאָך אַ מאָל טאַקע מיינע ערשטע, פריערדיקע געדאַנקען! דאָס קליינע מענ־טשעלע איז מיר געווען זייער אַן אַנגעלייגטער גאַסט, פּונקט ווי געוואונטשן, אין דער רעכטער צייט ווען איך בין געווען זייער צעבראָכן, דערשלאָגן פון די צרות, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, און בין שטאַרק גערן געווען כאָטש אַביסל זיך אויסצורוען. אַ גאַנצע נאַכט, נאָך דעם פריערדיקן שמועס, האָב איך שטאַרק אומרואיק מיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ביי מיר אַלץ געטראַכט אַזוי: איסר וואַרגער איז אַ קליין מענטשעלע, אַ נשמה, און אַ רייכער גליקלעכער מענטש. הייסט דאָך עס אַפּנים, אַז מען איז אַ קליין מענטשעלע איז מען אַ רייכער, אַ גליקלעכער! און אַפּנים טאַקע, ווי ס'זעט אויס, קענען מענטשן ווערן קליינע מענטשעלעך אויב נאָר זיי ווילן. און אַז זיי ווערן קליינע מענטשעלעך, ווערן זיי אי רייך אי גליק־לעך און דערגרייכן אַלצדינג אויף דער וועלט, האָב איך דאָך טאַקע, אָט אַ פּנים, זייער רעכט, וואָס מיר האָט תמיד זיך געגלוסט ווערן אַ קליין מענ־טשעלע. יאָ, דאָס אַלצדינג איז רעכט, טאַקע זייער גוט! די שאלה איז אָבער, ווי אַזוי ווערט מען אַ קליין מענטשעלע? ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ווען אַפילו איך זאָל מיר דאָ אַפילו בייגן, קרימען, איינהויקערן זיך אין צענטן, וועל איך דאָך פאָרט נישט ווערן אַ קליין מענטשעלע. אַפּנים, אַז אַ קליין מענטשעלע צו זיין איז אַ גרויסע קונץ, טאַקע אַ קונץ, וואָס אַ קונץ הייסט, נאָך אַ גרעסערע ווי צו מאַכן מיט דער רייף און אַלע אַנדערע קאָמעדיאַנטסקע קונצן. דרינען מוז אַוודאי שטעקן עפּעס אַ גרוי־סע המצאה, וואָרום זיסט, וואָלטן דאָך אַלע געקענט זיין קליינע מענטשע־

לעך, נשמהלעך, רייכע און גליקלעכע לייט! . . .

אָט די דאָזיקע אַלע געדאַנקען האָב איך זייער לאַנג אַלץ געטראַכט, געטראַכט אויף מיין געלעגער, און אַז איך בין לסוף אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט מיר זיך געחלומט וואונדער־שיינע זאַכן.

עס האָט מיר זיך געחלומט, איך באַגעגן אויף דער גאַס אַ קליין מענטשעלע, וואָס אַרבעט מעשים, דרייט זיך און וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן. אָט שפּרינגט עס צו צום קהל־שטיבל, כאַפּט זיך דאָרט אַריין צווישן אַ געזעמל קהלס־לייט, דרייט און מאַכט מיט זיי נעבעך די קאָמעדיע. דער עולם לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן, נעמט זיך צום בייטל און באַצאָלט איטלעכן גאַנץ פיין פאַר די אָנשטעלן . . . פון דאַנען איז עס, דאָס קליינע מענטשעלע הייסט עס, ווי אַ גילגול אַריין צו דעם בעל־טאַקסע אין בוזעם, אים געטאָן אַ געשמאַקן קיצל,ביידע האָבן געלאַכט, עס האָט זיי עפּעס משונה הנאה געטאָן, און דערנאָך איז עס אַרויס צוריק אינגאַנצן ווי אָפּגעגילדט פונעם בעל־טאַקסעס קעשענע. דער בעל־טאַקסע נעבעך האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן און באַלד טאַקע זיך געמאַכט גאָר אַנדערע קעשענעס! . . . פונעם בעל־טאַקסעס קעשענע איז עס פּוץ אַריין אין דעם מויל פאַר אַ פּאָר שיינע נפשות, בשעת זיי האָבן זיך געזעצט מאַכן „ספּראַוועטשנע צענעס" אויף פלייש. נאָר וואָס זיי זענען גרייט געווען אַרויסזאָגן: פינף און פערציק גראָשן אַן אָקע, האָט עס זיי עפּעס אַ שמיר געגעבן, אַריינגעכאַפּט זייער צונג אין זיין הענטל, די שיינע נפשות, נעבעך, האָבן זיך פּאַראַיקעט און גאָר אַ זאָג געטאָן: זעכציק! . . . פון זייער מויל, וואָס איז געוואָרן, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַ „כאַליעווע", האָט עס ווי דיבוק זיך אָנגעטשעפּעט אין אַ גבירל, מיט אים געדרייט־געדרייט, געקערט וועלטן און געמאַכט פון אים אַ לעדערנעם דישעל... פון דעם לעדערנעם דישעל איז עס מגולגל געוואָרן אין אַ „קאָכלעפל". פונעם קאָכלעפל אין אַ טלית־קטן און אין אַ קורץ רעקל, און פּלוצלים זיצט עס גאָר רייטנדיק אויף דעם ראש, אויף דעם קהלשן צאַפּ, וואָס פּיטערט זיך געוויינטלעך צווישן דער טשערעדע שטאָט־בהמות! . . . הכלל, דאָס קליינע מענטשעלע האָט געאַרבעט, געטאָן אַלצדינג, וואָס עס האָט געטאָן, איז עפּעס אויסגעקומען נאָר גוט, גוט און גוט. איך האָב אים אַזוי שטאַרק מקנא געווען, אַז איך האָב אַזש אָנגעהויבן מיך צונויפּציען, האָב אַרונטערגענומען די פּיס אונטער זיך, זיך געקרימט, געקוועטשט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ביז איך האָב אויפגעהערט צו דענקען, צו פילן, צו זען און צו הערן — און פּלוצלים בין איך, אַזוי וואויל איז מיר, געוואָרן אַ קליין מענטשעלע, אַזוי קליין ווי אַ פלוי!

איך האָב מיך פּשוט מחיה געווען. ס׳איז מיר אָפּגעגאַנגען די ביינער, ליכטיק געוואָרן אין אַלע רמ״ח אברים. באַלד טאַקע בין איך געוואָרן אַ נשמה, ביי איטלעכן דאָס לעבן, און דאָס גליק האָט מיר אָנגעהויבן צו גיין פון אַלע זייטן. איך בין געפאָרן אין אַ קאַרעטע, אָנגעטאָן ווי אַ שררה, אַלע האָבן מיר אָפּגעגעבן כבוד, מיר צוגעטראָגן דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, מיין קוויטל איז געגאַנגען. איך האָב געטאָן, וואָס איך וויל, און געפירט די גאַנצע שטאָט ביי דער נאָז. איטלעכער האָט פון דערווייטן אויף מיר געטייט מיט די פינגער: זעט, זעט! אָט פאָרט די נשמה, אָט גייט די נשמה, אָט רעדט דאָרט עפּעס די נשמה, אָך, קוקט נאָר אָן די נשמה! שאַ! וואָס זאָגט עפּעס די נשמה? וואָס, איר האָט נדן־געלט? ליגט עס איין ביי דער נשמה! איר האָט עפּעס אַ משפּט, אַ בוררות? גייט, כ׳לעבן, צו דער נשמה! איר באַדאַרפט אפשר האָבן אַ טובה? צו אַ טובה איז נאָר די נשמה! אַ חכם, אַ בעל־עצה, אַ חשוב, אַ מאַכער, אַ גבאי, אַ צו־נויפנעמער, איז טאַקע נאָר די נשמה!...

פלוצלים אָבער האָב איך אָנגעהויבן זיך אויסצוגלייכן, אויסצעציען, עפּעס האָט אָנגעהויבן ליכטיק צו ווערן מיר אין די אויגן — און גוט־מאָרגן דיר, ממזרוק, איציק־אברהמל! איך אַליין טאַקע ליג, ווי ביים טאַטן אין וויינהויז, אויף מיין געלעגער. איך טאַפּ מיך: דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, יאָ, ווי איך בין אַ ייד, איך בין עס טאַקע אַליין! איך שלימזל מיט מיין אייגענעם כבוד, אינגאַנצן ווי גרויס איך בין. פון וואַנען, טראַכט איך, האָב איך עס פלוצלים דאָ מיך גענומען? אָך, האָב איך עס אַביסל מיך פיינט געהאַט, פאַר וואָס איך בין אויפגעשטאַנען און פאַר וואָס איך בין עס טאַקע אַליין!

נו האָב איך דערנאָך ביי מיר געטראַכט. נישקשה! איך וועל שוין דערגיין, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענטשעלע. מיין טויט זאָל דאָ אַפּי־לו זיין, מוז איך עס דערגיין. דאָ האָב איך באַלד אָנגעהויבן ווידער צו טראַכטן אַזוי: בשעת מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך בין געוואָרן אַ קליין מענטשעלע — אַ רייכער, אַ גליקלעכער, אַ פיינע־בריה און אַ גאַנצער מאַ־כער אין שטאָט, האָב איך דענסטמאָל, דאַכט זיך, אויפגעהערט צו דענקען, צו פילן, צו זען און צו הערן, איז דאָך אַפּנים משמע, אַז מען קען אַנדערש נישט זיין אַ קליין מענטשעלע, סיידן טאַקע מען מוז פריער אויפהערן צו דענקען און צו פילן, דאָס הייסט, פּשוט איז פּשוט, מען זאָל לגמרי גאָר נישט דענקען, גאָר נישט פילן, יעגער זאָל אַפילו דאָ פאַר דיר די כפרה ווערן און זיך אַ מעשה אָנטאָן. נאָר וואָס טוט מען אָבער דערצו? ווי

אַזוי הערט מען עס אויף צו דענקען און צו פילן ? עס איז דאָך טאַקע די גאַנצע מלאכה, דרינען ליגט דאָך טאַקע דער הונט באַגראָבן ! איך בין געפאַלן אויף אַ המצאה — פרעגן מיין הער. איך האָב אָבער צוריק טאַקע זיך מיישב געווען : ס׳טייטש, ווען גוטמאַן זאָל וויסן דעם סוד דערפון, וואָלט ער דאָך אַליין נעבעך געוואָרן אַ קליין מענטשעלע ! ער וואָלט דאָך געווען רייך, זיך נישט אַזוי געמאַטערט, נישט אַזוי געליטן נויט און פאַרשפּאָרט זיך נעבעך שוואַרצן דעם פּנים, שיקן ביכלעך און אונטערוואָרפן זיין די מיינונגען פון איטלעכן באַזונדער. איך האָב איבערגעקלערט די זאַך אויף אַלע זייטן און בין געבליבן ביי גאָרנישט.

דעם גאַנצן טאָג דערנאָך בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ דולער : עס האָט מיר זיך געשפּאָלטן דער קאָפּ, איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך טו און אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. צו וואָס איך האָב מיך צוגערירט, האָב איך אָנגעמאַכט שאָדן. איך האָב יענעם טאָג צעבראָכן צוויי טיי־גלעזער ; עטלעכע פאַרצעלייענע טעלער זענען מיר פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן, האָב איבערגעקערט אַ טינטער מיט טינט און פאַרביטן די יוצרות ביים סאַמאָוואַר : אין דעם אָרט פונעם וואַסער האָב איך אַריינגעשאָטן קוילן און אין דעם אָרט פון די קוילן אַריינגעגאָסן וואַסער. אַלע אין שטוב האָבן מיך אָנגעקוקט שטאַרק פאַרוואונדערט, זיך געשושקעט און געפילט, אַפּנים, אַז ס׳איז מיט מיר עפּעס נישט גלאַטיק. גוטמאַן האָט אָנווייזנדיק אויף מיר דער מאַדאַם זיינער, אַנידערגעלייגט אַ פינגער אויפן שטערן און איר געזאָגט שטיל : ביים יינגל איז דאָ, אין קאָפּ, עפּעס נישט רואיק. נאַריש תמעוואַטע האָט ער תמיד אויסגעזען, נאָר היינט זעט ער עס נאָך מער אויס. ער איז נעבעך ווי שטאַרק דערשלאָגן, ער איז נאָך גאָר אַ קינד ! . . .

אַ לאַנגע צייט בין איך געווען עפּעס בייז ווי צען רוחות, זיך אַלץ געקרימט, נישט געווען צופרידן, נישט מיט זיך און נישט מיט קיינעם אין דער וועלט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט שרעקלעך שטאַרק, עס האָט מיר דאָרט אינעווייניק געדרוישט, זיך געדרודערט ווי אין אַ מיל, עפּעס ווי אַ קול האָט מיר אַלץ געשריגן : יצחק־אברהם ! וואָס ווערט פון דיר זיין פאַר אַ תכלית, ביז וואַנען וועסטו אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן און זיין פאַרוואָגלט ? ווער אַ קליין מענטשעלע, יצחק־אברהם ! טו אַלצדינג, וואָס דו קענסט, און ווער אַ קליין מענטשעלע, וועסטו לעבן גליקלעך, אין עושר, אין כבוד און אויסגלייכן דיר דיינע ביינער ! . . . דאָס קול האָט נישט אויפגעהערט קיין רגע מיר צו פּיקן דעם קאָפּ. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער,

שטאַרק צעמישט און מיר קיין עצה נישט געקענט געבן, וואָס מען טוט, וואָס מען הייבט אָן. פּלוצלים איז מיר ווי אַ בליץ אַריין דער געדאַנק — זיך שטעלן פאַר אַ משרתל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ! ביי אים וועל איך גאַנץ גוט מיך צוקוקן צו איטלעכן פּיצעלע און מיט דער צייט דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענטשעלע.

מען באַדאַרף זיין אַזאַ מעגעגע, אַזאַ דערשלאָגן ייִנגל ווי איך בין געווען, צו פאַרשטיין מיין האַרץ דענסטמאָל און די משונה שטאַרקע געפילן, וואָס דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין מיר אויפגעוועקט. איטלעכער אויף דער וועלט, אַפילו אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען אַן עסק, גאַנץ קלוגע אין מילאָ־דעלמאַ־זאַכן, טאַקע איטלעכער, ווי איך האָב עס שפּעטער מיט דער צייט אַרויסגעזען, האָט זיך זיינע מאַנקאָליעס, זיינע זאַבאַבאָנעס, זיינע נאַרישקייטן, שיגעונות, וואָס ער רעדט זיי זיך איין, וואָס עס ליגן אים איינגעבאַקן אין האַרץ, און איטלעכנס איינגערעדטע זאַכן קומען פאַר דעם אַנדערן עפּעס משונה ווילד, אָן טעם, אָן ריח. קיינער קען נישט אַריין אין יענעמס לאַגע, פילן זיין האַרץ און פאַרטראַגן זיינע נאַרישקייטן, איטלעכער נעמט נאָר אַ ראיה פון זיך; איינער לאַכט פונעם אַנדערן און אַלע זענען משוגע!...

איך האָב אויסגעזוכט אַ מעקלער, אים צוגעזאָגט אַ שיין מעקלעריי, אַז ער זאָל מיך אַריינדרייען פאַר אַ משרתל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, האָב איך אָפּגעטראָטן, כמעט זיך אָפּגעטראָגן, פון מיין גוטן הער גוטמאַן, פאַרגעסן דעם זיי־געזונט און איבערגעגאַנגען אויף מיין ניי אָרט צום דאָקטאָר!

יג

מיט מיין אַריבערטרעטן דעם ערשטן מאָל די שוועל פונעם דאָקטאָרס הויז בין איך געגליכן געוואָרן נאָר צו אַ וואַנץ, וואָס כאַפּט זיך אַריין צום גאַסט אין אַ שפּעלטל פון אונדזער בעט, זיצט דאָרט איבער דעם גאַנצן טאָג, אַרויסנעמענדיק זיך די אויגן קוקנדיק, ווען וועלן מיר, מענטשן, זיך שוין אָפּפּאַרטיקן פון אונדזערע געשעפטן, זיך אַריינלייגן אין בעט, זיי זאָלן שוין קענען למזל מאַכן מיט אונדז באַקאַנטשאַפט, איבערשמועסן אַביסל מכוח דער פּרנסה. די גאַנצע כוונה פון איר קומען איז דאָך טאַקע נאָר דאָס שטיקל פּרנסה — צו האָבן פון אונדז, פיינע בריות, די יניקה . . . דער דאָקטאָר שטיינהערץ, דער פיינער בריה, איז פאַרטראָגן געוואָרן ערגעץ אין

וויכטיקע זאַכן, געשאַרט גאָלד פון אַלע זייטן, און אים איז גאָר אויף דעם זינען נישט געקומען, אַז היינט פרי האָט צו אים אין הויז זיך פאַרקליבן עפּעס אַ וואַנץ — ממזרוק איציק־אברהמל, וואָס וועט אים דאָ גוט נאָכקוקן אַלע זיינע גענג, כאַפּן דעם סטרי זיינעם אין דער פּרנסה און לערנען זיך ביי אים די קונץ, ווי צו פאַרוואַרפן זיך אין אַ קליין מענטשעלע.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געאַרבעט, געטאָן די מלאכות, וועלכע די מאַדאַם האָט מיר געגעבן, און שטילערהייט אין האַרץ אַלץ געגאַרט, אוי, איך זאָל שוין דערלעבן זען דאָס קליינע דאָקטאָרל! מיט אַמאָל עפנט זיך פאַרנאַכט אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ הויכער מענטש, אַ בורלאַק מיט אַ בויך, הויך און גרויס ווי גוג־מגוג. קוים וואָס איך האָב אים נאָר דערזען, האָב איך אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און אים אָנגעקוקט, אויף מיין שטייגער, שטאַרק תמעוואַטע. דעם בורלאַק איז מיין קוקן נישט געפעלן. ער האָט מיר דורכגעשטאָכן מיט זיינע אויגן און אויף מיר בייז, אויף יווניש, אַ הוק געטאָן:

— טשטאָ טי טאַק סמאָטריש, באַלוואַן!

אַזאַ לשון האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט, איך בין געוואָרן צעמישט. האָב אָנגעהויבן ציטערן, פלאַטערן און אַ זאָג געטאָן, אַליין נישט צו וויסן וואָס דאָס מויל רעדט:

— איך הייס איציק־אברהמל, הייס איך . . . אברהמקע! . . . איך בין אַ יתום . . . דאָ אַ משרתל, בין איך דאָ! . . .

—ווידנאָ טשטאָ טי באַלשאָי דוראַק! — האָט זיך אָנגערופן דער בורלאַק — נו־זשע דו, פון היינט אָן סמאָטרי! אַז איך וועל קומען, זאָלסטו פון מיר געשווינד אַראָפּנעמען דעם פעלץ, די קאַלאָשן, סלישעש?!

איך האָב מיך פאַר אים עפּעס אַזוי איבערגעשראָקן, אַז איך האָב אינגאַנצן, ווי גרויס איך בין, מיך דערלאַנגט אַ וואָרף אויף דער ערד און שטאַרק אַרומגעכאַפּט מיט מיינע הענטלעך דעם בורלאַקס געזונטע פיס, אויסצוטאָן אים די קאַלאָשן. גאָט האָט מיר געהאָלפן איבערצוקומען בשלום דעם דאָזיקן שרעק און דער בורלאַק איז אין זאַל אַריין. איך האָב שפּעטער אַביסל אַריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און אַ גאַנצן אָוונט דעם שיינעם פאַרשוין מיט דער מאַדאַם באַדינט.

ביינאַכט האָב איך אויף מיין געלעגער אַלץ געטראַכט, ווער זאָל עס זיין אָט דער דאָזיקער בורלאַק, אָט־אָ דער פעמפּיק? אַ גאַנצע נאַכט זיצט ער עפּעס אַליין מיט דער מאַדאַם און מאַכט איר קוצעניו־מוצעניו, ער זי — ליובעניו, און זי אים צוריק — קעצעלע. וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מין

קעצעלע? און וואו איז ערגעץ, וואונדער איך מיך, דער דאָקטאָר אַליין — אַזוי האָט אַ פּאָר טעג כסדר דער פּעמפּיק געמאַכט זיינע לאַנגע וויזיטן. ווי ער איז נאָר אַרויס אָדער אַריינגעגאַנגען, האָב איך מיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אָנצוטאָן אָדער אויסצוטאָן די קאַלאָשן. ער פלעגט בשעת מעשה זיך האַלטן ביי די זייטן און קוקן מיט גדלות אויף דער סטעליע. ס׳איז אים קיין פּיצל אַפילו נישט אָנגעגאַנגען, אַז ער האָט מיט זיינע גראָבע פּיס ווי מיט קאָפּיטעס מיר צוגעקלעמט די פינגער. איך האָב טאַקע לעת עתה נאָך אַלץ נישט געוואוסט, ווער זאָל עס אַזוינס זיין, אָט דער פּעמפּיק, אָט־אָ דער געזונטער עשו?

אָפּגעפּאַרטיקט זיך איינמאָל אין אָוונט פון מיין אַרבעט און איבערגעלאָזט דאָס קעצעלע שפּילנדיק זיך מיט דער ליובעניו, בין איך מיר אַרונטערגעגאַנגען אונטן אין דער קיך, אַביסל בעסער באַקאַנט צו ווערן מיט דער קעכניע, און האָב זי דאָרט אגב עפּעס מיט אַ רחמנות פּנימל געטאָן אַ פרעג:

— זאָגט מיר, דוואָסיע, איך בעט אייך, ווער איז עס אָט־אָ דער, וואָס קומט אָפּט צו גאַסט? וואָס איז עפּעס אַ גאַנצער שמעלקע מיט דער מאַדאַם און שלאָפט . . . אין ספּאַלניע?

— האַ, וואָס?! — האָט די קעכניע געמאַכט און מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט — וואָס זאָגסטו? ס׳טייטש, עמיצער שלאָפט אין דער ספּאַלניע! וואָס הייסט עמיצער?

— ווי איך בין אַ ייד! — האָב איך מיך אָנגעהויבן צו שווערן — זאָל איך אַזוי אויפגעריכט ווערן! זאָל איך אַזוי הערן שופר של משיח, ווי איך אַליין מיט מיינע אייגענע אויגן און אויערן האָב איך אים געזען און געהערט אַריינגיין אַהין! ס׳טייטש, אַוודאי, איך זאָל מיט אייך טאַקע אַזוי געזונט און גליקלעך זיין! ווי הייסט ער עפּעס דאָרט ביים שפּיץ־נאָמען, קעצעלע, צי קאָטערל? ווייסט אים דער שוואַרץ יאָר!

— נו, און דער בעל־הבית? — האָט די קעכניע געפרעגט מיט אַ פריילעך פּנימל און די אייגעלעך האָבן איר זיך צעפלאַקערט אַזוי ווי אין אויוון בשעת חלה־באַקן.

— דער בעל־הבית! — האָב איך געענטפערט און ביי דעם נאָמען עפּעס אַביסל געשטאַמלט, ווי איינער וואָס ווערגט זיך און וויל פאַר יענעם עפּעס נישט אַרויסרעדן — דער בעל־הבית נעכטיקט, אַפּנים, נישט אין דער היים. ער האָט געמוזט ערגעץ אַוועקפאָרן אַרבעטן אין זיין עסק . . .

— נו, אַז ס׳איז יאָ אַזוי די מעשה — האָט די קעכניע געזאָגט מיט

עפּעס אַ ווילד געלעכטערל — בין איך טאַקע אַ בעלן אַליין אַרויפצוגיין זען. איך וועל מיר אויסזוכן עפּעס אַן אויסרייד. ס׳איז כדאַי, כ׳לעבן, צו זען, אַז די דאַמעס זענען נישט בעסער פון די דינסטן . . . זאָלן זיי נישט מאַכן אַזוי קיין חן!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די קעכניע צוריק אַראָפּגעקומען פאַר־פלאַמט, רויט אָנגעצונדן ווי אַ העליש פייער און האָט אויף מיר נעבעך גע־עפנט אַ פּיסק מיט טויטע קללות:

— אַ דו עכברש, יונגאַטש איינער! ביסט דאָך ווערט, מען זאָל דיך דאָ צערייסן ווי אַ הערינג, זאָל מען דיך צערייסן! ס׳איז דאָך אַ העזה פון אַזאַ סמאַרקאַטש, פון אַזאַ פאַרשטונקענע נשמה, פון אַזאַ שטיק פלייש, אַזאַ ווערעמדיק בחורל! אַברהם עזות־פּנים, צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבן! וואָס עס האָט געזאָלט זיין מיר און כל־ישראל, ריבונו של עולם, אַ־אַ, קיין תחית־המתים זאָלסטו נישט אויפשטיין! אַזוי יונג און קען שוין צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, לאַקש — בוידעם — פאַלעצע! ס׳טייטש, אויף קיין גוט אָרט זאָלסטו נישט ליגן, דער הער אַליין, ס׳טייטש, זיצט דאָך עס מיט דער מאַדאַם דאָרט אין ספּאַלניע!

— גאָט איז מיט אייך, דוואָסיע! וואָס זאָגט איר? — בין איך אַרויס מיט דער שפּראַכע פאַריכטן מיין מזל ביי דער קעכניע — באַטראַכט זיך נאָר, דוואָסיע, וואָס איר רעדט. ס׳טייטש, אָט־אָ דער הויכער בורלאַק, אָט־אָ דער גראָבער פּעמפּיק! . . .

— אַ רוח אין דיין טאַטנס־טאַטנס־טאַטנס־טאַטן אַריין, שייגעץ! — האָט די קעכניע זיך צעשריגן אויף אַ קוויטש און אַ כאַפּ געטאָן די קאָטשע־רע — ס׳טייטש, שייגעץ, דעם בעל־הבית רופסטו בורלאַק, רופּסטו, שייגעץ! אַרויס, שייגעץ, וואָרום איך וועל דיר דאָ פּלעטן דעם קאָפּ!

איך האָב מיך אַרויסגערוקט געשווינד פון דער קיך און בין מיר ווידער אַרויפגעגאַנגען אויבן, שאַ־קיטש. אַז איך האָב מיך אַנידערגעלייגט אויף מיין אָרט אין פאָדערצימער שלאָפן, האָב איך נישט געקענט פאַר גרויס וואונדער קיין אויג צומאַכן און אַלץ ביי מיר געטראַכט: וואָס האָב איך און וואָס זע איך? דער דאָקטאָר איז גאָר אַ הויכער, אַ גרויסער, אַ דיקער! היינט וואָס־זשע האָט גוטמאַן געזאָגט, ער איז אַ קליין מענטשעלע? ! זאָל גוטמאַן זאָגן אַ ליגן, אַזאַ גראָבן ליגן? ניין, עס קען נישט זיין! גוטמאַן האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגענאַרט, וואָס גוטמאַן האָט געזאָגט, איז תמיד געווען אמת. וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? דאָ מוז אַוודאי עפּעס זיין... צי שטעקט דרינען נישט אפשר גאָר אַ כישוף, אַ קאָמעדיע? ווי באַלד

אַז מענטשן קענען אַמאָל זיך פאַרוואַרפן אין אַ וואָלף, אין אַ וואָלקעלאַק, און אַנגעמען אַלערליי געשטאַלטן, וואָס דאָס איז דאָך אַ געוויסע זאַך, אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, וואָרום איך האָב עס אַ סך מאָל געהערט דערציילן פון אַלטע יידן מיט גרייז־גרויע בערד, מילא איז דאָך גאַנץ גרינג צו גלויבן, אַז מענטשן קענען אויך זיך פאַרוואַרפן אין קליינע מענטשעלעך און דורכדעם מאַכן אַ גליק! נאָך אַ מאָל, האַ! אַז אַ מענטש קען ווערן אַ וואָלף, אַ חיה רעה, וואָס לויפט אַרום משוגענערווייז און בילט, וואָס פרעסט און איז מזיק ווער־עמען ער באַגעגנט, איז דאָך פון אַ מענטשן אין אַ קליין מענטשעלע זיך צו פאַרקערן עפּעס גאָר נישט אַזוי שווער. מען בלייבט דאָך טאַקע ביי דעם פריערדיקן געשטאַלט, מיט דעם אייגענעם פּנים, ווי איטלעכער, נאָר פון גרויס ווערט מען קליין . . . יאָ, איך גיי, דאַנקען גאָט, דאַכט זיך, אויף אַ שטיקל דרך. די מעשה דערפון איז, אַפּנים, טאַקע אַזוי. דאָ שטעקט עפּעס אַ המצאהלע, אַ פאָקוס! מען מוז די זאַך באַטראַכטן, גוט נאָכקוקן און דערגיין דעם סוד, די וועלט זאָל אַפילו זיך איבערקערן!

מיט דעם דאָזיקן נייעם געדאַנק מייַנעם, האָט מיין קינדערשער שכל, ווי איר זעט, געשטעלט פעסטער אַ פיסל און שוין געמאַכט אַ טריט וויי־טער. אַנשטאָט וואָס פריער איז מיין גלויבן אין דעם קליינעם מענטשעלע געווען מגושם, שטאַרק קינדעריש — עס קומען גלאַט בפשטות אויף דער וועלט אַראָפּ פאַרטיקע קליינע מענטשעלעך, איז ער איצט שוין אויסגעפיינ־טער, אויסגעאיידלטער, עס ליגט שוין אין אים אַ כוונה, עפּעס אַ כוח, אַ רוחניות־זאַך מיט אַ דרך־הטבע, דאָס הייסט: קומען אויף דער וועלט קומען מענטשן טאַקע אַלע גלייך ווי זיי זענען, נאָר אַ טייל מענטשן קענען זיך פאַרוואַרפן און ווערן אַמאָל קליינע מענטשעלעך דורך שימות, דורך רוחות. דרינען ליגט שוין גאָר עפּעס אַן אויבער־הסברה! . . .

אַז איך בין אין עטלעכע טעג אַרום געשטאַנען אונטער דער טיר, וואָס גייט פון דעם פאָדערצימער אין דעם דאָקטאָרס קאַבינעט אַריין, איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַזאַ מין שמועס צווישן דעם דאָקטאָר און דעם רופא זיינעם.

— היינטיקע וואָך, דאָקטאָר, האָט איר געהאַט אַן עין־הרע זייער אַ גוטע. איך האָב אייך, נישקשה, אַ סך צוגעשאַרט. איך טו פאַר אייך דאָס מייניקע בישלמות. צעפּויק אומעטום אייער גרויסקייט, וואָס נאָר עפּעס זאָג איך, מען באַדאַרף האָבן אייך, אייך, נאָר אייך, און איר פאַר מיר, דאָק־טאָר, מאַכט זיך נישט ווייסנדיק.

— וואָס זאָגסטו, געצל? ס'טייטש, און נעכטן, ערשט נעכטן?

— וואָס, דאָקטאָר, נעכטן ? וואָס איז אַזוינס געווען נעכטן ?

— ער האָט אַ קורצן זיכרון ! ווי הייסט, דו האָסט פאַרגעסן, געצל ? צוליב וועמען האָב איך נעכטיקן קראַנקן געהייסן שטעלן אַ דרייסיק פּיאַווקעס, צווישן אונדז גערעדט, ער האָט אַזוי באַדאַרפט דיינע פּיאַווקעס, ווי איך מיט דיר. אַ נאַס טיכל צום קאָפּ וואָלט גאַנץ גענוג געווען. פּע, מעגסט זיך, כ׳לעבן, שעמען, געצל ! נאָר צוליב דיר, וואָרהאַפטיק, בין איך נעכטן געווען אַ קליין מענטשעלע ! . . .

— איר, דאָקטאָר, זענט געווען נעכטן אַ קליין מענטשעלע, ווי איר זאָגט, און איך בין געווען צוליב אייך אַ קליין מענטשעלע תמיד, אי אייער־נעכטן, אי נעכטן, אי היינט. צווישן אונדז גערעדט, האָט דען דער היינטי־קער חולה באַדאַרפט אַ דאָקטאָר ? ער האָט פּראָסט דעם קאַטער. אויף מיר קוקנדיק נאָר האָט ער אייך גערופן און אַצינד איז שוין דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט אייך שוין טאָקע באַדאַרפן אָקעגן אַ פּאָר וואָכן רופן און נאָך צוויי מאָל אין טאָג. נישקשה, ער איז רייך, אַ חזיר, ער מעג קרענקען, נישקשה, אַ פּאָר וואָכן . . .

— נו, נו, וואָס־זשע ווילסטו, געצל ?

— פּיאַווקעס, דאָקטאָר ! איך האָב אַ סך פּיאַווקעס ! . . .

— זיי רואיק, געצל, דו וועסט אים שטעלן פּיאַווקעס. שאַ ! האָסטו נאָר גוטע סחורה, געצל ? דו ווייסט דאָך, איך בין אַ מקפּיד אין אַזעלכע זאַכן . . .

— עכט פרישע פּיאַווקעלעך, דאָקטאָר, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן ! איך אַליין האָב אויף פּיינט יענעם צו נאַרן . . .

הע־הע ! אַזוי איז גאָר די מעשה ? ! — האָב איך געטראַכט ביי מיר אין האַרץ, נאָכדעם ווי איך האָב געהערט אַזאַ שמועס און די זאַך אַביסל בעסער צענומען, ליגנדיק ביינאַכט אויף מיין געלעגער — אַפּנים, ווי איך הער דאָ און זע, הייסט אַ קליין מענטשעלע נישט פּשוט זיין אַ קליינעטש־קער, ווי איך, נאַרעלע, האָב פריער געמיינט. מען קען גאָר זיין אַ גרויסער, אַפילו אַ גאַנץ גרויסער, און פאָרט אַ קליין מענטשעלע, מען קען דערביי טאָקע אַפילו בלייבן אַ גרויסער, תמיד טאָקע אַ גרויסער. איך בין מיך משער, אַז אַ קליין מענטשעלע הייסט גאָר צאַפּן פרעמד בלוט און אויסנאַרן געלט . . . אָט וואו דער הונט ליגט באַגראָבן ! איצט־אָ האָב איך אַביסל שוין אָנגעהויבן רעכט צו פאַרשטיין און קומען צום אמתן שכל. אָט וואָס הייסט רייבן זיך אין דער וועלט, צווישן לייט ! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, וואָס איך ווייס שוין דעם סוד, אַז איך בין דאָך נישט קיין דאָקטאָר, קיין

רופא און קען נישט שטעלן קיין פּיאַווקעס, מוז זוכן עפּעס אַנדערע מיטל. עפּעס כמו אַזוי ווי אַזאַ וועג, נאָר אויף אַן אַנדער אופן, עפּעס צאַפּן און פאָרט נישט צאַפּן פּשוט בלוט. דערצו מוז אַוודאי זיין נאָך אַ סך אַנדערע מיני תחבולות, וואָס מען מוז זיי דערגיין. דאָ האָב איך שוין פּשוט מער נישט וואָס צו טאָן. וואָס־זשע טוט מען ווייטער? האָ! גיט מיר פּלוצ־לים אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אפשר איסר וואַרגער! כ׳לעבן, מאַך איך צו מיר אַליין, דאָס איז גאָר נישט קרום. מען באַדאַרף זיך אַריינדרייען טאַקע צו איסר וואַרגער, ווי איך בין אַ ייד צו איסר וואַרגער! דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס: צו אים, צו איסר וואַרגער! איסר וואַרגער איז דאָך אויך אַ קליין מענטשעלע און זייער אַ גרויסער פאַרנעם. האָ?!...

אַט אַזעלכע געדאַנקען האָבן מיר זיך געדרייט אין דעם קאָפּ און מיך נישט געלאָזן שלאָפן כמעט די גאַנצע נאַכט. יענע נאַכט בין איך עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר מער און געפילט אין מיר עפּעס אַ פאַרענדערונג. אויף מאָרגן האָב איך נישט געמאַכט לאַנג שיהות, אויפגעזוכט מיין באַ־קאַנטן מעקלער, אים צוגעזאָגט נאָך אַ בעסער מעקלעריי ווי פריער און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיך אַריינגעשטעלט צו איסר וואַרגער.

יד

— נאָר איין וואָרט, רבי, נישקשה!... האָ, וואָס, זאָל איך? — לאָזט זיך אין דער מיט לייענען הערן אונטער דער טיר עפּעס אַ גראָב קול און באַלד טאַקע, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, רוקט זיך אַריין אין שטיבל אַ געשפּיקעוועטער ייד מיט אַ פאַרוואַקסן פּנים, אַן אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ פאַרלאַטעט לייבל, פון וועלכן עס קוקן אַרויס שטיקלעך פאַרשמירטע ציצית, וואָס באַמבלען זיך אויף די קני, און אין גראָבע תחתונים, מחילה, מיט גרויסע מגושמדיקע שטיוול, אויף וועלכע ס׳איז געלעגן אפשר אַ פּוד בלאָטע נאָך פון פאַר אַ יאָרן און וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקן ריח עפּעס פון שוויס אינאיינעם מיט דיאָד.

— אַ, בעני! — זאָגט דער רבי, אַ קוק געבנדיק אויף דעם דאָזיקן פאַר־שוין — וואָס ווערסטו עפּעס זאָגן, בעני?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפערט בעני, אַ קראַץ געבנדיק זיך אין דער פּאָטיליצע — עט, גאָרנישט, זאָג איך. געלט פאַרן חודש האָב איך שוין ביי דער רביצין אָפּגענומען. וואָסער נאָך נעכטן ביינאַכט די אַלע

זעקס מאָל אָפּגעגעבן. האָב געכטן די גאַנצענע נאַכט האָב איך געהאַט דאָס פּירעניש. רב יצחק־אברהמס שטאַרב האָט מיך, נישקשה, גוט אָפּ־געפּירט, די שיינע מיינע „בולי־בתים" נעבן אים אין שכינות, האָבן דאָס וואַסער אויסגעגאָסן, געבליבן די בולי־בתים אָן וואַסער, נו נישטאָ וואַסער, נישטאָ מיט וואָס צו קאָכן. ווער שולדיק ? דער וואַסערפירער, איך שול־דיק. יענעם גלוסט זיך שטאַרבן, נו, מילא ? ניין ! גייט עס אויס צו ווערמען ? צום וואַסערפירער, צו זיין קאָפּ. גיי פיר זיי, אַ אין דר׳ערד אַריין ! פיר זיי וואַסער. די גאַנצענע נאַכט ניט געשלאָפן. אַקעגן טאָג אַז צוגעמאַכט אָן אויג האָב איך, קומט וועקט די מאַמע, זאָל לעבן, מיך וועקט מיך : בעני, בעני ! שטיי אויף, די טיר פאַרקייטל, בעני. איך צום ערשטן מנין גיי איך, כאַפּן אַ קדושה, פון דער שול, בעני, גיי איך אויפן היילקן אָרט איך, יאָרצייט האָב היינט איך. אויפן פּריפּעטשיק צוגעשטעלט אַ טעפּל קאַליש האָב איך, גיב דאָ אַכטונג צום טעפּל קאַליש. פּטר אַרויס די מאַמע און לייג מיך. דרעמל איך, האָרך איך — פּיק, פּיק, פּיק. דער האָן מיט די הינער, אין דר׳ערד אַריין, שטייען פּיקן אַ ריפּטל ברויט, גע־שמאַק אויפן טיש פּיקן זיי. אַ־קיש ! שריי איך. אַ־קיש דיר היינט, אַ־קיש דיר מאָרגן, וואָס ווייסן הינער ? פּיקן טאַקע אַלץ. באַדאַרף, גראָד, אַ, אין דר׳ערד אַריין, ליגן אַ הילצערנער לעפל, אַ פליישיקער, כאַפּ דעם לעפל, לאָז מיך צו די הינער. האָרך איך, לויפט אויפן פּריפּעטשיק, מיינער כאַפּט שטעקט אַריין, ניט הינער אַריין, דעם פליישיקן לעפל אין דעם מילכיקן טעפּל אַריין, און מאַכט אָן אַ שאלה ! דער לעפל פליישיק, רבי, וואָ־דען ? פון דער ניי דאָך ניט געקאַרבט מיט דריי קאַרבן, ווי אַ יידיש מילכיק לעפל. פליישיקס דערמיט, ווי איך בין אַ ייד ! ניט געגעסן. אָסור חזיר ! לאָמיך אַזוי באַהיט ווערן פון קרענק ! דאָס טעפּל מילכיק, עס שטייט דאָך תמיד פונעם פּריפּעטשיק אויף דער מילכיקער באַנק. זינט מיין ציג מיר געפּגרט, איז אויס מיר מילך, אַ פּייג מיר מילך ! . . . היינט, רבי, פּסקנט מיר אַ שאלה !

— עפּעס אַ גרויס טעפּל ? — פרעגט דער רב.

— גרעסער פון מיין קאָפּ — ענטפערט בעני — אפשר אַקעגן אָן עמער, איך זויף מיך דערמיט אָן פול ווי אַ פעסל און אַרבעט אַוועק דעם גאַנצן טאָג אָן אַ פּאַפּאַס.

— כשר ! — פּסקעט דער רב.

בעני גייט אַרויס און אַ ווייבל לויפט אַריין מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג:

— רבי, איך האָב שוין מער קיין כוח נישט אויסצוהאַלטן ! איר האָט

אוודאי זייער גוט געמיינט, רביניו, וואס איר האט צווישן אונדז געמאכט א לעבן, נישט צוגעלאזט קיין גט, נאר אזא לעבן אויף אלע מיינע שונאים געזאגט געווארן. אייערע טייערע ווערטער זענען צו אים אזוי פיל צוגעשטאנען ווי אן ארבעס צו דער וואנט. ער הערט דען א וועלט, ער טוט זיך טאקע זיינס און מאכט מיר אלץ דעם טויט. איך שווארץ דאס פנים, ליי, בארג, קויף־אן אויפן מארק אייער, הינער, וואס ס׳איז עפעס צו פארדינען, אבי צו דערהאלטן די נשמה פון די הונגעריקע, אפגעריסענע, אפגעשליסענע קינדערלעך, און ער . . . ער ווייסט נישט מער ווי די חסידארניע, וואו ער פארברענגט די גאנצע טעג מיט זיינע לייט אונטערן אויוון, טרינקען, שמועסן, דערציילן מעשות און קומט ער אהיים, מוז אים אלצדינג זיין. ער זאל עס כאטש א קוק טאן אויף די קינדער, פרעגן כאטש פון יוצא וועגן, וואס זיי מאכן. זיי גייען אים כלל נישט אן, ווי זיי וואלטן געווען פרעמדע. צו מיר רעדט ער נישט קיין גוט ווארט, גלייך ווי איך וואלט געווען צו אים פארקויפט, זיינס א דינסט, וואס איך בין נישט ווערט צו וואשן אים די פיס און טרינקען דאס וואסער. איך הער נישט מער פון אים אלץ: שטיא! טפושטע! שפלה! אונטער עפעס א יום־טוב פארט ער זיך אוועק צו זיין רבין, נעמט ביי מיר צו דאס לעצטע און ליגט דארט אפ א צייט מיט זיין קאמפאניע, אזעלכע ווי ער. עס זאל עס אים אנהויבן ארן א היים, א ווייב מיט קינדער, וואס זענען זשעדנע א שטיקל ברויט און קומען נעבעך אפ. לאמיך אמאל אקעגן דעם זיך אנרופן מיט עפעס א ווארט, סטראשעט ער מיך, ער מוז מיך גאר אוועקווארפן, מיך מאכן פאר א וויסטע עגונה, און וויזן מיר, ווער עלטער איז, וואס א יידענע איז אזוינס. א יידענע, זאגט ער, איז א גארנישט מיט א נישט! היינט אין דער פרי קומט ער פונעם קלייזל, אין שטוב איז קאלט, כאטש וועלף צו טרייבן, שוין מער פון צוויי טעג אז קיין רויך פון מיין קוימען איז נישט געגאנגען. די קינדער ציטערן, צאפלען און בעטן עסן. דאס קליינע קינד אין וויג איז שוין הייזעריק שרייענדיק, וויל נעבעך זויגן און ביי מיר איז נישטא קיין קאפ מילך. פון וואנען זאל עס זיך נעמען, אז איך דארב און צוויי טעג איז אין מיין מויל קיין לעפל געקעכטס נישט געקומען. שטיא! מאכט ער מיט א גרינג געמיט, לייג מיר ארייין אין קלומעקל א העמד מיט דער שבתדיקער קאפאטע. איך האב פארשטאנען, אז ער קלייבט זיך פארן „אהין" מיט זיין כנופיא, עס גייט דאך א חנוכה. דאס הארץ איז מיר געווען זייער פארביטערט, נעם איך און רוף מיך אן: גזלן איינער! וואס טראכסטו זיך? קוק כאטש אן דיינע קינדער, ווי זיי דארבן, ליידן און דו האסט אין זינען פוס־

טע נאַרישע זאַכן! מילא דאָס ווייב, זאָגסטו, איז אַ גאָרנישט, אַ שטיאַ, אַ יידענע, אַ צויג, אָבער די קינדער, גוואַלד דיינע קינדער! . . . ווי איך האָב עס אים נאָר אויסגערעדט, אַז ער פאַלט עס אויף מיר אָן מיט אַ כעס, מיט אַ געפּילדער: אַזוי, שטיאַ! דו וועסט עס מיך אַזוי זידלען און אָנרופן נאַרישקייטן אַזעלכע הויכע זאַכן, וואָס זענען נישט פאַר דיין ווייבערשן מוח! . . . אַזוי, דו שפלה איינע! בו הייגטיקס מאָל איז אָן עק, איך מוז דיך אויף אייביק, טאַקע אויף אייביק אָוועקוואַרפן, אַז דו זאָלסט בלייבן אַ וויסטע עגונה. נישקשה, איך בין אַ מאַנסביל, און דיך, שפלה, מוז איך אָנלערנען, דו זאָלסט וויסן, וואָס איז אַזוינס אַ יידענע . . . ער האָט זיך נישט געקילט מיט די רייד און מיך נאָך אָנגעהויבן צו קנייפּן. נאָט, זעט, זייט מוחל, ווי ער האָט מיר צעקנופּן די הענט, ברוין און בלוי מיר געמאַכט דאָס לייב! גוואַלד, רבי, ראַטעוועט מיך! לאָז ער מיר געבן גט. איך האָב שוין קיין כוח נישט אויסצוהאַלטן! . . .

— גיי שוין, גיי אַהיים! — זאָגט דער רב מיט אַ ווייכער ציטערדיקער שטימע און די אויגן באַפייכטן זיך אים פאַר רחמנות — איך וועל נאָך היינט שיקן דעם שמש, ער זאָל אים צו מיר ברענגען.

קוים איז דאָס ווייבל אַרויס, קומט די שמשטע אַריין, שאַרנדיק מיט די פאַנטעפעלעך, אָנגעטאָן די יופּע אויף איין אַרבל, מיט אַ ליילעך אונטערן אָרעם.

— גאָט העלף! — מאַכט זי צום רב מיט אַ פרום פּנימל, נאָכדעם ווי זי האָט פריער מיט דער האַנט אַ שמיר געטאָן די מזוזה און אַ קוש געגעבן די פינגער — איך האָב געוואָלט אויף אַ רגע מטריח זיין דעם רבין, מאריך ימים זאָל ער זיין, מיט אַ „שאלת נשים". נאָט איך, רבי, זייט מוחל, דעם ליילעך.

אַז דער רב האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דעם ליילעך, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהויבן ווייטער לייענען:

טו

איסר וואַרגער איז געווען איינער פון די פאַרנעמסטע בעלי־בתים אין צבועטשיק, אַלע האָבן פאַר אים געהאַט דאָס נייך־יאָריקע קדחת און עס האָט מיט איטלעכן געוואָרפן, אַז ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. וואָס טייטש איסר, עפּעס אַ קליינינקייט איסר! איסר אַליין האָט נישט געהאַנדלט, נישט אַריינגעטאָן קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער, און פון דעסט־

וועגן האָט ביי אים אין שטוב תמיד געקאָכט ווי אין אַ קעסל, דער אַריין, יענער אַרויס, קינד און קייט אַלע ביי רב איסרן. מיינט איר אפשר, איסר איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער יחסן? — חלילה! אַפילו נישט קיין קליינער. ער האָט קוים־קוים געקענט דאַוונען און איז געווען, ווי מען זאָגט, „המכה בעברתו", דאָס הייסט, שטומפּיק אויף דער עברי. פונדעסט־וועגן האָט ער געהאַט אַ טלית־און־תפילין־זאַק זייער אַ גרויסן, זייער אַ גראָבן פון עטלעכע בני־פּקועהלעך, אַרומגעלייאַמעוועט מיט רויטע קרייקעס. דאָרט אינעווייניק האָט זיך געפונען אי אַ סידור „דרך חיים" מיט אַלע נוי־טיקע דינים, אי אַ תהילים מיט מעמדות, אי אַ „חוקל" און אַ „שערי־ציון". אַ האַנט צום שרייבן האָט ער געהאַט זייער אַ שווערע, די פּען האָט, ווי אויף צולהכעיס, בשום־אופן נישט געוואָלט ביי אים גיין אין זיינע שליחות: ער האָט זי געשטופּט אַהין און זי איז גאָר פאַרקראָכן קיין בויבעריק, זי האָט געשפּריצט, געמאַכט קלעקן, געקריצט, געדריגעט און זיך געשטעלט דיבאָם. עס האָט אים נעבעך געגנוג מי געקאָסט איטלעכס געשריבן וואָרט, און איי־דער ער האָט ביי איר אַרויסבאַקומען שוואַרץ אויף ווייס זיין חתימה „איסר" זענען אים די אויגן פונעם קאָפּ שיעור נישט אַרויסגעקראָכן און איז פּשוט אָפּגעגאַנגען מיט שוויס. ער פלעגט דערנאָך זיך ווישן דעם שטערן מיט דעם אַרבל פונעם העמד אָדער פון דער קאַפּאָטע און סאָפּען, גלייך ווי ער וואָלט געהאַקט האָלץ. די מעלה אָבער קען מען אויף אים יאָ זאָגן, אַז אין דעם אויסלייגן איז ער נישט געווען, ווי אַנדערע, אַ שטאַרקער מחמיר, איין אות האָט ביי אים נישט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע. שטיי פאָרנט צי הינטן, אָדער שטיי אַפילו גאָר נישט, מאַכט אויך נישט אַזוי אויס, מען וועט זיך אָנשטויסן, נישקשה. און ווען ער פלעגט דריבען אַמאָל עפּעס מסופּק זיין, דאָ איז אים די פּען דווקא בייגעשטאַנען אין די נויטן. זי פלעגט זיך טאָן אַ יאָג, מאַכן אַ צוק מיט אַ קלעק און דערמיט האָט ער שוין געקענט יוצא זיין לכל הדעות. פון זיינע אַלע זאַכן שטעל איך דאָ אייך אַרויס זיין „קוי׳האַך" מיט זיבן גרייזן און זיין עברי־זעצן אין דער הגדה: תרח אַבי, אברהם ואבי, נחור ויעבדו". וועלכעס דערפון וועט אייך בעסער געפעלן, ווייס איך נישט, מיר אָבער זענען ביידע גלייך זייער געפעלן.

מילא דאָס האָט איר איסרס לומדות, און וואָס אָנבאַלאַנגט זיין יחוס, איז נישט געווען מיט וואָס זיך איבערצונעמען. ער האָט נישט געשטאַמט פון דער גילדענער פּאָן און האָט אין דער יוגנט קיין פּלעצלעך מיט פּוטער נישט געגעסן. דער אמת טאָקע איז, אַזוי ווי איך בין עס שפּעטער דער־גאַנגען — ער איז געווען אַ קליין מענטשעלע און דערמיט האָט ער אַ ים

בעסער געמאַכט ווי אַן אַנדערער מיט זיין תורה אָדער מיט זיין סחורה. ביי דעם צבועטשיצער גביר איז ער באמת טאַקע געווען גאָר די נשמה, נאָר עפּעס — איסר, הכלל, איסר, איסר, נאָר איסר! איסר איז געווען זיין נשמה, זיין פוס, זיין האַנט, זיין אַלץ מיט אַנאַנדער, און דורכדעם ממילא אַ גרויסער חשוב, דער גאַנצער כּל־וֹלך אין דער שטאָט.

אָט פון דעם רב איסרן האָב איך אַ סך זאַכן מיך אויסגעלערנט. ער, טאַקע נאָר ער, איז מיין אמתער רבי. ער האָט מיר געעפנט די אויגן; ער האָט מיר אין דעם מויל אַ פינגער אַריינגעלייגט און מיר געגעבן צו פאַרשטיין זייער פיל זאַכן, וואָס גייען אין דער וועלט פאָר, מיר פאַרענטפערט האַרבע קשיות, דערקלערט גוזמות, רעטענישן ביי אונדז אין דער פירונג; ער האָט מיך געשטעלט אויף אַ שטייגער, מיך אויסגעריבן, אויסגעשליפן און געמאַכט פון מיר אַ כלי. קורץ, ער האָט מיר געוויזן אַ וועג און אַנטפּלעקט דעם סוד, ווי צו ווערן אַ קליין מענטשעלע.

דאָס לייענען ווערט דאָ ווידער איבערגעריסן. די רביצין קומט אַריין, האַלטנדיק אין איין רעדן, און טוט זיך אַ שטעל גלייך אַקעגן דעם רב.

— נישט אויסצוהאַלטן — זאָגט זי עפּעס ווי אַביסל בייזלעך — אַ פּורלע שטוב, אָן עין־הרע, אַלע: וואו איז דער רב? דער רב, זאָג איך, איז אַצינד פאַרנומען. עס העלפט נישט. צום רב! ווער איז דען דאָרט נישטאָ? די נעכטיקע צוויי יידן פון דער דין־תורה — דאָ! דער בעדער — דאָ! פאַרריכט אים שטאָט נישט, שרייט ער, די באָד, הייצט ער מער נישט. איז אויס שכירות דעם רב. די קצבים מיט אַ נייעם לונג־און־לעבער — אויך דאָ! דער משולח פון רב מאיר בעל־הנס, דער פון ישיבה, יענער פון די נשרפים און די עגונה מיט די דריי קינדערלעך — אַלע אַלע דאָ! עס העלפט נישט קיין רייד, דער רב אַליין מוז צו זיי אַרויסגיין. איך וויל מיך אַפילו זיי מער נישט ווייזן.

דער רב הייבט זיך אויף פונעם אָרט, בעטנדיק דעם עולם, מוחל זיין אַ ווײַלע, אויף אים וואַרטן.

— אָ, רב מענדעלע! וואָס מאַכט איר גוטס? — ווענדט זיך צו מיר די רביצין, נאָכדעם אַז דער רב איז אַרויסגעגאַנגען — שוין אַ לאַנגע צייט טאַקע, רב מענדעלע, זענט איר הי ביי אונדז נישט געווען. האָט איר אונדז, ווייבער, עפּעס געבראַכט נייע ספרים?

— פאַר ווייבער ספרים! — טוט אַ שמייכל איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פאַרקרימטע עסיק־זויערע צורה.

— די מאַנסבילן מיינען, אַז נאָר פון זייערט־וועגן באַדאַרף מען דרוקן

ספרים — רופט זיך אָן מיט פּאַרדרוס די רביצין — אַלצדינג פון זייערט־וועגן. ווייבער האָבן גאָר קיין נשמה נישט, זענען גאָר קיין מענטשן נישט און באַדאַרפן אויף דער וועלט קיין זאַך נישט האָבן. גענוג פאַר זיי אי דאָס וואָס זיי לעבן, וואָס זיי טראָגן, וואָס זיי האָבן קינדער און האָדעווען זיי, וואָס זיי קאָכן וואַרמעס, היטן־אָפּ די מאַנען און ווערן פאַרשוואַרצט.

— געגלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס מען זעט זיך געזונט — ענט־פער איך — נישקשה, רביצין איך האָב אין אייך נישט פאַרגעסן. איך האָב אייך געבראַכט אַ „תחינת ארץ־ישראל״, גאָר אַ שפּאָגל־נייע. זעט איר, רביצין קרוין, איר באַשולדיקט אומזיסט די מאַנספאַרשוינען, מען האָט אייך, כ׳לעבן, אויך אין זינען. קומט, זייט מוחל, און באַטראַכט די תחינות, וואָס מען מאַכט פאַר אייך אָן. וואָס ווילט איר האָבן? מיר דאַכט זיך, מען האָט שוין גענוג, איבערגענוג אייך, ווייבער, אָנגעמאַכט . . . נישט דאָס בין איך אויסן.

— איי־איי, רביצין! — כאַפּט זיך אָן אַ נגיד מיט אַ זיס שמייכעלע — איר ווילט, כ׳לעבן, מאַכן אַ מרידה אונטער די ווייבער! הערנדיק אייך, וועלן דאָך אונדזערע ווייבער פאַררייסן די נעז, אָנהויבן פאָדערן עפּעס גאָר נייע זאַכן און אונדז נאָך חלילה וועלן גטן! נאָר איך פרעג אייך, רביצין, אַז ס׳איז שוין יאָ געקומען צו רייד, זאָגט־זשע, זאָלט איר מיר געזונט זיין, פאַר וואָס־זשע האָט פאַרט שלמה המלך אָנגעשריבן, אַז אַפילו אונטער טויזנט ווייבער האָט ער נישט געפונען אי איינע אַ רעכטע?

— טאַקע דעריבער האָט ער נישט געפונען — איז די רביצין אַרויס מיט אַ תירוץ — ווייל ער האָט געהאַט, מחילה, טויזנט ווייבער. מאַנסבילן, וואָס זוכן צו האָבן אַ סך ווייבער, קענען טאַקע איינע אַ רעכטע אויך נישט האָבן. זאָגט מיר, איר וואָלט אויף זייער שטעלע בעסער געווען, מאַנס־בילן? . . .

— נאָר פאַר וואָס אָבער — האָט נאָך איינער זיך אָנגערופן — שטייט אין אונדזערע ספרים, אַז די גאַנצע חכמה פון אַ אשה באַשטייט אינגאַנצן נאָר אין דעם שפּינדל?

— ס׳איז דעריבער — ענטפערט די רביצין — ווייל דאָס האָט אָנ־געשריבן אַ מאַנסביל. אוודאי זענט איר די חכמים, אַז איר, מאַנסבילן, גע־וועלטיקט און האַלט די ווייבער נעבעך אין אייערע הענט! דער שטאַרקער בלייבט תמיד דער קלוגער, דער גערעכטער, ווי זאָגט מען עפּעס: דער מלאך־המות שעכט און בלייבט גערעכט. נאָר ווערטלעך אין דער זייט. איך פרעג אייך נישט מער, ווי קענט איר אונדז אָפּפּסקענען אַזעלכעס, וואָס מיר

ווייסן און וואָס מיר זעען מיט אונדזערע אויגן, אַז ס׳איז נישט אַזוי! ווייניק ווייבער נביאות אי חכמות זענען ביי אונדז יידן געווען אַמאָל אין די אַלטע צייטן, און ווייניק ווייבער חכמות, בריות, זענען דאָ ביי אונדז אויך היינטיקע צייטן, וואָס שטייען אַ סך העכער פון אַנדערע מאַנסבילן? מיר דאַכט זיך, אַז טאַקע דאָ, ביי אונדז, אין דער שטאָט, קען מען אויפציילן פיל ווייבער, וואָס נאָר זייער בריהשקייט און חכמה אַליין האָבן די מאַנען צו פאַרדאַנקען אַלצדינג, זייער כבוד אי זייער עשירות. ווען נישט די ווייבער זייערע, וואָלט פון זיי גאָרנישט געוואָרן. פונדעסטוועגן זאָל אויסקומען אַ מאָל עפּעס ביי אַ שטאָט־זאַך, אָדער ביי עפּעס אַן אַנדערן וויכטיקן ענין, ווייסט מען נישט מער ווי די דאָזיקע בעלי־הבתים, וואָס טויגן נישט, מחילה, אַ קאַץ אַן עק צובינדן. ווייבער זענען פאַררעכנט ווי גאָרנישט, די דעה האָבן נאָר בעלי־הבתים. אַלץ בעלי־הבתים, אויף אסיפות — בעלי־הבתים, אין שול — בעלי־הבתים, אַפילו אין מרחץ אַריין, מחילה, רופט מען אויך נאָר בעלי־הבתים — בעלי־הבתים אין באָד אַריין!...

— עפּעס זענט איר מיר היינט, רביצין, זייער אויפגעבראַכט — האָט דער נגיד ווייטער זיך אָנגערופן — עפּעס רעדט איר מיט פאַרדראָס, ס׳איז אייך, הפנים, עפּעס נישט גוט אויפן האַרצן און איר לאָזט אויס אייער כעס צו די מאַנסבילן, נעבעך!

— וואָס זאָל איך טאָן? — ענטפערט די רביצין מיט אַ זיפץ טיף פון־נעם האַרצן — אַז ווען עס קומט צו רייד פון אונדז, ווייבער, און איך באַטראַכט אונדזער פינצטערע, ביטערע לאַגע, קאָכט זיך טאַקע אין מיר איבער דאָס בלוט.

— נאַט, רביצין! — כאַפּ איך מיך אונטער און גיב דער רביצין אַ תחינות, איין איינציקע רפואה צו הערצער פול מיט מכות, מיט וואונדן; תחינה איז פאַר אייך גוט. פאַר אייך, רביצין, איז טאַקע, כ׳לעבן, גוט די תחינה...

— אמת טאַקע, רב מענדעלע! — האָט די רביצין זיך אָנגערופן צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ — פאַר אונדז, בידנע ווייבער, איז טאַקע נאָר גוט תחינות, איין איינציקע רפואה צו הערצער פול מיט מכות, מיט וואונדן; אייך־איינציק מיטל אויסצעווייינען זיך כאָטש אַ מאָל און אויסצעגיסן דאָס שווער ביטער געמיט אין הייסע וואַרעמע קוואַלן טרערן... ס׳איז נאָר אַ ווייטיק, אַ צעזעצעניש, ווי די מאַנסבילן, וואָס פאַרשטייען נישט און ווילן גאָר נישט פאַרשטיין אונדזער האַרץ, ווי זיי לאַכן, שפּאָטן פון די ווייבערשע תחינות און פאַרגינען אונדז נישט אויך די דאָזיקע איינציקע רפואה. זיי

זאָלן זיצן אַמאָל אין דער ווייבערשער שול, אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, און צוזען דאָרט ווי אַ סך אומגליקלעכע ווייבער, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגע־ריסן פון דער היים: די מיט אַ פינצטערע דאָליע פון איר מאַן, יענע אַ וויסטע עגונה, איינע מיט אַ שווער טראָגן, די אַנדערע מיט אַ פאַרביטערט געמיט פון אירס אַ זייגנדיקס, קראַנק קינד, וואָס לאָזט זי דורך די נעכט נישט שלאָפן און פאַרמאַטערט זי נעבעך, די מיט געשוואָלענע, אָפּגעבריטע העגט פונעם שטיין ביים אויוון און יענע מיט אַ פאַרזאָרגט, אויסגעבלייכט פנים פון דער שווערער פאַנשטשענע, פונעם שטענדיקן גיין אין יאָך, — ווי די דאָזיקע אַלע פאַראומערטע דערשלאָגענע נעבעך שטייען אַרום דער זאָ־גערין דאָרט, יאָמערן, קלאָגן מיט אויפגעהויבענע אויגן צום באַרמהאַרצנ־דיקן, געטרייען פאָטער אין הימל, באַוואַשן זיך מיט טרערן און וויינען פון זיך אַרויס די נשמה — ווען זיי, די מאַנסבילן זאָלן עס באַטראַכטן און צו־זען מיט זייערע אייגענע אויגן, וואָלט, כ׳לעבן, זיי זיך נישט געעפנט דאָס מויל צו שפּעטן פון די ווייבערשע תחינות . . . אַ דאַנק אייך, רב מענדע־לע, וואָס איר האָט אין מיר נישט פאַרגעסן. איך וועל אייך באַלד אַריינ־שיקן פאַר דער תחינה — אַזוי האָט די רביצין אַ זאָג געטאָן צום סוף, ווענדנדיק זיך צו מיר, און איז שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען.

אַלע מענטשן אין דעם שטיבל זענען געבליבן שטיל, ווי דאָס לשון האָט זיי אָפּגענומען. די רביצין מיט אירע רייד האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן עפּעס אַ מרה־שחורה. איך בין מיר געזעסן אומעטיק אין אַ ווינקל און צעקייט דער רביצינס איטלעכס וואָרט. אירע ווערטער זענען געווען אָנגעזאָפּט ווי אַ שוואָם מיט שאַרפע, ביטערע געפילן, האָבן מיך געשטאָכן, געצופּט און אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, וואָס מער איך האָב זיי געקייעט. מיר איז דענסט־מאָל געווען צו מוט עפּעס גלייך ווי מען וואָלט פאַר מיינע אויגן געפּאָל־מעסט אַ לעבעדיקן מענטשן, אַרויסגענומען דאָס וואַרעמע, נאָך צאַפּלענדיקע האַרץ, עס געעפנט, געשניטן אַריינצוקוקן און זען אַלצדינג, וואָס דאָרט אי־נעווייניק גייט פאָר. איך בין זיך מודה, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען, ערנסט צו באַטראַכטן די שפלע לאַגע פון די ווייִ־בער, צו פאַרשטיין זייער האַרץ, און צו האָבן אויף זיי רחמנות. עפּעס גאָר טאַקע אַזוי, רעכן איך, מוז זיך פילן אַ גוי, אַ גוטער געלערנטער גוי, אַז ער הייבט אָן צו באַטראַכטן די לאַגע פון יידן, צו שעצן זייער ווערט און זיי צו באַדויערן פאַר די צרות, וואָס זיי, שלאָפינקע, שטייען־אויס פון די אומות־העולם — די שטאַרקע בעלי־הבתים זייערע . . .

דער עולם אין שטיבל הייבט זיך אָן צו רירן און איך שלאָג מיך אַרויס פון די געדאַנקען.

— וואָס זיפצט איר אַזוי, רב חנא ? — האָט איין נגיד זיך אָנגערופן און אַליין אויך עפּעס ווי אַ קרעכץ געטאָן.

— עט, רב בעריש — האָט חנא געמאַכט מיט אַ קנייטשל — איך ווייס, כ׳לעבן, נישט, וואָס יצחק־אברהם וויל האָבן מיט זיין מעשה. עפּעס קומט דאָ פאַר אַזעלכע ווערטער, וואָס פּאַסן כלל נישט פאַר אים. וואָס זאָגט איר, רב בעריש, צו די שטעכווערטלעך ? איר זענט אַ מבין, וואוהין זיי דערלאַנגען ? ווער ווייסט ביז וואַנען דאָס לייענען וועט נאָך געדויערן. איך האָב היינט אסור נישט קיין צייט. איך זיץ דאָ ווי אויף שפּילקעס.

— איך זיץ אויך, כ׳לעבן, ווי אויף שפּילקעס — האָט רב בעריש גע־ ענטפערט — אויב איך בין אַ מבין, רב חנא ! . . . פע, פע ! איך וואָלט מיך אַזוינס פון יצחק־אברהמען, קיינמאָל נישט געריכט ! ער איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין נאַרישער מענטש און פאַרשטאַנען אַן עסק . . . אפשר וואָלט אַ סברה געווען, מיר זאָלן איצט טאַקע אַוועקגיין. מיר זענען דאָך באַשעפטיקטע מענטשן. אַט, כ׳לעבן, פאָלגט מיך, לאָמיר אַוועקגיין.

— חלילה, חלילה ! — האָבן זיך עטלעכע נגידים אָנגערופן — עס וועט אויסזען, אַז מיר האָבן זיך געפונען געטראָפן. אדרבה, דווקא זיצן און אויסהערן ביז אין סוף אַריין. דאָס בעסטע איז זיך נישט־וויסנדיק מאַכן.

רב חנא האָט ווייטער אַ זיפץ געטאָן און רב בעריש האָט מיט דער האַנט זיך אָנגענומען ביי דער נאָז און געברומט עפּעס אונטער זיך, ווי איי־ נער, וואָס איז שטאַרק ברוגז.

— אַ, גוט־מאָרגן, גוט־מאָרגן ! — זאָגט רב פייוויש אַריינקומענדיק אין שטיבל זייער פריילעך, בגילופין, און דאָס פּנים פלאַמט אים, ווי ביי איינעם, וואָס איז אַביסל פאַרלעקט — איך בין ביז איצט טרוד געווען און נישט געקענט מיך אויסרייסן אַהער. וואָס איז די מעשה ? — האָט ער גע־ מאַכט אַ קוק געבנדיק אויף די נגידים — וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי אָר־ מעטיק ?

— וואָס איז די מעשה, רבי פייוויש, וואָס איר זענט אַזוי פריילעך ? — פרעגן אים די נגידים. כלומרשט פאַרשטייען זיי נישט, וואָס איז די מעשה, אַז ער האָט אין חברה־קדישא געכאַפּט אַ לעק.

— מען האָט שוין, אַפּנים, דערווייל אָפּגעלייענט אָן מיר — זאָגט רב פייוויש — אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס איך האָב נישט געהערט. עס האָט גע־ מוזט זיין זייער שיין.

— אַזאַ יאָר זאָלט איר האָבן —ברומט רב פּייוויש שטיל אונטער דער נאָז.

— נישקשה, רב פּייוויש, ס'איז פּאַר אייך, מיין איך, נאָך אויך גע־נוג איבערגעבליבן — טרייסט אים מיט אַ ביטער שמייכעלע איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פּאַרקרימטע, עסיק־זויערע צורה.

— אַ, גוט־מאָרגן, רבי! — זאָגט רב פּייוויש יום־טובדיק צום רב, וואָס איז צוגעקומען צום טיש — זייט מיר מוחל, רבי, וואָס איך האָב מיך פאַר־שפּעטיקט. ביז אַציִנד בין איך פאַרטראָגן געווען אַלץ וועגן יצחק־אברהמען. חברה האָט ערשט למזל זיך אויסגעגלייכט וועגן דעם קבורה־געלט. ביידע צדדים האָבן אַביסל זיך איינגעשפּאַרט, פאַרעקשנט. חברה איז אָבער גע־ווען גערעכט און האָט טאַקע אויסגעפירט. פון וועמען דען זאָל חברה אָפּ־לעקן אַ ביינדל, אַז נישט פון אַזאַ פעטן בר־מינן? — אַ שאָד, כ'לעבן, רבי, וואָס איר האָט דערוויילט געלייענט און איך האָב נישט געהערט. אָ־וואָ, אָ־וואָ! אַזאַ מעשה, כ'לעבן, מעג מען הערן — מתוק מדבש! פּשוט מחיה געווען האָב איך מיך נעכטן הערנדיק זי פון אייער כשרן מויל. דער סוף מוז זיין גאָר אַן אַנטיק. אַ שאָד, כ'לעבן, אַביסל פאַרשפּעטיקט, אָ־וואָ.

— אַוודאי, רב פּייוויש — רופט זיך אָן דער רב, זעצנדיק זיך אויף זיין שטול — אוודאי האָבן מיר דערוויילט אָן אייך היפּש אָפּגעלייענט. נאָר ניש־קשה, ס'איז נאָך געבליבן שיריים. אָט וועל איך מיך טאַקע נעמען לייענען ביז אין דעם סוף אַריין.

טז

דער רב האָט נישט געמאַכט לאַנג קיין שיהות און אָנגעהויבן ווייטער לייענען אַזוי:

בטבע איז איסר געווען אַ פאַרביסענער, זייער אַ באַהאַלטענער מענטש, מען האָט ביי אים קיינמאָל נישט געקענט וויסן דאָס מינדסטע, וואָס ער דענקט און ווי מען האַלט מיט אים. וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער נישט גערעדט, און וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער נישט געמיינט. אַפילו דאָס ווייב זיינס האָט ביי אים גאָרנישט געוואוסט, ער האָט פון איר און פון זיי־נע קינדער זיך געהאַלטן תמיד ווייט. אַלע אין שטוב האָבן פאַר אים גע־האַט דרך־ארץ — ער האָט נישט גערעדט, נישט געטענהט קיין סך און קוים האָט ער עפּעס אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט עס געמוזט באַשאַפן ווערן, טאַקע גיך אין דער הייסער רגע. זיין פּנים איז שטענדיק, אין אַלע צייטן

און אין אַלע אומשטענדן, געווען אַלץ איינס: תמיד ערנסט און ווי עפּעס פאַרטראַכט. קיין הויך געלעכטער האָט מען פון אים קיינמאָל נישט גע־הערט. זעלטן־זעלטן נאָר פלעגט ער מיט אַ פאַרמאַכט מויל טאָן עפּעס אַ שמייכל, נאָר דאָס זויערע שמייכל איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ ציִ מיט איין זייט פון די דינע ליפּן. דער איבעריקער טייל פּנים האָט דערפון אַפילו נישט געהאַט קיין רמז דרמיזא, איז געבליבן אייז־קאַלט, די אויגן גלעזערנע, אַזוי ווי פריער.

אַ גוטן ברודער אָבער האָט איסר געהאַט, אין וועלכן ער האָט געקלעפּט מיט לייב און לעבן. מיט אים איז ער שוין געווען באַרעדעוודיק, זיך נישט פאַרשטעלט אויף קיין האָר. מיט אים האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענגען אָפט די צייט ביי אַ גלעזל וויין, און אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס. מיט אים איז איסר עפּעס ווי איבערגעביטן געוואָרן און איז געווען גאָר נישט דער איסר. פאַר אים איז געווען זיין האַרץ אָפן אויף ביידע טויערן און ער, דער גוטער ברודער זיינער, האָט אַהין געקענט אַלע צייט פראַנק און פריי אַריינ־גיין, איבערלייענען דאָרט און וויסן איסרס אַלע סודות. ווער שמועסט, אַז איסר איז נאָך געווען אַ קאָפּ פאַרלעקט, דענסטמאָל פלעגט ער שוין גאָר אַוועקנעמען די האַנט פונעם האַרצן און וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג. ער פלעגט געוויינטלעך מיט זיין גוטן ברודער זיך פאַרקלייבן צו זיך אין צימער, גאַנץ אָפּגעזונדערט, אַוועקשמועסן און אויסרעדן זיך פריי דאָס האַרץ. פאַר מיר אָבער איז עס קיין סוד נישט געווען. איך האָב שוין לאַנג באַקומען די נאַטור, צו שטיין אונטער דער טיר און זיך צוהערן צו דעם, וואָס מען רעדט.

איך וויל דאָ אייך איבערגעבן אַ מקצת פון איסרס שמועסן מיט זיין גוטן ברודער, צו וועלכן איך האָב מיך אונטערגעהערט, וואָס דאָס וועט אייך אַביסל כאָטש דערקלערן איסרס גאַנג, איסרס שיטה אין דעם לעבן און איסרס בליק אויף דער וועלט, אין וועלכן איך האָב אייזנפעסט מיך געהאַלטן.

— הער נאָר אויס, גוטער ברודער! — האָט איסר וואָרגער זיך אָנגע־רופן איינמאָל, אַז ער איז געקומען מיט זיין גוטן ברודער עפּעס פריילעך, אַביסל פאַרקנאַקט, און מיט אים זיך אָנידערגעזעצט ביי זיך אין דעם באַזונ־דערן צימער. — הער נאָר, דו, טיפּש איינער! איך זאָג דיר, אַז אַזאַ טייער, אַזאַ גוט פאָלק, ווי יידן זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. טאַקע זייער אַ גוט פאָלק, אַ גאָלדנס, בנאמונות, מען קען פון זיי האָבן — אַ גראָשן . . .

— זאָג בעסער, איסר, אַ נאַריש פאָלק, ס'איז נאָך אַזעלכע נאַראָנים

ווי יידן אויף דער גאַנצער וועלט גאָר נישטאָ!

— גערעכט, גוטער ברודער! וואָס אמת איז טאַקע אמת. ס'איז נאָך אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ נוצלעך, אַזאַ גאָלדן, אַזאַ נאַריש פאָלק ווי אונדזע־רע אתה־בחרתנוקעס, גאָר נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

— וואָס האָסטו עפּעס אַזוי זיך צערעדט, איסר, אין די שבחים פון כנסת־ישראל? געגנוג גערעדט! דערציייל נאָר בעסער, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן דער סוף פון דער היינטיקער אסיפה?

— וואָס פאַר אַן אסיפה?! וואָס פּלוידערסטו מיר עפּעס, גוטער ברודער?

— רעד דיבורים, איסר! וואָס הייסט, דו האָסט פאַרגעסן די אסיפה, היינטיקע אסיפה מכוח דעם פליייש?

— ווייס איך פון וואָס דו רעדסט, טיפּש איינער! אַ וויכטיקע זאַך אַביסל די אסיפה! זי האָט געהאַט אַזאַ ממשות, מ'שטיינס־געזאָגט, ווי אַלע אַנדערע זייערע אסיפות. כע־כע, יידישע אסיפות!... דו האָסט באַדאַרפט שטיין דאָרט און זען עפּעס שיינס. אַריינקומענדיק אַהינצו, האָב איך געטראָפן אַ גערודער. דער עולם האָט געזוזשעט, געזוזשעט סכנות, ווי די פליגן! איך האָב מיך מיישב געווען, וואָס וועל איך דאָ מיך שטעלן אַ ים ברייען מיט דעם גאַנצן פעקל שוטים, און נישט לאַנג געטראַכט טו איך אַ זאָג גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין: מה רעש, אַז מער מיט עטלעכע גראָשן? ס'איז נאָך נישט גאָר אַזאַ אומגליק. גלויבט מיר, יידן, אַ סך אַ גרעסערער אומגליק קען זיין, אַז דער בעל־טאַקסע וועט אין כעס ווערן און חלילה זיך וועלן אָפּזאָגן! גלויבט מיר יידן, ס'איז אַזוי. — טאָמער מיינ־סטו, איך האָב געוואוסט וואָס איך רעד, פאַר וואָס ס'איז אַזוי? אסור! נו, האָסטו באַדאַרפט זען, ווי עטלעכע שיינע בעלי־הבתים, וואָס האַלטן זיך פאַר קלוגע, געניטע מענטשן, האָבן געמאַכט ערנסטע פּנימלעך, זיך געענר־מען פאַר די בערדלעך און מיט אַ נאַריש קנייטשל זיך אָנגערופן: טאַקע אמת, ס'איז אַזוי. מען האָט גאָר נישט צו רעדן, אַזוי, ס'איז געוויס אַזוי... דער איבעריקער עולם האָט אָקעגן דעם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, גלייך ווי אַקעגן אַ געוויסער, שוין אַן אויסגעמאַכטער זאַך, און זענען אַלע כמעט ווי געבליבן עפּעס ווי דערוואָרגן. עמיצער זאָל עס זיך באַרעכענען, כאָטש זיך אַליין פרעגן: פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? איינער נאָר, עפּעס אַ שייגעץ, אַ ממזור בן־הנידה, אויף וועלכן איך האָב שוין פון לאַנג אַן אויג, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן און אַלץ געטענהט: ס'איז גאָר נישט אַזאַ אומגליק, אדרבה, אדרבה... איז דען אַ בעל־טאַקסע מסיני? נישקשה,

אָן אַ בעל־טאַקסע קענען מענטשן אויף דער וועלט אויך לעבן. נאָר די קלו־גע, געניטע בעלי־הבתים, וואָס פאַרשטייען אַן עסק, האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ ייִנגל, נישט קיין געניטן מענטשן, מיט וועמען ס'איז גאָר נישט כדאַי צו רעדן, און האָבן אים אַפילו נישט מזכה געווען מיט אַ וואָרט. פונ־דעסטוועגן, הערסטו, וויל איך דעם דאָזיקן שייגעץ פאַרזאָרגן, דו וועסט מיר, גוטער ברודער, אויף אים אָנשרייבן אַ שיר־המעלה, צולייגן אים אַ גוט קנייטל, עס זאָל רייסן, גוט אָנרייסן . . . דו ווייסט דאָך, איך האָב דערצו אַ שווערע האַנט.

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט, טיפּש איינער! ס'איז דען נאָך אַזאַ רעכט. לאָמיך שוין נאָר דערלעבן הערן, מיט וואָס די אסיפה האָט היינט זיך אויסגעלאָזן.

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט, טפּש איינער! ס'איז דען נאָך אַזאַ גוט, גאָלדן פאָלק ווי יידן ערגעץ דאָ? מען האָט אַלצדינג נאָכגעגעבן, אַרויפגעצויגן נאָך עטלעכע גראָשן, מער נאָך, וויפיל מיר האָבן אַליין זיך געוואונטשן, און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען שטאַרק צופרידן. איך בין, טיפּש איינער, אוודאי צופרידן . . .

— אוודאי, איסר, מעגסטו צופרידן זיין, אָבער . . .

— וואָס אָבער? — טיפּש איינער! וואָס אָבער? אָבער אַ רחמנות! ווילסטו אפשר זאָגן? האַ, אַ רחמנות אויף אַ שטאָט אָרעמע לייט! גיי שוין גיי, נאַרעלע איינער, מיט דיין נאַרישן פוסטן וואָרט רחמנות! רחמנות, זאָג איך דיר, האָבן אויסגעטראַכט נאָר שלאָפע, שלימזלניקעס, שאָף, וואָס ווייל זיי פילן זייער שלאַפקייט, אַז זיי זענען טויגעניכטסן, אָן כוח, אָן בריהשקייט צו דערלאַנגען זייער וואונטש, צונעמען אַלצדינג וואָס זיי פאַר־לאַנגען; פילן, אַז זיי פעלן אי נעגל, אי ציין, זיך צו ראַנגלען און ווערן, — דעריבער האָבן זיי, אָט־די שאָף, אויסגעטראַכט דאָס וואָרט רחמנות, עס גענומען פאַר אַ כלי־זין, צו שרייען, מוסרן, בעטן רחמים, מאַכן רחמנות־פּנימלעך, און מייִנען דערמיט צו פועלן . . . ס'איז אָבער שווינדל, גוטער ברודער, לויטער שווינדל! מען פאַרשטייט, נישקשה, אַזעלכע אָנשטעלן. מען פאַרשטייט, פאַרשטייט אַזאַ מוסר מיט אַזעלכע מוסר־זאָגער . . . איך בין שוין, ברודער, אַן אָנגעלערנטער, אַן אויסגערייכערט ליולקעלע, אַ שטיקל מבין, ברוך־השם, אין דעם סדר־העולם, כאָטשע נישט אַזאַ גרויסער למדן. מען ברויכט גאָר דערצו נישט קיין גרויסע לומדות, גענוג, כ'לעבן, נאָר אַ גלייכן שכל, אַ שטיקל תפיסה, קען מען שוין תופס זיין, אין וואָס די גאַנ־צע וועלט באַשטייט. זי באַשטייט פון צוויי צדדים: פון שטאַרקע און פון

שלאַפּע, פון וועלף, חיות־רעות און פון שאָף, בהמות טהורות — די נעמען און יענע גיבן דאָס הייטל. אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. בייט איבער די יוצרות, וועט אויסקומען פונקט דאָס אייגענע. לאָז דער שלאַפּער, אַ שטייגער, נאָר באַקומען כוח, כע־כע! שווימט ער אַרויף פון אויבן, ווערט ער דער פּריץ און צעפּירט זיך די הענטלעך; לאָז דאָס שעפּעלע דערטאַפּן נעגל און ציין, וועט עס שטאַרק קראַצן, שאַרפן די ציין און אַראָפּציען די הויט. פּרוּאוו, אַשטייגער, איינעם פון די רחמנות־שרייער, פון יענע שלימ־מזלניקעס און מוסר־זאָגער, פּרוּאוו זיי געבן עפּעס אַ התמנות אין קהל, אויף אַן אַנדערנס אַ שטעלע, אַבי ער וועט נאָר דערשמעקן זיין כוח, אַז ער האַלט די בייטש, הייבט ער שוין אָן צו שמייסן און צו געוועלטיקן ביד רמה. נעם איינעם אַ נעבעכל און גיב די טאַקסע אים איבער, הייבט ער דאָס אייגענע טאַקע אָן, לערנען בלק מיט דעם עולם — צופּן, רייסן און אַרויסציען די קליי פון די ביינער. „בי דאַי באָך איז איוואַנאַ פּאַנאַ!" איז דאָ אַ ווערטל. זייער אַ גלייך, אמתדיק ווערטל! משוגע צי חסר־דעה האָט „פּאַן" באַדאַרפט זיין איוואַנען איבערגעבן די בייטש. בלייב דיר ביי דיין רחמנות־פּנימל, דו גוטע כשרע נשמה, דו פרום שעפּעלע, זאָג דיר מוסר, זידל, שריי וויפיל דו ווילסט, פון דיינע נעגל און ציין, ווען דו זאָלסט זיי נאָר באַקומען, וואָלט, כ׳לעבן, טויזנטער מאָל נאָך ערגער געווען!...

— חלילה, איסר, וואָס פאַלט דיר איין?, איך מיין גאָר נישט קיין רחמנות. נאַט אייך גאָר רחמנות! עפּעס אַנדערש גאָר מיין איך. דו, איסר, זאָג איך, מעגסט אוודאי זיין צופרידן. מהיכא תיתי. אָבער איך, איך!...

— רעד־זשע, טיפּש איינער, ווערטער!... אַזוזזוי! דו ווילסט אויך צופרידן זיין? גיי־זשע, זיי מוחל, צו אַלדי שוואַרצע יאָר אַהין... שטעק אַריין די לאַפּע, וועסטו אויך כאַפּן אַ לעק. ביסט נישט קראַנק, כ׳לעבן, אַליין צו באַשטיין דיין שטעטל. דער רוח, נישקשה, האָט דיך אויך נישט גענומען. מאָרגן, ברודער, גייט אַ נייע סדרה פון זייער פיל קהלשע ענינים, מען וועט מוזן, פאַרשטייסט, אַביסל צוקנעלן. היינטיקע וואָך גייט ביי אונדז תרומה. ווען, זאָגסטו, טיפּש איינער, ווען האָבן מיר פּרשה שקלים?

ווידער אַ מאָל אין אַ שמועס מיט זיין גוטן ברודער, זיצנדיק מיט אים אין שטיבל ביי אַ גלעזל וויין, שטאַרק אויפגעראַמט, האָט איסרן זיך געעפנט אַ מויל און אָנגעהויבן צו רעדן אַזוי:

— זייער קלוג, טיפּש איינער, האָסטו געטאָן, וואָס דו ביסט אַצינד געקומען, איך גיי אַרום מיט אַ פול האַרץ מחשבות, ווי אַ קו מיט פולע איי־

טער, עס בורטשעט אין מיר, בורטשעט און קען מער זיך נישט איינהאַלטן. איך מוז שטילערהייט אַמאָל כאַטש דאָס האַרץ אָפּריידן. אַזוי פיל הערן און זען ווי איך און שטענדיק שווייגן, טראָגן אין זיך, איז איבער אַלע מענטשלעכע כוחות. זאָל איך נישט האָבן, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, אַזאַ שווע־רע האַנט, וואָלט איך אויף פּאַפּיר מיך אַמאָל אויסגעגאָסן און אָנגעשריבן אַ שיין „טריאַטער”, כ׳לעבן . . . פּאַסמאַקעווע נאָר דעם ווײַן, ברודער האַ, וואָס זאָגסטו אויף אים ? דאָס האָב איך היינט באַקומען אַ מתנה פּאַר עפּעס אַ געשעפטל.

— זייער אַ גוט גלעזל ווײַן, איסר . . . פּאַר אַ געשעפטל, זאָגסטו, וואָס איז דאָס געווען פּאַר אַ געשעפטל ?

— עט, אַ געשעפטל ! לעמילס עפּעס אַ משפּט. לעמיל, דער שוטה, האָט מיך שוין לאַנג געבעטן, איך זאָל אים דרינגען אַ טובה טאָן, גלייך ווי איך וואָלט געווען אין „סוד” דער גאַנצער טוער. די נאַראָנים ביי אונדז אין שטאָט מיינען, אַז אַלצדינג איז אָנבאַלאַנגט אין מיר, אַבי איך וויל נאָר, קען איך העלפן. באשר עטלעכע שרייבערלעך עסן ביי מיר אַמאָל שבת פיש, ווייל די נשמה גייט זיי אויס נאָך יידישע פיש, מיינען שוין אונדזערע נאַ־ראָנים, אַז איך בין מיט אַלע דאָרט פון גרויס ביז קליין איין לעבן. ביים פּראָקוראָר פישש, אַ כל־ולך ! מיט דעם פּאָליצמייסטער אויסגעקאָכט — ברידער ! אַלצדינג געוועבדט זיך אין מיר. נאָר זאָל זיין אַזוי, טיפּש איי־נער. זאָלן זיי, די נאַראָנים, טאַקע אַזוי זיך מיינען און מיך קומען אַלץ בעטן טובות. ביי מיר איז פּאַר זיי תמיד איין ענטפער : מיר וועלן זען, מיר וועלן זען ! מיט אַ ממה־נפשך, פאַרשטייסטו, זאָג איך עס — שפּילט יענער אויס, הייסט עס : איך, איסר, האָב געזען, כאַטש איך האָב אַזוי פיל געזען, ווי איך זע מיינע אויערן, און נעם דערפאַר אַראָפּ פון אויבן אַ מנה יפה. איי וואָס, יענער פאַרשפּילט, פאַרליר איך דאָך נישט מיין ווערט, מיינע תקיפות. יענער דענקט זיך אַזוי : איך האָב פאַרשפּילט נאָר ווייל רב איסר האָט נישט געוואָלט זען, אָבער ווען רב איסר וואָלט טאַקע באמת געוואָלט זען, וואָלט איך גאַנץ זיכער טאַקע אויסגעשפּילט. נו, האָט יענער אויף מיר אַביסל פאַראיבל, לאָז ער מיך קומען ווערגן, לאָז ער מיך רופן קנאַקניסל ! אָבער איך האָב מיין שם „תקיף” נישט פאַרלוירן. עט, ער וועט זיך איבעררוגזן, נאָך אַמאָל טאַקע קומען בעטן מיין לאַסקע און איך וועל אים ווידער נאָך אַמאָל טאַקע ענטפערן : מיר וועלן זען, מיר וועלן זען. פאַרשטייסטו, ברודער ? — לעמילן האָב איך אויך אַזוי געענטפערט : מיר וועלן זען ! און אים דערביי טאַקע בתורת עצה אָנצוהערעניש געגעבן, אָפּ־

צושטעקן עפּעס דאָרט דעם, יענעם, פאַרשטייסטו? דאָרט וואו מען באַדאַרף . . . איך האָב זייער גוט געזען, אַז מײַן זען אַליין קען אַזוי פיל העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. לעמיל, דער שוטה, אָבער איז ביי זיך געווען גאַנץ זיכער, אַז איך זע און בעט דעם גביר מיינעם, ער זאָל אויך זען. היינט ביי־טאָג, אין דער גאַס, האָסטו באַדאַרפט זען, ווי לעמיל מיטן ווייב זענען ביי־דע מיך באַפאַלן פאַר אַן עדה יידן מיט אַ שמחה, אַ פרייד און מיט טרערן אויף די אויגן: „רב איסר, טאַטעניו, נשמהניו! טאַקע פריער גאָט, דער־נאָך איך, נשמהניו, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען מיט אונדזער עסק, וואָס מיר האָבן היינט אויסגעשפּילט. ווען איר, רב איסר, זאָלט זיך דאָ נישט גע־ווען אַריינלייגן, וואָלטן מיר נעבעך געקענט גיין מיט די האָר. מיר זאָגן און מיר וועלן עס טאַקע דער גאַנצער וועלט זאָגן: אַז נאָר רב איסר, איין רב איסר! פאַרשטאַנען האָב איך, אַז געהאָלפן אייגנטלעך דאָ האָט גע־האָלפן מיין אַנצוהערעניש — לעמיל האָט, אַפּנים, אָפּגעשטעקט, גוט אויס־געפאָלגט מיין עצה. האָסט באַדאַרפט זען, ברודער, בשעת מעשה, ווי זיי האָבן מיר דאָ אַזוי געדאַנקט, וואָס פאַר אַ קנייטשעלע איך האָב געמאַכט, גלייך ווי איינער רעדט: אי! וויפיל געזונט און לעבן האָט מיר אייער עסק געקאָסט! וויפיל מי האָב איך דערביי געהאַט ביז איך האָב געפּועלט! — לעמיל האָט מיר שפּעטער אַביסל אָפּגעשיקט אַהיים מיין רח״ש און דערצו נאָך עטלעכע פלעשלעך גוטן ווייַן. נו, טיפּש איינער, האַ? . . . וואָס זאָגסטו אויף דעם וויין?

— הלוואי, איסר, לאָז מען אַזוי האָבן צו זאָגן אויף דיר, אויף דיינע נאַראָנים און דעם גאַנצן שווינדל . . . לחיים!

— ווער דערוואָרגן, טיפּש איינער! שווינדל, זאָגט ער, שווינדל! פאַר וואָס הייסט דאָס ביי דיר שווינדל? וואָס זענען דען די אַלע עסקים, אַלע מיסחרים, האַק־און־פּאַק פון אויבן ביז אַראָפּ, נישט קיין שווינדל? איך זאָג דיר: אַלע עסקים! אַלע, אַפילו אין עולם־הבא־זאַכן אויך. פאַרשטיי־סטו? . . . אויף וואָס באַשטייען דען אַלע מיסחרים נאָך גאָר פון דער התחלה, ווי אַזוי ווערן זיי געפירט און מיט וואָס לאָזן זיי זיך אויס לסוף? אפשר אויף דעם אמת, מוזטו זיכער מיינען? ניין, ברודער! אמת איז נאָר אַ ווערטל, וואָס איטלעכער פאַרשטייט עס אויף זיין גאַנג, אויף אַזאַ אופן ווי אים טויג, ווי עס פּאַסט אים צום ענין. דער אמתער אמת איז גאָר נישטאָ און קען טאַקע גאָר נישט זיין, ער וואָלט אויך געשאַדט, פאַר אונד־זערע פירונגען, פאַר אונדזערע מיסחרים וואָלט ער גאָר נישט געווען קיין גוט אַרטיקל. טויזנטער קאַנטאָרן, טויזנטער קלייטן און טויזנטער אַנדערע

זאַכן אַזוינע, וועלכע דו זעסט היינט ביי אונדז, וואָלטן ווי שפּין־געוועב זיך פונאַנדערגעפלויגן, און עס וואָלט פון זיי קיין זכר, קיין שריד ופליט נישט איבערגעבליבן. אַ סך נגידים אונדזערע וואָלטן מיט די טאָרבעס זיך אַרומ־געשלעפּט. גאָט ווייסט, וואָס נאָך און נאָך און נאָך אַזוינס וואָלטן געווען... אפשר אויף אַרבעטן, מיינסטו, באַשטייט עס אַלצדינג? אויב אַזוי, ביסטו אַ נאַר! אַרבעטן אַרבעט אַ בעל־מלאכה: אַ האָלץ־העקער, אַשטייגער, אַ וואַסערפירער, אַ טרעגער, וכדומה. מיט אַרבעט וועסטו קיין סך נישט פאַר־דינען, דו זאָלסט אַפילו צוזעצטערהייט אַרבעטן, וועסטו פאָרט צען מאָל אין טאָג פגרן פאַר הונגער. גיי גיב זיך טאָקע אָפּ, אַשטייגער, מיט אַ לעמילדס אַן עסק, וועסטו דערויף אַרבעטן, שוויצן — וועסט האָבן דאָס לויפעניש, זיך אָפּשרייבן די פינגער און לסוף, אַז עס וועט דיר שוין געראָטן, וואָס וועט דיר קלעקן דאָס פאַרדינסט? די חלה וועט דיר נישט קלעקן אויף דער המוציא, חלילה, אָבער, אַז געראָט דיר נישט, איז פאַרלוירן דיין מי און בלייבסט נאָך ביי דער וועלט אַ קאַטשאַן, אַ טויגעניכטס, וואָס פאַרשטייט נישט מאַי דקאַ־אמרי רביצין און קען אַ קאַץ אַן עק נישט צובינדן. דו האָסט פוילע פיש און פאַרשטונקענע הערינג . . . קנייטש, ברודער, נישט אַזוי דעם שטערן! איך זאָג דיר גאָר ניט אַזאַ פילאָזאָפיע, נאָר פּראָסטע, ריינע ווערטער. פילאָזאָפיע טויג אויך אויף כפרות. צו־גרויסע חכמות איז דווקא אַ גרויסער חסרון, די וועלט האָט עס פיינט, היט זיך דערפאַר ווי פאַר פייער, און איז טאָקע גערעכט. גרויסע בריות, געלערנטע מענטשן גייען אַרום אין צעריסענע שטיוול אַן פאַדעשוועס. פיל בעסער גייט עס אין דער וועלט דעם קליינעם מענטשעלע. מען באַדאַרף גאָר אַזוי נישט טויגן, זיין אַ גרויסער חכם, אַ בריה. דער עיקר, וואָס מען מוז אָבער האָבן, איז: אַ פּיסקעלע אויף שרייפלעך, עס זאָל זיך דרייען, ווען עס קומט אויס, אין אַלע זייטן; אַ צינגל אַן ביינער, עס זאָל זיך וואַרפן אַהין־אַהער, אַ לעק דעם, אַ לעק יענעם; אַ רוקן, וואָס זאָל קענען, אַז מען באַדאַרף, זיך בויגן, אייב־הויקערן אין צענטן . . . חנפהנען, צבועטשען, ליגנערן, הייסט עס! — וועסטו זאָגן, מאַכנדיק דערביי אַ פּרום פּנימל. נו, לאָז זיך זיין אַזוי, וואָס זאָל מען טאָן? געלט מוז מען האָבן, אַן געלט ביסטו דאָך אוודאי גאָר־נישט, נאָך טויזנט מאָל קלענער, ווי דאָס קלענסטע קליין מענטשעלע. דו ביסט אי קליין אי געמיין. וואָס איז, ברודער, אין דער וועלט אַ קבצן? דו קענסט דען דיר גאָר אַזוי משער זיין, אַפּנים, ווי נגידים האָבן פיינט אַ קבצן! דאַכט זיך, זיי רעדן אַמאָל מיט אים און האָבן אויף אים אַמאָל כלומרשט רחמנות, אין אמתן אָבער קענען זיי אים נישט ליידן, ער איז זיי גרויס אין

די אויגן און טראַכטן: צו וואָס דרייט זיך אַזאַ נפש אויף דער וועלט גאָר אַרום? עפּעס קומט ער זיי פאַר, ווי אַן אַנשיקעניש — אַן איבערביינדל, אַ שטיק ווילדפלייש און עס גיט זיי עפּעס אַ שטאָך אין האַרץ, אַז זיי דער־זעען אים. זיי דאַכט זיך אַלץ, אַז ער איז אויסן אויף זייער לעבן — אויף זייער בייטל; אַז ער איז להוט נאָך זייער נשמה — נאָך זייער געלט. איך האָב אָסור נישט קיין ווערטער דיר עס אַזוי ווייט אַרויסצוזאָגן. ביסטו, ברודער, אַ קבצן, ביסטו אָפּגעשטאָרבן פון דער וועלט. דיינע פריערדיקע פריינט, באַם זיי זענען רייך, האַלטן זיך פון דיר ווייט. מאַכן זיי דיר אַמאָל אַ וויזיט, האָט עס נאָר אַ פּנים, ווי אַן אויפגעקומענע גבירה כאַפּט זיך אַמאָל אַראָפּ ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, אויף קבר־אָבות צו אַ געשטאָרבענעם טאַטן, אַ קבצן, אויספּוצנדיק זיך דערביי אין פּערל, אין דימאַנטן, דאָס אָרע־מע קליינע שטעטל זאָל אָנקוקן, זאָל פון איר הנאה האָבן . . . אין חומש צי אין שיר־השירים, דאַכט זיך, שטייט אויך, ווי זאָגט מען עפּעס: העני חסיה נח־מעס (עני חשוב כמת), דאָס הייסט אַ קבצן שמעקט מיט קברות־בלעטלעך . . . אין געלט, ברודער באַשטייט די גאַנצע חכמה, אַלצדינג . . . האָסטו געלט, האָסטו די וועלט און יענע וועלט. נאָר היינטיקע צייט געלט צו האָבן הייסט, ווי עס האָט תמיד אין אַלע צייטן געהייסן — זיין אַ קליין מענטשעלע, און אַ קליין מענטשעלע הייסט, לאָז זיך זיין, ווי דו, ברודער, זאָגסט — חנפנען, צבועטשען, וואָס אין דער קאָרט . . . לחיים, גוטער ברודער!

— לאָמיר זיין געזונט, איסר, און האָבן תמיד אַזעלכע לעמילעך! נו, איסר, דיין גביר, ביי וועלכן דו ביסט די נשמה, וואָס איז ער אַזוינס?

— אָט פון אים, ברודער, וויל איך נישט רעדן. פאַרשטייסטו? איך וויל פון אים נישט רעדן. פון דער צייט, וואָס איך האַלט אים אויף דער אַרענדע, וויל איך פון אים נישט רעדן.

— וואָס הייסט, איסר, אויף דער אַרענדע? נאַט אייך גאָר אַ נייס! וואָס הייסט, דו האַלטסט דיין גביר אויף דער אַרענדע? אַ מיל איז ער, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, אָדער אַ קרעטשמע, וואָס דו האַלטסט אים אויף דער אַרענדע?

— וואָס מאַכט עס אויס, טיפּש איינער? וואָס איז די נפקא־מינה: אַ גביר, אַ מיל, אַ קרעטשמע, אַ רוח, אַ טייוול און דער שוואַרץ יאָר ווייסט, וואָס נאָך אַזעלכעס? אַלץ איינס, אַבי אַן אַרענדע! . . . הע־הע־הע, ברו־דער! דו ביסט נאָך גאָר אַ מלמד, אַ שוטה, מיין איך, אַ פּריץ. מען מוז דיר נאָך אַלצדינג אויסטייטשן. נו, לחיים! מאַך־זשע, ברודער, נאָך אַ

כוסה . . . אַצינד וועל איך פּרואוון ווי ס׳איז דיר עס דערקלערן. עס וועט זיין טאַקע אַביסל שווערלעך, נאָר נישקשה, וועסט נישט קראַנק זיין זיך אָנשטויסן. לאָמיר טאַקע אָנהויבן פון אַ מיל:

אַ וואַסער אָדער אַ ווינט איז אויף דער וועלט אַ גרויסער כוח. קומט דאָס מענטשעלע, וואָס וויל מיט אַלצדינג זיך באַנוצן, שטעלט אַנידער אַ געביי מיט רעדער, מיט שטיינער, און מאַכט, אַז דאָס וואַסער אָדער דער ווינט זאָל דרייען די רעדער. די רעדער ווידער דרייען די שטיינער און עס מאָלט זיך. פאַרשטייסטו? הייַנט, טיפּשל מייַנער, לאָמיר גיין ווייטער. ראשית חכמה איז כוח, דערויף שטייט די וועלט מיט אַלע זאַכן אין איר. אַ נגיד, ווי דו ווייסט, איז אין דער וועלט אויך אַ גרויסער כוח. אַלע ווערן פאַר דעם נגיד בטל, ווערן פאַר אים די כפּרה; אַלע קריכן און „שאַפקעווען“ פאַר דעם רייכן, אי אַזעלכע אַפילו, וואָס זיי קומט פון אים לחלוטין גאָר נישט אַרויס; וואָס האָבן פון אים נישט געהאַט אַמאָל, האָבן פון אים נישט אַצינד און וועלן פון אים נישט האָבן אי שפּעטער, קיינמאָל נישט, אַפילו אַ טרונק וואַסער, נאָר טוען עס גלאַט, ווייל אַ רייכן קומט כבוד, גאָר אָן אַ שום נוצן פון אים, ווייל אַ נגיד קומט אַלצדינג. און איך, איסר, זאָג: ניין! דער עיקר, וואָס אין אַ נגיד באַדאַרף מען שעצן, איז נאָר זיין געלט, דער נוצן הייסט עס, וואָס מען קען האָבן פון זיין געלט. פאַרשטייסטו? זיין געלט איז נומער 1, און ער אַליין נומער 0, גאָרנישט הייסט עס. אַזאַ נגיד, זאָג איך, וואָס נוצט דיר כלל נישט, זאָל ביי דיר אַזאַ אָרט פאַרנעמען ווי גאָרנישט. ווי באַלד אַז נישט דער עיקר, צו אַלדי רוחות, וואָס־זשע איז מיט אים אַזוי דער יחוס? קוק זיך אויף אים אַפילו נישט אום און הער אים אַזוי ווי אין טשערנאָוויטץ די מגילה . . . הייַנט באַדאַרפסטו וויסן ווייטער, אַז אַ קלוגער באַדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך באַנוצן. פאַרשטייסטו? אַצינד וועל איך דיר עס איבערחזרן נאָך אַ מאָל. — נעם דעם כוס אין דער האַנט און זאָג מיר נאָך, מיט כוונה, טיפּש איינער, זאָג: אויף כוח באַשטייט אַלצדינג. אַ נגיד מיט געלט איז אין דער וועלט אַ גרויסער כוח, און אַ קלוגער באַדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך באַנוצן, בכן באַדאַרף מען פון עם רייכן קענען מאַכן אַ נוצן. וואָס מיינסטו, מען זאָל ביי אים פּשוט גראָב נעמען געלט, נאָר געלט? ניין! מען באַדאַרף אויך נעבן אים קענען שטעלן אַ ווינטמיל, ער זאָל מיט זיין ווילדן כוח טרייבן און דרייען די רעדער — עס זאָל זיך מאָלן! אָדער מען באַדאַרף נעבן אים זיין אַזוי ווי אַ קאָמעדיאַנט נעבן דער קאָמעדיע, אָדער ווי אַ ציגיינער נעבן זיין בער. האָסטו מיר, מילנער, אָפּגעמאָסטן אַ פול מעסטל פון עם קאָרן

דיינעם, נו גיי מאָל דיר געזונטערהייט אין מיין ווינטמיל! האָסטו באַצאָלט מיר, קאָמעדיאַנט, פאַר אַ בילעט, גיי־זשע דיר אַריין אין דער קאָמעדיע מייַנער און זע די שיינע אָנשטעלן! אָדער האָסטו געגעבן מיר, ציגיינער, עטלעכע גראָשן, וועל איך הייסן מיין בער דיר טאַנצן! פאַרשטייסטו? איך האַלט מיין גביר אויף דער אַרענדע, האַלט איך! דו ווילסט צום גביר, צו מיין ווינטמיל — גיב־זשע מיר אַ „מעסטל". איך בין דער אַרענדאַר. דו ווילסט, מען זאָל פאַר דיר מאַכן די קאָמעדיע, דיך „אונטערהאַלטן" אַביסל מיט אָנשטעלן — באַצאָל מיר פריער פאַר אַ בילעט, איך בין דער קאָמעדיאַנט. אָדער ווילסטו אפשר, מיין גביר זאָל זיך פאַר דיר שטעלן אויף די לאַפּעס, לייגן זיך פאַר דיר אין דער לענג, אין דער ברייט, און ברומען — אַרויס פריער מיט עטלעכע גראָשן, גיב מיר, זיי מוחל, וואָס מיין גוטער ווילן וועט זיין, איך בין דער ציגיינער!... היינט פאַרשטייסטו, טיפּשל? געווען פאַר היינטיקס מאָל געלערנט!... לחיים, גוטער ברודער!

— לחיים, איסר, פאַר דיין ווינטמיל! לחיים, לחיים, פאַר דיין קאָמעדיע און פאַר דיין בער! דיינע רעדער זאָלן זיך דרייען, דיין קאָמעדיע זאָל אָנגיין, און דיין בער זאָל טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן...

יז

עס פאַרשטייט זיך, איסרס דרך, איסרס בליק אויף דער וועלט, איז פאַר מיר תחילת געווען צו הויך, און אַ סך ווערטער דערפון גאָר תרגום. איך האָב גאָר נישט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט עס. נאָר יענע ווערטער זיינע אָבער, אַז געלט צו האָבן הייסט צו זיין אַ קליין מענטשעלע, און אַ קליין מענטשעלע הייסט חנפענען, צבועטשען, ליגנערן — דאָס האָב איך באַלד טאַקע אויפגעכאַפּט. אָט־אָ דאָ בין איך שוין דערגאַנגען דעם רעכטן סוד. אָבער גאַנץ גוט וואָס הייסט אַזוינס חנפענען, צבועטשען — דאָס האָב איך נאָך לעת־עתה נישט רעכט פאַרשטאַנען.

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דענסטמאָל האָב איך נאָך נישט גוט געוואוסט בכלל צו אונטערשיידן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אַן עברה האָט ביי מיר געהייסן: קוקן, אַשטייגער, אויף די כוהנים בשעת דוכנען; נישט שלאָגן קיין כפרות, נישט גיין צו תשליך; שניידן די נעגל כסדר, נישט איבערהיפּן אַ פינגער איבער אַ פינגער; נישט צולייגן צו די אָפּגעשניטענע נעגל דריי פיצלעך האָלץ, אָפּגעשניצט פון אַ סטענדער צי פון

אַ טיש, זיי זאָלן אויף יענער וועלט דאָרט דינען פאַר כשרע עדות; נישט גלויבן אין אַ בעל־שם; נישט גלויבן אין אַ לץ; נישט גלויבן, אַז אין דער גרויסער שול דאַווענען בײַנאַכט מתים; נישט גלויבן אין עולם־התוהו — דאָס הייסט: נישט גלויבן, אַז אַ סך מענטשן גייען אַרום צווישן אונדז, דאָ אויף דעם עולם, זיי האַנדלען, דאַכט זיך, זיי מאַכן געשעפטן, זיי פאָרן אויף יאַרידן, קויפן און פאַרקויפן, הו־האַ־הו! און באמת זענען זיי גאָר מתים, טויטע־געשטאָרבענע, נעבעך, אויף דעם עולם־התוהו . . . נישט גלויבן, אַז צום בעזליודעוועך פלעגן קומען מתים צום משפט, געפירט פונעם מלאך־הדומה מיט אַ קאָמאַנדע מלאכי־חבלה ווי אַרעסטאַנטן, אָדער נישט צו גלויבן, אַז „ער״ טאַקע, עליו־השלום, האָט געהאַט קפיצת־הדרך — פון דאַנען אין הימל איז ביי אים געווען אַ שפּיי, ער איז דאָרט געווען אַ חשוב, געהאַט אין דער האַנט דעם שליסל פון קינדער, פון שניי און רעגן; נישט גלויבן אין אַ גילגול, דאָס הייסט, נישט גלויבן, אַז מענטשן ווערן מגולגל אין בהמות, חיות און עופות, אַז אַ געוויסער עושר, ווי עס שטייט געשריבן, איז געוואָרן אַמאָל אַ חזיר; איינער, עפּעס אַ פיינע בריה — איז געוואָרן, נישט פאַר אונדז גערעדט, אַן אייזל; נאָך איינער, עפּעס אַ גרויסער פאָדראַטשיק — אַ פויגל, וואָס האָט, נישט פאַר יידישע קינדער גערעדט, שטאַרק אָנגעפּייפט . . . ווייטער איינער, עפּעס אַ „גלאָסנע״, איז געוואָרן אַ פיש נעבעך, פּונקט מיט אַזאַ „גאָלאָס״, אַזאַ שטימע, ווי פון אַ שלייען . . . קורץ, אָט אַזעלכע מיני זאַכן האָבן ביי מיר געהייסן עברות. אָבער חנפענען, צבועטשען, זיין אַ קליין מענטשעלע, דאָס איז אין מיין צעטל נישט געשטאַנען, מהיכא־תיתי, פאַר וואָס נישט זיין אַ קליין מענטשעלע? מען איז דאָך רייך און גליקלעך, איז דאָך טאַקע גוט. אַ קליין מענטשעלע האָט מען נישט די העזה צו הרגענען, צו שלאָגן — און אַז מען שלאָגט, טוט דאָך עפּעס אַזוי וויי! אַ שניידער, אַ שניידערקע, אַז דערלאַנגט אַ טעלעמעטשע, ווערט דאָך אַזש פינצטער אין די אויגן. ווער שמועסט — אַ חזן, אַז ער דרייט ביים אויער, קען מען טאַקע יאָרצייט פאַרגעסן. און אויסציען זיך אויף דער ערד אָנצוטאָן, אָדער אויסצוטאָן יענעמס קאַלשאָן, בשעת יענער האַלט זיך ביי די זייטן און קוקט אויף דער סטעליע, דאָס איז, כ׳לעבן, אויך עפּעס נישט קיין געשמאַקע זאַך. אוודאי האָט מיר זיך געגלוסט זיין אַ קליין מענטשעלע גלייך ווי די אַנדערע, פּטור צו ווערן מיט אַמאָל פון אַלע צרות און לעבן ווי יענע אַלע גליקלעך, אין עושר און כבוד. דעריבער טאַקע פלעג איך באַשטענדיק מיט גרויס חשק מיך אונטערהערן אונטער דער טיר, בשעת איסר וואַרגער פלעגט שמועסן מיט זיין גוטן ברודער. איך האָב זיך אָנגע־

הערט זייער פיל זאַכן און דערנאָך טאַקע זוכה געווען צו פאַרשטיין גוט זיינע ווערטער. איך האָב אים מיט דער צייט אַ סך בעסער פאַרשטאַנען ווי דעם תלמוד־תורה־מלמד.

אמת טאַקע, אַ לעקיש בין איך געווען אין דער יוגנט, זייער נאַרישע־וואַטע, נאָר ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, בין איך נישט געווען אַ נאַר פון דער נאַטור, וואָס דען־זשע? אַ געמאַכטער. די מעשה דערפון איז, וואָס תמיד, פון דער קינדהייט אָן, בין איך געווען פאַרוויסט, פאַרוואָגלט און דערשלאָגן. מען האָט מיך אויפגעהאָדעוועט מיט קללות, גראָבע מיאוסע ווערטער, מיט שמיץ, מיט קלעפּ און מיט טויטשלעג. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אין מיר אַריינגעלייגט, מיר געבראָכן די דאַרע ביינער. נו ווי זאָגט מען עפּעס: פון על־חטא ווערט מען נישט פעט; פון אַ סך שלאָגן ווערט מען טאַקע דערשלאָגן. אַ קאַטאָוועס עפּעס, וואָס מיין לייב, מיין אויסגעדאַרט לייב, האָט אין זיך נעבעך אַריינגענומען! איך נעבעך לייד הונגער, קעלט, פיל, ווי עס גייען מיר אויס די כוחות, עס שטעכט מיך אין אַלע גלידער, ס'איז מיר נישט גוט — איז אָנשטאָט מען זאָל זאָגן: אַ רחמנות, אַ קינד נעבעך גייט אויס, אַ מענטש, אָדער לאָז זיך זיין אַפילו גלאַט אַ גאָטס באַשעפעניש צאַנקט נעבעך ווי אַ ליכט, ער איז הויט און ביין, — נעמט מען נאָך און מען רייסט מיר מיין דאַרע־קוואַרע שטיקל פלייש, נעמט מען נאָך און מען גיט מיר נאָך ווייטיק אי שטעכעניש, נעמט מען נאָך און מען צופּט מיר דאָס איבעריקע שטיקל הויט אויס!... איך בין פּשוט געווען פאַרטויבט און פאַרדולט. היינט דערצו נאָך, באַדאַרף מען וויסן, בין איך געבוירן געוואָרן אין בעזליודעוו, וואָס אין תוך אַריין איז זי אַ קליין שטעטל, און אַ קליינשטעטלדיקער בלייבט טאַקע אַ קליינשטעטלדיקער. די קליינשטעטלדיקע לייט זענען עפּעס טאַקע גאָר אַנדערע מיני מענטשן, מיט אַנדערע חושים, מיט אַן אַנדער טעם, אַן אַנדער ריח, אַן אַנדער מוח. זיי שטינקען נישט, זיי שמעקן נישט, נישט פיש, נישט פלייש, עפּעס פאַר זיך מיני ברואים... איך וויל דערמיט אייך נישט מער אויסברייען, אַז איר זאָלט זיך נישט וואונדערן, ווי קומט עס, וואָס אַזוי אַ נאַר, אַ לעקיש ווי איך, פלעג אַמאָל פאָרט פאַלן גלייך און דענקען מיט אַ גאַנג. אמת טאַקע, אַ נאַר בין איך געווען און בין מיט מיין נאַרישקייט געפאַלן איטלעכן אין די אויגן, אָבער פונדעסטוועגן נישט קיין נאַטירלעכער, נאָר גלאַט אַ פאַרדולטער, אַ דערהרגעטער, אַ דערשלאָגענער. עס האָט מיר אין קאָפּ נישט געפעלט קיין קלעפּקע, נאָר די קלעפּקע איז נאָך נישט געווען באַאַרבעט, אָפּגעהובליעוועט. אָט־אָ דאָס בין איך געווען. דעריבער האָב איך מיך נאָך געקענט שפּעטער

עפּעס אויסלערנען, מיך עפּעס אָנשטויסן, און דעריבער האָב איך געקענט איבערנעמען רב איסר וואָרגערס תורות.

ביי איסר וואָרגער האָב איך אָוועקגעדינט אַ סך יאָרן. אין דעם משך צייט האָב איך מיך אויסגעשליפן, האָב גוט פאַרשטאַנען און געקענט אַלע דינג, וואָס אַ קליין מענטשעלע באַדאַרף צו קענען, וואָרום איך פלעג זיך שטאַרק צוהערן מיט קאָפּ, און בין געווען דרינען אַ מתמיד. איך האָב שוין געקענט אין מיין גראַד אָפּאַרבעטן מעשים, מאַכן פוילע תנועות און גיין אַלץ מיט שפּיצלעך. די גרעסטע הנאה האָב איך געהאַט אָפּצוטאָן איינעם אויף טערקיש, גלייך ווי איך וואָלט מיך אין אים נוקם געווען, כאָטש ס׳איז נישט געווען פאַרוואָס. גלאַט די זאַך אַליין — דאָס אָפּטאָן אויף טערקיש און דאָס אויסדרייען זיך דערנאָך גלאַט ווי אויף אַ טעלער, האָט מיר געמאַכט פאַרגעניגן, פּונקט ווי אַן אָרעמען ישיבה־בחור מאַכט פאַרגעניגן אַ שטיקל אויפטו אין דער גמרא. צי קומט דערפון עפּעס אַרויס צי ניין, אָבער אַ שיינער איינפאַל, אַ שטיקל שכל, איז דאָך עס דערוויילע! . . . דאָס געפיל פון יושר, פון רחמנות, האָט ביי מיר נישט דערלעבט גאָר אָנהויבן צו וואַקסן.

„יושר איז אַ גומילאַסטיק, וואָס לאָזט זיך ציען ווי מען וויל, דאָס איז אַ „כי הנה כחומר", וועלכעס דער מענטש האָט ביד צו בויגן עס אַזוי אי אַזוי, צו מאַכן דערפון עפּעס, וואָס עס איז נאָך זיין פאַרלאַנגען. רחמנות, דאָס איז אַן אויסגעטראַכט וואָרט, אינגאַנצן נאָר אַ שווינדל. דו, אַז דו ביסט שלאַפער פון מיר, ביסט אַ שלימזלניק, אַ טויגעניכטס, ווילסטו מיך איינרעדן כלומרשט רחמנות!" — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואָרגער.

איך בין געווען איסרס אַן אמתער תלמיד, האָב מיר געגעבן מי, מיך געפלייסט, דעם רבין מיינעם צופרידן שטעלן, טאָן אַלצדינג נאָך זיין געשמאַק, ווי אים געפעלט, דערפאַר האָב איך געפונען חן און לייטזעליקייט אין זיינע אויגן, אַזוי אַז ער וואָלט פאַר מיר, ווי מען זאָגט, קיין זאַק באָרשטש נישט גענומען.

אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן מיך שטאַרק צו באַטראַכטן און זיך אַליין אַלץ פרעגן: „מתי אעשה לביתי?" ווען, הייסט עס, וועל איך שוין אָנהויבן עפּעס טאָקע צו טאָן, איך זאָל אויפגעריכט ווערן? „ואני באתי בימים" — און איך בין דאָך שוין אַ בחור, ברוך־השם, מיט אַ סימן בערדל! אמת טאַקע, איסרס תורה קען איך גוט, קען זי מיט אַלע פשטלעך, נאָר „לא המדרש עיקר" — פלעגט דער תלמוד־תורה־מלמד זאָגן — נישט דאָס לערנען איז די קונץ, דער עיקר איז די מלאכה: „דאָס

שמייסן". איך האָב אַלץ געטראַכט, געטראַכט, אַזוי לאַנג־אַזוי ברייט, ביז איך בין געפאַלן אויף אַ הסברה אַזוי: אַ־אַ, דו נאַר איינער! — מאַך איך צו מיר אַליין — איסר וואָרגער, דער רבי, זאָגט: „אַ קלוגער באַדאַרף מיט אַלצדינג אויף דער וועלט זיך באַנוצן. דעם נגיד, זאָגט ער, באַדאַרף מען נעמען אויף דער אַרענדע מיט אים שפּילן די קאָמעדיע, מאַכן מיט אים די קאַפּעקע" — ס'טייטש, איסר אַליין איז דאָך שוין אויך אַ כוח, נו, נעם און שטעל אַ ווינטמיל, איסר זאָל דרייען דיינע רעדער! ס'טייטש, געבראָטענע טויבן פליען דיר אין מויל אַריין, און דו, בהמה, שרייסט עסן!...

איך וויל אייך דאָ נישט אַ ים ברייען, איך הויב־אָן איסרן חנפענען, זוך מיר אויס טויזנטער וועגן, ווי צו אים זיך צו־שמייכלען, ווי אים איינעווייניק אין האַרץ אַריינצוקריכן, ביז איך האָב אים למזל דערטאַפּט און ווער, אין אַ גוטער שעה, זיין נשמה!... איסר איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, ער האָט אויך ליב געהאַט, מען זאָל אים חנפענען, קעצקען, מען זאָל אים באַ־וואונדערן און פון אים שטאַרק הנאה האָבן; הגם ער האָט זייער גוט גע־וואוסט, וואָס פאַר אַ האַפט, וואָס פאַר אַ ממשות דאָס חנפענען האָט. ער אַליין, אַשטייגער, אַז ער זאָגט איינעם: איר זענט דאָך אַ חכם, אַ גוטער, אַ פרומער, אַ בעל־צדקה, אַ כשרער, ערלעכער מאַן, הייסט עס גאָר קאַפּויר: אַ שוטה זענט איר, אַן אַכזר, אַ צבועק, אַ קאַרגער הונט, אַ גנב־שבגנבים, דאָס שוואַרצאַפּעלע פונעם אויג! אַזוי איז שוין, אַפּנים, אויף דער וועלט, אַז איטלעכער לאָזט זיך איינרעדן, איטלעכער האָט ליב זיך צו נאַרן... נאָר מיינט נישט, אַז דאָס איז מיר גרינג אָנגעקומען. נישט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר איז געראָטן צו ווערן איסרס אַ חשוב. אייך וועט אפשר קשה זיין, ווי ווערט עס אַ משרת אַ חשוב? איי, האָט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט; אויב אַזוי, קענט איר דאָך נישט די וועלט! כמעט אַלע משרתים זענען חשובים, און כמעט אַלע חשובים זענען משרתים.

אַז דער עולם האָט דאָ אַרויסגעזען מיין חשיבות, אַז איך בין איסרס נשמה, זיין חשובער משרת, האָט מען מיך אָנגעהויבן צו גלעטן, אָפּצוגעבן מיר אַ ברייטן גוט־מאָרגן, ווי דער סדר־העולם איז. אַזוי געוויינטלעך איז שוין דער איינפיר מששת ימי בראשית. אויבן און אונטן, אויף דער וועלט, אַז מען באַדאַרף עפּעס האָבן צו דעם פריץ, זעט מען פריער זיך צושאַרן צו זיינע חשובע משרתים, זיי צו געפעלן. אַריינצולאָזן זיך מיט זיי אין עפּעס אַ שמועס מיט זיסע ריידעלעך, צו ווערן כלומרשט מיט זיי נאָענטע שמעל־קעס, און אגב טאָקע אַריינשטופּן זיי עפּעס אין הענטל, טראַכטנדיק זיך

דערביי, לאָמיך זיי פאַרשטאָפּן דאָס מויל, לאָזן זיי זיך נישט קרימען, נישט משטין זיין, נישט בילן. אָדער גאָר אַזוי: נישקשה, לאָזן זיי דעם פּריץ ביים וועג גייענדיק אַריינלאָזן אין אויער אַ גוט וואָרט, אַ משרת אַ מליץ־יושר קען אַמאָל זייער פיל העלפן. דאָס וואָס אַ משרת פועלט אַמאָל ביי זיין אדון, קענען עס גרויסע לייט נישט פועלן — דער משרת ווייסט ביים אדון דאָס האַרץ און פאַרזעט אים מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס מען טאָר נישט זאָגן... האָט איינער באַדאַרפט צו איסרן — און ווער האָט דען נישט באַדאַרפט צו איסרן? — דאָ האָט ער שוין פריער אָפּגענוצט מיין לאָסקע, עס זאָל זיין באַווילִיקט פון מיר, איך זאָל בעטן פאַר אים רחמים און דערמאָנען אים צו גוטן ביי אַ שמועס מיט רבי איסרן. פון געלט און מתנות איז שוין קיין רעדע נישט געווען, מיט „יהי־רצון" אַליין איז מען נישט אָפּגעקומען. יענער האָט געמיינט אַבי ביי מיר האָט ער געפּועלט, אַז איך זאָל ביי רבי איסרן פאַרוואָרפן פאַר אים אַ וואָרט, איז ער שוין געהאָלפן, כאָטש איך האָב מיר געוואוסט מיינס, אַז איסר אַליין קען אים אַזוי פיל העלפן, טאַקע אויף איסרס רייד, „ווי אַ טויטן באַנקעס". וואָס אַרט עס מיך? לאָז ער מיינען און געבן געלט. און ווען אַפילו ס'איז אַ מעגלעכקייט געווען יאָ צו העלפן, וועט דאָך איסר נעמען און טאָן זיינס גאָר אָן מיין שתדלנות. יהיה־איך־שיהיה, אַזוי צי אַזוי, וועט דאָך איסר אַלץ נעמען געלט און מאַכן ווי דער שטייגער זיינער: „מיר וועלן זען, מיר וועלן זען, מיר וועלן זען!" היינט צו־וואָס טויג איך נאָך דאָ אין דערמיט? נאָר ווייטער טאַקע, וואָס אַרט עס מיך? לאָז יענער מיינען און געבן געלט.

אָט אויף אַזאַ אופן האָב איך מיר אָנגעהויבן ביסלעכווייז נתגדל צו ווערן, צו נעמען אויף זיך לייב און טאַקע צונויפגעקליבן שיינע עטלעכע גילדן.

יח

פּוצן און קליידן זיך, דאָס איז געווען מיין בעסט פאַרגעניגן, ווי דער שטייגער איז פון אַלע אויפגעקומענע משרתים, וואָס האָבן ליב אַרויפצוציען אויף זיך אַלצדינג, וואָס נאָר זיי קענען — צו גיין באַהאַנגען מיט בליש־טשענדיקע קייטלעך, קנעפּלעך, פינגערלעך און זייערע שטיוול זאָלן גלאַנצן ווי די שפּיגעלעך, בכדי אויפרייסן דער וועלט די אויגן, זי זאָל זיך אויף זיי וואונדערן און חידושן. שבת פלעג איך געוויינטלעך מיך אויספּוצן ווי אַ טאָק און דורכגיין זיך מיט מיינע חברים, צו ווייזן זיך אויף חידושים פאַר

דער וועלט און צו באַטראַכטן די אַלע ווייבלעך און מיידלעך, וואָס גייען קאָמפּאַניעסווייז שפּאַצירן. איך האָב געקענט אין דער שטאָט כמעט אַלע דינסטן און געוואוסט מעשות, היסטאָריעס פון אַ סך ווייבלעך, צווישן וועל־כע איך האָב געהאַט זייער פיל באַקאַנטע.

אַז איך האָב איינמאָל שבת־נחמו געשפּאַצירט מיט חברה אין דער שטאָט, וואו עס האָבן זיך געשאַטן יידישע טעכטער אין זיידענע און סאַמע־טענע מלבושים, באַהאַנגען מיט פּערל און מיט אַלערליי מיני צירונג, איז מיר אַקעגן געקומען עפּעס אַ מיידל, אָנגעטאָן זייער פּראָסט אין אַ סיטצן קליידל, ריין ווי זילבער. איר פּנים האָט געשיינט ווי דער ליכטיקער מאָרגנ־שטערן און פאַרטונקלט אַלע אַנדערע מיט זייערע פּערל און דימענטן, זיי האָבן אַקעגן איר זיך אָנגעזען ווי אַ ליכט אַקעגן דער זון. ביי דער זייט איז איר געגאַנגען אַ יונגער מאַן, אַ סטאַטעטשנער, זייער שיין געוואַקסן. איר שיינקייט האָט מיר פאַרנומען די אויגן, איך בין געבליבן אַ היפּשע צייט שטיין ווי צעקאָכט און נישט געהערט נישט געזען, וואָס אַרום מיר טוט זיך. אַז איך בין שפּעטער אַביסל צו־זיך געקומען און מיך אַרומגעקוקט, האָב איך זי מער שוין נישט געזען. זי האָט דערווייל זיך פאַרמישט צווישן דעם עולם און פאַרשוואונדן געוואָרן, אַזוי ווי אַ פליענדיקער שטערן אין די זומער־נעכט. נאָר איר בילד אָבער איז מיר געבליבן איינגעבאַקן טיף אין האַרצן. און פון יענער צייט אָן האָב איך זי נישט געקענט אויף אַ רגע אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ. עס האָט תמיד פאַר מיר זיך אויסגעמאָלט איר פּנים, איר גע־שטאַלט, און ביינאַכט, אין דער פינצטער, האָבן אַקעגן מיר געפינקלט, גע־לויכטן אירע ברענענדיקע אויגן ווי צוויי ליכטיקע שטערן אויס דעם שוואַרצן אָפּגרונט העט־העט אויבן אין הימל. עס האָט מיר אַלץ געדאַכט, אַז זי איז מיר שוין לאַנג באַקאַנט, דאַכט זיך, איך האָב זי אין מיין לעבן שוין אַמאָל געזען, נאָר ווען און וואו האָב איך נישט געקענט מיך דערמאָנען. דאָס איינשפּאַרעניש עפּעס זיך צו דערמאָנען און נישט קענען איז אַזאַ מין צער, וואָס צו פילן עס — איז אימשטאַנד נאָר יענער, וואָס איז דערמיט גע־פּרואווט געוואָרן. דאָס האָט מיר געקראַצט. געפּיקט אין קאָפּ אַ שרעק, טאַקע נאָר משוגע צו ווערן. איך האָב מיר פאַרגענומען, אַז איך מוז מיך דערגיין, ווער דאָס מיידל איז און אויפזוכן, וואו זי זיצט.

אַמאָל בין איך צווישן טאָג און נאַכט גראָד געגאַנגען ערגעץ אין אַ פאַרלעגן געסל. דער בלויער לויטערער הימל האָט ביי די ברעגן זיך באַ־דעקט מיט שוואַרצע פּאַסן וואָלקנס, אין וועלכע עס האָבן צייטנווייז זיך דורכגעוואָרפן בליצן ווי לאַנגע פייערדיקע שטרייפעלעך. אין דעם געסל

איז געווען שטיל, נישט קיין פוס פון אַ מענטשן, און איך בין מיר געגאַנגען זייער פּאַרטראַכט, עפּעס שטאַרק מרה־שחורהדיק. פּלוצלים דערהער איך אַ ביטער געשריי, וואָס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. איך גיב אַ בליק — אַקעגן מיר לויפט איינער מיט אַ פּעקל גיך און געשווינד, ווי אַ גנב, וואָס וויל אַנטרונען ווערן. שטיי! האָב איך אַ געשריי געטאָן, זיך געשטעלט באַהאַרצט דעם פאַרשווין אַקעגן און אויפגעהויבן אויף אים מיין גראָבן שטעקן. יענער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, אַרויסגעלאָזט פון די הענט דאָס פּעקל און אַליין איז ער אַנטלאָפן, גיך פאַרשוואונדן געוואָרן. נישט ווייט פון מיר נעבן אַ פּלויט איז געלעגן אויף דער ערד עפּעס אַ מענטש. אַז איך בין צוגעלאָפן צו אים מיט דעם פּעקל, האָט ער אַפילו קיין ריר זיך נישט געטאָן. אין דרויסן איז דערווייל טונקל געוואָרן פון אַ שטיק שוואַרצער כמאַרע, וואָס האָט אָנגערוקט אויבן אין הימל. איך כאַפּ אין איילעניש אָן דעם מענטשן ביים קאָפּ און מונטער אים. מיט אַמאָל הייבט אָן שטאַרק און אָפט צו בליצן, איין בליץ נאָך דעם אַנדערן, און איך דערזע אַקעגן מיר אַ פּאָר אָפענע ברענענדיקע אויגן. עס האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבן אין האַרץ, דער קאָפּ האָט מיר זיך פאַרדרייט און איך בין געבליבן שטיין שטאַרק פאַרמישט. איך האָב דערקענט זי — דאָס איז געווען זי!...

זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז פריער אַביסל געגאַנגען אַליין דאָ אין דעם געסל, איז אונטערגעשפּרונגען עפּעס אַ פאַרשווין, האָט איר דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ איבער דער האַנט און געשווינד אַרויסגעכאַפּט ביי איר דאָס פּעקל מיט העמדער, וואָס זי האָט, ווי אַ נייטעריןָ, אָנגענומען ערגעץ אין אַן אָרט. ווען איך זאָל נישט געווען אונטערקומען און אָפּנעמען ביים גנב די זאַכן, — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — וואָלט זי געבראָכן געוואָרן פון ברויט און נאָך אַריין אין אַ מיאוסן רוף ביי לייט. קיינער וואָלט איר מער קיין שטאָך אַרבעט נישט געגעבן. זי האָט מיר געדאַנקט פונעם גאַנצן האַרצן, דאָס פּנים האָט איר דערביי געפלאַמט און איטלעכער בליק פון אירע פייערדיקע אויגן האָט מיך געבריט, געשרפעט. איך האָב געפילט, אַז אָט־אָט ווערט מיר אינעווייניק צעשמאָלצן דאָס האַרץ ווי וואַקס.

— גאָט זאָל אייך באַצאָלן! — האָט זי מיר צולעצט געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול, און געוואָלט גיין איר וועג.

— ניין, ניין! — האָב איך מיך אָנגערופן צעקאָכט, — איך וועל אייך בשום־אופן נישט לאָזן גיין איצט איינע אַליין, איך מוז אייך אונטערפירן ביז צו אייער היים.

זי האָט זיך עפּעס ווי געקווייקלט, דאָס פּנים אירס האָט געזאָגט, אַז איר איז עפּעס פריקרע צו גיין אין דער צייט מיט אַ פרעמדן יונגנמאַן. נאָר איך האָב זי׳ נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, געשווינד גענומען צו מיר אין האַנט איר פּעקל העמדער און בין מיט איר געגאַנגען ווייטער דורך געסלעך, וואוהין זי האָט מיך געפירט. דעם גאַנצן וועג האָבן מיר נישט גערעדט כמעט קיין וואָרט. איך האָב נאָר אונטערוויילעכטס אויף איר געקוקט און געציטערט, ווי אין אַ קדחת. און ווען זי האָט מיך אָנגערירט ביי דער האַנט בשעת־מעשה, אַז זי פלעגט אַלץ וועלן צונעמען ביי מיר דעם פּעקל, נישט מטריח צו זיין מיך מיט דעם טראָגן, איז מיר דורך דעם גאַנצן לייב דורכגע־לאָפן עפּעס אַ קעלט, דאָס בלוט איז מיר געבליבן שטיין פאַרגליווערט אין די אָדערן און עס האָט מיר פאַרנומען דער אָטעם. אַזוי זענען מיר ביידע געגאַנגען ביז זי האָט מיך צוגעפירט צו אַ שטוב, וואָס אויף דעם טירל, אין הויף אַריין, איז געהאַנגען אַ קליין ווייס שילד מיט שוואַרצע כתיבטע אָר־תיות: „דאָ זיצט גאָלדע יאַקאָבזאָן די נייטערין״.

— יאַקאָבזאָן! — טו איך אַ זאָג פאַרוואונדערט, דערמאָנענדיק מיך אין יאַקאָבזאָן, וואָס האָט מיך אַמאָל אַרויסגעפירט פון דער בויט, נאָך דער מעשה מיט דעם חזן, אַז איך בין געבליבן ווי אויפן וואַסער, און ביי וועלכן איך האָב געגעסןביידע טעג ראש־השנה.

— יאָ! — רופט זי זיך אָן — איך הייס גאָלדע יאַקאָבזאָן. וואָס איז עפּעס אייך אַזאַ וואונדער?

— אייער טאַטע איז מיר פון גאַנץ לאַנג באַקאַנט — האָב איך גע־ענטפערט — ער האָט מיר אַמאָל געהאָלפן אין אַ שלעכטע צייט.

— מיין טאַטע איז שוין עטלעכע יאָר טויט — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ, טיף פונעם האַרצן.

— אייך געדענק איך, אַז איר זייט נאָך געווען אַ קליין מיידעלע — זאָג איך מיט אַ שמייכל, שוין מיט מער מוט אַריינקוקנדיק איר אין פּנים, ווי אַ שטיקעלע באַקאַנטער. —

— אַזוי! זייער אָנגעלייגט, כ׳לעבן!

און איידער מיר האָבן זיך געזעגנט האָט אַ שטאַרקער דונער געטאָן און אַ שלאַקס־רעגן האָט אָנגעהויבן צו פלייצן ווי אַ מבול. זי האָט מיך געבעטן אַריינצוגיין מיט איר צו זיך אין שטוב, איבערוואַרטן דאָרט דעם רעגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב עס געטאָן בשמחה און בין פון דעם רעגן זייער שטאַרק צופרידן געווען. פון מיינעטוועגן האָט געמעגט גיסן אַ מבול, גאָר

קיינמאָל נישט אויפהערן, און איך זאָל בלייבן מיט איר אינאיינעם אין שטוב ווי אין נחס תבה.

די שטוב, אין וועלכער איך בין אַריינגעגאַנגען, איז באַשטאַנען פון איין חדר, איבערגעטיילט אין דער מיט מיט שפּאַנישע ווענטלעך. איין העלפט איז געווען אַ צימער אויף צו שלאָפן, די אַנדערע העלפט — אַ צימער אויף צו זיצן. ביים ערשטן אַנבליק האָט מען געקענט זייער גרינג אַרויסזען, אַז דאָרט וואוינען מענטשן אָרעמע, אָבער נישט קיין פוילע, אָפּגעלאָזענע. דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע אַלטע בענקלעך מיט אַ קאַנאַפּקעלע, איבערגע־צויגן מיט אַ געלבלעכן, אָפּגעבליאַקעוועטן סיטץ. נעבן דער וואנט איז געשטאַנען אַ קאָמאָדע איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך, ווייס ווי שניי, און דערויף איז געווען אויסגעשטעלט שמאַכטעלייען: אַ פּאָר קליינע פּאָרצע־לייענע שעלכלעך מיט רויטע קווייטן, אַ צוויי בלויע געשליפענע קעלישקע־לעך, אַ פושקעלע אַ שילדקרעטנס, אַ שפּיגעלע און קליינע פּאַרפומע־פלעש־לעך, וכדומה נאָך אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס זענען געווען די גאַנצע צירונג, דאָס שיינדל אין שטוב. דערצו האָט מען נאָך געקענט צורעכענען די עט־לעכע בלומענטעפּלעך אויף די פענצטער, און מיט זייד אויסגעשטריקטן פּאָרטרעט פון משה רבינו, האַלטנדיק די לוחות אויף דער האַנט. נעבן פענצטער איז געשטאַנען אַ טיש, אַנגעלייגט מיט לייוונט, מיט פאַסמעס פעדעמלעך אָן מיט אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס צו דער אַרבעט.

אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט גאָלדע מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר מוטער, אַ דאַרע, אַ שלאָפע יידענע פון אַ יאָר פופציק, דערציילנדיק איר אין קורצן דאָס גאַנצע באַגעגעניש אירס, ערשט נישט לאַנג, אין געסל דאָרט. די מוטער האָט מיר געמאַכט אַ שיינעם ברוך־הבא און מיך געבעטן זיצן. נעבן עק טיש אויף אַ בענקל איז געזעסן אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, זי האָט כלומרשט עפּעס ווי געניייט און אונטערווייל־כעס אויף מיר גע־קוקט מיט גנבעשע אייגלעך. גאָלדע האָט זיך אויך געזעצט נעבן טיש און פונאַנדערגענומען דאָס פּעקל, וואָס זי האָט געבראַכט. איך בין געזעסן ווי אַ חתן־בחור און נישט גערעדט קיין וואָרט. אויפן האַרץ איז מיר געווען פריילעך, איך האָב געקוקט, ווי גאָלדע אַרבעט מיט אירע ווייסע פולע הענט־לעך און עס האָט מיר עפּעס שטאַרק הנאה געטאָן.

עטלעכע מינוט איז מען אַזוי געזעסן שטיל, דערנאָך איז געוואָרן אַ רייד איבער דעם וועטער, ווי נויטיק דער רעגן איז, די אַלטע האָט אפשר אַ מאָל צען איבערגעחזרט, אַז דאָס גייט נישט קיין רעגן, נאָר ברויט גייט עס, און האָט געמאַכט האָפענונגען, אַז נאָך דעם רעגן וועט מיט עטלעכע גראָשן זי־

כער וועלוועלער ווערן דער מקח פונעם פוד מעל. גאָלדע האָט עפּעס זיך איבערגעוואונקען מיט דער מוטער און איז אַרויסגעגאַנגען. די אַלטע איז געבליבן נעבן מיר, האָט אַלץ געריעדט און אַרויפגעקומען אין שמועס דערויף, ווי דער מאַן אירער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט אַ צייט נעבעך געקרענקט און פאַרקרענקט דעם לעצטן גראָשן, ביז ער איז געשטאָרבן, און איבערגעלאָזט זי, וויסטע אלמנה, מיט צוויי קינדער ווי אויף דעם וואַסער. נאָר גאָט ברוך־הוא אָבער האָט זי געבענטשט מיט אַ טאָכטער, וואָס איז ווייט אין דער וועלט צו זוכן איר גלייכן. איר גאָלדעניו איז גוט און פרום, מיט אַלע מעלות. זי אַרבעט נעבעך טאָג ווי נאַכט, נייט, שטריקט און נעמט זיך די אויגן אַרויס איבער דער נאָדל, ווי ס׳איז אַרויסצובראַנגען דאָס שטיקל פּרנסה. מען לעבט טאַקע אין דחקות, אין צרות, איר ביטערע, שווערע אַרבעט קלעקט קוים־קוים אויף די נייטיקסטע באַדערפענישן, נאָר ניט צו פאַרזינדיקן, מען לעבט דאָך פאָרט. גאָט ווייסט וואָס פון אונדז וואָלט געוואָרן, ווען נישט גאָלדעניו.

— אוודאי מעג איך מיך פרייען, זיך שעצן גליקלעך מיט אַזאַ מתּנה פון זיין ליבן נאָמען, נאָר ווי וויינט אין מיר אָבער דאָס האַרץ — זאָגט זי מיט אַ שטאַרקן זיפץ און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן — ווי טוט מיר, אוי, וויי דאָס האַרץ קוקנדיק, ווי גאָלדעניו אַרבעט אויף אונדז אַלע מיט נויט־שווייס, נעבעך, שטעלט איין דאָס געזונט, דאָס לעבן, און פאַרגינט נישט אויף זיך אַליין אויסצוגעבן אַ מאָל, איר זאָלט זאָגן, אַפילו אַ צעבראָכענעם שילינגער. וואָס איך בעט זי אַמאָל: גאָלדעניו, נשמה מיי־נע! האָב רחמנות אויף דיין לעבן, קויף דיר עפּעס צו דערקוויקן זיך, און רו זיך אַביסל אויס, נשמה מיינע. ענטפערט זי אַלץ מיט אַ געלעכטער: איך באַדאַרף מיך נישט קוויקן, מאַמע! עס נודיעט מיך חלילה נישט ביים האַרצן. לאָזן זיך קוויקן יענע, וואָס זיצן פאַרלייגט די הענט און ווייסן אַליין נישט, וואָס עס גייט זיי אָפּ. אויף אויסרוען זיך איז דאָ ביי אונדז אַ גרויסער טאָג שבת. אָט אַזוי ענטפערט זי אָפּ תּמיד מיט אַ ווערטל און.טוט טאַקע ווייטער דאָס איריקע שטיל, פיין, ווי אַ שטילע טויב. לאָז מיר זיין פאַר איר קאַפּ! . . .

אין מיטן שמועס איז אַריינגעקומען גאָלדע און אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ טאַץ מיט פיר גלעזער טיי!

אַז מיר האָבן אָפּגעטרונקען טיי, האָט דער רעגן אויפגעהערט. גאָלדע האָט געהייסן איר שוועסטערל זיך גיין לייגן שלאָפן.

— גיי, שיינדעלע — האָט זי צו איר געזאָגט, און זי אַ גלעט געטאָן

איבער דעם קעפּעלע — דיר איז שוין צייט צו שלאָפן. דו וועסט בעסער פריער אויפשטיין. דיין לערער וועט שוין היינט נישט קומען.

שיינדעלע האָט אַ קוש געטאָן די מוטער, אי די שוועסטער, געזאָגט איטלעכן אַ גוטע נאַכט, און געגאַנגען שלאָפן. מיר איז שוין אויך צייט געווען צו גיין. איך האָב מיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

די האַלבע לבנה האָט געשיינט און איז ווי אַ גילדן שיפעלע זיך געשוואומען אין דעם גרויסן, בלויען ים פון דער לופט, וואָס איז געווען רויק, שטיל אָן אַ שום ווינטעלע. דער הימל האָט מיט טויזנטער ליכטיקע שטערן אַראָפּגעקוקט ווי אַ פאַרליבטער חתן אויף דער געליבטער ערד, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין קלייד פון גראָז, פאַרפּוצט מיט אַלערליי שיינע בלומען, פון וועלכע עס האָבן געשמעקט זיסע, געשמאַקע ריחות ווי פון די טייערסטע פאַרפומעס. פרעש האָבן לוסטיק געקוואַקעט אין די טייכלעך און ערגעץ פון אַ גאָרטן האָט זיך אָנגערופן אויף זיין קול אַ סאָלאָוויי, איין בריה אויף דער וועלט — אַ כפרה אַלע חזנים! . . . מיר האָט עפּעס אויך זיך געזונגען אויפן האַרץ. איך האָב גייענדיק אונטערגעזונגען און אַליין נישט געהערט וואָס. נאָר צוקומענדיק נאָענט נעבן דער היים, האָב איך מיך עפּעס ווי אַ כאַפּ געטאָן און דערהערט לייזער דעם שניידערס אַ ניגונדל, ווי מען באַזעצט אַ כלה. אַ, אין דר׳ערד אריין, פאַלגע! האָב איך אין שפּאַס געשאָלטן לייזערן און מיט אַ פריילעך שמייכעלע אים אָפּגעשיקט צו אַלדי שוואַרץ־יאָר.

הערט אַ מעשה! נאָך אַזאַ פריילעך באַגעגעניש האָט די גאַנצע נאַכט מיר זיך גאָר געחלומט — עפּעס טרויערדיקע סצענעס: מען וויינט מיך אָפּ מיט טרערן, קולות פון מענטשן שרייען עפּעס אַרויס ווי פון דער ערד — געוואַלד, וואָס האָט מען צו אונדז געהאָט! . . .

יט

איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן ביי גאָלדען אין שטוב אָן אָפטער גאַסט, עס האָט מיך געצויגן אַהינצו עפּעס ווי אַ מאַגנעט. מיך האָט געצויגן צו איר נישט אירע מעלות און מידות־טובות, ווי זי דערנערט זיך כשר און האַלט אויס שיין־פיין אַן אַלטע מוטער און אַ שוועסטערל מיט איר אַרבעט. ניין! אַזעלכע זאַכן האָט איסרס אַ תלמיד נישט געקענט שעצן. געלט, דאָס איז געווען ביי מיר דער אַרשין אויף צו מעסטן דעם מענטשנס מעלות,

אויך דאָס וואָגשאָל, דאָס געוויכט אויף אָפּצואווען אַלע מיני מידות־טובות. אַ קלוגער, אַ בריה — אַ מענטש, האָט ביי מיר געהייסן דער, וואָס האָט געלט און לעבט אין וואוילטאָג. ווי אַזוי ער האָט דאָס באַקומען און אויף וועמענס הוצאות ער לעבט — דאָס מאַכט גאָר נישט אויס. אין אַזעלכע זאַכן גייען אַריין מיט זייערע רעכענונגען נאָר אָרעמעלייט, שלימזלניקעס, מחמת קנאה און פאַרדראָס, ווי אויך מחמת דעם, בכדי מיט זייער באַרעדן יענעם, צו פאַרגלעטן דערווייל זייערע אייגענע פעלער, פאַר וואָס זיי זענען שלימזלניקעס, טויגעניכטסן, און צו קילן זיך דערמיט אַביסל דאָס האַרץ, צו טרייסטן זיך כלומרשט פאַר דער וועלט, אַז דאָס אָרעמקייט זייערס איז נאָר פאַר זייער גוטן כאַראַקטער, דערפאַר, וואָס זיי קענען נישט ווי אַנדערע זיין פאַלשע, נידעריקע מענטשן. ניין! נישט גאָלדעס שיינע, גוטע מעלות זענען מיר געפעלן, מיר איז געפעלן געווען נאָר איר שיין פנים, מיך האָט געצויגן צו איר אַ מגושמדיקע ווילדע ליבשאַפט. וואָס איך האָב מיט דער ליבשאַפט געמיינט, דאָס האָב איך מיר נאָך אַליין קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן — איך בין מיר דערווייל צו גאָלדען געגאַנגען. תחילת האָב איך איר געבראַכט אַרבעט, מיר געלאָזט נייען ביי איר העמדער, מאַנישקעס און דערנאָך פלעג איך מיר שוין אַזוי קומען גלאַט ווי אַ גוטער באַקאַנטער.

אין דער צייט, וואָס איך בין געגאַנגען צו גאָלדען, פלעג איך דאָרט אין שטוב ביי איר אַלץ טרעפן יענעם יונגנמאַן, וועלכן איך האָב דאָס ערשטע מאָל שבת באַגעגנט, גייענדיק מיט איר שפּאַצירן. ער איז געווען דאָרט זייער היימיש ווי אַן אייגענער, אַ גאַנצער בן־בית, ער פלעגט לערנען מיט שיינדעלען, העלפן אין שטוב, ברענגען אַמאָל מיט זיך פונעם מאַרק נייטיקע זאַכן, אויך אַמאָל לייען און געבן אונטער אַן ענגער צייט. קיינער אין שטוב האָט אים נישט געאירצט און אים גערופן פּראָסט ביים נאָמען — מיכל.

מיכל איז געווען אַ שרייבער, וואָס פלעגט לערנען מיידלעך און ייִנג־לעך שרייבן, און ציען דערפון זיין שטיקל פּרנסה. פון אַ שמועס אַמאָל מיט דער אַלטער, האָב איך מיך דערגאַנגען, אַז מיכל איז אין דער פאַמיליע אַ גאַנצע אַנהאַלטעניש, אַ גרויסע שטיצע, אָן אים וואָלט אויסגעקומען אַמאָל זייער שלעכט. ער איז אירער אַ קרוב און איז גאָלדעניוס שוין כמעט אַ חתן. לעת־עתה איז דאָס נאָך פאַר דער וועלט בסוד, נאָר אין אַ קורצער צייט פאַרהאָפט זי, אם־ירצה־השם, מאַכן תנאים און ברעכן טעפּ. די דאָ־זיקע ווערטער האָבן מיך געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר איך האָב מיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, גלייך ווי עס גייט מיר גאָר נישט אָן.

זינט יענער צייט האָב איך געהאַלטן מיכלען פאַר אַ שונא, וואָס שטייט

מיר אין וועג, און האָב אַלץ געטראַכט, ווי אים בייצוקומען. איך פלעג מיך ווי אַ קעצעלע צושאַרן צו גאָלדען אי צו דער מוטער מיט גוטע, זיסע רייד־דעלעך, שפּילן זיך מיט שיינדעלען, און ברענגען איר אָפּט אַ צוקערקעלע, אָדער עפּעס אַ שפּילכן, אין דער האָפענונג צו ווערן דורכדעם אַ חשוב און אַראָפּשטופּן מיכלען, אַוועקשטעלן אים אין דער זייט. איינמאָל האָב איך מיך אַפילו געפּרוואווט געבן עפּעס געלט, אַז איך האָב באַמערקט אין שטוב איז עפּעס ענג; נאָר גאָלדע האָט מיר געהייסן צוריקנעמען דאָס געלט, עפּעס מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט מיך געלערנט דרך־ארץ און וואָס איז געווען אַ סך ערגער ווי אַ פּאַטש. דאָס האָט נאָך טויזנט מאָל מער פאַרשטאַרקט מיין שנאה צו מיכלען. עס האָט מיך געברענט ווי אַ העליש פייער, נאָר וואָס מער אָבער די שנאה מיינע צו אים איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער האָב איך מיך אַלץ מער פאַרשטעלט, גערעדט מיט אים צוקער־זיס און געוויזן אים תמיד אַ פריילעך פּנים. פאַרשטעלן זיך, דאָס האָב איך שוין אין יענער צייט זייער גוט געקענט, ווייל דאָס איז די ערשטע זאַך, וואָס אַ קליין מענטשעלע באַדאַרף קענען. אַז איסר האָט שוין פאַרגענומען זיך אייַנעם צו באַגראָבן, פלעגט ער אים אויפנעמען זייער פריינטלעך, לויפן אים אַקעגן מיט אַ שמחה און זיך קושן מיט אים אין די פּיסקלעך. מאַכן יענעם די מיתה בנשיקה, דאָס הייסט, קושנדיק ביי יענעם די נשמה „כמוך", לויט די רייד פון אַ חכם, דערמיט וואָס מען קלייבט אויס פאַר דעם חבר אַ שיינע מיתה, אַ שטילן טויט, אַז קיין האָן אַפילו זאָל נישט קרייען . . . אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער!

איך פלעג קומען צו גאָלדען אויסגעפּוצט און אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, בכדי דערמיט צו געפעלן און אַראָפּוואַרפן אין אירע אויגן מיכלען, וואָס איז געגאַנגען פּראָסט געקליידט. נאָר ביי גאָלדען האָבן קליידער גאָר נישט אַזוי אויסגעמאַכט. זי האָט מיר נאָר איינמאָל דעליקאַט אָנצוהערעניש געגעבן, אַז פון צעפּריעטע פּאָמאַדע אויף יענעמס קאָפּ באַקומט מען דעם קאַטער. מיכל האָט דערביי אַ שמייכל געטאָן, און אינעווייניק אין מיר האָט געקאָכט, געזאָטן אויף אים דאָס בלוט. שיינדעלע האָט אַמאָל זיך אָפּגערופן:

— פּע, מיכל, ווי דו גייסט, רב איציק־אברהמל שיינט טאַקע, ער איז אויסגעפּוצט, אויסגעצוואָגן מיט רויטע בעקעלעך און פּאָמסענע ליפּעלעך ווי אַ שיין מיידל.

— נאַרעלע! — האָט מיכל איר געענטפערט גאַנץ רואיק — וואָס זאָל

איך טאָן, אַז איך בין אָרעם און האָב נישט אַזאַ דינסט, וואָס זאָל מיר אויף אַלצדינג טראָגן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיכל גיט מיר אַ שטעכווערטל, אַז איך בין אַ משרת, און וויל מיך דערמיט ביי איטלעכן אַראָפּוואַרפן. איך האָב עס אָבער אַראָפּגעשלונגען, פאַרביסן די ליפּן און נישט אָפּגעענטפערט קיין קרום וואָרט.

אויף אַזאַ אופן איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער זומער און אַ שטיק פונעם אָסיען. איך בין שיעור אויס דער הויט נישט געשפּרונגען פאַר גרויס ליבשאַפט, נאָר ס׳איז גאָר נישט געווען צו מאַכן. מיכל איז מיר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. איך האָב געזען, אַז איך וועל מיך נישט איילן דעם ביין אַרויסנעמען, וועל איך דערוואָרגן ווערן. עס האָט שוין געהאַלטן, אַז אָט־אָט ווערט מיכל אַ חתן פאַר גאָלדען. די אַלטע האָט אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד און זי האָט געוואָלט דערלעבן דעם טאָג צו נעמען אים פאַרבינדן מיט איר טאָכטער אויף אייביקע יאָר. זי האָט אַ פּאָר מאָל גע־מאַכט אַ שמועס פון די הכנות, וואָס מען באַדאַרף דערצו האָבן און אַלע אין שטוב זענען געווען פריילעך. שיינדעלע איז אַזש געשפּרונגען פאַר פרייד, געשטיפט, זיך געדרייצט מיט מיכלען און געפּאַלן אים דערנאָך אויפן האַלדז, אַרומנעמענדיק אים מיטביידע הענטלעך. גאָלדע האָט געקוקט אויף זיי מיט פייכטע ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער פיל תענוג און איז רויט געוואָרן ווי פייער. ס׳איז איר דענסטמאָל אין פּנים נישט געווען אַריינצוקוקן, ווי אין דער ליכטיקער זון, אַזוי שיין איז זי געווען. איך האָב אויך געמאַכט אַ פריינטלעך פּנים ווי אַ היימישער מענטש, וואָס עס טוט אים הנאה, אַז אין הויז איז אַ שמחה. נאָר אין האַרץ אָבער האָט מיר געברענט אַ גיהנום. אַוועקגייענדיק פון דאָרט האָב איך געקריצט מיט די ציין און געשוואָרן, אַז איך מוז זוכן עפּעס אַ גוט מיטל, ווי צום גיכסטן אָפּרוימען מיר דעם וועג צו גאָלדען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס מיטל איז מיר געקומען אין האַנט אַריין. בשעת נעמען רעקרוטן ביי אונדז אין שטאָט האָב איך אָפּגע־אַרבעט שטילערהייט, דורך איסרן, און מען האָט מיכלען גענומען פאַר אַ רעקרוט ! . . .

איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך געטראָפן, אַז דאָרט אין הויז איז תשעה־באב. די אַלטע ליגט אין בעט, קראַנק, צעבראָכן און אויפן קאָפּ אַ נאַס טיכל מיט קאַלטע וואַסער. גאָלדע איז בלייך ווי די וואַנט, מיט רוי־טע געשוואָלענע אויגן און דרייט זיך אַרום נעבן דער מוטער מיט צעפּאַטל־

טע האָר, פֿאַרזאָרגט, פֿאַראומערט ווי אַ דערשלאָגענע. שיינדעלען איז גאָר נישט צו דערקאָנען, אַזוי געענדערט איז זי — זיצט איינגענורעט אין אַ ווינקעלע, פֿאַרלייגט די הענטלעך און קוקט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן אויף דער ערד. ביי מיין אַריינקומען צעוויינען זיך אַלע מיט אַ מאָל, גיסן הייסע טרערן, אָן ווערטער, ווי אומגליקלעכע, בשעת זיי דערזעען זייער בעסטן פֿריינט.

— וואָס איז אַזוינס געשען ? — פֿרעג איך ווי אַ תּם און בלייב שטיין כלומרשט פֿאַרוואונדערט.

אַקעגן אַ פּאָר מינוט איז נישטאָ קיין ענטפֿער, דערנאָך רעדט די אַלטע אַרויס אויף אַ וויינענדיקן קול, ווערגנדיק זיך מיט טרערן: אַז אָך און וויינד איז מיר! מיכל . . . נישטאָ מיכל! . . . די כאַפּערס, וויי איז מיר, האָבן גענומען מיכלען! . . .

עס עפֿנט זיך איר אַ פֿרישער קוואַל טרערן. גאָלדע זיצט נעבן איר אויפֿן בעט, אָנגעבויגן מיט ביידע הענט אויפֿן פּנים. די קראַנקע מוטער לייגט איר די האַנט אויפֿן קאָפּ און אַלע וויינען, יאָמערן, ווי מען באַקלאָגט אַ טויטן. איך מאַך אַ טרויעריק פּנים, זיפֿץ כלומרשט, קרעכץ, און אין האַרצן טוט מיר הנאה קוקנדיק אויף גאָלדען, וואָס צו איר פֿאַרשטעלט מיר איצט קיינער נישט דעם וועג. איך עס זי מיט די אויגן, אָנקוקנדיק זי פֿון אויבן ביז אַראָפּ, ווי אַ וואָלף קוקט אויף אַ שעפּעלע, אויף וועלכעס ער שאַרפֿט די ציין. און ביי מיר אין האַרצן טראַכט איך: נישקשה, דו וועסט זיין מיינע, וועסט פֿון מיינע לאַפּעס זיך שוין נישט אויסדרייען . . .

כ

אַ פּאָר חדשים זענען נאָך דער דאָזיקער סצענע פֿאַרגאַנגען. מיכלען האָט מען אָפּגעגעבן און אַוועקגעפֿירט העט ווייט, פֿון וואַנען מען קומט נישט צוריק אַזוי גיך. ביי גאָלדען אין שטוב איז געווען אַ חורבן, אַלצדינג דאָרט האָט געטרויערט און פֿאַרלוירן זיין געשטאַלט, די בלומענטעפּלעך זענען געשטאַנען פֿאַרדאַרט, ווייל ס'איז נישט געלעגן קיינעם אין זינען זיי אין דער געהעריקער צייט צו באַגיסן. די קליינינקייטן אויף דער קאָמאָדע זענען נישט אויסגעשטעלט געווען מיט אַ שיינעם סדר, ווי פֿריער, און אויף „משה רבינו" איז געלעגן אַ געדיכטער שטויב. ער האָט אויסגעזען עפּעס מרה־שחורהדיק און אַרויסגעקוקט פֿון אונטער דעם גלאָז עפּעס ווי בייז, זייער שטאַרק ברוגז. מיר, ווייניקסטנס, האָט זיך אַזוי געדאַכט, און איך

פלעג מיך היטן אויף אים אַ קוק צו געבן . . . שיינדעלע האָט אויפגעהערט צו לערנען, נישט געהאַט מער מיט וועמען זיך צו שפּילן. זי איז אַראָפּ פונעם לייב, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און איז געוואָרן גאָר אויס קינד. אויף גאָלדען איז געלעגן די ערד, קיין פריילעכע מינע האָט מען פון איר נישט געזען. ס'איז איר עפּעס ווי נישט ניחא געווען דאָס לעבן. די אַלטע פלעגט קוקן אויף אירע קינדער, שאָקלען מיטן קאָפּ און זיך באַוואַשן מיט טרערן. זי פלעגט אַלץ איינפּאַלן און צייטנווייז ליגן אין בעט.

איך פלעג אָפּטער קומען אין הויז, זיצן בשעת גאָלדע פלעגט אַרבעטן, פלעג זי שטאַרקן מיט גוטע, זיסע ריידעלעך און מיט מיינע טרייסט־ווער־טער געזוכט, אַלץ וואָס ווייטער־ווייטער זיך אַריינצוגנבענען אין איר האַרץ. שפּעטער אַביסל האָב איך באַמערקט אין שטוב אַ ביטערע עלנט. גאָלדעס האַנט־אַרבעט אַליין, ווי שטאַרק זי האָט זיך געמאַטערט, געפּלאָגט און קריעה געריסן, האָט נישט געקלעקט אויף די אַלע לעבנס־באַדערפעניש, ווייל די באַלוינונג פאַר איר אַרבעט איז געווען זייער קליין. דרינען האָט באַ־שיינפערלעך זיך אַרויסגעוויזן, ווי מיכל גייט אָפּ, ווי שטאַרק נוצלעך ער איז פאַר דער אָרעמער פאַמיליע געווען. זיין חלק הילף האָט איצט געפעלט. דערצו איז נאָך גראָד דענסטמאָל געווען טאָקע ווייניק אַרבעט אויך, מען האָט באַדאַרפט גיין איינמאָל אין דער אַפּטייק אַריין נאָך אַ רעצעפּט פאַר דער אַלטער און דערויף איז נישט געווען קיין גראָשן. איך האָב מיך איינ־געשטעלט און פאַרגעלייגט גאָלדען צו נעמען ביי מיר עפּעס געלט. גאָלדע איז רויט געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געענטפערט קיין וואָרט. מען האָט געזען, אַז ביי איר אינעווייניק אין האַרץ איז נישט רו־איק. דאָרט רוישט אַ שרעקלעכער שטורעמווינט פון ביטערע געפילן. איך האָב גאָלדען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך ליי איר עס אויס נאָר אויף אַ צייט, זי מוז עס נעמען צוליב דער קראַנקער מוטער, וואָס געניייטיקט זיך אַצינד אין דעם רעצעפּט, וואָס זייער מעגלעך, אַז דרינען הענגט אָפּ איר לעבן. די אַלטע האָט בשעת־מעשה ביי איר אין בעט דאָרט גראָד אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן, גאָלדע איז פאַרצאַפּלט געוואָרן, גענומען ביי מיר מיט אַ ציי־טערדיקער אייז־קאַלטער האַנט דאָס געלט, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ שאַל און איז געשווינד אַרויסגעלאָפן פון שטוב . . .

ביי מיר אין שטיבל בין איך איינמאָל שפּעט ביינאַכט געלעגן אויף מיין געלעגער און נישט געקענט קיין אויג צוטאָן; עס האָט פון מיר זיך אָפּ־געטאָן דער שלאָף. די ליבשאַפט מיינע צו גאָלדען האָט מיך שרעקלעך גע־פייניקט, נישט געלאָזט רוען און איך האָב מיך גענומען טראַכטן, וואָס קען

פאָרט דערפון ווערן? ביז וואַנען נאָך וועל איך מיך אַזוי פייניקן און נישט ברענגען די זאַך צו אַן עק. נאָר אויף וואָס פאַר אַן אופן אָבער ברענגט מען עס צו אַן עק? — חתונה האָבן? נאָר דאָס איז פאַר מיר זייער אַ שווערע זאַך, דאָס ליגט מיר נישט מכמה טעמים: ערשטנס, וועל איך דורכדעם מוזן אויסטרעטן פון דינסט ביי איסרן, און אַוועקגיין פון איסרן הייסט אַזוי פיל ווי אָפּזאָגן זיך פון פאַרדינען גרינג געלט, פון אַ גליקלעכן לעבן אָן צער, אָן מי, אָן קאָפּווייטיק און אויפגעבן אַלע מיינע האָפענונגען אויף שפּעטער; צווייטנס, וואָס וועל איך ביי איר נעמען? גאָרנישט! זי איז דאָך הויל נאַקעט אַזוי ווי די מאַמע האָט זי געבוירן. זי וועט מיר אָנהאָבן אַ סך קינדער, פּופּקעלעך, וואָס וועלן מיר פאַרדרייען דעם קאָפּ, איך וועל אויפעסן דאָס ביסל געלט און וועל דערנאָך בלייבן אַ קבצן, אַ טויגעניכטס, אַ לא־יוצלח צו קיין זאַך נישט אין דער וועלט, וועל ליידן, פאַרשוואַרצט ווערן, ווי איך בין אַמאָל אין דער יוגנט פאַרשוואַרצט געוואָרן, און צוליב וואָס? צוליב אַ ליבשאַפט!... איסר, האָב איך געטראַכט, וואָלט אויס מיר זיכער געמאַכט דעם גרעסטן געלעכטער.

„ליבשאַפט איז נישט מער ווי אַ שיין פּנימל, אַ זייפנבולבע, וואָס שפּילט פאַרן אויג אין אַלערליי וואונדער־שיינע קאָלירן און פּלוצלים צעשפּריגט עס, מען ווייסט נישט, וואוהין עס קומט אַהין. דאָס איז אַ שפּילכען, אַ קלייניקייט, וואָס מען באַדאַרף עס טאַקע נאָר פאַר אַ קלייניקייט באַקומען און וואָס עס לאָזט זיך זייער גרינג איינהאַנדלען, אַבי מען איז נאָר קיין שוטה נישט. ליבשאַפט — דאָס איז אַ דעקטוך, אונטער וועלכן עס לאָזט זיך גרינגער איינער דעם אַנדערן צו זיך אויף אַ צייט אַריינצונאַרן. דאָס איז אַ קונציק אויסגעאַרבעטע נעץ, צו פאַנגען דרינען שוואַכע מענטשלעך, וואָס צעקריכן ווי אַ שניי און צעגיסן זיך באַלד, ווי מען גיט זיי נאָר עפּעס אַ וואַרעם״... — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער.

זאָל איך קיין נאַר נישט זיין און דערגרייכן מיין וואונטש אָט טאַקע אויף דעם פּראָסטן אופן?... נאָר דאָס איז אָבער אַ ריינע אוממעגלעכקייט. ווי איך האָב געקענט גאָלדען, איז גאָר אוממעגלעך געווען אַזעלכעס אַפילו צו טראַכטן. זי האָט תמיד געקענט עפּעס זיך אַזוי האַלטן, אַז מען האָט געמוזט האָבן פאַר איר דרך־ארץ און די צונג האָט זיך נישט געלייגט אַרויסרעדן איר אין די אויגן עפּעס אַ מיאוס וואָרט. איינמאָל האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט עפּעס נישט אַזאַ שיין ווערטל, וואָס ביי אַנדערע גייט עס איין, נישט צו מאַכן דערויס קיין שום פּירוש, האָט זי דערביי געמאַכט עפּעס אַזאַ מינע, אַז איך בין בטל געוואָרן און אַ קעלט איז מיר

דורכגעלאָפן אין אַלע מיינע אברים. ניין! אַזעלכע ווי גאָלדע לאָזט זיך נישט איינהאַנדלען, אַריינגאַרן . . . מען זאָל אַפילו קלוג זיין ווי צען רו־חות. וואָס־זשע דען, לאָמיך אינגאַנצן אַ שפּיי טאָן און זי פאַרגעסן? דאָס, האָב איך געפילט, איז איבער מיינע כוחות, גיכער וואָלט איך מיך אָפּגע־זאָגט פון מיין לעבן איידער פון איר. די ליבשאַפט מעג זיך זיין, ווי איסר זאָגט, טאַקע אינגאַנצן אַ שפּילכן, אָבער איך האָב אַזאַ שפּילכן בשום אופן נישט געקענט אַוועקוואַרפן. איך האָב געטראַכט, געטראַכט און ווידער געקומען צום ערשטן — אין ברירה, טאַקע חתונה האָבן! איי, וואָס, דאָס קען מיר דאָך שאַטן צום עסק? נו, דערצו וועט מען מוזן געפינען עפּעס אַ פאַרטל, מאַכן עפּעס אַ פשרה, עס זאָל אי אַהין אי אַהער גוט זיין. חתונה מוז מען האָבן און וואָס גיכער איז אַלץ בעסער. מער פלאָגן זיך האָב איך שוין קיין כוח נישט. עס מוז באַלד נעמען אַן עק. גאָלדע באַדאַרף זיין מיינע! . . . מיט דעם דאָזיקן געדאַנק בין איך איינגעשלאָפן און געהאַט זיסע גוטע חלומות.

אויפגעשטאַנען בין איך אַביסל שפּעטלעך אויפן טאָג און האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, עס זאָל אַפילו דונערן און בליצן, מוז איך היינט פאַרנאַכט מיט גאָלדען מיך דערקלערן. דענסטמאָל איז גראָד געווען פאַר פסח, גאָלדען איז זייער ענג געווען, זי האָט באַדאַרפט זייער פיל האָבן און נאָך נישט געהאַט קיין אָנהייב אויף יום־טוב. צו מיין זאַך איז דאָס געווען פונקט די בעס־טע צייט. אַז איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפן איינע אַליין זיצנדיק איבער דער אַרבעט. די אַלטע איז געלעגן אין בעט אונטער די שפּאַניש־ווענטלעך, און שיינדעלע נעבן איר. מען האָט פון דאָרט נישט מער געהערט ווי אַ הוסטן — דאָ הוסט די אַלטע און דאָ שיינדעלע,ביידע האָבן געקייכט אין איין אָטעם, גלייך ווי זיי האָבן זיך פאַרהערט, ווער פון ביידע קייכט שטאַרקער. דערצו האָט נאָך צוגעגרילצט אַ גריל, און איינ־איינעם איז אַרויסגעקומען עפּעס אַ משונה־שרעקלעכער קאָנצערט. גאָלדע איז געווען פאַרזאָרגט, אַלץ געגייט, געמאַכט מיט דער נאָדל און נישט פאַרגונען זיך אַפילו אַ רגע אויפצוהויבן דעם קאָפּ.

איך האָב מיר אָנגעהויבן אַ שמועס מיט מוסר זאָגן, האָב געמוסרט גאָלדען, פאַר וואָס זי האָט עוועט אַזוי איבער די קרעפּטן, פאַרלירט איר געז־זונט און האָט נישט קיין רחמנות אויף זיך אַליין, נישט אויף דעם הויזגע־זינד, וואָס האַלט זיך אינגאַנצן נאָר אויף איר, און נישט אויף אירע גוטע פריינט, וואָס איר געזונט איז זיי שטאַרק טייער און וואָלטן פאַר איר דאָס לעבן אַוועקגעגעבן . . . גאָלדע האָט ביי די דאָזיקע ווערטער אויף מיר אַ

בליק געטאָן און אין דעם בליק איז געלעגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז שווער איבערצוגעבן. איך האָב גערעדט נאָך מער באַהאַרצט, וואָס ווייטער־ווייטער אַלץ מיט מער פייער און בין אַרויס לסוף מיט דער גאַנצער שפּראַכע, אַז זי איז מיר ליב ווי דאָס לעבן און איך וואָלט מיך געשעצט איבערגליקלעך, ווען איך זאָל מיט איר חתונה האָבן. גאָלדען איז די נאָדל פון די פינגער אַרויסגעפאַלן און זי איז געבליבן זיצן צעמישט, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט. אויף אַ פּאָר מינוט לערך בין איך אַנטשוויגן געוואָרן, עס האָט מיך באַשלאָגן אַ שווייס און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, גלייך ווי איך וואָלט איבערגעגאַנגען אַ הויכן באַרג.

דאָס הוסטן און קייכן פון אונטער די ווענטלעך איז אַלץ געגאַנגען שטאַרקער און שטאַרקער. אַ צעבראָכענע שויב פון פענצטער האָט זיך געשאָקלט אַהין און אַהער פונעם ווינט און צוגעקלאַפּט צום טאַקט עפּעס זייער מרה־שחורהדיק. מיר האָט זיך געעפנט ווייטער אַ מויל, איך האָב גערעדט מיט היץ, גערעדט־גערעדט און אַלץ איינגערעדט גאָלדען. איך האָב געשילדערט איר איצטיקע לאַגע, ווי זי איז געקוועטשט פון אַלע זייטן. איך האָב איר אָנגעוויזן אויף דער קראַנקער, שלאָפער מאַמען מיט שיינדעלען, ווי זייליידן נעבעך און קומען אָפּ. נאָר צוליב זיי אַליין באַדאַרף זי עס טאָן. ביי מיר וועט דאָך זיי אַלע, אים־ירצה־השם, זיין גוט, מיר וועלן לעבן גליקלעך און צופרידן, אַז גאָט און לייט וועלן הנאה האָבן. גאָלדע האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און הייסע טרערן אין גרויסע טראָפּנס, ווי פּערל, האָבן איר געטריפט פון די אויגן.

— לאָזט מיך צורו, אַ קורצע צייט — האָט זי זיך אָנגערופן עפּעס מיט אַ קול פון געבעט, גלייך ווי איינער וואָס איז אין דער קלעם — איך וועל מיך אַביסל באַטראַכטן, זיך מיישב זיין מיט דער מאַמע און אייך געבן אַ קלאָרע תשובה.

אַז איך בין געקומען אויף מאָרגן צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפן זיצנדיק אונטער די ווענטלעך נעבן דער קראַנקען מאַמען. די אַלטע האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט, אָנווייזנדיק מיר מיטן קאָפּ אויף גאָלדען, אַז זי וויליקט איין אָפּצוגעבן מיר אין די הענט אַריין איר טייערן בריליאַנט, איר שאַץ, איר מתנה פון זיין ליבן נאָמען; נאָר איך זאָל אָבער וויסן, ווי זי טייער צו האַלטן, ווי זי צו שאַצן. דערביי טאַקע האָט זי צוגעשטעלט אַ פּונקט, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון מיין שטעלע, וואָרום ווי אַ גרויסער חשוב איך בין, פאַרט טאַקע בין איך דאָך נאָר אַ משרת; און איר גאָלדעניון אָפּגעגעבן פאַר אַ משרת איז איר נישט לכבוד, אויך איז נישט

לכבוד איר מאַן, גאָלדעס טאַטן, עליו־השלום, און איר גאַנצער משפּחה. איך האָב זיך אַקעגן דעם געשטעלט, איר אויסגעוויזן ווי ס׳איז נישט גוט, נישט קלוג, אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ גילדענער שטעלע, וואָס טראָגט מיר פיל איין און איך קען דאָרט מיט דער צייט ווערן אַ מענטש, וואָס מענטש הייסט.

— אַ סך מיוחסים, כ׳לעבן — זאָג איך מיט גדלות — ליגן מיר אַמאָל צו די פיס, זענען מיר מקנא און וועלן מיר ערשט שפּעטער, אם ירצה השם, נאָך מער מקנא זיין. נישקשה! איך בין שוין איצט אַזאַ מיוחס ווי זיי אַלע. נאָר ווי די מעשה איז, אַצינד אָפּזאָגן זיך איז זייער קרום, אַ גרויסע עבירה. לעת־עתה איז פיל גלייכער אין אַלע אופנים, איך זאָל נעבן איסרן אי נאָך דער חתונה טאַקע ווייטער בלייבן. וואָס מאַכט עס אויס? זאָל זיך דאַכטן, איך בין אַ קרעמער און זיץ גאַנצענע טעג אין קלייט, אָדער איך בין אַ סוחר און פאָר די גאַנצע וואָך אַרום. אין ליידיקע צייטן, ווי אויך שבת און יום־טוב, וועל איך מיר צוברענגען ביי זיך אין דער היים. לעת־עתה מוז זיין אַזוי און שפּעטער איז דאָך גאָט אַ טאַטע... מסתמא וועט שוין זיין רעכט... איי, וואָס, אייך קומט אַלץ פאַר פאַרט עפּעס משרת, ס׳איז אייך פריקרע פאַר דער וועלט, נו, וועלן מיר אָפּמאַכן די חתונה שטיל אָן דער פּאָמפּע, אָן רעש, אָן געפילדער און זיך מוזן באַגיין אָן די אַלע מיוחסים. אַט פון וועמען, מ׳שטיינס געזאָגט, מען האָט דאָ צו רעדן!...

דער שפּיץ איז געווען, מיינע רייד זענען אָנגענומען געוואָרן, און מיר האָבן געמאַכט אַ האַנטשלאָג.

— זע־זשע, זאָלסט אָפּהיטן מיין בריליאַנט, חשוב האַלטן מיין קינד, מיין טייערע נשמה! — האָט די אַלטע נאָך אַ מאָל געבעטן און זיך צעוויינט. גאָלדע מיט שיינדלען האָבן אויך געוויינט, געכליפּעט, און איך בין דענסטמאָל געווען אויף דעם זיבעטן הימל פאַר פרייד, וואָס מיר איז געראָטן אָפּצומאַכן די זאַך גלאַט, אַזוי ווי איך האָב מיר געוואונטשן.

ל״ג־בעומר אין אַ שיינעם טאָג בין איך מיט גאָלדען אינאיינעם מיט דער מוטער און שיינדעלע זיך דורכגעפאָרן נישט ווייט אין אַ דערפל, און פאַר אַ מנין יידן דאָרט אָפּגעשטעלט אַ שטילע חתונה.

כא

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָב איך געהאַט מיט גאָלדען זייער אַ גוט לעבן. אַלע אין שטוב זענען צופרידן געווען. איך בין טאַקע ווי פריער געווען ביי איסרן אין הויז, האָב מיך געהאַלטן אין אים אייזנפעסט

און געאַרבעט אין מיין זאַך זייער געשמאַק, נאָך פיל געשמאַקער ווי אַמאָל. מיר איז קיין רגע נישט אַרויס פונעם זינען, אַז איך בין אַ באַווייבטער און באַדאַרף האָבן געלט. איך האָב מיר גוט איבערגעחזרט אין קאָפּ אַלע הילכות „קליין מענטשעלע" מיט אַלע פירושים פון רב איסרן, אויך מיט מיי־נע אייגענע הגהות, וואָס איך האָב דרינען ווי אַ למדן מופלג אויפגעטאָן שטאַרק שכלדיק גאָר אַ חריפות. לאָז די וועלט פון איצט אָן פילן, וואָס פאַר אַ גרויסער למדן, וואָס פאַר אַ כלי־שלמה, אַ צאַצקעלע איך בין, לאָז זי גוט טאָקע פילן, אַז איך האָב אַ ווייב, אַז איך בין אַ בעל־הוצאה און באַדאַרף היינט אַ סך האָבן; לאָז זי געבן געלט און אויסשטיין מיינע הוצאות. ניש־קשה, די וועלט איז נישט קראַנק, דער רוח וועט זי נישט נעמען! — אַזוי האָב איך ביי מיר אין האַרץ אָפּגעמאַכט און אַרויפגעצויגן די מקחים אויף מיינע אַלע אָנשטעלן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק מיט חשק צו מאַכן.

איסרס גביר, דער גרויסער בער, האָט געטאַנצט ביי איסרן אין דער אויבער־קאָמעדיע, און איסר אַליין האָט געטאַנצט ווי אַ בערעלע אין מיין אונטער־קאָמעדיע. מיר האָבןביידע געהאַט גרויס שפע. דער נאַרישער עולם איז ביי איטלעכער געלעגנהייט צו אונדז געגאַנגען בעטן, אַז מיר זאָלן טאָן, מיר זאָלן העלפן, און דערפאַר געצאָלט געלט אין טאָג אַריין. מיר האָבן געמאַכט די שפיל און זענען ביידע געווען צופרידן. איך האָב באַ־קומען אַ גרויסן חשק צו געלט. וויפיל איך זאָל נישט געווען פאַרדינען, איז מיר אַלץ ווייניק געווען, איך האָב שטאַרק געציטערט איבערן קערבל.

אין דערהיים ביי מיר האָט מען געלעבט זייער קאַרג. איך פלעג זען איינשפּאָרן, איינקאַרגן, ווי ווייט נאָר מען קען, און זייער ברוגז זיין, אַז ס'פלעגט אַוועקגיין אָן איבעריקער גראָשן. די אַלטע פלעגט זיך דערויף בלאָזן און אַמאָל זאָגן, אַז איך צייל די גרויפּן אין טאָפּ אַריין און פאַרגין קיינעם נישט דעם ביסן. איך פלעג מיך צוריק בלאָזן, און איר געבן שטעכ־ווערטלעך, אַז אויף פרעמדס איז איטלעכער אַ וותרן; אַז מען זאָל מיך אומזיסט האָדעווען — מהיכא־תיתי, וואָלט איך אויך קיין קאַרגער נישט געווען. גאָלדען פלעגן אַזעלכע ווערטער קרענקען, זי פלעגט אַזש געל און גרין ווערן, און נישט איינמאָל נאָר איז צוליב דעם צווישן אונדז אַרויסגע־קומען אַ רוגז. ס'איז אַמאָל געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב מיאוס מיך צעקריגט מיט גאָלדען, זי גראָב באַליידיקט, געזידלט ווי אַ משרת קען, בין איך אין כעס אַרויסגעלאָפן פון שטוב, אַ שטאַרקן קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, און אָקען אַ וואָך נישט געקומען אַ היים.

די פריערדיקע הייסע ליבשאַפט מיינע האָט אַלץ וואָס ווייטער־ווייטער

זיך אָפּגעקילט. גאָלדעס שיין פּנים איז ביי מיר געוואָרן אַ געוויינטלעכע זאַך, איך האָב שוין דרינען גאָר נישט עפּעס אַזוינס אַרויסגעזען, אַ פּנים ווי אַלע פּנימער מיט אַ נאָז, מיט אויגן. גאָלדע האָט ביי מיר פאַרלאָרן דעם חן און אויסגעזען פּראָסט אַ ווייבל ווי אַנדערע ווייבלעך. איך האָב אין האַרץ חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן שידוך. צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט, האָב איך מיר געטראַכט, בעמען מיר אַזאַ שווערן יאָך, אַ גאַנצע געזינד, וואָס פרעסן מיר אָפּ דעם קאָפּ און ברענגען מיך אויס ? נאָר אַ בייזע שעה איז אויף מיר דענסטמאָל אָנגעקומען, וואָס איך האָב מיך געלאָזט פאַרפירן פון אַ שיין פּנימל און אויסגעבראַכט דערויף אַזוי פיל געלט. וואו איז דענסטמאָל געווען מיין שכל, מיין פאַרשטאַנד ? האָב איך מיך געחידושט ; ווי קום איך צו אַזאַ נאַרישקייט ? איך האָב אַלץ ביי מיר גערעכנט, וויפיל די נאַרישקייט האָט מיר אָפּגעקאָסט, מיט וויפיל איך וואָלט איצט רייכער געווען, אַז איך זאָל זי נישט געווען טאָן. און דאָס האָט מיך שטענדיק געערגערט אַזוי, אַז איך פלעג מחמת דעם זיך אַלץ קרימען, קוקן אויף איטלעכן אין שטוב מיט אַ פינצטער פּנים און האָב נישט גערעדט דאָרט מיט קיינעם קיין גלייך וואָרט. אין אַ צייט פון אַ פּאָר יאָר איז גאָלדע פון מיר געבוג אויסגעשטאַנען, זי האָט געהאַט פון מיר די גאַל, נאָר זי האָט אַלצדינג אַראָפּגעשלונגען און פלעגט אַפילו נישט הויך וויינען, קיין פּיפּס אַפילו נישט געטאָן.

אין מיטן דרינען באַדאַרף זיך גראָד טרעפן, אַז דער גרויסער גביר, הגדול והנורא, ביי וועלכן איסר איז געווען די נשמה, זאָל גאָר פלוצלים אַ שטאַרב טאָן און די ווינט־מיל מוז בלייבן שטיין — די רעדער קענען מער זיך נישט דרייען ! . . . מיט דעם גבירס טויט ווערט מיין רב איסר אויס נשמה, און מיט רב איסרס אויס־נשמה־ווערן ווער איך דאָך אויך ממילא אויס נשמה, אויס אַלץ מיט־אַנאַנדער. דער עולם האָט ביסלעכווייז זיך אַרומגעקוקט, זיך אָפּגעהאַלטן ביז ער האָט מיט דער צייט שוין גאָר אויפגעהערט צו גיין מיט בקשות צו איסרן. דערצו נאָך איז איסרן שוין טאַקע שטאַרק צוגעטרעטן דאָס עלטער, ער איז געוואָרן אויסגעוועפּט, עפּעס גאָר עובר־בטל, נישט דאָס פּנים, נישט דער שכל, די חכמה, וואָס אַמאָל. היינט אַז איסר איז אויס חשוב געוואָרן, פאַרשטייט זיך דאָך, בין איך אויך אויס חשוב געוואָרן און שוין מער נישט געגאָלטן, אַקוראַט ווי אַן אָפּגערופּענע מטבע. ביי איסרן בין איך נאָך אַלץ טאַקע געבליבן דער אייגענער חשוב, און נישט אויפגעהערט ביי אים צו גילטן ; נאָר ווי באַלד אָבער ער האָט מיר שוין מער נישט געקענט נוצן, האָב איך אים באַדאַרפט אויף נייניציק

טויזנט כפּרות, איך האָב אים אַזוי געהערט ווי אין טשערנעוויץ די מגילה. אַזוי האָט דאָך געזאָגט איסר וואַרגער! זיינע ווערטער. איך האָב דאָך בקבלה טאַקע פון אים אַליין. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט און אָפּגעטראָטן פון איסרן, וואָס ער האָט ביי מיר אַ פּנים געהאַט ווי אַ נבלה.

אַ געפּגרט באַשעפעניש מאַכט אויף דעם מענטשן נישט אַזאַ טרויעריקן רושם, וואָס איז „ווי געפּגרט" און האָט נאָך פאַרט אַ סימן לעבן. איך זאָג עס אַקעגן מיר און אַקעגן נאָך אַ סך נפשות, ווי אַ שטייגער, אַקעגן אַן אויסגעוואָרענעם בעל־טאַקסע, אַן אָנגעבלאָזטן שתדלן, אַן אויסגעמאַכטן מאַכער, אַ וואָכנדיקן כלי־קודש און אַלערליי מיני פאַרשוועכטע, אַראָפּגעוואָרפענע קהלס־לייט. מילא אַ פּגירה איז כאָטש אַ פּגירה, עס לעבט נישט און באַדאַרף נישט קיין שום זאַך; יענע לייט אָבער, יענע נפשות, אַז זיי ווערן אויס און פאַרלירן זייער פּרנסה, אין וועלכער דאָס חיות זייערע איז געהאַנגען אַ צייט מיט יאָרן — זיי נעבעך ווערן אמת טאַקע פּגירות, אָבער לעבעדיקע צאַפּלדיקע פּגירות, פּגירות — וואָס ווילן עסן, טרינקען, כאָטש אַ ביסל משקה, און באַדאַרפן אַלצדינג טאַקע האָבן! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז זיי קענען זיך נישט רירן; אַז זיי זענען, לאָ־עליכם, גרויסע ביטערע קאַליקעס, האָבן, דאַכט זיך, אַ מויל, הענט און פיס און טויגן נישט פון דאַנען אַהין!...

דאָס האַרץ, כ'לעבן, רייסט קוקנדיק אויף אַזעלכע לעבעדיקע פּגירות, אַזעלכע שלימזלדיקע, מחילה, פאַרשטונקענע באַשעפענישן!

אָט אַזאַ מין באַשעפעניש בין איך געווען, נאָכדעם אַז איך האָב אָפּגעטראָטן פון איסן. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מען טוט, צו וואָס מען נעמט זיך, וואָרום חוץ מיין קליין מענטשלדיקע פּרנסה האָב איך דאָך נישט געקענט און צו קיין שום זאַך נישט געטויגט. די לאַגע מיינע איז דענסטמאָל געווען זייער אַ שלעכטע. איך האָב געלעבט פונעם גרייטן: געביטן קערבלעך און געגעסן. און ביי איטלעכן קערבל, וואָס איך האָב צעביטן, איז מיר אָפּגעפאַלן אַ שטיק פלייש, געשטאָרבן געוואָרן אַן אבר. שטענדיק בין איך געווען אין כעס, האָב קיינעם אין שטוב נישט פאַרגונען דאָס לעבן און צו איטלעכן באַזונדער זיך געזוכט. ביי איטלעכן גראשן, וואָס איך האָב גאָלדען געגעבן אויף דער הוצאה, פלעג איך איר פאַרצאַפּן דאָס בלוט, אַלץ זאָגן: וואָס וויל מען פון מיר האָבן? איך קען נישט אויסהאַלטן אַזאַ געזינד.

די אַלטע האָט פון מיר געקייעט די ערד, זי האָט זיך פאַרעסן און האָט פאַר האַרצווייטיק מסוכן קראַנק זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. מען האָט

געזען, אַז עס עקט זיך דאָס לעבן, זי וועט נישט געדויערן לאַנג, איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איר געוואונטשן דעם טויט און עס האָט מיר אין האַרץ הנאה געטאָן, וואָס באַלד וועל איך פּטור ווערן פון אַ מויל, און די הוצאה וועט קלענער ווערן. דעריבער האָב איך מיך פאַרשטעלט, זיך געמאַכט, כלומרשט ווי איר קרענק רירט מיך ביי דער נשמה, איך בין גאָר אויס מענטש. איך האָב נישט געקאַרגט אויף קיין דאָקטאָר, אויף קיין אַפּטייק — אַבי גיכער זי זאָל שוין זיך איבערפּעקלען . . . איך האָב זי באַדינט ווי אַ געטריי קינד, גאַנצע נעכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג, איר איינגעגעבן די רפואות און געטראַכט דערביי: ווען וועט דער מלאך־המות דיך שוין צו־נעמען? ביי איטלעכן אין שטוב בין איך געהויבן געוואָרן פאַר מיין גע־טריישאַפט, דערפאַר וואָס איך לייג מיך דאָ אַזוי אַוועק און מען האָט מיר פאַרגעסן אַלע צרות, וועלכע מען איז פון מיר פריער אויסגעשטאַנען. גאָל־דע פלעגט מיך אָפט טרייבן פון דער מוטערס בעט, איך זאָל גיין אַביסל מיך אויסרוען, נאָר זי האָט עס ביי מיר בשום אופן נישט געקענט פועלן.

— גיי דו — האָב איך איר דערויף געזאָגט — דו, נעבעך, גיי לייג זיך אַביסל צו און איך וועל מיר דאָ בלייבן אַליין, נישקשה.

איך דערמאָן מיך איצט מיט שרעק יענע ווינטערדיקע נאַכט, ווען די אַלטע איז געלעגן שטאַרק פאַרדולט מיט פאַרגלאָצטע אויגן, גערעדט עפּעס נישט צו דער זאַך און אין האַרץ האָט ביי איר שרעקלעך געכריפּעט, אַזוי אַז מען האָט געהערט אויף דער גאַנצער שטוב, גלייך ווי עמיצער וואָלט געזעגט האָלץ. גאָלדע איז נישט טויט נישט לעבעדיק געזעסן נעבן בעט אויף אַ בענקל מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן און געבראָכן די הענט. שיינדעלע, די אויסגעבלייכטע, אויסגעדאַרטע, אויסגעטריקנטע שיינדעלע, האָט מיט אַ פינצטער פּנים געקוקט אויף דער נוטה־למותער מאַמע, געקוקט און געכלי־פּעט, און כליפּענדיק זיך שרעקלעך פאַרהוסט. פּלוצלים האָט די אַלטע זיך אויפגעזעצט, געקוקט אויף אירע קינדער און טיף פונעם האַרצן דערלאַנגט אַ זיפץ.

— איך בעט דיך — האָט זי אויף אַ שלאַף קול צו מיר זיך אָנגערופן, נאָכדעם אַז זי האָט פריער אָקעגן אַ מינוט שווייגנדיק מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, וואָס האָט מיך דורך און דורכגענומען אין אַלע גלידער — איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיינע קינדער! זיי בלייבן, נעבעך, עלנט ווי אַ שטיין — יתומים אָן פאָטער און מוטער, אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל . . . איך וועל רואיקער גיין פון דער וועלט, רואיקער ליגן אין קבר, אַז דו וועסט מיר עס הייליק צוזאָגן און טאַקע מקיים זיין . . .

זי האָט ווידער אַ מאָל אַ זיפץ געטאָן, אַרויפגעלייגט איין האַנט צו גאָלדען, די אַנדערע צו שיינדלען אויפן קאָפּ און זיי געבענטשט שטילער־הייט, קוים־קוים וואָס מען האָט געהערט איר קול. ביידע קינדער זענען צעשמאָלצן געוואָרן וויינענדיק און צוגעפאַלן צו דער מוטער, וואָס האָט זיי געהאַלדזט, געקושט, צוגעקוועטשט צו איר האַרץ. זי איז באַלד טאַקע אָן כוח אַנידערגעפאַלן ווידער אויף איר געלעגער, זיך אומגעקערט מיט דעם פנים צו דער וואַנט, אַ כראָפּע געטאָן — און אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק . . .

גאָלדע מיט שיינדעלען האָבן אַרויסגעלאָזט אַזאַ יאָמער, אַזאַ ביטער קלאָג, אַז אַ שטיין האָט עס געקענט אפילו רירן. איך האָב פאַרשטעלט דעם פנים מיט ביידע הענט און — ס'איז אַ ווייטיק, אַ חרפה, אַ שרעק צו זאָגן — און עפּעס אַ שמייכל געטאָן צופרידן, ווי איך וואָלט פון מיר אַ שווערע משא אַראָפּגעוואָרפן.

די אַלטע, דאָס איז געווען לעת־עתה דער צווייטער קרבן, וואָס איז דורך מיר געפאַלן. שפּעטער אַביסל האָט באַדאַרפט גיין אַ גאַנג אויך דער דריטער קרבן — די דאַרע אויסגעטריקנטע שיינדעלע ! . . .

כב

מיר איז דערנאָך שטאַרק נימאס געוואָרן צו זיצן אין דער היים מיט פאַרלייגטע הענט, און לאָזן שימלען די גוטע מתנה, דאָס שטאַרקע געפיל פון אַ קליין מענטשעלע, וואָס איך האָב אין מיר געהאַט. אַ עבירה, כ'לעבן, אַז אַזאַ געפיל זאָל פאַרפאַלן ווערן, אַזאַ גוטע מתנה זאָל פוילן, ווערן אַ לעגער־סחורה, אין דער צייט אַז איך בין נאָך יונג מיט אַלע קרעפטן און וואָלט דערמיט געקענט מאַכן דאָס בעסטע געשעפט, גיין אין גאָלד ! איז דען נאַר, האָב איך געטראַכט, איין צבועטשיק אַ וועלט, און ווייטער איז שוין מער נישטאָ קיין אַנדערע שטעט מיט יידן, וואו מיין סחורה זאָל האָבן אַן אָפּגאַנג ? די וועלט, ברוך־השם, איז גרויס. עס זענען דאָ נאָך יידישע שטעט. יידן זענען אומעטום יידן מיט איין טבע, מיט איין כאַראַקטער, און יידישע מאַכערס, יידישע גבירים זענען אויך דאָ, אַן עין־הרע, ווי מיסט, וואָס לאָזן זיך מסתמא נעמען אויף דער אַרענדע און וואָס מען קען מיט זיי מאַכן די שפּיל ! צו וואָס־זשע זאָל איך פאַרוויסטן מיין לעבן, פוילן דאָ אין דער היים ביז איך וועל אויפעסן מיין ביסל געלט און ליידן דערנאָך דחקות, צרות און לייד ווי אַמאָל, וואָס אַז איך דערמאָן מיך נאָך אַצינד, ציטערט אויף מיר

די הויט און עס שטעלן זיך מיר קאַפּויר די האָר ? ניין, בלייבט ביי מיר, מען טאָר דאָ מער אַזוי נישט זיצן ! כּל־זמן איך בין נאָך יונג און האָב נאָך שיינע עטלעכע גילדן, מוז איך פּרואוון דאָס גליק און אויף מזל זיך אַוועק־לאָזן.

— זיי געזונט ! — האָב איך אין איין שיינעם מאָרגן געזאָגט גאָלדען, וואָס איז דענסטמאָל געווען מעוברת, און בין אַוועק אין דער וועלט אַריין.

גלופּסק איז דער בעסטער פּלאַץ, וואָס איז מיר באַלד געפעלן. זי איז אַ גרויסע יידישע שטאָט מיט אַ סך נאַראָנים, וואָס לאָזן זיך פירן ביי די נעז פון איטלעכן באַזונדער און איטלעכער טראָגט נאָך די נאָז זיינע אָקעגן, שטופּט זיך מיט איר פאַראויס, בכדי מען זאָל זי אָננעמען ביי איר צום ערשטן, ווייל ער מיינט, אַז לאָזן זיך פירן ביי דער נאָז איז אַ חיוב, אַ יידי־שע זאַך, וואָס אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. גלופּסק איז אַ שטאָט מיט זייער פיל חברות, מיט אַלערהאַנט גבאים, מיט אַלע מיני כלי־קודש און מיט אַלערליי שיינע יידן. און גאָט שפּייזט פון די געהערנערטע בופלאַקסן ביז די אייער פון די כינים, ער שיקט דאָרט די דאַזיקע מיני באַשעפענישן אויך צו זייער פרנסה בכבוד. קורץ, גלופּסק איז מיר באַלד טאַקע זייער געפעלן, פאַר מיר אַקוראַט ווי געוואונטשן. זי איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס אַ שטענדיקע זומפּיקע בלאָטע איז פאַר אַ זשאַבע, וואו זי קען זיך קוואַקען און צעפירן אַביסל די הענט.

דענסטמאָל בין איך אַלט געווען אַ יאָר דריי־פיר, און, מי יודע, אפשר פינף, זעקס, זיבן און צוואַנציק יאָר. איך האָב מיינע יאָרן נישט געציילט, און ווי אַ סך יידן ביי אונדז, אין יענער צייט, נישט געוואוסט, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, און דאָס איז אויך נישט געשטאַנען פאַרשריבן, — וואָרום אַזוי, פאַרשטייט איר, איז געווען גלייכער . . . און גאָר אַ חוץ דעם, צו וואָס האָט עס געטויגט וויסן ? דער טאָג פון געבוירן ווערן איז ביי מיר, ווי ביי אַנדערע יידן, נישט קיין יום־טוב. יאָרצייט פונעם יום־המיתה — דאָס געדענקט אַ ייד, אָבער יאָרצייט פונעם געבורטס־טאָג — צו וואָס ? עס קומט אויס עפּעס משונה ווילד. געלט האָב איך ביי מיר געהאַט, און דערי־בער איז מיר גרינג געווען באַקאַנט צו ווערן מיט די גלופּסקער פיינע בריות. זאָגן פלעג איך זאָגן, אַז איך טראַכט דאָ מאַכן עפּעס אַ געשעפט, אָבער אין אמת אַריין האָב איך גאָר אַרויסגעקוקט אויף מיין אַרענדע, וואָרום חוץ דער אַרענדע האָב איך געטויגט אויף ניין און ניינציק כפרות. מיין גאַנצע כוונה איז געווען צו נעמען דאָרט דעם גרעסטן גביר אויף דער אַרענדע און מאַכן מיט אים די קאָמעדיע, ווי רב איסר אַמאָל מיט זיין גביר.

ווי איר ווייסט דאָך, איז דער גלופּסקער גביר געווען אַ גרויסער פּאַר־נעם אין דער גובערניע. זיין כוח איז געווען גאָר קיין קאַטאָוועס ניט. און ווי גרויס, אַזוי פּראָסט איז ער ביי זיך געווען. ער האָט ליב געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט אַלע נאַרישקייטן, און צו וויסן אַלצדינג, וואָס פּאַרלויפט זיך אין שטאָט, וואָס קאָכט זיך ביי איטלעכן אין טאָפּ. און דאָס איז דאָך פּאַר מיר געווען טאַקע אַזוי ווי אָנגעמאָסטן, אַזעלכע ווי ער האָב איך טאַקע ווי אין לעבן אַריין באַדאַרפט האָבן. מיט אַזאַ כוח ווי ער, האָב איך געפילט, קען מען דרייען רעדער, קערן וועלטן. נאָר ווי אַזוי אָבער קומט מען צו אים. ווי אַזוי דערטאַפּט מען אים אין די הענט אַריין? דערצו, האָב איך אַרויסגעזען, קען מען אַנדערש נישט קומען, סיידן צו ווערן אַ עכטער גלופּסקער תושב, אַריינצודרייען זיך ווי אַן אייגענער צווישן די גלופּסקער כלי־קודש און ווערן מיט זיי פּאַרקניפּט און פּאַרבונדן. איך האָב אָנגעהויבן מכוח דעם שטאַרק צו טראַכטן.

דערווייל איז אָוועקגעגאַנגען אַ היפּשע צייט און איך בין מיט דעם פּלאַץ אַלץ וואָס ווייטער מער באַקאַנט געוואָרן. שדכנים האָבן מיך נישט געלאָזט רוען און אַרום מיר זיך געדרייט, ווי די בינען. זיי איז געפעלן גע־ווען, אַז איך בין אַ אַלמן. פון וואַנען זיי האָבן דאָס גענומען, ווייס איך אַליין נישט, פּאַר זיי איז, אַפּנים, גענוג געווען דאָס אַליין, וואָס איך בין אַ מאַנסביל און זיץ אַ צייט אָן אַ ווייב, מסתמא באַדאַרף איך און וויל חתונה האָבן, אַנדערש האָט זיי זיך גאָר נישט געלייגט אין קאָפּ. דעריבער פּלעגן זיי מיך באַפאַלן ווי די הייִשעריקן און מיר אָנגעשלאָגן שידוכים. איך פּלעג זיי צוהערן תמיד מיט אַ שמייכל און ביי מיר טראַכטן, וואָס אַרט עס מיך, לאָזן זיי זיך רעדן, עס איז דאָך דערווייל גלאָט גוט, אַ פּאַרגעניגן צו שמועסן פון כלות, צו פּאַרברענגען די צייט אין אַ שמועס איבער שיינע מיידלעך, און דווקא מיט ווענען? מיט פרומע יידן, וואָס רעדן פון מיידלעך, שטעלן אַרויס זייער שיינקייט, זייער פיינקייט, וואָס לויבן־אָפּ אין טאָג אַריין זייע־רע מעלות און לעקן פון זיי די פינגער מיט גרויס חשק און התלהבות... מהיכא־תיתי, האָב איך געטראַכט, לאָזן יידן זיך רעדן, אַפילו צעזעצטער־הייט, וועמען קען עס אַרן? ... די שדכנים האָבן דערווייל מיך צעטראָגן אויף טעלערלעך און מיט זייערע רייד מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גוטן שם ביי דער גאַנצער שטאָט: אַז איך בין שטאַרק רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אַ יחסן, אַ קלוגער, אַ בריה — אַ מענטש, איך זינג גאָר מחיה, דערצו בין איך נאָך אַ דימענט, אָן אַ גאַל, מיט אַ יידיש האַרץ און מיט גילדענע מעלות. גאַנץ גוט, האָב איך מיר געטראַכט, רעדט, רעדט, יידישע קינדער, נאָט אייך

אַ טרונק בראַנפּן און רעדט ווי ווייט איר קענט! . . . איינער פון די שדכנים האָט מיר צו לעצט אָנגעשלאָגן אַ שידוך, דווקא נישט קיין געלט, אָבער מיט אַ גרויסן פיינע־בריה, מיט אַ באַרימטן יחסן, איינער אין דער וועלט.

דער גרויסער פיינע־בריה, מיט וועלכן מען האָט מיר גערעדט, האָט געהייסן מיט אַ פּירגאַרנדיקן נאָמען: רב יוסף־מאַרקל רב מאָניש־לייבעלעס. ער איז געווען איינגעטונקט אין יחוס, געשטאַמט פונעם פּאַרצייטיקן גלופּסקער רבס געזינד. כל ימיו האָט ער קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינגעטאָן, נאָר פון דעם יחוס זיינעם תמיד זייער שיין געלעבט און אויסגעגעבן קינדער. גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַ סך דאַרע, שוואַרצע, מיאוסע מיידלעך, צו אַלע מעלות נאָך גרויסע שלימזלניצעס, נאָר ער האָט זיי אַלע אויסגעבראַכט, ווי מען זאָגט, אויפן לויט. גרויסע נגידים, ווי אַ שטייגער, אויפגעקומענע משרתים, פלוצלים רייך־געוואָרענע קליינע מענטשעלעך, פלעגן פשוט אויסגיין מיט רב יוסף־מאַרקל רב מאָניש־לייבלס זיך משדך צו זיין און זיך איינקויפן דורכדעם אין יחוס. קוים האָט זיינע אַ טאָכטער דערלעבט אַלט צו ווערן פערצן, פופצן יאָר, האָט זיך שוין געפונען אויף איר אַ בעלן, וואָס ער איז געשווינד פאַרלאָפן אַנדערע דעם וועג, אויסגעכאַפּט די טייערע מציאה פון זיינע הענט און נאָך אים געגעבן אין בייטל אַריין. דאָס מיידל, וועלכע מען האָט מיר גערעדט, איז געווען נאָך שוואַרצער, מיאוסער פון אירע אַלע איבעריקע שוועסטער, מיט אַן אויסגעווייקט פּנימל, קליין, דאַר, ווי גרוגרת דר׳ צדוק — אַ פייג הייסט עס, ר׳ צדוקס אַן אויסגעטריקנטע פייג! . . . אין פאַרגלייך מיט גאָלדען האָט זי אַ פּנים געהאַט ווי אַ מאַלפּע אַקעגן אַ מענטשן. דער שדכן אָבער האָט אין איר קיין שום חסרון נישט געפונען, ביי אים אין די אויגן האָט זי געהאַט דעם יידישן חן.

— מילא — האָט ער געזאָגט — מילא, אַז זי איז אַביסל טונקל, אָדער ווייס איך נאָך וואָס אַזוינס, נו מילא, וואָס מאַכט עס אויס? ווער קוקט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן און וועמען באַדאַרפן אַזעלכע קלייניקייטן אָנגיין? מילא וואָס מאַכט עס אַ יידן אויס שוואַרצלעך צי ווייסלעך אַביסל? עט, אַלץ איינס, כ׳לעבן! דער עיקר איז דאָך דער קרן אַליין . . . אָט אויף וואָס מען באַדאַרפט קוקן. און אויב דער קרן, וואָס איך גיב אייך דאָ פּאַר, איז גוט — דאָס, דאַכט זיך, קען אַ בלינדער אפילו אויך אָנטאַפּן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געלאַכט פון דעם שדכנס דאָזיקע ווערטער. פונדעסטוועגן האָב איך הנאה געהאַט אים אויסצוהערן און דער

שידוך איז מיר אַלץ וואָס ווייטער מער אין קאָפּ אַריין. עס האָט זיך מיר געעפנט די אויגן און איך האָב דערזען, אַז דער איינציקער וועג, אויף וועלכן איך קען קומען צו מיין אַרענדע און מאַכן אַ גליק, איז טאַקע נאָר דורך אַזאַ מין שידוך. רב יוסף־מאַרקעל רב מאָניש־לייבלס איז דאָך אַ כלי־קודש, אַ קאָכלעפל, אַ גבאי אין אַ סך חברות, איז איינגעזעצן ביי דעם גביר, וואָס לייגט אויף אים גרויס כבוד און האַלט זיך מיט אים עצות מכוח יידישע זאַכן, היינט אַז איך זאָל ווערן זיינער אַ איידעם, וואָלט איך דאָך געוואָרן זייער גרינג דעם גבירס נשמה, ער וואָלט דאָך ביי מיר געטאַנצט גאָר אַ וואונדער. איך וואָלט געווען געהאַט שפע, אַריין אין די גרויסע אַלפים און געלעבט גליקלעך, נאָך אַ סך בעסער ווי איך האָב מיר אַמאָל פאָרגעשטעלט! נאָר איי, וואָס, דער קרן? זי איז דאָך מיאוס? נו, מילא, באמת טאַקע, וואָס מאַכט עס אויס! נו, אַז גאָלדע איז אַ שיינע, מילא וואָס־זשע קומט מיר פון איר שיינקייט אַרויס? אַלצדינג איז גוט מיט ברויט . . .

איך האָב מיך דערמאָנט אין גאָלדען, און געהאַט גרויסע צרות, וואָס זי הענגט מיר ווי אַ קאָלטן און איז אויסן אויף מיין נשמה. איך האָב זי אין האַרצן געשאָלטן און געטראַכט, ווי מען ווערט פון איר פטור.

דער שדכן האָט דערווייל געטאָן זיינס, מיר אַלץ געפּיקט, געפּיקט דעם קאָפּ און געזאָגט, אַז באַם איך וועל מיך נישט איילן, וועט אונטערשפּרינגען אַן אַנדער בעלן און וועט אויסכאַפּן אַזאַ גליק, אַזאַ כשרע מציאה ביי מיר פון די הענט. עס וועט מיר דערנאָך משונה באַנג טאָן. איך האָב מיך געלאָזט איינרעדן און דער שדכן האָט ווי אַ בריה מיך פּלוצים צונויפגעפירט מיט רב יוסף־מאַרקל רב מאָניש־לייבלס, פאַר וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט אויף מיר הרים־וגבעות און אויסדערציילט שבחים, נאָך מער ווי אויף אַ יידנס מצבה. אַלץ גוט, אַלץ שיין, נאָר דער עיקר, וואָס דער מחותן האָט געפּאָדערט, איז געווען, איך זאָל נישט האָבן פונעם ערשטן ווייב קיין קינדער. פרעמדע קינדער אָנהענגען זיין טאָכטער האָט ער נישט געוואָלט בשום אופן. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך האָב נישט קיין קינדער, דער שדכן פון זיין זייט האָט אים וועגן דעם געשוואָרן ביי זיינע הייליקע נאמנות, אי ביי זיין חלק עולם־הבא וכדומה נאָך אַזעלכע מיני שבועות . . . מיר האָבן למזל געמאַכט אַ תקיעת־כף און אָפּגעלייגט די תנאים אויף אַ קורצע צייט שפּעטער. איך האָב מיך געשמאַק גענומען טראַכטן, צו געפינען עפּעס אַ מיטל, ווי איך זאָל דערווייל אין דער דאָזיקער צייט לויז ווערן פון גאָלדען — שאַ, שטיל, קיין האָן זאָל נישט קרייען.

כג

אַקעגן אַ דריי וואָכן נאָך דעם תקיעת־כף איז אין צבועטשיץ אָוונט־צייט אַריינגעפאָרן אַ בויד און זיך אָפּגעשטעלט נעבן גאָלדעס שטוב. אַ קאַלטע לופט האָט געווייט און אַראָפּגעבלאָזן פון אַ טייל ביימער די געלע בלעט־לעך, וואָס האָבן ליגנדיק אויף דער ערד זיך שטילערהייט געשושקעט צווישן זיך עפּעס זייער אומעטיק און אַנגעמאַכט אויפן האַרץ אַ מרה־שחורה. פונעם בויד איז אַרויסגעקראָכן אַ מענטש, וואָס איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר און געבליבן דאָרט אַביסל שטיין מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי אים וואָלט עפּעס פריקרע געווען אַנצונעמען ביי דער קליאַמקע. דער דאָזיקער פּאַרשוין איז געווען טאַקע איך מיט מיין כבוד אַליין.

ביים אַריינקומען אין שטוב האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ און איך בין געבליבן שטיין נעבן דער טיר אָן לשון. גאָלדע איז איינע אַליין געזעסן אויף דער ערד, אין אַ ווינקל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, מיט דעם פּנים אַראָפּ, אויף אַ בענקל, גלייך ווי זי האָט געדרעמלט און נישט באַ־מערקט ווי איך בין אַריינגעגאַנגען. אויפן פענצטער האָט מיט אַ רויטן פלאַם געברענט אַ חלבדיק ליכטל, דערביי איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטיקל לייוונט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָס אַלצדינג באַדייט, און אין מיר האָבן געקאָכט פאַרשיידענע געפילן. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין ערשטן אַריינקומען אַהער, ווי פריילעך, ווי שיין דאָ האָט דענסטמאָל אַלצדינג אויסגעזען; ווי שטאַרק צופרידן האָט דאָ אַמאָל זיך געלעבט אַן אָרעמע פאַמיליע! אַלע דאָ אין שטוב האָבן זיך ליב געהאַט, האָבן געהאַט גוטע האָפענונגען אויף שפּעטער, און מיט דער האָפענונג געלעבט דערווייל זייער גליקלעך. פּלוצלים האָב איך מיך אַהער אַריינגע־כאַפּט, ווי אַ קאַץ אין אַ נעסט פון גליקליכע, צופרידענע טויבן און האָב פון איטלעכן געמאַכט אַ עק. מיכל איז ערגעץ פאַרוואַגלט, נישט צו וויסן, וואו זיין געביין איז הינגעקומען, די אַלטע מוטער און שיינדעלען האָב איך גע־טריבן אין דער ערד אַריין, און אַצינד וויל איך אינגאַנצן עקן מיט גאָלדען — פאַרוויסטן איר אויף אייביק דאָס לעבן . . .

איך האָב געטאָן אַ טריט ווייטער. גאָלדע האָט ווי פון שלאָף זיך אויפ־געכאַפּט און מיך אָנגעקוקט אַ רגע, עפּעס ווי צעמישט. מיט איר בלייך פּנים, אויף וועלכן ס'איז געלעגן אויסגעדריקט די גרויסע צרות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, אי מיט אירע רויטע פאַרשוואָלענע אויגן, אין וועלכע עס

האָט זיך אָפּגעשפּיגלט איר פינצטער געמיט, האָט זי אין מיר אויף אַ ווײַלע דערוועקט אַ מענטשלעך געפיל פון רחמנות און איך האָב נישט־ווילנדיק אַ זאָג געטאָן: וואָס מאַכסטו, גאָלדע?

— אַ טײַערער גאַסט, כ׳לעבן! — האָט גאָלדע מיט אַ טיפן, ביטערן זיפץ זיך אָנגערופן און אַוועקגעקערט דעם קאָפּ — נאָך אַזאַ לאַנגע צײַט שווײַגן האָט ער זיך פאַרט דערמאָנט און איז געקומען מנחם־אָבל זײַן דאָס ווײַב! . . . אָט וואָס איך מאַך, שבעה זיץ איך . . . אַך, שיינדעלע, שיינדעלע! . . .

— גאָלדע! — האָב איך אַ זאָג געטאָן, געמאַכט עפּעס מיט דער צונג און אַליין נישט געוואוסט, וואָס איך רעד. אַזוי צעמישט בין איך געבליבן פון אירע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט עס געזאָגט אַזוי טרויעריק, אַז עס האָט געקענט רירן אַפילו אַ שטיין.

— ווײסט און פינצטער איז מיר דאָס לעבן. איך וואָלט מיר בעסער געוואונטשן דעם טויט, ווען נישט ער . . . קום! — האָט גאָלדע, אויפשטייענדיק פון דער ערד, געזאָגט שוין ווייכער אַביסל, מיך אַרײַנגעפירט אין אַלקיר אונטער די ווענטלעך און איז מיט מיר צוגעגאַנגען דאָרט צו אַ וויגעלע, וואָס אינעווייניק איז געלעגן אַ שלאָפנדיק קינד, מיט ביידע צוגעמאַכטע הענטלעך אויפן מיילכן און אַ זיס שמייכעלע איז אים צײַטנווייז איבערגעפלויגן איבער דעם פּנימל — אָט, צוליב וועמען איך וויל לעבן! — זאָגט זי, אָנווייזנדיק מיר אויף דעם קינד און דאָס פּנים ווערט איר דערבײַ לעבעדיקער, פרײַלעכער.

דאָס קינד האָט פּלוצלים געעפנט די אייגלעך, זיך גענומען זויגן אַ פינגערל, געבעבעט און געמאַכט קינדערשע אָנשטעלן. די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוואָלן און פאַרגעסן אין דער מינוט אירע ביטערע צרות, גלײַך ווי זי אַליין איז געוואָרן אַ קינד.

— קוק נאָר, זון — האָט זי אויף קינדערש גערעדט צום קינד — קוק נאָר, ווער דאָ שטייט: טיאַ־טיאַ! מיט ליב דיר דײַן גאַסט! אָט איז דײַן טיאַ־טיאַ, טיאַ־טיאַ! . . .

עס האָט אין מיר פּלוצלים אָנגעהויבן צו זידן דאָס בלוט, איך האָב דאָך דעם מחותן געגעבן אַ וואָרט, אַז איך האָב נישט קיין קינד און אַצינד זע איך גאָר ליגט פאַר מיר דאָ אַ קדיש, וואָס טויג מיר כלל נישט צום עסק. דאָס געפיל פון רחמנות איז מיר באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן, איך בין געשטאַנען אָנגעלאָדן מיט אַ ברוגזדיק פּנים און אָנגעקוקט בייז דאָס אומגליק־

לעכע קינד, נעבעך, וואָס האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פּיסקעלעך און שטאַרק צעשריגן זיך.

— שאַ, שאַ! — האָט גאָלדע צו אים געמאַכט — שאַ, נאַרעלע, וואָס האָסטו אַזוי מורא פאַרן טיאַ . . . פאַר דיין טיאַט־טיאַ? — און בשעת זי בויגט זיך אָן צום קינד, נעם איך אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ געשריפטס און טו עס געשווינד אַ וואָרף איר אין די הענט אַריין מיט די ווערטער:

— אָט האָסטו דיר עס פון מיר אַ גט! . . .

גאָלדע בלייבט שרעקלעך צעמישט, גלייך ווי מען וואָלט איר געגעבן מיט אַ האַק איבערן קאָפּ, זי גלאָצט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און קוקט, נישט צו רעדן אַ וואָרט.

— הער נאָר אויס, גאָלדע! — רוף איך מיך אָפּ צו איר — ווי די מעשה איז, דו ביסט מער נישט מיין ווייב, מיר געהערן זיך שוין ביידע נישט מער אָן. נאָר אַז דו וועסט קיין נאַר נישט זיין, נישט מאַכן דערפון קיין רעש און האַלטן ביי זיך דאָס קינד, וועל איך דיך מסתמא נישט פאַרלאָזן און וועל דיר צייטנווייז צושיקן עפּעס געלט.

ביי די דאָזיקע רייד מיינע האָט גאָלדע אויסגעשאָסן עפּעס מיט אַ משונה ווילדן געלעכטער, אַזוי אַז איך האָב געמיינט, זי איז זיכער אַראָפּ פונעם זינען. דער דאָזיקער ווילדער מין געלעכטער איז איבערגעגאַנגען דערנאָך אין אַ ביטער געשריי:

— אַרויס! — צעשרייט זי זיך אויף מיר, נעמט אָן אַ שטאָלצע מינע — דו ביסט נישט ווערט, רשע, אַ רגע צו בלייבן דאָ אין שטוב, וואו עס האָבן געלעבט אַמאָל ערלעכע לייט, וואָס זענען דורך דיר געגאַנגען פון דער וועלט! זיי רואיק, איך וועל אַזאַ פאַרשוין ווי דו נישט נאָכיאָגן. ס'איז מיר גאָר אַ חרפּה צו זאָגן, וועמען איך האָב געהאַט פאַר אַ מאַן. מעגסט דיר גאַנץ רואיק חתונה האָבן! איך און מיין קינד באַדאַרפן מיר דיין הילף נישט האָבן! כל־זמן איך לעב, וועל איך מיר, נישקשה, מיט מיינע הענט כשר פאַרדינען אונדזער באַדערפעניש. אַרויס פון דאַנען, זאָג איך דיר, און פאַרגעס גאָר, אַז דו האָסט ערגעץ אַ קינד. אַרויס, אַררויס! . . .

איך האָב געשווינד מיך אַרויסגעכאַפּט פונעם שטוב און בין באַלד טאַקע אין דער אייגענער נאַכט אָוועקגעפאָרן.

כד

דער שווער מיינער רב יוסף־מאַרקעל רב מאָניש־לייבלס איז געווען אַ טייער שלימעלע, וואָס האָט געעפנט פאַר מיר אַלע טירן פון די גרויסע גלופּסקער פיינע־בריות און מיר אַנטפּלעקט אַ סך סודות פון דער גאַנצער כנופיא שטאָט־פירער. זיין יחוס און זיינע זכות־אָבות זענען מיר בייגע־שטאַנען, צו ווערן אַ שיינער ייד, אַ גבאי אין חברות, אריינצושטעקן די נאָז אין שטאָט־זאַכן און צו נעמען לסוף דעם גלופּסקער גביר אויף דער אַרענדע. אָט דענסטמאָל ערשט האָב איך אָנגעהויבן ווערן אין שטאָט אַ גאַנצער טוער. געמאַכט מיט דעם בער מיינעם די שפּיל כדת איסר וואַרגער, און יידן האָבן געצאָלט פאַר אַלע אָנשטעלן אין טאָג אַריין. איך האָב בחוש טאָקע אַרויס־געזען איסרס ווערטער, אַז „אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ גאָלדן און אַזאַ נאַ־ריש פאָלק, ווי יידן זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ״ . . .

מיין ווידוי וועט אייך דאָ געבן צו פאַרשטיין אַ מעשר מן המעשר פון מיין דרך און פון מיין אויפפירונג אין מיין לעבן.

על חטא שחטאתי באיש־קטן — דאָס טייטש: אַ קליין מענטשעלע. אַ כפּרה, האָב איך געזאָגט, אַלע מלאכות אין דער וועלט. פון זיי קען מען אייביק נישט אויפקומען, מען בלייבט דערנידעריקט, דערשלאָגן, תמיד דער־אונטער, דאָס כפּרה־הינדל. לאָזן אַנדערע אַרבעטן, פון מיינעטוועגן כאָטש די כפּרה ווערן, איך אָבער וויל לעבן, זיין אַ ליידיקגייער און טאָקע גוט לעבן.

ועל חטא שחטאתי באַרענדע — די אַרענדע מיינע, זייער אַ גרינגע איינבערענגעגדיקע פּרנסה, האָט מיר פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ. איך האָב נישט געגלויבט אין אמת, אין אָרנטלעכקייט, אין רחמנות, אין פריינטשאַפט און אין אַלע אַנדערע גוטע מענטשלעכע געפילן. איך האָב נישט מער גע־וואוסט נאָר דאָס, וואָס מיר טויג, וואָס מיר נוצט און געריסן ביי איטלעכן, אי ביי אָרעמע, אי ביי אלמנות און יתומים, ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט. אַז אַן אָרעמאַן האָט פאַר מיר געוויינט, געגאָסן טייכן טרערן, האָט עס מיך נישט אָנגעהויבן צו רירן. וואָס טויג מיר טרערן, פלעג איך בשעת מעשה טראַכטן, גיב בעסער געלט! תן לי הרכוש והדמעות קח לך — דאָס הייסט אויף קליינמענטשלדיק לשון: „זשיד דאַוואַי גראָשי!״ אָדער: הונט, גיב געלט און מיט די טרערן וואַרג זיך אַליין! . . .

על חטא שחטאתי בבל תשחית — דאָס טייטש, מען טאָר נישט פאַר־דאַרבן, און איך האָב יאָ פאַרדאָרבן. איך האָב גענומען אַ גביר, גאָטס אַ

מין באַשעפעניש אויף צוויי פיס מיט אַ פּנים, אַ געשטאַלט ווי ביי אַ מענטשן און געמאַכט פון אים אַ בער.

ועל חטא שחטאתי בבהמה זו — וואָס איך האָב געזינדיקט מיט דער דאָזיקער בהמה. דער פּירוש דערפון איז אַזוי: אַלע ביי אונדז יידן קוקן, ווי דער שטייגער איז, דעם גביר אין מויל אַריין און ווילן אים צובאַמקען אין אַלצדינג, וואָס זיי טוען. אין זייער גאַנצער אויפפירונג: אין זייער פרומקייט און אמונה־זאַכן, אין זייער מגדל זיין די קינדער, אין זייער לעבן ביי זיך אין דערהיים און אין מאַרק, זעט זיך באַשיינפּערלעך אַרויס דעם גבירס גוסט, זיין געשמאַק און זיין כאַראַקטער. די אַלע דאָזיקע הנהגות פון עפּעס אַ שטאָט, גוטע צי שלעכטע, קלוגע צי נאַרישע, געווענדט זיך זייער פיל טאַקע אין דעם, וואָס פאַר אַ מין מענטש דער דאָרטיקער גביר איז. דעריבער, אַז איך האָב מיט מיין גביר, די בהמה, געמאַכט נאַרישע העוויות, וואָס האָט אונדז שטאַרק געפּאַסט צום עסק, זענען דורכדעם אַ סך טאַקע געוואָרן בהמות און האָבן, נעבעך, זיך מיאוס נאַריש געמאַכט. וואָס מער נאַרישער, איז אַלץ אויסגעקומען שענער, יידישלעכער. אַ נאַר האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו גילטן, ווער שמועסט דערצו נאָך אַן עם־הארץ, דער איז גאָר אַרויף אויף אַ הויכער מדרגה . . . איך, ווי איז מיר, פלעג קוקן און הנאה האָבן פון מיינע נאַראָנים. איך פלעג אויף זיי קוקן ווי דער אָקסנהענדלער אויף זיינע אָקסן און מיט אַ פרייילעך האַרץ אָפּשאַצן דעם ריווח, וואָס מען קען פון זיי האָבן.

על חטא שחטאתי בגלוי־הוראות — דאָס הייסט אַנטפּלעקונג פון ביינע מיני דינים. דיינים, מורי־הוראות, די האָב איך געהאַלטן אין מיינע הענט, זיי האָבן געמוזט טאָן אַלצדינג, וואָס איך האָב געהייסן, אויפטאָן אַזוינע משונהדיקע שטיק, פון וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, נישט געהערט. זיי האָבן געאַסרט אַזעלכעס, וואָס מען האָט געמעגט, וואָס כשר — געמאַכט טריף, אַלץ נאָר אַזוי ווי מיר האָט געטויגט, ווייל זיי האָבן דאָך נישט געקענט מיט מיר איינרייסן, אויס מורא, איך זאָל זיי חלילה נישט ברעכן פון ברויט. גרויסע גאַלגאַנסקע הינער, אַ שטייגער, האָבן די דיינים, נעבעך, זיי געמוזט אַסרן און אויסדרינגען, אַז זיי זענען גאָר מיני אָדלער, נאָר מהאי־טעמא, ווייל איך האָב אַזוי געהייסן, ווייל איך האָב געהאַלטן בלאָט מיט דעם בעל־טאַקסע, און אים האָט דאָך נישט געטויגט, מענטשן זאָלן זיך גלאָט עסן אַזעלכע גרויסע הינער, אַזוי פיל פלייש אָן טאַקסע און וואָס פאַר זיי קומט־איין שחיטה־געלט, ווי פאַר קליינע הינער.

ועל חטא שחטאתי בדיבור־פה — בדאַנאָסן הייסט עס. איז איינעם

נישט געפעלן געווען אַמאָל מיינע הנהגות אין דער שטאָט, ער האָט נישט געקענט צוזען דעם שרעקלעכן שווינדל, ווי מען פאַרבלענדט דעם עולם די אויגן; ווי מען פאַרדרייט אים דעם קאָפּ; ווי מען פירט אים ביי דער נאָז און מען פאַרפירט אים ביז דעם האַלדז אין מיאוסע בלאָטעס אַריין — אַזעלכן פלעג איך און מיינע לייט פאַרזאָרגן מיט אַ שפרוך, מיט אַ „שיר־המעלה", אַ דאָנאָסל הייסט עס, וואָס מיר פלעגן שיקן אַהין, וואו מען באַדאַרף. און אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אַ סך מיילער פאַרשטאָפּט.

על חטא שחטאתי בהוקעס־פוקעס — איך פלעג מאַכן מיט דער רייף, צאַפּן פון דער וואַנט געלט, מאַכן פון שניי גאָמעלקעס, אַריין יענעם אין דער גרגרת, שטיין פון דער ווייטנס און דערלאַנגען אַ ביס, מאַכן פון שוואַרץ ווייס, רעדן מיט אַ מענטשן און פון דער העלער הויט אַרומשטעקן אים מיט פעדערן, כאַפּן פיש פאַר די נעץ און מאַכן פונעם מויל אַ כאַליעווע, וכדומה נאָך אַזעלכע פאָקוסן, וואָס אַפילו פיענעטע, דער באַרימטער פאָקוסניק, איז נישט ביכולת געווען זיי צו מאַכן.

ועל חטא שחטאתי בוויבאָרעס — יענע מעלות, וועלכע מען באַדאַרף האָבן אין מענטשן אויף אויסצוקלייבן זיי צו עפּעס אַ התמנות, ווי אַ שטייגער: ערלעכקייט, פאַרשטאַנד, אַ קאָפּ, אַ מויל און אַ פּען וכדומה — אָט די דאָזיקע אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קען אַ פנים האָבן פאַר דער וועלט און פיל נוצן ברענגען דער שטאָט, זענען פאַר מיר און פאַר מיין כנופיה געווען גאָר חסרונות. איך האָב באַדאַרפט דווקא אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין פנים פאַר דער וועלט און קענען קיין נוצן נישט ברענגען דער שטאָט, וואָרום דאָס וואָס האָט געטויגט דער שטאָט, האָט לחלוטין מיר נישט געטויגט. איך האָב גאָר באַדאַרפט האָבן עפּעס אַ לאַפּנמיצל, אַ לא־יוצלח, אַ לעדערנעם דישל, וואָס איך זאָל אים בייגן וואוהין איך וויל, וואָס פאַר אַ גראַשן זאָל ער פאַרקויפן זיין נשמה, וואָס ער זאָל זיך שטאַרק מכניע זיין און חנפענען מיך מיט מיין גאַנצן פעקל. און ווייל דער גלופּסקער עולם איז דאָך געווען תמיד שטאַרק פאַרנאַרישט, ווי אַ קליין קינד, און זיך געלאָזט פירן ביי דער נאָז, דעריבער האָט ער תמיד בשעת וויבאָרעס אויף אַ גלאָסנע, אָדער אויף אַ רב וכדומה, אויסגעקליבן יענעם לאַפּנמיצל, יענעם טויגעניכטס, יענעם לאָקש, וועלכן איך האָב געוואָלט, און דורך וועלכן ער פלעגט דערנאָך באַקומען בויכווייטיק. וואָס ווייסט דען אַ נאַריש קינד צו באַרעכענען, וואָס שפּעטער וועט זיין? ער איז זייער גערן צו פאָלגן אַלצדינג, אַבי מען גיט אים אַ שמיר איבער די ליפּעלעך מיט אַביסל ווייך, מען רוקט אים אַריין אין הענטל אַ לעקעכל און מען פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל מיט

אַ קנישיקל . . . אַיי דערנאָך וועט אים דערפון גרימען אין בייכל און עס וועט אים באַקום אַרויספאַלן, נו מילא, וועט אים טאַקע ווי טאָן. דעם עולם, דעם נאַרישן קינד מיינעם, פלעגט דאָס קנישיקל נישט באַקומען, ער פלעגט עס שפּעטער טאַקע אויסקרענקען און איז דורכדעם שטאַרק, נעבעך, פונעם פּנים אַראָפּ.

על חטא שחטאתי בחברות — צדקה־חברות האָב איך זייער ליב געהאַט פאַר דעם גרויסן נוצן, וואָס מען האָט פון זיי . . . מתעסקים באַקומען דאָך אַ נאָמען: בעלי־רחמימם, כלי־קודש, און צו דעם דאָזיקן טיטל פאַלט זיי נאָך שטילערהייט אויך צו אַן אַפּטער, זייער אַ היפּשער, אַ שיינער גראָשן. מיין שווער האָט דערגרייכט דעם טיטל „דייסטוויטעלני טאַיני גבאי", דאָס הייסט אַ גבאי, וואָס חברהש געלט איז ביי אים אין די הענט בסוד־סודות און קיינער חוץ אים ווייסט נישט, וואוהין דאָס געלט קומט אַהין . . . איך בין אויך אַריינגעטרעטן אין אַ סך חברות און זיך דערדינט צום טיטל נאמן, דאָס הייסט איינער פון יענע מיני מתעסקים, וואָס מען גלויבט זיי אויף נאמנות: אַלצדינג וואָס זיי טוען איז געטאָן און זענען נישט מחויב קיינעם רעכענונגען אָפּצוגעבן . . . מיר האָבן אַלע, איטלעכער אויף זיין שטייגער, געמאַכט כאַפּ־לאַפּ און אַלצדינג איז געבליבן „כאַטע פּאַקרישקע" . . .

על חטא שחטאתי בטאַקסע — די טאַקסע פון פלייש אָדער דאָס קעס־טעלע, איז דאָס פּאַרעיפּושטע, אומריינע אָרט, וואָס דאָרט האַלטן זיך וואַנצן, ווערעם און נאָך אַזעלכע מיני שרצים; זי גיט ביי אונדז אַרויס יענע מיני מענטשעלעך, יענע מיני שלעק, וואָס עסן־אָפּ דעם קאָפּ און טוען־אָן גרויסע צרות; זי איז אַן אַנשיקעניש, אַ פּלאָג, וואָס לאָזט זיך פילן אין יידישע אינטערעסן און האָט אַ חלק אין אַלע צרות. דורך דער טאַקסע זע־נען יידן קראַנק, דאַר, אויסגעמאָגערט און ליידן ביטערע שלאַפּקייטן, וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור. דורך דער טאַקסע געפינט מען זיך ביי אונדז תמיד אַן אויסרייד, ווי צו באַרייסן דעם עולם. איטלעכער גראָשן טאַקסע־געלט ציט ווי אַ מאַגנעט צו זיך צו נאָך אַ סך יידישע גראָשנס, עס לייגט זיך אַלץ צו, עס ווערט אַלץ געהעכערט, געהעכערט אַ גראָשן אויף אַ גראָשן, ביז עס ווערט פון זיי אַ היפּש בערגל. דורך דער טאַקסע שפּרינגען כאַפּטעסווייז אַרויס און האָבן ביי אונדז אַ קיום יענע מיני נפשות, וואָס פאַרשווינדלען דעם עולם מיט אַלערליי נאַרישקייטן און נאַרן אים אויס. עס שפּרינגען דורך איר אַרויס און האָבן דורך איר זייער גאַנצע יניקה די אַלע גאַטס־סטראַפּטשעס, קאַכלעפל, באַסאַקעס און אַלערליי מיני בעלי־טובות, וואָס נעמען צו פּשוט דאָס חיות מיט זייער גוטסקייט און פרומקייט. קורץ,

דורך דער טאַקסע באַקומען אַ סך מענטשעלעך ביי אונדז כוח, די שליטה, צו טאָן אַלצדינג, וואָס זיי טויג און וואָס זיי ווילן. איך אַליין, ווי איז מיר, בין דאָך געווען איינער פון יענע מענטשעלעך. איך אַליין פלעג דאָך אויך זויגן פון דער טאַקסע און געהאַלטן פאַר איר תמיד שטאָל און אייזן, ווייל איך האָב געוואוסט דעם סוד, אַז כל־זמן ביי יידן וועט זיין די טאַקסע, וועלן זיי בלייבן אין גלות ביי אַזעלכע מענטשעלשעך, ווי איך מיט מיין גאַנ־צער כנופיא, מען וועט זיי קענען האַלטן אין דער מורא ווי קליינע קינדער, אַרויפפירן זיי אויף נאַרישקייטן, און טאָן מיט זיי אַלצדינג, וואָס מען וויל. איך האָב געהאַלטן פאַר דער טאַקסע און די טאַקסע האָט מיך געהאַלטן אויף די פיס. איך האָב געגעסן אומזיסט דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פלייש, און די אָרעמע לייט האָבן געצאָלט טייער און געגריזשעט ביינער. זיי, די אָרעמע לייט, זענען געווען די שאָף און איך דער וואָלף, איך האָב געביסן, געוואָרגן און געגנוג יידיש בלוט אין מיין לעבן אויסגעזויגן . . .

על חטא שחטאתי ביראת שמים — אַלע פאַלשקייטן מיינע האָב איך אַריינגעלייגט אין דער יראה. עס פלעגט עפּעס אויסקומען, אַז אַלצדינג, וואָס איך טו, איז נאָר לשם־שמים, איך נעם מיך אָן גאָטס קריוודע, און וויל פאַרהיטן זיינע יידן, זיי זאָלן בלייבן טאַקע דאָס, וואָס זיי זענען. און ווייל פאַר מיר מיט מיין כנופיא איז גלייכער געווען, אַז יידן זאָלן בלייבן נאַראָנים, דערשלאָגענע מענטשן, דעריבער קענט איר דאָך שוין פאַרשטיין, ווי מיר האָט נישט געשמעקט יענע קלוגע זאַכן, וואָס וואָלטן זיי געקענט עפענען די אויגן; ווי שטאַרק איך האָב, כלומרשט פון גאָטס וועגן, מיך נאַריש געמאַכט און זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע קרעפטן, די מינדסטע נאַריש־קייטן צו דערהאַלטן; ווי ווייט פאַלש איך בין געווען און וואָס פאַר אַ מין טעם מיין יראת־שמים האָט געהאַט. איז אַמאָל אָנגעקומען עפּעס אַ גר־טע זאַך אויף יידן, האָב איך עס גערופן אַ גזירה און איינגעווענדט אַלע מיטלען אינאיינעם מיט מיינע לייט, די דאָזיקע גזירה מבטל צו זיין. יידי־שע קינדער, אַ שטייגער, זאָלן זיך לערנען שרייבן, רעכענען, בכדי צו פאַר־דינען דערנאָך זייער ברויט בכבוד, דאָס האָט ביי אונדז געהייסן אַ גזירה. יידן זאָלן גיין שיין און נישט זיין מער בזוי ומבוזה מיט יענע מיאוסע קליי־דער וועלכע זייערע שונאים האָבן פאַרצייטנס זיי געצוואונגען זיך אָנטאָן, האָט ווייטער געהייסן אַ גזירה. טאָמער איז דאָ אַ סברה, אַז די טאַקסע זאָל בטל ווערן, האָט אויך געהייסן אַ גזירה . . . דערווייל האָבן מיר צו די גזירות נישט דערלייגט, פאַרקערט, פיל האָבן דערפון געמאַכט אַ פרנסה און לעבן זיך דאָרט ערגעץ . . . גאַנץ שיין נאָך ביז אַצינד. מיר, פושע־

ישראל, מיר אַ שטייגער, איז פון לאַפּנמיצלעך און יאַרמולקעס, נישקשה גע־נוג געלט אין קעשענע אַראָפּגעפּאַלן.

ועל חטא שחטאתי בכנופיה ובכל־ולך, בלשון הרע, במאַניפּאַרגעס ובמ־סירות, בנצחונות, בסוף־שהור ובסוד־סודות, בעזות, בפּאַקטרעווען, בצביעות ובציגיינעריש; בקאָמעדיעס, בקהל־שטיבל ובקאַנטאָרן, ברכילות וברשעות; בשטותים, בשקרים, בשתדלנות ובשווינדל; בתנועות ובתקי־פות. דער פירוש פון די דאָזיקע אַלע זאַכן ליגט פון אויבן־אויף, און איך פאַרשפּאָר עס אייך גאָר צו דערקלערן.

כה

אויבן האָב איך געזאָגט, אַז בטבע בין איך נישט געווען קיין נאַר, קיין שוטה, איך בין נאָר געווען אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרוואָגלטער, אַזוי מוז איך אַצינד באַמערקן, אַז כפי עס זעט אויס, בין איך, אַפּנים, פון דער נאַטור אויך נישט געווען אַזוי גראָב, שלעכט, נישט מער איך בין געווען פאַרפירט. די גרויסע צרות, וואָס איך בין אַמאָל אויסגעשטאַנען פון דער וועלט, און אויך איסרס תורות האָבן מיר פאַרשטאַרקט דאָס האַרץ און מיך געמאַכט שלעכט. נאָכן אָפּטאָן אַ שרעקלעכע מעשה־רע פלעגט אין מיר אַמאָל דורכ־לויפן עפּעס נישט קיין אַנגענעמעס געפיל, וואָס פלעגט מיך אויף אַ רגע אַ שטאָך טאָן ווי אַ שפּילקע, אָבער נאָר אויף אַ רגע און באַלד טאַקע אויפהערן. אָט האָט איר, אַ שטייגער, גוטמאַנען! אַזאַ בראַווער אָרנטלעכער מאַן מיט אַ גוט האַרץ ווי גוטמאַן, וואָס האָט מיך אַזוי פריינטלעך באַהאַנדלט, אים, הערט אַ מעשה, אים און אַלע אַנדערע זיין גלייכן, האָב איך געווייכט ווי אַ עיפּוש! איז מיר צו די הענט געקומען אַזעלכע ווי ער מיט ביכלעך, האָב איך אים אָפּגעטאָן שפּיצלעך ווי דעם ערגסטן שונא. ס'איז פון מיין זייט געווען טאַקע אַ מעשה־רע, איך האָב עס אַמאָל אויך טאַקע געפילט, נאָר פיינט האָבן אַזעלכע האָב איך געמוזט, אַנדערש האָב איך נישט געקענט.

„יענע לייט, וואָס מאַכן ביכלעך, אָ, נישט געדאַכט ווערן זאָלן זיי! האָסן זאָל מען זיי, היטן זיך ווי פאַר פייער זאָל מען פאַר זיי! אַריינצור־קריכן יענעם אין דער גרגרת זענען זיי אויסן, אָנצוטאָן צרות מיט זייערע באַשרייבעכטסטן און שטעכווערטלעך. אַלץ אגיל ואשמח — קיילעכדיק און שפּיצעכדיק איז ביי זיי. אַ נס, וואָס דער אייזל האָט קיין הערנער נישט, וואָס אַזעלכע אַנשיקענישן האָבן נישט קיין געלט, קיין גראָשן ביי דער נשמה, און זענען, געלויבט דער אויבערשטער, קבצנים, גרויסע דלפנים. זיי

באַדאַרפֿן פֿאַרט אָנקומען צו אונדזער גראָשן, זיסט, וואָלט געווען שלעכט! די איינציקע רפואה אַקעגן די וואַנצן, זיי זאָלן נישט אַזוי בייסן, איז אַ גראָשן פֿאַרשטאָפּן זיי דאָס מויל און אַגב טאַקע אונטן־אַרום זיי באַגראָבן", — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער!

און איסרס וואָרט איז ביי מיר געווען אַ תורה!

נאָר דאָס אַלצדינג איז גערעדט געווען פֿריער, אַז דער יצר־הרע פֿון געלט איז ביי מיר געווען זייער שטאַרק, איך האָב ווי אַ גאַמקע אַלץ גע־זאַפּט־געזאַפּט, און די מורא פֿאַרן אָרימקייט מיט אַלע זיינע צרות און לייד איז מיר שטענדיק געשטאַנען פֿאַר די אויגן, וואָס־זשע פֿאַר אַן אָרט האָט געקענט ביי מיר אין האַרצן פֿאַרנעמען אַ גוט געפֿיל? העכסטנס איז עס ווי אַ בליץ דורכגעלאָפֿן און באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן. שפּעטער אָבער, אַז איך האָב מיך איבערגענוג אָנגעזאַפּט, שוין געכאַפּט די זעט, די מורא פֿאַרן אָרימקייט איז שוין אַוועק אין דער זייט, דער יצר־הרע איז געוואָרן שוואַכער, — דענסטמאָל האָט זיך אין מיר גערירט דער פֿאַרשלאָפֿענער יצר־טוב, איז אַרויס פֿון אַ פֿאַרבאָרגן ווינקל טיף אין מיין האַרץ מיט אַ שטיקל מוסר, פֿריער געלאַסן, שטיל, געציילטע ווערטער, און וואָס ווייטער־ווייטער האָט ער זיך צערעדט אויפֿהויבנדיק דאָס קול, אַלץ העכער און העכער, ביי־זער און בייזער. אומשטענדן אַזוינע, נישט קיין גוטע, מיט וועלכע איך בין אין די לעצטע יאָרן געפּריוועט געוואָרן, זענען געווען ווי בוימל אויפֿן פֿייער פֿון גיהנום, וואָס האָט געברענט אין מיר.

דאָס ווייב, זאָגט מען, איז דאָס הויז. ווי דאָס ווייב, הייסט עס, אַזאַ פּנים האָט דאָס הויז. און ווי איך האָב אַרויסגעזען, איז דאָס טאַקע אמת. מילא פֿון מיין ווייב וויל איך דאָ נישט רעדן. איך בין איר מוחל . . . די רייד איז דאָ פֿון מיין הויז. מיין הויז, זאָג איך, האָט קיין פּנים נישט גע־האַט, איז געווען פֿאַרלאָזט, דאַכט זיך, נגידיש מעבל, צאַצקעלעך, צירונג; נאָר דאָס אַלצדינג אומריין, שמוציק, מיאוס דערויף צו קוקן, אַ פּנים ווי אַ שוואַרץ־יאָר. עס האָט דאָרט געהערשט אַ מרה־שחורה, געשמעקט מיט חורבה, אינגאַנצן נישט ווי אַ הויז באַדאַרף זיין. אין די יונגע יאָרן, אַז איך בין געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דעם קערבל, תמיד הור־האַ, פֿלעג איך מיך נישט־וויסנדיק מאַכן — מילא, עט, גאָרנישט! און אַז מיר האָט זיך געוואָלט אַמאָל אַביסל לעבן, אָנטאָן זיך תענוג, פֿלעג איך עס זוכן אין דער פֿרעמד. אויף דער עלטער אָבער, אַז עס ווילט זיך האָבן רו, זיצן אַמאָל צווישן היימישע, ביי זיך אין שטוב, האָב איך שטאַרק געפֿילט די עלנטקייט, דאָס אומגליק מיינס, אַז איך האָב נישט קיין היים און דאָס

האָט געפירט דערצו, אַז מיר איז נישט ניחא געוואָרן דאָס לעבן. באַטראַכטנ־דיק מיינע אַלע מעשים אַרום און אַרום, האָב איך שטאַרק באַדויערט, אַלץ געזאָגט: ריבונו־של־עולם, איי, האָב איך געזינדיקט! און אַלץ מיך גע־פרעגט: צו וואָס, געוואַלד, האָט עס מיר געטויגט, אָט די גאַנצע מי, די אַלע זאַכן מיינע? צו וואָס די רייכקייט, פאַר וועמען? ... צוויי קינדער מיינע, שוואַכע, קרענקלעכע, זענען מיר אויך נישט לאַנג געשטאָרבן, דאָס האָט מיר געבראַכן דאָס האַרץ. און דערשלאָגן ווי פון אַ דונער האָב איך מיט אַ ביטער געמיט אַלץ געפרעגט דאָס אייגענע טאָקע: צו וואָס איז די רייכקייט, אַז איך בין אַזוי עלנט, אַז איך האָב נישט קיין דאָס ... קיין הויז, קיין היים מיין איך? איי ריבונו־של־עולם, איך האָב אַזוי פיל געזינ־דיקט — געוואַלד, צוליב וועמען?!

אָט דענסטמאָל פלעגט מיר אַלץ זיך פאָרשטעלן דער גוטער און שטי־לער גוטמאַן. ווי פריינטלעך, ווי צוגעלאָזט ער איז צו אַלע מענטשן גע־ווען. ער איז געווען, נעבעך, אַן אָרימאַן, נאָר ווי געלויכטן, געפינקלט האָט אין איטלעכס ווינקעלע ביי אים אין שטוב! וויפיל פאַרגעניגן האָט ער געקליבן פון זיין שיינער טייערער ווייב, אַ גילדענע בעל־הביתטע, און פון זיינע גוטע, געלערנטע קינדער, וואָס האָבן אים הערצלעך געשעצט און גע־ליבט! ער האָט געליטן דחקות, פונדעסטוועגן ווי לוסטיק און צופרידן ער איז תמיד געווען ...

אַמאָל, געדענק איך, האָט זיין ווייב, נעבעך, זייער געוויינט. ס'איז שוין געווען נאָענט צו פסח, אינגאַנצן עטלעכע טעג, און דאָ איז נאָך נישט געווען אין שטוב קיין סימן אויף יום־טוב. ער האָט מיך אַרומגעשיקט אַ גאַנצן טאָג מיט ביכלעך, נאָר קיינער האָט זיי אין די הענט אפילו נישט געוואָלט נעמען. איטלעכער, צו וועמען איך האָב אָפּגעטראָגן קוויטלעך, האָט שטאַרק פאַרדרייט די נאָז און מיר נישט געענטפערט קיין גוט וואָרט. די מאַדאַם, די גוטע טייערע מאַדאַם, זיין געטרייע ווייב, וואָס האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, האָט נעבעך געוויינט און איז געווען זייער פאַראומערט.

— אַך — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופן און זי געטרייסט — זינדיק, כ'לעבן, נישט, נשמה מיינע, מיט דיינע טרערן! אונדז איז נאָך בעסער ווי אַנדערע רייכע דורך שווינדל, וואָס מאַכן יום־טוב פון נישט־כשר פאַרדינטע געלט. מיר האָבן חלילה ביי קיינעם נישט צוגענומען, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. מיר ליידן? ... נאָר פאַר דעם אמת צו ליידן איז פיל בע־סער און שענער ווי פון דעם שקר גליקלעך צו זיין. זאָרג נישט, מיין לעבן, זאָרג, כ'לעבן, נישט! גאָט האָט געהאָלפן, גאָט וועט ווייטער העלפן. אַ

ברירה וועט ער דען האָבן ? מסתמא וועט ער דאָך מוזן ווי ס׳איז עפּעס אַרויסהעלפן. וואָס נוצט מיר באמת צוויי רעק מיט אַ פּעלץ ? טראָגן טראָגט מען דאָך נאָר איין ראָק, נישט קיין צוויי, און דער פּעלץ איז, כ׳לעבן, אויך איבעריק, עס גייט דאָך צו זומער, ליגנדיק אין קאַסטן קען אים נאָך דער מאָיל אויפעסן. אָט, כ׳לעבן, אַבראַם, פּויל זיך נישט, נעם טאַקע באַלד דעם פּעלץ מיט מיין ראָק און גיי פאַרזעץ זיי, פאַרקויף זיי, טו מיט זיי וואָס דו ווילסט, וועלן מיר האָבן מצה אויף פּסח, כרפּס און מרור מיט אַלע זיבן זאַכן.

די דאָזיקע סצענע האָט מיר תמיד זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיינע אויגן. איך האָב געזען, אַז גוטמאַן איז גליקלעך געווען אַן געלט. איז דאָך, אַפּנים, געדרונגען, אַז דאָס גליק באַשטייט נישט אין געלט, נאָר אין עפּעס אַנדערש — אַז נאָר ערלעכע לייט זענען גליקלעך און צופרידן. דערביי איז מיר נאָך אַרויף אויף דעם זינען, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט יאַקאַבזאָנען: „ליידן הייסט חנפענען, צבועטשען. דער חונף, דער צבועק מוז תמיד זאָ זיך פּירכ־טען, תמיד זיך היטן אַזוי ווי דער גנב". איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבן באַשיינפערלעך אַרויסצוזען, ווי אמת, ווי ריכטיק זיינע ווערטער זענען. גוט־מאַן האָט נאָך מיט דעם שכל זיינעם פאַרשטאַנען, אַז דעם חונף, דעם צבועק איז אַזוי שלעכט ווי דעם גנב, וואָרום זיי אַלע מוזן שטענדיק מורא האָבן, זיך היטן, מען זאָל זיי נישט דערטאַפּן, מען זאָל נישט דערגיין זייערע מיאוסע זאַכן — און צו זיין שטענדיק אין דער מורא, צו באַדאַרפן שטענ־דיק זיך באַהאַלטן, איז עפּעס נישט אַזאַ געשמאַקע זאַך. איך אָבער האָב דאָס אייגענע טאַקע געפילט ביי מיר אין האַרץ, געפילט, אַז אַ פאַלשן מענטשן איז עפּעס גלאַט שלעכט גאָר אָן אַלע טעמים. עפּעס מאַנטעט עס אים, עפּעס ליגט אים ווי אַ שטיין אויף דעם האַרצן, עפּעס קאָכט אין אים דאָס בלוט, דער קאָפּ ווערט אים שיעור נישט צעזעצט, עס ברענט אין אים אַ גיהנום, אַ העליש פייער, עפּעס איז אים ענג די וועלט און ער ווייסט נישט זיך וואוהין צו טאָן. ער וואָלט געשפּרונגען אויס דער הויט און גערן גע־ווען פון זיך אַליין צו אַנטלויפן ערגעץ, וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט, העט־ווייט־ווייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר.

איך פלעג אויך האָבן בייזע, ביטערע חלומות. עס פלעגט מיר זיך אויסדאַכטן, אַז איך האַלט אַ חלף און קוילע. איך פלעג הערן קרעכצן, זיפצן, כאָרכלען, גוססן און מיינע פאַלעס זענען געווען פאַרשלומפּערט אין בלוט. מיכל, דער גוטער, דער שטילער מיכל, פלעגט מיר אָפט זיך דרייען פאַר די אויגן, טויט בלאַס ווי די וואַנד. ער פלעגט אויף מיר קוקן זייער

באַטריבט, מיר ווייזן אויף די קייטן, אין וועלכע ער איז געווען געפּענטעט, און מיט אַ טרויערדיק פּנים מיך אַלץ פרעגן: גענוואַלד, יצחק־אברהם, וואָס האָב איך דיר געטאָן?...

די אַלטע און שיינדעלע פלעגן אויסוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, ביידע פלעגן הוסטן, זיך קייכן; ביידע פלעגן זיך איינעסן אין מיר מיט רויטע ברענענדיקע אויגן און שרייען: אָט איז אונדזער מלאך־המות! אָט איז ער, דער רוצח, דער קוילער! פלוצלים פלעגט פון זיי ווערן אַ הויפן ביינער, פון די ביינער פלעגן אַרויסקריכן וועָרים און גיפטיקע שלאַנגען, זיך לאָזן צו מיר מיט אָפענע מיילער און מיך בייסן, שטעכן, ווי מיט שפּילקעס...

מער פון אַלע פלעגט מיך קרענקען גאָלדע. זי פלעגט מיר זיך אויס־דאַכטן, ווי זי זיצט דערשלאָגן, פאַרוויסט, פאַראומערט מיט עפּעס אַ שטיקל אַרבעט אין די הענט. זי נעמט און צעשטעכט זיך די פינגער, נאָר זי פילט אָבער נישט, גיט זיך אַפילו נישט קיין קרים, זי נייט אַלץ ווייטער, ווי אַ מאַשין, און שאָקלט, וויגט מיטן פוס אַ שווערע סקריפּענדיקע וויג, צוזינגענ־דיק דערביי „אַליו־ליו־ליו־ליוניו״! אויף אַ משונה אומעטיק קול. די וויג אָבער איז ליידיק, קיינער איז אין איר נישטאָ. גאָלדע! שריי איך, וואו איז ער? וואו איז דאָס קינד? גאָלדע וויגט און זינגט ווייטער נישט צו רעדן מיט מיר קיין וואָרט:

א ליו־ליוליו בידנע קינד,
ווי איז דער מאַמע, ווי און ווינד!
אינעווייניק אין וויגעלע
ליגט אַ קלאָר ווייס ציגעלע —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט־זשע שריי, ניט־זשע ויין,
ביסט דאָך עלנט ווי אַ שטיין —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

וויסט און פינצטער איז דיין וועלט,
לייד־זשע שטיל הונגער און קעלט —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

דאָרט אין דרויסן, הער נאָר, הער,

וואָיעט אַ וואָלף, ברומט אַ בער —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ליידיק, ליידיק איז דאָס וויגעלע,
אוי, נישטאָ מיין קלאָר ווייס ציגעלע!
אַ ליו־ליו־ליו בידנע קינד —
ווי איז דער מאַמע, ווי און ווינד!

ביי די דאָזיקע ווערטער שטייט גאָלדע אויף, בלוטיקע טרערן טריפן איר פון די אויגן, זי שטרעקט אויס די הענט אין אַלע זייטן און שרייט אויף אַ ווילד קול: אוי, נישטאָ מיין קלאָר ווייס ציגעלע! איך לויף אַרויס פונעם שטוב שטאַרק צעקאָכט, עס דאַכט זיך מיר וועלף, בערן! . . . וועלף, בערן קנאַקן מיט די ציין יונגע ביינדעלעך — און עס לאָזן זיך הערן פון דער ווייטנס ביטערע קולות פון אַ בידנע אומגליקלעך ציגעלע . . .

כו

דאָגה בלב־איש, איז אַ מענטשנס האַרץ פול מיט צרות — זאָגט דער פסוק — ישחנה, זאָל ער אַרויסדערציילן. טראָגן אין זיך צרות, נישט אַרויס־זאָגן זיי, איז אַ ווייטיק, וואָס נישט צו דערהאַלטן, אַ קעסל פון אייזן, אַ קאָ־כענדיקס, קען צעזעצט ווערן, אויב די צונויפשטיקנדיקע פאַרע אין אים גע־פינט נישט קיין אָרט אויף אַרויסצוגיין. ביי מיר אין האַרץ האָט געקאָכט שטאַרקער ווי אַ קעסל — עס האָט דאָרט געברענט אַ גיהנום! . . . אַלטע חשבונות פון מיינע זינדיקע מעשים, ביטערע געפילן און שרעקלעכע פינצ־טערע חלומות אַלע אינאיינעם, ווי געדיכטע פלאַמענדיקע זיילן פון פייער־שפייענדיקע בערג, האָבן אין מיר זיך געריסן, גאָר אומצוקומען. פיל בע־סער פאַר דעם זינדיקן מענטשן זיין אין גיהנום, ווי דער גיהנום זאָל זיין אין אים.

דענסטמאָל ערשט האָב איך אַרויסגעזען, אַז דער מענטש טראָגט זיין גיהנום און זיין גן־עדן אין זיך. דער שופט זיינער זיצט אויפן געריכט־שטול אינעווייניק אין אים. אוי, איך זאָל געוועזן קענען אויסגיסן מיין האַרץ, לינדערן אַביסל מיינע ווייטיקן. איך האָב אָבער נישט געהאַט פאַר וועמען. גאָלד און זילבער האָב איך דערוואָרבן אויף דער וועלט אַ סך, אָבער גוטע פריינט — נישט איינעם.

פאַר אַ גרויסן חסד פונעם אויבערשטן האַלט איך עס, וואָס ער האָט מיר איינגעגעבן אין זינען אַרויסצוזאָגן זיך, ווען נישט דורך דעם מויל, זאָל עס זיין דורך דער פען.

דער גאָט, וואָס האָט אָנגעוויזן אַ בוים, אויף זיס צו מאַכן דערמיט דאָס ביטערע וואַסער אין מרה, ער האָט עס מיר אָנגעוויזן אויף צו לינדערן מיינע יסורים — די פען.

אין שווערע, ביטערע מינוטן, ווען אויפן האַרצן איז מיר געווען שטאַרק נישט גוט, פלעג איך אויפן פאַפיר אויסגיסן מיין ביטער געמיט, ווי איך האָב געקענט. פריער איז עס מיר אָנגעקומען שווערלעך, איך בין נישט געווען געוויינט, דערנאָך האָט זיך עס געגאָסן עפּעס ווי פון זיך אַליין, גלייך ווי איך וואָלט איינעם אַ גוטן ברודער מיינעם דערציילט, אים אַנטפּלעקט מיין האַרץ. אין פאַרלויף פון דער צייט איז אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ גאַנצע לעבנס־באַשרייבונג — און, הערט אַ מעשה,ביים איבערלייענען עס פונעם אָנהויב ביזן סוף איז מיר אַביסל גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן! די חטאים זענען מיר שוין נישט אויסגעקומען אַזעלכע שווערע, דאָס הייסט די חטאת־היחיד, מיינע זינד, זענען נישט אינגאַנצן מיינע אייגענע זינד, נאָר אויך חטאת הציבור, אין זיי האָט אַ חלק — און אפשר נאָך דעם גרעסטן חלק — די געמיינדע, מיט אירע שלעכטע איינפירונגען.

אָט נעמט די יידישע תלמוד־תורות!

מען נעמט אָרימע קינדער, יתומים, נעבעך, און פאַרטרייבט זיי ערגעץ אין אַ חורבה, אַ שטאַל, מ'שטיינס־געזאָגט, וואו זיי וואַלגערן זיך הונגעריקע, אָפּגעריסענע אין מיסט, אין שמוץ, כאַפּן קלעפּ און שמיץ וויפיל אין זיי גייט אַריין, און לערנען — לערנען זיי דאָרט נישט קיין וואָרט. מען מאַכט פון זיי ליידיקע, אומגליקלעכע מענטשן, טויגעניכטסן, נישט צו גאָט, נישט צו לייטן. — און נישט בעסער פון די ווילדע מלמדים זענען אויך, מ'שטיינס־געזאָגט, די גבאים, וואָס טרייסלען פושקעס, רייסן פון וואַנען זיי קענען, כלומרשט פון יידישע קינדער וועגן. איין וואָרט איז ביי זיי אַלץ: מאַכן די אָרימענקע פאַר יידן — און מאַכן זיי פאַר בהמות, אויס מענטשן! . . .

אַ קלייניקייט עפּעס בין איך, איך עלנט יתומל, אויסגעשטאַנען קינדערווייז אין דער תלמוד־תורה! איך רעד שוין נישט דערפון, ווי מען האָט געפּייניקט מיין אויסגעדייוועט שטיקל לייב, דערויף בין איך דאָך געווען אָרעם, אַז איך זאָל ליידן הונגער, קעלט און קלעפּ, אָבער געוואַלד, ריבונו־של־עולם, וואָס האָט מען געהאַט צו מיין נשמה? מען האָט דאָך דערניידעריקט אין מיר די מענטשלעכע נשמה. נישט גענוג, וואָס מען האָט מיך

נישט געלערנט צו קענען לעבן ווי אַ מענטש אויף דער וועלט, האָט מען געטויט אין מיר דאָס געפיל פון כבוד, פונעם מענטשלעכן ווערט דורך אַ גראָבער באַנעמונג מיט מיר — דורך זידלערייען, מיאוסע, גראָבע ווערטער.

דאָס איז די תורה, דאָס יידישקייט, מיט וועלכע יידן בעלי־רחמימס פאַרזאָרגן אָרעמע קינדער !

נאָט אייך אויך ביי אונדז די מלאכה, אַ שטייגער.

מלאכה, ווי ס׳איז באַקאַנט, איז מיאוס געפאַלן ביי יידן. אויף אַזוי פיל ווי אַ ליידיקגייער, אַ קלויזניק, איז אַ שווינדל, איז אַ בעל־מלאכה אַ פלעק אין דער משפחה. דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקל בעל־הבית, ער מעג זיך כאָטש געשוועלן פאַר הונגער, וויל נישט די קינדער זיינע לערנען וועלכע ס׳איז מלאכה. דערויף זענען דאָ פאַרוואָרלאָזטע יתומים, קינדער פון נידעריקן, גראָבן עולם. אָט אַזעלכע שטעלן זיך עס פאַר לערניינגלעך ביי בעלי־מלאכות און וועמענס דאגה איז עס אַכטונג צו געבן, ווי זיי לערנען זיך און ווי מען באַגייט זיך מיט זיי דאָרט. די מלאכה הויבט זיך געווינטלעך אָן מיט כל־עבודות פרך : פּאָמייניצעס טראָגן, וואַסער אָנטראָגן, מיט דעם בעל־הביתעס קינדערלעך זיך אַרומטראָגן, דער בעל־הביתטע ביים איינקויפן אַלצדינג צוטראָגן, שטיקלעך אַרבעט אַהין־אַהער אָפּטראָגן, מיט דער בעל־הביתישקייט שטענדיק זיין פאַרטראָגן און איטלעכנס קאַפּריז, קלעפּ און באַליידיקונג איבערצוטראָגן. אַ צוגאָב דערצו איז אָנהערן זיך צווישן פּועלים מיאוסע ניבול־פּה, מעשות פון ליבעס אַזוינע און אַזוינע, וואָס טאָמער איז נאָך אין דיר איבערגעבליבן אַ פונק מענשלעכקייט, לעשן זיי עס אויס אינגאַנצן. אָט דערמיט הויבט זיך אָן די מלאכה און אויסלאָזן לאָזט זי זיך אויס מיט גאָרנישט — מען איז אַ פאַרטאַטש, אַבי־אָט, הייסט עס, מען אַרבעט.

שולדיק מאַכן אינגאַנצן די בעלי־מלאכות קען מען אויך נישט. זיי אַליין זענען דאָך אויך אַזוי, נעבעך, פאַרשוואַרצט געוואָרן, האָבן, ווי איך און ווי טויזנטער אַנדערע אָרעמע קינדער, אויך אָנגעהויבן די אַרבעט פון טראָגן פּאָמייניצעס וכדומה ווייטער און ווייטער אַזוינע זאַכן. אַצינד ערשט קלינגען מיר טרויעריק אין די אויערן דעם שוסטערלס לידל, מיט וועלכן ער פלעגט מיר אויף שפּאַס צושפּילן בשעת אַרויסטראָגן ביי אים אַ פּאָמייניצע : „תן כבוד לאיציניו ! טראָג, טראָג איציק־אברהמעניו ! אין דיינע יאָרן האָב איך גענוג פּאָמייניצעס איבערגעטראָגן !"

ריבונו־של־עולם, איך בין זינדיק, נאָר די זינד פאַלט נישט אויף מיר אינגאַנצן. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געעפנט די אויגן !

דו האָסט מיר געפּנט די אויגן, ריבונו־של־עולם, נישט אומזיסט. איך וויל טאָן אַזוינס צו פאַרהיטן דערמיט אַנדערע פון בייז און צו גלייך ווייזן יידן אַ וועג, צו פאַרריכטן זייערע פעלערן, וואָס זיי זענען באַגאַנגען ביז אַהער אַקעגן אָרימענקע קינדערלעך, נעבעך.

לויט דער צוואה מיינער, פון וועלכער איך שיק אייך דאָ אַריין, רבי, אַ קאָפּיע, לאָז איך איבער דאָס גרויסע הויז מיינס אויף צו מאַכן דאָרט פאַר אָרעמע קינדער אַ תלמוד־תורה און אויך אַ שול, צו לערנען זיי דאָרט מלאכות. די הכנסות פון די קלייטן דאָרט און אַ טייל פּראָצענט פונעם קאַפּיטאַל, וואָס איך לאָז איבער אויף עולמות, זאָלן גיין אויף אויסצוהאַלטן דיביידע שולן. אין דער תלמוד־תורה, וויל איך, זאָל געלערנט ווערן, חוץ יידישקייט און לשון־קודש, אויך דאָס לשון פונעם לאַנד און וועלטלעכע זאכן, בכדי צו מאַכן פון די קינדער יידן און מענטשן צוגלייך, זיי זאָלן טויגן צו גאָט און צו לייט. אין דער צווייטער שול, וויל איך, זאָל געלערנט ווערן תורה און מלאכה אינאיינעם, די לערנייִנגלעך זאָלן דערצויגן ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט וויסן פון קיין חרפּות, באַליידיקונגען און דערנידערונגען און זאָלן אַרויסגיין פון דאָרט גוטע געלערנטע בעלי־מלאכות, וואָס וועלן וויסן אַליין זייער אייגענעם ווערט און דערמיט טאָקע צווינגען אַנדערע זיי צו שעצן, וויסן זייער ווערט.

און כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן וואונטש, זענען אין די דאָזיקע שולן נייטיק צו האָבן גוטע לערער, מענטשן מיט געפיל און פאַרשטאַנד, מיט האַרץ און מיט קאָפּ, זיי זאָלן פאַרשטיין און ליב האָבן זייער זאַך. דער עיקר איז ליבע, ווייל זיי וועלן דאַך האָבן צו טאָן מיט אָרימענקע, פאַרוואָגלטע, עלנטע קינדער, וואָס לעכצן נאָך ליבשאַפט, אַזוינס, וואָס אַ יונג הערצל, אַפילו פון אַנדערע לעבעדיקע באַשעפעניש, גלוסט זיך, און זיי מאַנגלט עס נעבעך. יענעמס אַ גוט וואָרט נעמט זיי בעסער פון אַלע שטראָף־רייד און מוסר־זאָגן אין דער וועלט און זענען גרייט צו פאָלגן אין פייער און אין וואַסער אַריין. דאָס האָב איך געפילט אַמאָל קינדווייז אין מיר.

דאָס אַלצדינג אָבער פאָדערט גוטע פירער, וואָס אונטער זייער השגחה זאָלן די אַלע זאַכן אויף דעם בעסטן אופן דערפילט ווערן, און אַזעלכע פירער, ווינטש איך, זאָלן זיין איר, רבי, און דער הער גוטמאַן. מיט אייך ביידע וועט אין די נייגעמאַכטע שולן זיך פאַראייניקן תורה מיט חכמה. איר, רבי, וועט קוקן אויף די יידישע לימודים, זיי זאָלן געלערנט ווערן גוט, געהעריק, און גוטמאַן, פון זיין זייט, זאָל האָבן אַן אויג אויף די איבעריקע ענינים אין השכלה־זאַכן. ווי איך קען זייער גוט אייך ביידן, פאַרהאָף איך, אַז איר

וועטביידע איינער פונעם אַנדערן צופרידן זיין. איר ביידע ווינטשט דאָך גוטס דעם פאָלק ישראל און איטלעכער פון אייך וועט טאָן פאַר אים פון זיין זייט, ווי אַזוי ער קען, און אים ברענגען נוצן מיט וואָס ער קען. די באַלוי־נונג פאַר אַזאַ מי איז באַשטימט ביי מיר אין דער צוואה.

די הכנסות פון דעם עולמות־געלט זאָלט איר אינאיינעם מיט גוטמאַנען געברויכן אויף נאָך גוטע זאַכן אין שטאָט, וועלכע איר ביידע וועט געפינען פאַר נייטיק. אויב עס וואָלט אַ סברה געווען, איינצופירן אין דער שטאָט עפּעס אַ מין חדר פאַר אַ סך קינדער, מיט אמת גוטע מלמדים און לערער, וואָס דאָרט זאָל געלערנט ווערן געטריי יידישע לימודים און וועלטלעכע זאַכן; וואָס דאָרט זאָלן די קינדער זיך אויסלערנען צו זיין עכטע יידן און אויך נוצלעכע, פאַרשטענדיקע מענטשן, — אויף אַזאַ מין שטאָט־חדר וואָלט מיר זייער ניחא געווען, איר זאָלט אַלע יאָר געבן אַ געוויסע סומע פון די הכנסות פונעם עולמות־געלט, נאָר בתנאי, אַז איר מיט גוטמאַנען זאָלט האָבן די השגחה איבער דעם דאָזיקן חדר.

איך ווייס, אַז אַזאַ מין שטאָט־חדר, וואָס זאָל געפירט ווערן דורך אַזעל־כע מענטשן, ווי איר און גוטמאַן, וואָלט פאַר יידישע קינדער געווען אַ גליק. נאָר איך ווייס אָבער צוריק, אַז ווייל טאַקע פאַר יידישע קינדער וואָלט אַזאַ חדר געווען אַ גליק, וועט עס אַ סך מיני מענטשעלעך כלל נישט שמעקן, זיי וועלן אַקעגן דעם זיך אַרויסשטעלן, זיי וועלן אַריינלייגן זייער שמד־שטיק אין דער יראה, כלומרשט איז אַזוינס עפּעס נישט יידישלעך, און וועלן זוכן אַלע מיני מיטל אַזעלכעס נישט צוצולאָזן. פונדעסטוועגן, איר, רבי, זאָלט פון אייער זייט פּרוּוון טאָן וועגן דעם אַלצדינג, וואָס נאָר מעגלעך. אולי ירחם.

דאָס אָבער וואָס דורך מיר וועט געטאָן ווערן פאַר אָרעמע קינדער דאָ, אין מיין שטאָט, איז נאָך נישט גענוג. איין שוועלבעלע קען קיין זומער נישט מאַכן. מען באַדאַרף באַוועגן דערצו אַנדערע, זיי זאָלן אויך אַזוינס טאָן אין די אַלע יידישע מקומות דאָרט. דעריבער פאַרלאַנג איך, אַז מיין ווידוי מיט דער דאָזיקער צוואה מיינער זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן, זיי זאָלן קלינגען אין די אויערן פון נגידים, פיינע־בריות, אומעטום צווישן דעם יידישן עולם. ווען אַפילו די ווערטער מיינע וועלן נישט ווירקן אויף זיי, צו בע־סערן זיך ביים לעבן, צו פאַרשטיין, ווי צו אַרבעטן פאַר זייערע אָרעמע ברי־דער, צו טאָן גוטס און ווי צו לעבן, וועלן זיי, לכל הפחות, זיך אויסלערנען ווי צו שטאַרבן . . . וויפיל נגידים מיר איז אויסגעקומען צו קענען אין מיין וועלטל, זענען ביז דער לעצטער מינוט זייערע געבליבן דאָס, וואָס זיי זענען

געוועזן — געשטאָרבן ווי נאַראָנים. אַט לאָזן זיי הערן דעם ווידוי און די ווערטער מיינע און אויף מיר קוקנדיק, זיך אויסלערנען כאָטש שטאַרבן, אָוועקגיין פון דער וועלט ווי מענטשן.

שטאַרבט, נגידים, שטאַרבט — שטאַרבט ווי מענטשן! . . .

נאָר „נגידי עירך קודמין", דאָס הייסט, ביז מיין ווידוי וועט אָנקומען אַנדערע צו די אויערן, זאָלט איר דערווייל, רבי, פאַר דער קבורה מיינער, עס פאַרלייענען די אַלע אונדזערע היגע נגידים. מיר וועט עס זיין אַ כפרת־עון און זיי — אַ מוסר. נישקשה, לאָזן זיי וויסן! . . .

אויף מסדר צו זיין מיינע דאָזיקע פּאַפּירן ווי געהעריק, אויסצובעסערן די גראָבע גרייזן מיינע דאָרט, צוצוגעבן אַביסל פעפער, אַביסל געווירץ, עס זאָל לאָפּצען, עס זאָל אַ טעם האָבן, אָפּצודרוקן זיי אין באַזונדערע ביכלעך און צו פאַרברייטערן זיי דערנאָך אין דער וועלט — דערויף איז דאָך איין בריה טאַקע רב מענדעלע מוכר־ספרים. איך געדענק אים נאָך פון צבועטשיץ, בשעת ער איז נאָך געוועזן אַ יונגערמאַן, אַ בעל־הביתל. אים זאָלט איר עס איבערגעבן און ער וועט, אַזוי פאַרהאָף איך, דערפילן מיין וואונטש ווי צום בעסטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער באַדאַרף פאַר זיין טרחה זייער שיין באַלוינט ווערן.

כז

אַז דער רב האָט אָפּגעלייענט אינגאַנצן און אַנידערגעלייגט די פּאַפּירן, איז צווישן דעם עולם אין שטיבל געוואָרן אַ קאָכעניש. די נגידים זענען געוועזן שטאַרק אין כעס. אַ טייל האָבן געביסן פאַר פאַרדרוס די ליפּן און געשוויגן. אַ טייל האָבן געזיפצט, געאָכט, געאייקעט.

— וואָס זיפצט איר אַזוי, רב חנא! — האָט איין נגיד זיך אָנגערופן, און אַליין אויך אַ זיפץ געטאָן.

— טאַ־טאַ־טאַ! — האָט רב חנא געמאַכט, צושאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ — עט, וואוהין . . . וואוהין ער איז פאַרקראָכן! היינט גיי, גלויב מענטשן . . . די וועלט איז שויך, כ׳לעבן, קיין וועלט נישט . . . טאָקע קיין וועלט נישט, אַזאַ חרפה! אַזאַ־זאַ־זאַ . . . האַ, וואָס? אַ שרעק, ווי איך בין אַ ייד! . . . עס קומט דאָך שוין היינט אויס טאָקע, רב בעריש . . . נו, אַ מעשה, אַזאַ מעשה! . . .

— איך האָב שוין אָבער פריער פאַרשטאַנען — ענטפערט בעריש — וואוהין די קויל פליט. אײַ־אײַ, בין איך אַ מבין, רב חנא . . . צו־וואָס האָבן מיר, נאַראָנים, באַדאַרפט זיצן ווי די פערד, זיצן, וואַרטן ביז די קויל

ווערט אונדז טרעפן? האָב איך דען נישט געזאָגט: פע, פע ... קומט! וואָס־זשע, האַ, זייט איר געבליבן, ביז אין סוף אַריין הערן די אַלע שטעכ־ווערטלעך? ... נאָר צוריקשמועסנדיק! בע ... מילא וואָס? ... ס׳איז אַביסל טאַקע דאָס ... פאַרדראָסיק, נאָר עט, נישקשה, רב חנא, מען האָט שוין אַזעלכע זאַכן געהערט. מילא וואָס איז אַזוי די מעשה? ! ... אוודאי, לכתחילה זייט איר אפשר אַביסל גערעכט, ס׳איז טאַקע אַביסל דאָס ... ווי הייסט מען דאָס? ... נאָר בדיעבד איז — עט, גאָרנישט... אַ נאַר בלייבט אַ נאַר און די וועלט בלייבט אַ וועלט, טאַקע ווי פריער אַ וועלט ...

— ניין, ניין, רבי! — האָבן עטלעכע נגידים געשריגן שטאַרק אויפגע־בראַכט — אַזעלכעס איז נאָך נישט דערהערט געוואָרן ... ס׳טייטש, מען זאָל נעמען מענטשן און זאָגן זיי אין די אויגן אַריין אַזעלכע מיני זאַכע־נישן! ... ס׳טייטש, ס׳טייטש, וואָס הייסט? מאַכן פון מענטשן, פון אונדז אַלע מאַכן, מחילה, דאָס ... ווער האָט אים געבעטן אַזוינס צו זאָגן? ... אויף דיר אַליין זאָג, שרייב, אָבער וואָס געהערט דיך אָן יע־נער? וואָס איז דיין עסק אַריינקריכן צו יענעם ... ניין, רבי! ס׳איז אַ גרויס אומרעכט.

— נו, רב מענדעלע — מאַכט דער רב צו מיר נאָכדעם, אַז די נגידים זענען אַוועקגעגאַנגען — זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז עס אַזוינס ביי אייך אין צבועטשיץ דער הער גוטמאַן?

— פון צבועטשיץ, רבי, בין איך שוין לאַנג אַרויס. באַלד ווי איך בין געוואָרן אַ מוכר־ספרים, בין איך מיט דעם הויזגעזינד מיינעם אַרויס פון דאָרט קיין קאַבצאַנסק און איך בין היינט אַ קאַבצאַנסקער ייד!

— אָבער גוטמאַנען קענט איר, רב מענדעלע?

— יאָ, רבי, איך געדענק אים זייער גוט — אַ דייטש מיט אַ געפּוצט בערדל, אָבער זייער אַ גוטער, ערלעכער מאַן. מען זאָגט: בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָן אַ יידן.

— בעט איך אייך טאַקע, רב מענדעלע, איר זאָלט מוחל זיין פאָרן קיין צבועטשיץ בלי־נדר טאַקע מאָרגן, אָפּגעבן דעם הערן גוטמאַנען מיין בריוו און זען מאַכן ווי איר קענט, אַז ער זאָל, למען השם, גיך קומען אַהער, בכדי מיר זאָלן קענען באַלד טאַקע מקיים זיין צוואת המת. און ווייטער בעט איך אייך, ליב־האַרציקער רב מענדעלע, איר זאָלט נעמען אויף אייך, אָפּצודרוקן די אַלע דאָזיקע פּאַפּירן אין אַ סך ביכלעך, און אויסברעגנגען זיי בכל תפוצות ישראל פאַר אַ וואָלוועלן מקח, בכדי דער עולם זאָל זיי מער קויפן. מכוח

אייער באַלוינונג איז נישטאָ וואָס צו רעדן, עס וועט אים ירצה־השם, זיין רעכט.

* * *

צוריקקומענדיק צום בית־מדרש האָב איך געטראָפּן מיין פערדל אין זייער אַ שלעכטער לאַגע, נעבעך. קונדסים, וויסע־חברה האָבן אים אויס־געריסן כמעט אַלע סטרונעס, איבערלאָזנדיק אים נאָר אַקעגן אַ פערציק האָר אין דעם ווידל. עסן האָט ער געהאַט מכות. ער איז געשטאַנען ערנסט, אַראָפּגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ, געקוקט איןביידל אויף די ספרים און געטראַכט. וואָס אַ פערד טראַכט קוקנדיק אויף ספרים — דאָס איז נישט פאַר אונדזער מוח צו פאַרשטיין. איך ווייס נישט מער, מיין שלימזלניק קוקט און טראַכט, לאָז זיך זיין כאָטש פערדיש, אָבער אַלץ אַ קוק איז דאָך עס פאַרט . . . נישט דאָס בין איך אויסן. נו, חכם מיינער! רוף איך מיך אָן, אָננעמענדיק אים, דעם שלימזלניק מיינעם, ביי דער פאה, די טשאַפּרי־נע הייסט עס, דיר קומט היינט אַ סך האָבער. דו האָסט טאַקע געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס דו האָסט מיך געפירט קיין גלופּסק. מיט דיין חכמה האָסטו געבראַכט נוצן אי מיר, אי דער ליטעראַטור. דו ווייסט, פערד! וואָס אַזוינס דו האָסט געטאָן? וואָס פאַר אַ שיינעם חיבור מיר איז אַצינד באַשערט דער וועלט אַרויסצוגעבן, נאָר צוליב דיר טאַקע, צוליב דיין מוח, וואָס האָט גראָד אַ נעם געטאָן גלופּסק? פון היינט אָן פיר דו מיך, פערדל, דו חכם מיינער, איך לאָז אָפּ די לייצן און לייג פאַר דיר אָוועק די בייטש!...

אויף מאָרגן האָב איך מיך גרייט געמאַכט מיט אַלע נייטיקע זאַכן און מיך גערירט אין וועג אַריין.

אין צבועטשיץ קומענדיק האָב איך מיך דערוואוסט, אַז גוטמאַן איז אַרויסגעפאָרן פון דאָרט, נישט צו וויסן וואו ערגעץ ער געפינט זיך היינט. איך האָב מיך גענומען צו מיינס און געאיילט גיכער אָפּצודרוקן דעם דאָזיקן ספר, נישט געשפּאָרט מי, ער זאָל אַרויסקומען, ווי מען זאָגט, „אגיל ואשמח" — קיילעכדיק און שפּיצעכדיק . . . איך טו נאָך אויך דאָס און דרוק דאָ:

אַ מודעה!

רבותי! ווער פון אייך ווייסט, וואו ערגעץ געפינט זיך הער גוטמאַן, אָדער ער וועט זיך מיט אים ערגעץ באַגעגענען, זאָל מוחל זיין מיט אים צו רעדן, אַז ער זאָל למען־השם ולמען־השם תיכף טאַקע קומען קיין גלופּסק, וואו דער רב קוקט אויף אים אַרויס, ער זאָל אינאיינעם מיט אים איינפירן אַ באַרימטע תלמוד־תורה מיט אַ שול פאַר בעלי־מלאכות און מתקן זיין דאָרט אַ סך אַנדערע גוטע זאַכן.

ישראל בני רחמנים, האָט רחמנות און טוט עס צוליב אָרעמע יידישע קינדער! . . .

מענדעלע מוכר ספרים

די טאַקסע

אָדער

די באַנדע שטאָט בעלי־טובות

איקוף פארלאג

מענדעלע מוכר ספרים

די טאַקסע

„די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט בעלי־טובות" איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1869 אין זשיטאָמיר און דערנאָך איז עס איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווילנע אין 1872, א.אז.וו.

„די טאַקסע" איז אַ שאַרפע, בייסנדיקע סאַטירע אויף די יידישע שטאָט־בעלי־טובות, קאָכלעפל און רעדל־פירער, וואָס זויגן דאָס בלוט פון די אָרעמע יידישע מאַסן דורך דער „קאָראָבקע", די טאַקסע, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעבונדן די רעכטלאָזע יידישע באַפעלקערונג. מענדעלע שרייבט אין זיין אַריינפיר צו דער „טאַקסע" מיט זיין אייגנטימלעכן איראָנישן טאָן: „געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס האָט אונדז יידן אויסגעוויילט פון אַלע אומות און האָט אונדז געליטזעליקט מיט אַ טאַקסע, מיט אַ קעסטעלע, מיט פּאַפּעטשיטעליעס, מיט גבאים, מיט קהלס־לייט, מיט פּאַווירענעס, מיט בוררים, ישרנים, שתדלנים און מיט זייער פיל בטלנים". מענדעלע אַליין זאָגט אין דעם אַריינפיר: „ס'שרייט צו אייך אַ קול פון אַ סך צעבראָכענע הערצער, פון אַ סך אומגליקלעכע יידן, דאָס איז אַ קול פון אָרעמע לייט, פון נויט־באַדערפטיקע, פון בעלי־מלאכות, און פון דערשלאָגענע מענטשן, וואָס מען דישעט, ווי קעז, און מען לאָזט זיי נישט קיין קאָפּ אויפהייבן, א.אז.וו.".

שוין די נעמען פון די פּאַרשוינען אין דער „טאַקסע" רעדן וועגן זייער כאַראַקטער: ר' איציק וואָלף ספּאָדיק, ר' שמעיה תם, ר' משה בעל־תכלית, ר' יוסף מהיכא־תיתי, — „דאָס זענען די טובי־העיר, פּאַפּעטשיטעליעס פון דער טאַקסע, אַלע זענען זיי בעלי־צדקות, אָבער נאָר איבער אַ פּרעמדער קעשענע. אַלע זענען גאָטס סטראַפּטשעס, פרומע כשרע יידן"... דערנאָך גייען — ר' יאָסל שינדער, ר' ראובן פּיאַווקין, ר' נתן פרעכמאַן, א.אז.וו. מענדעלע קאַרגט נישט קיין שאַרפע רייד און קיין געדיכטע פאַרבן צו שילדערן און צו מאָלן די אַלע מיאוסע מעשים פון די אומגעבעטענע „טובי־העיר" און זייערע משרתים. און מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי אָט־די סאַטירע האָט אויפגערודערט די שטאָט באַרדיטשעוו, אָדער גלופּסק, ווי זי ווערט ביי מענדעלען אָנגערופן.

ש. י. אבראַמאָוויטש האָט גוט געקאָנט דאָס יידישע לעבן אין באַר־

דיטשעוו מיט אלע זיינע ליכט און שאטן. ער האט דאך געלעבט אין אט־דער שטאט גאנצע צען יאר, פון 1858 ביז 1868, איז געווען אריינגעצויגן אין די פארשיידענע געזעלשאפטלעכע און משכילישע קרייזן, און אינאיינעם מיט זיי אדורכגעמאכט דעם גאנג פון אן אמתן העברייאישן משכיל צו א יידישן פאלקס־שרייבער, ווי מיר זעען עס פון זיינע בריוו און פון זיינע ווערק, געשריבן אין יענער צייט. אין איינעם א העברייאישן בריוו (פון דעצעמבער 1864) שרייבט ש. י. אבראמאוויטש פון בארדיטשעוו צו זיין נאענטן פריינט ל. בינשטאק: „עס טרעפט זיך ביי מיר, אז איך בין מור־ראדיק אויפגעבראכט אויף די געלט־זעק, און דאן איז בעסער — דערמאן מיר נישט דעם נאמען פון א גביר, ווארים איך צינד זיך אן ווי א וואולקאן, און ברען פון כעס ווי א פייער, און איך רייד נישט, נאר איך שריי און מאך געוואלדן . . . איצט איז ביי מיר אזא צייט. דעריבער זאלסטו זיך, מיין טייערער, נישט וואונדערן, וואס איך האב נאך נישט געהאט קיין שמועס מיטן עושר".

מענדעלע האט ארויסגעבראכט אין זיין דראמע נישט נאר די שינ־דערס, די פיאווקינס און די פרעכמאנס, נאר אויך באוויזן פאזיטיווע גע־שטאלטן, די וועקערס, וואס ער האט אויך גענומען פונעם רעאלן לעבן. א סברא, אז שלמה וועקער איז געשריבן פון דעם קעמפער קעגן די שטאט־בעלי־טובות און קהלשע פארזארגער, שלמה מאשבער, אבראמאוויטשעס א פריינט אין בארדיטשעוו. ס'איז, אגב, דיזעלבע פאמיליע מאשבער וואס א צווייטער יידישער קינסטלער (דער נסתר) האט ארויסגעפירט אין זיין ווערק „די משפחה מאשבער" מיט גאנצע זיבעציק יאר שפעטער . . . ס'איז אבער זיכער, אז דורך שלמה וועקער האט אויך ארויסגערעדט מענדעלע גופא.

לאמיר געדענקען, אז ש. י. אבראמאוויטש האט זיך דערנאך געגעבן א נאמען שלמה, שלמה ר' חיימס, ווען ער האט געשריבן זיין אויטאביאגרא־פיש ווערק.

די „שיינע יידן" האבן אין שפיגל גלייך דערקענט זייער שיינע צורה, און אלע האבן אנגעהויבן טייטן אויף זיי מיט די פינגער און באנוצן דער־ביי זייער אפט שארפע ווערטער און ווערטלעך פון דער „טאקסע".

אזוי דערציילט י. ח. ראווניצקי, מענדעלעס נאענטער פריינט, אין זיין מענדעלע־ביאגראפיע. און „פארשטייט זיך, אז די בארדיטשעווער „טובי־העיר" האבן אזא זאך נישט געקאנט אראפשלינגען און לאזן דעם מחבר צו רו, בפרט, אז די זאך איז דערגאנגען צו דער הויכער „גאטשאלסטווע" פון דער געגנט". און ס'איז נישט געווען קיין אנדער ברירה, און שלום יעקב

אַבראַמאָוויטש מיט זיין הויזגעזינד האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט באַרדיטשעוו און אַריבערפאָרן קיין זשיטאָמיר.

מענדעלע מוכר־ספרים האָט געשריבן זיין „טאַקסע" אין אַ צושטאַנד פון פאַרביטערונג און צערייצטקייט. די שווערע לאַגע פון דער אונטערדריקטער און פאַראָרעמטער יידישער מאַסע, וואָס אויסער די אַלגעמיינע באַגרענעצונגען פון יענער רעאַקציאָנערער צייט, האָט זי נאָך געהאַט אויסצושטיין יידישע, יידישלעכע פּלאָגן, — אָט־די שווערע לאַגע האָט דעם יונגן ש. י. אַבראַמאָוויטש אַרויסגעפירט פון זיין גלייכגעוויכט, און ער האָט געברויכט שאַרפע ווערטער, בייסנדיקע אויסדרוקן. אָט דעם גערייצטן צושטאַנד גיט ער איבער דורך די ווערטער פון שלמה וועקער. ס'קומט גדליה פּיקהאָלץ און דערציילט אויס פאַר שלמה וועקער די אַלע שיינע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין טונעיאַדעווקע, וואו ער, פּיקהאָלץ, איז געווען רב: „ווער אונטער אַלע אומות — זיפצט ער — קאָן נאָך אַזוי פיל ליידן און שווייגן ווי יידן?" דערציילט מענדעלע, אַז וועקער ווערט שטאַרק אויפגעבראַכט פון די מעשות, ער כאַפּט זיך אויף און פאַר גרוים עגמת־נפש צערייסט ער דאָס ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן פריער אין לייענען. פּיקהאָלץ פרעגט אים פאַרוואונדערט: „וואָס טוסטו, שלמה?" „מיט אַ רירענדע שטימע" ענטפערט אים וועקער (מענדעלע מו"ס):

„איך טו דאָס, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן אַמאָל בשעת חורבן, דאָרטן אויף די טייכן בבלס. אויף די ווערבעס דאָרטן האָבן די משוררים אויפגעהאנגען זייערע פידלען, זיי האָבן מער נישט געוואָלט שפּילן, נאָר קלאָגן, יאָמערן און טרויערן. גענוג זינגען, גדליה! גענוג שרייבן שירים, מליצות, בשעת אונדזער פאָלק, אונדזער אָרעם פאָלק, ליידט אויף דעם טייך גניל־אַפּיאַטקע. צערייס אויך די סטרונעס פון דער יידישער פידל (ער רייסט מיט אימפּעט). יידן זענען נישט געבוירן געוואָרן צו זינגען, צו שפּילן. מען מוז האָבן אין זינען ערנסטערע זאַכן . . . מיר וועלן פּרואווןביידע עפּעס שאַפן, עפּעס ווירקן פאַר אונדזערע אָרעמע יידן".

דאָס איז געווען די שאַרפע באַצייכענונג פון זיין נייעם צוגאַנג צו דעם אייגענעם שאַפן. דערמיט האָט מענדעלע געשטעלט פאַר זיי נייע אויפגאַבן פאַר זיין וויטערדיקן שרייבן.

מענדעלע האָט אַרויסגעבראַכט, ווי קיינער נישט ביז אים, די כוחות־פאַרהעלטעניש אין דער יידישער וועלט פון זיין צייט און שאַרף באַטאָנט די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן אין די געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען. „מענדעלע האָט געגעבן אין דער 'טאַקסע' אַ ברייט בילד פון . . . די סאָציאַלע שטרייטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען צווישן

די הערשנדיקע פּאַראַזיטישע שיכטן פון איין זייט, און דער אונטערדריק־טער האָרעפּאַשנער מאַסע פון דער צווייטע זייט . . . דעם עצם פּראָטעסט קעגן דער באַנדע שטאָט־בעלי־טובות ווערט געגעבן מיט אַזאַ פּלעבייאישער פאַרשאַרפטקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער גע־שיכטע פון דער השכלה־ליטעראַטור". (מ. ראָזענצווייג).

די „טאַקסע" איז געווען אַ האַסטיקער קער אינעם שאַפן פון מענדעלע מוכר־ספרים. די סאָציאַלע דיפערענצירונג פון דעם כלל־ישראל טרעט דאָ שאַרף אַרויס. אָנגעשריבן דאָס בוך גלייך נאָך דאָס „קליינע מענטשעלע", האָט מענדעלע דאָ אָנגעשלאָגן נייע שאַרפע טענער, וואָס זענען געווען אין איינקלאַנג מיט די סאָציאַלע טענדענצן, וואָס זענען ראַש געוואַקסן ביי דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ פון יענער צייט און ביי אים גופא.

נ. מייזיל

אַפּריל 1946

די טאַקסע

אָדער

די באַנדע שטאָט בעלי־טובות

אמר מענדעלע מוכר ספרים — זאָגט מענדעלע מוכר ספרים: געלויבט איז דער בורא, וואָס האָט באַשאַפן גרויסע ימים, זייער פיל טייכן: דעם נילוס, דעם טעטרעוו און דעם באַרימטן טייך גניל־אָפּיאַטקע, וואָס האָט באַשאַפן די הרי־חושך, די מדבריות, פּוסטינעס, אַ סך ווילדע מקומות און די גרויסע יידישע שטאָט גלופּסק, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס האָט אונדז יידן אויסגעוויילט פון אַלע אומות און האָט אונדז געלייטזעליקט מיט אַ טאַקסע, מיט אַ קעסטעלע, מיט פּאַפּעטשיטעלעס, מיט גבאים, מיט קהלס־לייט, מיט פּאָוויערענעס, מיט בוררים, ישרנים, שתדלנים און מיט זייער פיל בטלנים. געלויבט איז דער בורא פאַר אַלצדינג, וואָס ער האָט באַשאַפן: געלויבט איז ער פאַר די ווילדע חיות, לייבן, לעמפּערטן, וועלף, בערן, און פאַר די בעלי־טאַקסעס, געלויבט איז ער פאַר די בהמות, פאַר די אָקסן, פאַר די פערד, פאַר די אייזלען, פאַר די גלופּסקער פיינע בריות און פאַר דער גאַנצער כאַפּטע בעלי־טובות . . . נישט דאָס אָבער בין איך אויסן, איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיך באַהאַרצט און מיר געהאָלפן אָפּצודרוקן די דאָזיקע שרעקלעך־שיינע מעשה, איך האָב נישט געזשאַלעוועט קיין מי, ניט קיין געלט און האָב ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ טייל וועלן אויף מיר שטאַרק ברוגז זיין. די מעשה איז כ׳לעבן אמת. איך האָב יאָ אָסור נישט אויסגעטראַכט פון דעם קאָפּ, הערט נאָר, יידן, הערט נאָר, וואָס עס איז געשען:

מעשה שהיה כך היה. היינטיקן טאָג נאָך סוכות האָב איך מקבל געווען אַ פּאַסילקעלע, וואָס איז אָנגעקומען דורך דער פּאָטשט גלייך צו מיר אויף מיין נאָמען. איך האָב תחילת געמיינט, אַז דאָס מוז זיין פּעקלעך ציצית אָדער קינדערשע וואָלטשקענע יאַרמעלקעלעך וכדומה אַזעלכע זאַכן, נאָר אַז איך האָב עס אויפגעעפנט, האָב איך אַרויסגענומען אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן, פאַרשריבן פון אַלע זייטן, און צווישן זיי איז געלעגן אַ בריוול, וואָס אין אים איז געשטאַנען געשריבן די דאָזיקע ווערטער:

„להרבני הנגיד המפורסם מוהר״ר מענדל נ״י. הנה אַזוי ווי איר האָט אַ שם אין דעם היגן ווינקל פאַר אַן ערלעכן מאַן, אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז איר פאָרט תמיד אַרום אין אַלע יידישע מקומות מיט ספרים און איר זייט אַמאָל אַ בעלן אָפּצודרוקן מעשיות אויף אייערע הוצאות, בכן שיקן מיר אייך דאָ אַריין אַ שרעקלעכע מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן אין אונדזער שטאָט און בעטן אייך, אַז איר זאָלט מוחל זיין אָפּדרוקן, וועט איר אייך פּשוט קונה

זיין עולם־הבא. דאָ שטייט באַשריבן די שטוטשקעס פון אונדזערע גלופּס־קער בעלי־טובות, וואָס האָבן זיך אַליין אָנגעוואָרפן אויף דער אומגליקלע־כער שטאָט נעבעך מיט זייערע טובות און פירן איטלעכן ביי דער נאָז. זיי האָבן שוין ביי אונדז אַרויסגעצויגן די קליי פון די ביינער, מיר ליידן, מיר ווערן פאַרשוואַרצט, מיר עסן נישט קיין פלייש, מיר האָבן שוין אַ פּנים ווי די רוחות און קענען שוין מער נישט אויסהאַלטן פון די טובות, מען האָט שוין אַפילו געפּרוווט שרייען, שרייבן פּראָשעניעס, נאָר וואָס הערן זיי אַ וועלט? זיי זיינען רייך, זיי זיינען גבאים, פּאַפּעטשיטעלעס און די גאַנצע שטאָט איז ביי זיי אין די הענט, זיי האָבן פּאָוויערענעס, זיי האָבן שתדלנים, וואָס נעמען גרויסע זשאַלאָוואַניעס פון אונדזער בלוט, פון אונדזער געלט, און באַגראָבן אונדז נאָך צען איילן אין דער ערד, הכלל דער מלאך־המות שעכט און בלייבט גערעכט. מיר זעען זייער גוט אַרויס, אַז מיט שרייען, מיט פּראָשעניעס וועלן מיר גאָרנישט מאַכן, די בעלי־טובות וועלן זיך אומע־טום קענען פאַרענטפערן, און זייער פאַרענטפערן זיך וועט נאָך אונדז קאָסטן געלט, עס וועט אַלצדינג אויסגיין צו אונדזער קאָפּ . . . מיר ווילן נאָך פּרוואוון איין מיטל: אָפּדרוקן די דאָזיקע מעשה, וואָס איינער פון אונדזערע שטאָט־לייט האָט זי אָנגעשריבן, זיין נאָמען וויל ער דערווייל נישט מגלה זיין, מחמת כמה טעמים, מיר פאַרזיכערן אייך, אַז אַלצדינג, וואָס דאָ שטייט, איז אמת, מיר קענען אַפילו שווערן אין טלית און אין קיטל, פאַרקערט, דאָ פעלט נאָך זייער פיל זאַכן, מיר בעטן אייך, ר׳ מענדעלע, טוט אַ מצווה און דרוקט אָפּ די מעשה, אונדזערע נעמען קענען מיר אייך איצט נישט אויסשרייבן, נאָר איר זאָלט וויסן, אַז אין אונדזער בריוו שרייט צו אייך אַ קול פון אַ סך צעבראָכענע הערצער, פון אַ סך אומגליקלעכע יידן, דאָס איז אַ קול פון אָרעמע לייט, פון נויטבאַדערפטיקע, פון בעלי־מלאכות, און פון דערשלאָגענע מענטשן, וואָס מען דושעט זיי ווי קעץ און מען לאָזט זיי נישט קיין קאָפּ אויפהויבן, דאָס איז אַ קול פון פאַרוויסטע ווייבער און קינדער, וואָס מען האָט זייערע מאַנען, זייערע טאַטעס נעבעך פאַרשיקט און איינגעזעצט אין די טורמעס, דאָס איז אַ קול פון אַ סך דערשלאָגענע, פאַר־וואָגלטע, יידישע קינדער, הערט, ר׳ מענדעלע, דאָס קול, פאָלגט און דרוקט אָפּ די מעשה, טאָמער וועט דורך דעם נצמח ווערן אַ טובה. יידן כ׳לעבן וועלן די דאָזיקע מעשה קויפן, וואָרום עס קען זיין, אַז זי פאַרלויפט זיך ניט נאָר אין גלופּסק אַליין, אפשר טאַקע אויך אין אַנדערע יידישע שטעט" . . .

אָט דאָס איז אין קורצן דער בריוו, וואָס איך האָב מקבל געווען. איך האָב איבערגעלייענט די מעשה און האָב מיר פאָרגענומען זי אָפּצודרוקן. ניט אַזוי גיך טוט זיך אָבער ווי עס רעדט זיך, איך האָב געגוג געהאַט צו זינגען

און צו זאָגן ביז איך האָב דערלעבט צו זען אַ געדרוקטע בלעטל. דער כתב־יד איז נישט געווען ריין געשריבן, ערטערווייז פֿאַרפלעקט מיט טינט, פיל סצענעס זיינען געווען פאַרווענדט, נישט געשטאַנען כסדר, היינט אין אַ פּאָר ערטער האָט גאָר געפעלט עטלעכע בלעטלעך, דער שרייבער האָט זיך אַפּנים געאיילט. הכלל, עס איז מיר געגנוג די אויגן אַרויסגעקראָכן ביז איך האָב אַלצדינג צונויפגעשטעלט. איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן און ערטערווייז אַריינגעמישט מיינע אַ פּאָר ווערטער פון דעם, וואָס איך האָב געזען — געהערט אויף מיינע נסיעות, אַ חוץ דעם האָב איך געמאַכט אַ באַזונדער צעטל פון די אַלע פּערזאָנען, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה, בכדי זיי זאָלן אַלע שטיין פאַר די אויגן און מען זאָל זיי תמיד געדענקען. אָט קוקט זיי, זייט מוחל, אָן, דאָס זענען די פּאַרשוינען:

ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק ר׳ שמעיה תם ר׳ משה בעל־תכלית ר׳ יוסף מהיכא תיתי ר׳ יידעלע שטאַנדהאַפט	דאָס זענען די טובי העיר, פּאָפּעטשיטעלעס פון דער טאַקסע, אַלע זענען בעלי צדקות, אָבער נאָר איבער אַ פּרעמדער קעשענע, אַלע זענען גאַנץ סטראַפּטשעס, פרומע כשרע יידן, חוץ שטאַנדהאַפט, וואָס מען מורמלט אויף אים, אַז ער איז געכאַפּט אין דער מעשה.
ר׳ יוסעלע שינדער . . .	געוועזענער נאמן אין פּראָיעקט, היינט לפנים דער בעל־טאַקסע.
ר׳ נתן שיפּרהם . . .	אויך כלומרשט אַ בעל־טאַקסע, אַ ווילדער בעל־עצה און אַ שטאָט־בורר.
ר׳ ראובן פּיאַווקין . . .	דער שטאָט־פּאָוויערענע, היינט אויך גלאָסנע.
ר׳ אהרן קנעכטבאַרג . . .	גלאַט אַ שיינער ייד, אַ קאַכלעפל, וויל אַלץ איינברענגען דער שטאָט, מאַכט אַמאָל אין דער שטיל עפּעס אַ חרמל.

ר' נתן פרעכמאַן . . .	האַלט זיך פאַר אַ בריה. האַלט היינט שטאַנדהאַפטן אויף דער אַרענדע און איז קהלס שתדלן.
ר' מענדל דער געלער	אַ שטאָט־שייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי־טובות און פּאַלט אַן אויף וועמען מען הייסט.
ר' בערל לאָקשעוויץ ר' פרידיל דער קליינער	צוויי רעדלפירער, מתנגדים פון די בעלי טובות.
ר' אברהמל גרינפאַן . . .	אַ נייער טאַרגאָוואָי דעפּוטאַט.
ר' שלמה וועקער . . .	איינער פון דער היינטיקער וועלט.
בתיה	זיין ווייב.
ר' גדליה פיקהאָליץ . . .	זיין פריינט.
ר' אייזיק זאַאיקע . . .	אַ קרבן פאַר זיין ערלעכקייט.
טויבע לאה . .	זיין ווייב.

אַן אָרימער ייד, אַן אָרעמע יידענע, גלאַסנעס, דיינים, שוחטים ווייבער, גענדז, הינער, אינדיקעס, קאַטשקעס און אַ נאַראָד פון פּופּציק טויזנט צאן קדושים, וואָס מען שערט זיי ווי די שאָף.

דאַכט זיך, אַז איך האָב גענוג יוצא געווען און געטאָן מיין זאַך בשלי־מות. דאָס ביכל האָט מיך געקאָסט גענוג מי און הוצאות. נאָר איך בין דאָס אָבער נישט אויסן. הלוואי מיין מי זאָל נישט זיין אומזיסט, גאָט זאָל נאָר וועלן רחמנות האָבן און ווייזן באַלד טאַקע אין אונדזערע טעג אַ נס בפועל, אַז יידן נעבעך זאָלן אין אַלע שטעט זייערע בעלי־טובות פּטור ווערן עד ביאת הגואל.

ע ר ש ט ע ר   אַ ק ט

דאָ ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי אין גלופּסק שפּרינגען אַרויס פירער, מיט אַ יאָר זעכצן צוריק, פּאָפּעטשיטעלעס פון דער טאָקסע.

ערשטע סצענע

ספּאָדיק אַליין אין זיין חדר, זיצט שטאַרק פאַרטראַכט נעבן דעם טיש, זייגער צען אין דער פרי, און שאָקלט זיך איבער אַ משניות, קנייטשט דעם שטערן, קוקט אויף דער וואַנט, דערנאָך טוט ער ווידער אַ קוק אין משניות און לערנט מיט אַ ניגון.

אָמר ר' טרפון . . . האָט רבי מאיר געזאָגט . . . האַ ? נאָך אַמאָל (ער פאַרטראַכט זיך אויף דער וואַנט און רעדט צו זיך אַליין) **ער האָט געזאָגט, אַז נאָך שבת איז דער טערמין, האָט ער געזאָגט . . . מען וועט דאַרפן סיליקן. דער קאָפּ כ'לעבן שפּאַלט זיך מיר. אַך שלעכט, שלעכט, נישטאָ קיין געלט ! איך האָב מורא, מען זאָל חלילה באַלד זיך ניט אָנשטויסן. די קאַסע איז פּוסט, אויסגעטריקנט, די רעדער וועלן זיך אויפהערן צו דרייען, באם עס וועט חלילה נישט צוקומען קיין וואַסער, געלט מיין איך. אַך זייער אַ שלעכטע צייט** (ער שטייט אויף און גייט אַרום איבער דעם חדר) **יאָ, זייער אַ ביטערע צייט, עפּעס ווי אויף צעזעצעניש האָט מען נאָך היינט אויפגעהערט חתונה צו האָבן. שוין אַ לאַנגע צייט איז מיר נישט אַריינגעפאַלן קיין שלישית־געלט, נישט פון הי, נישט פון דער סביבה. אַ קאַטאָוועס עפּעס שלישית־געלט, דאָס פלעגט אויסמאַכן אַ יאָר זייער פיל . . . אַ נס, כ'לעבן, וואָס דרייט זיך נאָך אַביסל חברהש געלט, איי וואָס ? . . . עט נאַרישקייט, ווער איז דאָס מחויב צו וויסן ? וועמען גייט עס אָן ? נאָר עס איז מיט דעם אַפילו אויך נישט גוט, בע, גאָר נישט גוט ! . . . עס הערט זיך ווידער נייע גזירות, נייע פינצטערע פּאָראַדקעס מיט כל אַ צרות. וואָס טויג עס ? נאָך דאָס גייט אָפּ, מאַכן נייע פּאָראַדקעס ! מיר טויג עס כלל נישט. מען דאַרף האָבן געלט, גאָר פריש געלט...** (אַביסל מיט גאַל) **האָט חתונה, יידן און לייגט איין געלט ! שטאַרבט, יידן, און זאָגט אָפּ עולמות־געלט ! קויפט זיך איין אין חברות און גיט געלט ! הכלל מען דאַרף האָבן געלט, מען דאַרף האָבן געלט, געלט, געלט ! טאַקע פון אייער טובה וועגן, יידישע קינדער, מען דאַרף זיך פאַר אייך**

סטאַרעז, מען דאַרף פאַרזאָרגן אייער תכלית, איר זאָלט זיין גוט און פרום און טאַקע בלייבן דאָס וואָס איר זייט . . . (ער הערט זיך צו צו דער טיר) **האָ? דאַכט זיך אימעצער גייט? אפשר אַ מחותן מיט געלט.** ער לויפט־צו געשווינד צו דעם טיש. זעצט זיך אַנידער און שאָקלט זיך ווידער איבער דעם משניות)

צווייטע סצענע

ספאַדיק און פיאַווקין

ס פ אַ ד י ק (לייענט מיט אַ ניגון) **אָמר ר׳ טרפון. ניין ווייטער, ווייטער אַביסל . . . יאָ, אָט־אָדאָ: סומכוס אומר יחלוקו, מען דאַרף זיך מיט דעם געלט צעטיילן, יאָ טאַקע צעטיילן, וואָס? . . .**

פ י אַ ו ו ק י ן (קומט אַריין מיט דרך־ארץ) **גוט־מאָרגן, ר׳ איצע וואָלף!**

ס פ אַ ד י ק (מאַכט זיך שטאַרק נישט הערנדיק, אַזוי ווי שטאַרק פאַר־טיפט אין לערנען) **איי וואָס, אויב יחלוקו דאַרף מען דאָך מורא האָבן? . . . נו, עט . . . בע . . .**

פ י אַ ו ו ק י ן (צו זיך אַליין שטילערהייט) **ער האַלט ביי יחלוקו. דאָס איז אַ גוטער סימן, עס וועט איה״ש זיין גוט . . .** (ער גייט צו אַביסל נעענטער) **גוט־מאָרגן, ר׳ איצע וואָלף! אפשר בין איך מבולבל, וועל איך מיר אָוועקגיין.**

ס פ אַ ד י ק (צו זיך אַליין מיט פאַרדראָס, אַז ער דערזעט פיאַווקען) **נאָט אייך דעם שיינעם מחותן! דער רוח האָט אים געבראַכט צוטראָגן.** (צו פיאַווקינען מיט אַ קרום פנימל) **וואָס איז עפּעס נייעס, ר׳ ראובן.**

פ י אַ ו ו ק י ן. **בע . . . איך האָב אייך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איך וויל אייך איצט נישט שטערן פון דעם לערנען, אַחוץ דעם זייט איר, דאַכט זיך, עפּעס נישט געזונט, איר זעט אויס גרין און געל, דאָס פנים איז דער בעסטער שפּיגל.**

ס פ אַ ד י ק (מיט אַ קרעכץ) **איך האָב אַלץ לאַ־עליכם צו טאָן מיט מיינע מערידן.** איך האָב געמוזט היינט דאַווענען ביחידות און לערנען מיין שיעור משניות אין דער היים, נאָר פונדעסטוועגן זעצט אייך, ר׳ ראובן, אַז איר זייט שוין דאָ. **וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך?**

פ י אַ ו ו ק י ן (זעצט זיך) **מען האָרעוועט, מען ווערט פאַרשוואַרצט, אַ קאַטאָוועס עפּעס צו זיין אַ פאָוויערענע ביי אַזאַ עדה יידן, זאָלן זיך מערן.**

ס פּ אָ ד י ק. בזכות זה וועט אייך גאָט העלפן. יהי חלקי עמך.

פּ י אַ ו ו ק י ן (שטילערהייט צו זיך אַליין) עס איז אים קאַרג די וועלט. ער וואָלט געוואָלט ביי מיר אויך נעמען חלק. (צו ספּאָדיקן) ווען גאָט זאָל מיר נישט העלפן, וואו וואָלט איך שוין ביז איצט געווען מיט מיין ווייב און מיט מיינע קינדער . . .

ס פּ אָ ד י ק (מיט אַ שמייכעלע) זינדיקט נישט, ר׳ ראובן, און זייט טאַקע אַ בעל־בטחון, וועט אייך איה״ש תמיד זיין גוט. נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער שטאָט?

פּ י אַ ו ו ק י ן. בע. וואָס זאָל זיך הערן? דער בעל־טאַקסע וויל אַרויפּציען אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע פלייש. אַזוי וויל ער, דער שיינער בעל־טאַקסע, זאָגט ער, עס איז היינט אַ שלעכטע צייט.

ס פּ אָ ד י ק (כאַפּט זיך בּיי דעם קאָפּ) וואָס הייסט ער וויל? מען וועט עס אים שווייגן, עפּעס אַ קאַטאָוועס נאָך אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע! ער נעמט שוין בה״ש אָן דעם אויך גענוג — פּופצן קאָפּיקעס אָן אָקע! ס׳טייטש נאָך אַ קאָפּיקע, אַ יידישע קאָפּיקע! וואָס וועלן נעבעך טאָן די אָרימע לייט, די אָרימע יידן נעבעך? (ער קרעכצט און זיפצט).

פּ י אַ ו ו ק י ן. עס וואָלט אַ מצווה געווען אָנצולערנען אַזאַ בחור, ער זאָל וויסן, ווער עלטער איז.

ס פּ אָ ד י ק. איך זאָג אייך, מען קען שוין מער נישט אויסשטיין פון די בעלי־טאַקסעס, פון די גראַביטעליעס, מען איז צו זיי עפּעס ווי פאַר־קויפט, ס׳טייטש, נאָך אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע! דאָס וועט דאָך גאָר אויס־מאַכן גאָר אַ גרויסע סומע! אַ רחמנות כ׳לעבן אויף די אָרעמע לייט, וואָס וועלן טאָן די אָרעמע יידן נעבעך? אדרבה ר׳ ראובן זאָגט, ווי אַזוי לערנט מען אָן דעם שיינעם בעל־טאַקסע וואָס האָט נישט קיין גאָט אין האַרצן.

פּ י אַ ו ו ק י ן. איך וואָלט געזאָגט מיין עצה, מען זאָל אָפּנעמען די טאַקסע פאַר דער שטאָט, פאַרשטייט איר? איצט איז טאַקע די צייט, און איר ר׳ איצע וואָלף מיט ר׳ משה מיט ר׳ שמעיהן וכדומה זאָלט זיין פּאָפּע־טשיטעליעס, דאָס הייסט איר נעבעך זאָלט זיך כלאָפּאָטשען, אַכטונג געבן און דאָס פאַרדינסט זאָל גיין אויף דער שטאָט, דאַכט זיך דאָס איז אַ גרוי־סע טובה, אַ גרויסע מצווה און ווייטער . . . פאַרשטייט איר? כ׳לעבן אַזוי וועט זיין גוט, טאַקע בכל האופנים גוט, פאַרשטייט איר? ראַזבער־ראַיעט עס נאָך אַ ביסל ר׳ איצע וואָלף מיט אייער גמרא קעפּל.

ס פּ אָ ד י ק. אוודאי איז דאָס אַ גרויסע מצווה, אַ גרויסע טובה, נאָר ווי קען איך . . . ווי קען אַזאַ צעבראָכענער ייד ווי איך, אויף מיר נע־מען אַזאַ טירחה.

פ י אַ ו ו ק י ן. נישקשה, גאָט וועט אייך העלפֿן, ס'טייטש, ווער דען זשע וועט זיך זאָרגן פֿאַר דער שטאָט ווען נישט איר? ווער דען וועט אין זינען האָבן די אָרעמע לייט נעבעך, אַז נישט פֿריער גאָט און דערנאָך איר, באַרעכנט זיך נאָר גוט ר' איצע וואָלף וועט איר זען, אַז איר טאָרט זיך גאָר נישט דערפֿון אָפּזאָגן, פֿאַרשטייט איר? . . .

ס פּ אָ ד י ק. (מיט אַ יראת־שמים פּנימל) ווייניק איז פֿאַר מיר די חברות מיט נאָך אַנדערע שטאָט־זאַכן? ס'טייטש, וואָס האָט מען זיך אויף מיר אָנגעזעצט? וואָס וויל מען נעבעך האָבן פֿון מיר, אַלץ פֿון מיר! ווייניק מיר די אַלע חברות . . .

פ י אַ ו ו ק י ן (מיט אַ שמייכעלע) וואָס מיינט איר, ר' איצע וואָלף, טאַקע ווייניק, פֿאַר אַזאַ יידן ווי איר איז דאָס טאַקע ווייניק . . . איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, ראַזבערייעט מיין פּלאַן גאַנץ גוט, וועט איר זען, אַז איר קענט זיך בשום אופֿן נישט אָפּזאָגן, און ווייטער ווי איר פֿאַרשטייט . . .

ס פּ אָ ד י ק (מיט אַ זיפֿץ) אַוודאי איז דאָס פֿאַר אַזאַ צעבראָכענעם יידן ווי איך אַ גרויסע טירחה, טאַקע אַ טירחה גדולה, נאָר אַ טובה פֿון אָרעמע לייט וועגן נעבעך, פֿון אַ שטאָט יידן וועגן . . .

פ י אַ ו ו ק י ן (מיט אַ גנבֿה־שמייכעלע) מיט אייך, ר' איצע וואָלף, ווי איך זע, בין איך שוין אָפּנים פֿאַרטיק. איצט מוז איך גיין צו דעם אי־בעריקן עולם איבערשומעסן מכוח דעם עסק, וואָס מען האָט דאָ צו טאָן. עס איז נאָך דאָ געגנוג אַרבעט. הכלל מיר איז שוין באַשערט תמיד אַרבעטן, פּראָצעווען און זאָרגן זיך פֿאַר דער שטאָט, מסתמא וועט מיר גאָט העלפֿן... זייט געזונט, ר' איצע וואָלף, אייער געזונט איז איצט נייטיק. איר דאַרפֿט טובות טאָן דער שטאָט . . .

ס פּ אָ ד י ק (פֿאַרפֿרומט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן) בזכות זה זאָל מיר השי"ת טאַקע געבן כוח, אַוודאי איז דאָס נעבעך פֿאַר מיר, פֿאַר אַזאַ צעבראָכענעם יידן ווי איך, אַ גרויסע טירחה.

פ י אַ ו ו ק י ן. לאָזט זיך נאָר נישט אָפּ, ר' איצע וואָלף. נישקשה איר וועט איה"ש קומען צו די קרעפֿטן . . . אַ גוטן טאָג (ער גייט אַרויס).

ס פּ אָ ד י ק (רייבט זיך די אויגן) אַ, עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, געלויבט איז גאָט, עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פֿון דעם האַרצן, עס וועט אם ירצה השם זיין גוט, מיין מחשבה איז כ'לעבן אַ גוטע. איך וויל: יידן זאָלן בלייבן טאַקע יידן, יידן זאָלן טאַקע בלייבן דאָס, וואָס זיי זיינען, און באַהיט ווערן פֿון גזירות רעות, איך וועל מיך אַוודאי סטאַרען מיט כל אַמעגלעכקייטן, נו און דערפֿאַר מעג איך ביי זיי עפּעס נעמען אַפֿילו על פּי דין. גאָט אַליין וועט מיר אויך נישט הייסן, איך זאָל זיין ביי זיינע

יידעלעך אַ שומר חינם, איך בין דאָך אַ בשר־ודם, איך דאַרף האָבן ברויט און צום ברויט, פון וואַנען־זשע וועל איך דאָס אַלצדינג נעמען ? . . . ווי די מעשה וועט שוין זיין, צי וועל איך נעמען עפּעס מער אָדער עפּעס ווייניקער, דאָס איז קליינינקייטן, אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, יידן וועלן דורך דעם חלילה נישט בדלות ווערן, נאָר דערפאַר אָבער וועלן זיי פון אַ חשש טריפות שוין זיכער באַוואָרנט זיין, זיי מעגן גאַנץ רואיק זיין, איך וועל זיי אָפּהיטן און אַליין אַכטונג געבן, עס זאָלן זיין גוטע שוחטים. דער עיקר איז פאַר יידן גוטע שוחטים . . . וואָס מאַכט עס אויס אַ שטיקל פלייש מער אָדער אַ שטיקל פלייש ווייניקער, אַ ייד דאַרף נישט קוקן אויף אַזעלכע זאַכן, אַ שוחט אַ גוטן, אַ פרומען שוחט, אָט דאָס דאַרפן יידן האָבן, און מכּוח דעם מעגן זיי שוין זיך אויף מיר פאַרלאָזן, זיי וועלן שוין מיט גאָטס הילף האָבן גוטע שוחטים . . . (ער בלייבט שטיין אַביסל שטיל, גיט זיך דערנאָך אַ פּאַטש אין שטערן) אַך, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין היינט מיט סנדקאות אויף צוויי בריתן. גוט כ׳לעבן, וואָס היינט נאָר צוויי, איך וועל היינט האָבן וואָס צו טאָן. איך וועל מיך גיין אָנטאָן, מען מוז שוין אויף מיר וואַרטן, עס איז צייט צו גיין (ער גייט אַריין אין אַן אַנדער חדר און מאַכט צו די טיר).

דריטע סצענע

ר׳ משה בעל־תכלית. דערנאָך ספּאָדיק.

מ ש ה ב ע ל ־ ת כ ל י ת (לויפט אַריין ווי אַ פאַרסמטע מויז גאָר אָן אַן אָטעם) גוט־מאָרגן, ר׳ איצע וואָלף! איך דאַרף מיט אייך איבערשמועסן מכּוח אַן ענין, מכּוח אַ תכלית־זאַך . . . (ער קוקט זיך אַרום) אַ, ער איז שוין נישטאָ ? ער איז שוין נישטאָ ! ער איז שוין אַפּנים אַליין אַוועקגעגאַנגען מכּוח דעם ענין, איך קען אים, ער איז אַ זריז ווי באַלד ער שמעקט אָן אַ תכלית־זאַך. ע . . . עס איז דאָך עפּעס גאָר קיין תכלית נישט. ער קאָן דאָך דערווייל מיט די איבעריקע אָפּאַרבעטן דעם עסק און איך וועל חלילה בלייבן פון דרויסן. (ער קוקט זיך נאָך אַמאָל אַרום אין אַלע זייטן און ווערט פריילעך) אַך געלויבט איז גאָט, ער איז נאָך נישט אַוועקגעגאַנגען. זיין ספּאָדיק ליגט אויף דעם טיש, ער האָט געמוזט נאָר אויף אַ מינוט אַרויסגיין, איך וועל וואַרטן ביז ער וועט קומען. איך וועל אים שוין היינט נישט אָפּלאָזן, דער עיקר איז דאָך ער, איך וועל מיך היינט אָן אים האַלטן ווי אַ קינד אָן דער מאַמעס פאַרטוך (ער גייט צו צום טיש. כאַפּט

פּאַר שמחה דעם ספּאַדיק און באַטראַכט אים פֿון אַלע זייטן) **אַך, זייער אַ גוטער, זייער אַ פֿיינער ספּאַדיק, טאַקע אין תּכלית אַריין אַ גוטער ספּאַדיק!** (ער קלאַפּט אויף אים מיט אַ פֿינגער) **אַ ספּאַדיק, אַ כיטרע קעפּעלע ליגט אין דיר, ספּאַדיק! אַ גמרא־קעפּעלע מיט אַלע דריידלעך. איך וועל דיך היינט פֿון דעם אויג נישט אָפּלאָזן, מען זאָל חלילה נישט אָפּמאַכן אָן מיר די גאַנצע חתונה. כ'לעבן, מיר קומט עס באמת פּאַר ווי אַ חתונה, פּיאַווקין איז דער שדכן, ער רעדט אונדז אַ שידוך, מיר זאָלן נעמען די טאַקסע. זייער אַ רייכע כלה! מיר זענען — די מיוחסים און זי די רייכע, זי גיט אין נדן אַריין אַ גאַנצע שטאָט מענטשן אַנטקעגן, אַ 60 טויזנט פּאַדאַנעס, השי"ת זאָל נאָר געבן כוח — מען קען מיט איר וויסן פֿון אַ לעבן.** ער ווערט נאָך פֿריילעכער) **אַך, קעסטעלע, קעסטעלע, הרי את מקודשת לי, הרי את מקודשת לי, קעסטעלע, כּדת ר' איצע וואָלף ספּאַדיק ושטאַנדהאַפּט! זיי ביידע פֿאַר־שטייען זייער גוט אָן עסק, קוקן אין תּכלית אַריין, טויג אונדז שטאַנדהאַפּט זייער גוט אין שותּפֿות, שטאַנדהאַפּט איז אַפֿילו אַ דייטש, געכאַפּט אין דער מעשה, און קוקנדיק אויף אונדז זענען מיר אין פֿלוג אייגער פֿון דעם אַנדערן פֿאַרשיידן, נאָר וואָס מאַכט עס אויס? אַבי אונדזער כּוונה איז גלייך, אַבי מיר האָבן איין מחשבה. וואָס מיינט דען אַ ייד היינטיקע צייטן, אַ שטי־קעלע פּרנסה, און וואָס טוט מען נעבעך נישט פֿאַר דער פּרנסה? שטאַנד־האַפּט נעבעך פּרוּווט זיך אין דער טומאה, מאַכט זיך פֿאַר אַ דייטש, טאָ־מער וועט דאָ אַרומגיין, ספּאַדיק אַ שטייגער מוטשעט זיך נעבעך אין דער קדושה... נישקשה. מיר וועלן זיין חבר, מיר וועלן אַלע איה"ש קוקן אין תּכלית אַריין און טאָן טובֿות, נאָר ווי דערלעב איך שוין דאָס אָבער!** (ספּאַ־דיק קומט אַריין אַנגעטאָן אין אַ טיוליק מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. משה בעל־תּכלית לויפֿט אים אַנטקעגן) **וואָס איז' ר' איצע וואָלף, איר גייט שוין.**

ספּאַדיק. אָ, יאָ, שוין צייט, מען מוז שוין אויף מיר וואַרטן.

בעל־תּכלית. איך בין געקומען גיין טאַקע מיט אייך אינאיינעם.

ספּאַדיק. וואָס איז, איר האָט אויך אַ כּבֿוד?

בעל־תּכלית (מיט פֿייער) **אַ שאלה אַביסל, אויב איך האָב אַ כּבֿוד? איך האָב אין דער זאַך אַ גרויסן חלק.**

ספּאַדיק (פֿאַרוואונדערט) **וואָס הייסט, איר האָט דערינען אַ חלק?!**

בעל־תּכלית (נאָך מיט מער פֿייער) **ס'טייטש, איך האָב דערי־נען געאַרבעט!**

ספּאַדיק. וואָס זאָגט איר! ר' משה, ס'טייטש, וואָס זאָגט איר?

בעל־תכלית. ס׳טייטש, וואָס זאָג איך? איר ווייסט דען נישט, ר׳ איצע וואָלף, וואָס איך זאָג?!

ספּאָדיק. ניין! ביי מיין יידישקייט, איך ווייס נישט! זאָגט וואָס מיינט איר?

בעל־תכלית. ס׳טייטש, דאָס קעסטעלע מיין איך, פּיאַווקין האָט דאָך אייך ערשט געזאָגט, ער זאָגט, אַז איר זייט מסכים.

ספּאָדיק (ווי פון שלאָף) אַ, די טאַקסע מיינט איר! כ׳לעבן, דאָס איז פאַר מיר אַ טירחא, איך בין לא־עליכם אַ צעבראָכענער ייד, ווי קען איך אויף מיר נעמען אַזאַ טירחא?

בעל־תכלית. מען מוז דאָך אָבער זאָרגן פאַר דעם תכלית, מען מוז דאָך אַמאָל זאָרגן פאַר קהלס תכלית, ס׳טייטש, ווער דען זשע, ווען דען זשע, ר׳ איצע וואָלף?

ספּאָדיק. לאָמיר דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדער צייט, מיר וועלן זיך נאָך מיישב זיין, איצט איז מיר שוין צייט צו גיין אויף דעם ברית.

בעל־תכלית (שטילערהייט צו זיך) ער וויל זיך פון מיר אויס־דרייען, איך קען נאָך חלילה בלייבן פון דרויסן, מען דאַרף אים נישט אָפּ־לאָזן (צו ספּאָדיקן) איך וועל מיט אייך אויך גיין, דער בעל־ברית איז מיינער אַ שטיקל מחותן.

ספּאָדיק. נו גיט־זשע מיר, זייט מוחל מיין ספּאָדיק. וואָס איז, ר׳ משה, וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיין ספּאָדיק? ער געפעלט אייך אַזוי?

בעל־תכלית (שאָקלט מיט דעם קאָפּ) אויב ער געפעלט מיר! ער איז טאַקע אין תכלית אַריין אַ גוטער ספּאָדיק, איך וועל מיר בלי־נדר אויך מאַכן אַזאַ ספּאָדיק (ר׳ איצע וואָלף נעמט און טוט אָן דעם ספּאָדיק און גייט אַוועק מיט ר׳ משה בעל־תכלית).

פערטע סצענע *

(אַלץ ביי ספּאָדיקן אין חדר):

שלמה וועקער. דערנאָך גדליה פּיקהאָלץ.

וועקער (אַריינגייענדיק) ער איז ווידער נישטאָ! נעכטן האָט ער מיך באַשטעלט, איך זאָל היינט אין דער צייט קומען אים שרייבן די פּאָסט, און ער אַליין איז נישטאָ, ער איז אויף אַ ברית! אַלע טאָג איז ער

---

*) אמר ר׳ מענדעלע. אין דעם כתב־יד פעלן די עטלעכע בלעטלעך און די ווייטער־

אויף בריתן, אַלע טאָג אויף שמחות ! אַ שיינער סוחר, כ׳לעבן ! אָט וואָס הייסט אַ סוחר, נישט קענען איבערלייענען אַ בריוו ! נישט קענען אָנשרייבן אַן אַדרעס, און נישט אויסלאָזן נישט איין ברית, נישט איין בר־מצווה, און נאָך אַזעלכע שמחות ! איך פאַרשטיי אָסור נישט, ווי אַזאַ סוחר קען זיך האַלטן אַפילו אַ טאָג ! פונדעסטוועגן איז ער דאָך רייך . . . מערקווירדיק ! נישט אַנדערש טאַקע, אַז רוחות אַרבעטן פאַר אַזעלכע סוחרים, אַז מלאכים היטן זיי אָפּ, אַז אַ מלאך וואַרפט זיי אַראָפּ אַ גראָשן . . . (ער זעצט זיך אַנידער און נעמט אַרויס פון דער קעשעניע אַ יידיש ביכל) וואָס זאָל איך טאָן ? איך מוז שוין אויף אים וואַרטן, נאָך גוט וואָס איך האָב מיט זיך דאָס ביכל, וועל איך מיר דערווייל אַריינקוקן, איך וועל טאַקע איבערלייענען דאָס ביסל שירים, גאָר פון אַ נייעם מחבר (ער קוקט אַריין אין דעם ביכל, די טיר עפנט זיך שטילערהייט אויף און פיקהאָלץ גייט אריין).

פ י ק ה אָ ל ץ (צוגייענדיק צו וועקערן גאַנץ שטיל) וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, שלמה ?

ו ו ע ק ע ר (גיט זיך אַ כאַפּ גאַנץ אויסער זיך) וואָס זע איך ? דו ביסט ער גדליה, פון וואַנען האָסטו זיך דאָ פּלוצלים גענומען, מיין גוטער, מיין טייערער גדליה ? ווען ביזטו געקומען ? (ער קושט אים).

פ י ק ה אָ ל ץ (גאַנץ רואיק) איך בין געקומען טאַקע היינט.

ו ו ע ק ע ר . אַך, גדליה ! ווי פאַלסטו אויס צו קומען אַהער ?

פ י ק ה אָ ל ץ . שאַ, וואונדער זיך נישט אַזוי, שלמה ! עס איז גאַנץ פּראָסט, איך בין שוין געוועזן ביי דיר אין דער היים. האָט מיר דיין ווייב געזאָגט, אַז דו דאַרפסט זיין דאָ. (ער זעצט זיך אויף אַ בענקל).

ו ו ע ק ע ר (רוקט צו זיין בענקל צו פיקהאָלצן) נו, איצט דערצייל מיר, וואָס מאַכסטו ? וואָס הערט זיך אין טונעיאַדעווקע ?

פ י ק ה אָ ל ץ (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) אין דיין טונעיאַדעווקע?!

ו ו ע ק ע ר . נו זאָל זיין אין מיין טונעיאַדעווקע, וואָס מאַכט דאָרט אונדזער גביר ? איז ער נאָך, אומשטיינס געזאָגט, אַלץ מבולבל, אָן אַ פּיצל כאַראַקטער ? מאַכט ער נאָך טאַקע אַלץ פון זיין מויל אַ כאַליעווע און בייט צען פריינט אַ טאָג ? יאָ, ס׳טייטש, דער אַרענדאַר. ווי הייסט ער צום טייוול . . . איך האָב שוין פאַרגעסן, ווי ער הייסט, אָט דער הויכער אַרענדאַר מיט אַ געגאָלטן האַלדז ווי ביי אַ סטאַרעסטע. וואָס מאַכט ער ?

דיקע סצענע הייסט דארטן די זעקסטע, מען זעט ארוים, אז זי איז געשען מיט עטלעכע יאר שפעטער, נאך דער גזירה, אז יידן זאלן מאכן געשטודירטע רבנים. פאר די וואס לייענען מאכט דאס אבער גאר נישט אוים זיי קענען לייענען גלייך און זאלן אפילו נישט וויסן, אויב עס גייט עפעם אפ.

פּ י ק ה אַ ל ץ. איך ווייס, ווענען דו מיינסט. ער איז היינט אַ קבצן און האַלט שוין מער נישט דעם גביר אויף דער אַרענדע.

ו ו ע ק ע ר. אַ רחמנות, כ׳לעבן, וואָס טויג נעבעך אַזאַ פּראָסט מענטשל ווי ער אַן געלט? כ׳לעבן, אַ רחמנות! ווער דען־זשע, זאָג מיר, האַלט היינט דאָרטן דעם גביר אויף דער אַרענדע?

פּ י ק ה אַ ל ץ. דער גביר האָט זיך נישט לאַנג אָפּגעגעבן אין דער אַרענדע מכמה טעמים צו ר׳ גרשון כייקעס, ער טראָגט אים איין אפשר פיר טויזנט רובל אַ יאָר, ער האָט צו זאָגן איבער דעם קהל־שטיבל, איבער אַלע טשליענעס און איבער איטלעכן אין דער שטאָט, מען זאָגט, ער האָט צו פאַרדאַנקען די אַרענדע ר׳ נתן פויגלס, דעם שטאָט־בורר.

ו ו ע ק ע ר. ר׳ נתן איז, כ׳לעבן, אַ קלוגעטשקער, וואָס מאַכט ער? איז ער טאַקע נעבעך נאָך אי היינט אַ קבצן? ער האָט שוין אין זיין לעבן אַ סך מאָל אַנגעזעצט און פאַרט נעבעך אַ קבצן.

פּ י ק ה אַ ל ץ. וואָס קבצן, ער איז זיך היינט מפרנס גאַנץ שיין פון אוראָקן, וואָס ער גיט אויף דער עלטער שפּאָגל נייע אַנזעצערס, ווי אַזוי זיי זאָלן ענטפערן קוממיות, אַ חוץ דעם קנעלט ער עפּעס מיט דעם גביר, ער מוטשעט זיך נעבעך מיט אים, ווי אַזוי מע מאַכט פּאַטשערקעס? ווי אַזוי מען צאַפּט פון דער וואַנט געלט? ווי אַזוי מען ציט אַרויס קליי פון די ביינער? ווי אַזוי מען מאַכט פון שניי גאָמעלקעס? ווי אַזוי מען מען מאַכט מיט דער רייף? ווי אַזוי מען פאַרבלענדט די אויגן? ווי אַזוי מען כאַפּט פיש פאַר דער נעץ וכדומה נאָך אַזעלכע קונצן.

ו ו ע ק ע ר (טוט אַ שפּיי) פּפו זאָל עס ווערן! עס איז דאָך אַ שרעק, וואָס ביי אייך אין טונעיאַדעווקע גייט פאָר.

פּ י ק ה אַ ל ץ (קוקט שאַרף אָן וועקערן) ביי אייך אין טונעיאַדעווקע, זאָגסטו! און ביי אייך אין גלופּסק איז דען בעסערע פּאַראַדקעס. איך מיין, כ׳לעבן, ניט! קוק זיך נאָר גוט צו, וועסטו זען, ווי ביי אייך טאַקע און נאָך אין אַנדערע יידישע שטעט ליגן די אָרעמע נעבעך צען איילן אין דער ערד, עס זענען שוין דאָ אַזעלכע גוטע און פרומע מענטשעלעך, וואָס פאַר פרומקייט, פאַר גוטסקייט לייגן זיי אַוועק אַלע געשעפטן און גיבן זיך אָפּ נאָר מיט שטאָטישע זאַכן און זאָרגן זיך נאָר לטובת הכלל, איינער איז אַ בעל־טאַקסע, איינער איז אַ פּאָוויערענע, איינער איז אַן אַרענדאַר, איינער איז אַ גבאי, איינער אַ בעל־עצה, איינער אַ תקיף, איינער דעם רבס קרוב, איינער דעם גבירס בן־בית. איינער מאַכט באָם, איינער איז אַ מיוחס, איינער אַן איניקל, איינער האָט אַ באָבע אין ארץ־ישראל, איינער טאַנצט אויף אַלע חתונות, איינער איז אַ שטאָט־פעטער, איינער קהלס יורש און

איינער גלאַט אַ שיינער ייד. — נו, געפינט זיך נאָך ערגעץ אין דער וועלט, אונטער אַלע אומות, אַזוי פיל גוטע מענטשן, וואָס זאָרגן זיך פאַר דעם כלל ווי ביי אונדז יידן, רחמנים בני רחמנים? ביי די אומות, אַ שטייגער, איז אַ גביר אָדער אַ פּאָמיעשטשיק, אָדער אַ סוחר, אַ פאַבריקאַנט וכדומה, ביי אונדז אַקעגן איז אַ מינדסטער גבירל אין אַ שטעטל דאָס רוב אַ בעל־טאַקסע, אַ גבאי, אַן עסקן במצוות, ער איז נאָר אַ סוחר לפּנים, באמת טראָגט ער אויף דעם קאָפּ די גאַנצע שטאָט יידן נעבעך, ובזכות זה האָט ער מיט אַלע בעלי־טובות די ברכה, וואוהין זיי קערן זיך און ווענדן זיך... זיי זאָרגן נעבעך, זיי זאָרגן ביז זיי נעמען אויף זיך לייב און ווערן אַן עין־הרע דיק, פעט, לויטער, מיט שיינע בייכלעך, און זיי זענען זייערע שונאים אויף צעשפּרינגעניש אומעטום נושא־חן . . . די אָרעמע גייט עס אָבער נישט אין נוצן. פון די פיל טובות, וואָס מען טוט זיי, הערן זיי אויף וואָס אַ טאָג ווייטער צו עסן, זיי קרענקען, זיי ווערן אויסגעדאַרט, אַקוראַט ווי אַ בן־יחיד ביי אַ טאַטן אַ נגיד, וואָס מען דושעט אים, מען היט אים אָפּ פאַר גרויס ליבע און געטריישאַפט פון עסן, און מען גיט אים איבער אין די הענט פון אַ סך ניאַנקעס, זיי זאָלן אים למען־השם אָפּהיטן, ער זאָל נית כאַפּן קיין איבעריקן ביסן. האָט זשע־דען נישט באמת טאַקע איטלע־כער אָרעמער ייד אין אַ שטעטל אויף זיין חלק צוויי־דריי בעלי־טובות, וואָס דורך זייער השגחה קען ער שוין קיין איבעריקן ביסן נישט כאַפּן? וואָס עסט דען אַ ייד, אַן אָרעמאַן? קרענק, מכות מיט יסורים, אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט פּיסנעם קאַליש, פון פליש ווייס ער נישט, וואָס צו זאָגן, חוץ אַ שבת אפשר מאַכט ער זיך אַביסל פליישיק מיט אַ ביין, מיט אַ שטיקל לונגען לעבער, דערפאַר פאַלט אים אָפּ אַ שטיק פליש. און ווי מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי. — נישט גוט, שלמה! נישט גוט, כ׳לעבן, וואָס מיר יידן זענען אַזעלכע רחמנים, נישט גוט, כ׳לעבן, וואָס ביי אונדז אין די שטעטלעך זענען זייער פיל בעלי־טובות! נישט גוט, נישט גוט, כ׳לעבן, וואָס אַ סך מענטשן ביי אונדז זאָרגן זיך נישט בעסער פאַר זיך, זיך אויסלערנען עטוואָס אָדער זיך צו באַשעפטיקן מיט עפּעס א מלאכה און ווילן אַלץ זאָרגן פאַר אַנדערע! נישט גוט, כ׳לעבן, וואָס איטלעכער ליאַדע ליידיקגייער, וואָס איטלעכער דראַב, איטלעכער עזות־פּנים, איטלעכער צבועק ווערט פלוצים פון דער העלער הויט אַ שטאָט־מענטש, אַ פיינער בריה און אַ בעל־טובה, נישט גוט, כ׳לעבן, טאַקע זייער נישט גוט! . . .

ו ו ע ק ע ר. עפּעס ביזטו היינט זייער אין כעס, מיין ליבער גדליה, עפּעס רעדסטו מיר זייער שטאַרק מיט האָרץ! האַ?!

פ י ק ה אָ ל ץ. יאָ, איך קען מיך שוין נישט איינהאַלטן, איך מוז

שוין אויסרעדן דאָס האַרץ, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, נישט מיט מיין מויל גערעדט, אָט דאָס זענען אונדזערע שטאָט־מענטשן, אָט נעם טאַקע, אַ שטייגער, ביי אונדז אין טונעיאַדעווקע די גאַנצע כאָפּטע פּאַרשוינען, וואָס דו האָסט זיך ערשט אויף זיי נאָכגעפרעגט. דו מעגסט צו זיי צורעכענען משה לאָפּ, טרייטל כאָפּ, יאָסל צאָפּ, נישט זיי מיין איך, די וואַנט מיין איך — ווער זענען זיי? וואָס קענען זיי? דער האָט זיך אויסגעלערנט אַן אַדרעס אויפשרייבן, איז ער שוין קהלס פּאָוויערענע, יענער האָט זיך ערגעץ אין אַן איינפאָר־הויז אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער רוסיש מיט גרייזן, איז ער אַ שתדלן, אַ גאַנצער כאַדאַטאַי, דער האָט מירידן, אַ בלייך אויסגעוויקט פּנימל — איז ער אַן ארץ־ישׂראל גבאַי, אַ כשרער ייד, אַ שיינער ייד. יענער איז אַן עזות־פּנים, נעמט ער אַ חלק אין דער טאַקסע. דער אַזוי, יענער אַזוי. — מען שרייט אַלץ אויף דעם נאַראָד יידן נעבעך, זיי זענען פויל, זיי זענען נישט געזונט, זיי זענען עקשנים, זיי ווילן זיך נישט בילדן וכדומה נאָך אַזעלכע פּאַרברעכן. געוואַלד! וועל איך שרייען. וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק, וואָס זאָלן זיי נעבעך טאָן, אַז זיי זענען אונטער אַזאַ פּינצטערער אָפּיעקע? אַז מען ציט ביי זיי אַרויס די קליי פון די ביינער, אַז איין יידל נעבעך האָט איבער זיך אויף זיין חלק דריי בעלי־טובות, וואָס נאָגן אים אויס דעם מאַרך, פּאַרשלאָגן אים דעם קאָפּ, האַלטן אים אין דער מורא, דערטאַפּן ביי אים אַרויס דעם לעצטן גראָשן, פּאַרבלענדן אים די אויגן און פּאַרמוטשען אים מיט זייערע טובות?! יידן זענען, כ׳לעבן, נישט שולדיק, זיי האָבן גוטע הערצער, זיי האָבן בטבע שכל און געפיל, זיי פּאַרשטייען אַן עסק, זיי זענען נבנעים און קענען זייער פיל אַראָפּשלינגען, נאָר וואָס העלפט עס, אַז זיי האָבן נעבעך נישט קיין מזל, אַז זיי זענען נעבעך אומגליקלעך, אַז פון כמה שנים שטיקט מען זיי צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט ווי די שאָף, אַז זיי זעען פאַר זיך נישט קיין וועלט און קענען נישט אָטעמען קיין פרייע לופט. אַ מענטש מוז דאָך אָבער עסן, מוז דאָך זיך דערנערן און אונטערהאַלטן זיין לעבן כל־זמן ער זשיפּעט, כל־זמן עס שלאָגט זיך אין אים אַן אָדער, דעריבער זוכן זיי שפּע איינער פון דעם אַנדערן, דער שטאַרקערער וויל דערקוועטשן דעם שלאַפערן, מען טראַכט אויס כל אַ מיני תחבולות, ווי אַזוי צו דערטאַפּן אַ שטיקל ברויט, ווי אַזוי צו דערהאַלטן די נשמה, די נאַטור איז שטאַרק, זי פאָדערט אירס, זי סטאַרעט זיך, זי זוכט כל אַ מיטל זיך צו דערהאַלטן. אָט דעריבער זענען דאָ ביי אונדז אין טונעיאַדעווקע די גאַנצע כאָפּטע פּאַרשוינען, וואָס מיר האָבן פון זיי גערעדט, אָט דעריבער זענען דאָ ביי אונדז אַזעלכע מיני מענטשלעך, דערצו נאָך זייער אַ סך זיידענע יידן, גאַנצע פאָלקן שדכנים,

מלמדים, גאָטס־סטראָפּטשעס וכדומה נאָך אַזעלכע טשינאָווניקעס, זיי אַלע ווילן עסן, זיי אַלע האָבן אַ נשמה און סטאַרען זיך זי צו דערהאַלטן, זיי האָבן אַלע חושים, אַ טבע פון מענטשן, זיי ווילן לעבן! אַקעגן דער טבע העלפט זיך נישט צו באַרען, אַקעגן איר העלפט נישט קיין עצות, קיין חכמות, זי איז אַלצדינג גובר! אָך נישט גוט, שלמה! אַ רחמנות, כ'לעבן, אויף אונדזערע יידעלעך. עס וואָלט שוין צייט געווען, מען זאָל זיי לאָזן אַביסל אָטעמען, אַביסל דיכען! . . .

וועקער. ניין, גדליה, עס איז עפּעס נישט גלאַט, עס מוז עפּעס זיין, וואָס דו רעדסט אַזוי פיל מיט פייער. ס'טייטש, דו קאַלטער גדליה, דו שטילער, דו גוטער, דו ליבער גדליה זאָלסט רעדן אַזוי פיל מיט האַרץ! ניין, ניין! זאָג דיר וואָס דו ווילסט, עס איז עפּעס נישט גלאַט. (ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף פּיקהאַלצס אַקסל) איך בעט דיך, גדליה, דו בלייבסט הי אויף לאַנג?

פּיקהאַלץ. ניין, איך וויל נאָך היינט אַוועקפאָרן.

וועקער. וואָס איילסטו זיך אַזוי קיין דיין טוניעאַדעווקע?

פּיקהאַלץ. זאָג נישט מער, איך בעט דיך, „דיין טוניעאַדעווקע“, איך בין שוין נישט מער קיין טוניעאַדעווקער.

וועקער (פאַרוואונדערט) וואָס הייסט? דו ביזט שוין נישט מער דאָרטן קיין רב. ס'טייטש, ווי קומט עס? פאַר וואָס?

פּיקהאַלץ. דו פרעגסט, פאַר וואָס? פאַר דעם! פאַר דעם, וואָס ביי אונדז זענען דאָ בעלי־טובות, וואָס קיינער פון דער אַבשטשעסטווע האָט נישט קיין דעה, וואָס מען הערט זיי ווי דאָס מילכיקע קליינגלל, וואָס איטלעכער ציטערט צו זאָגן אַ וואָרט, פאַר דעם, וואָס ר' טרייטל, זאָל לעבן, הייסט די שטאָט, וואָס ער מיט זיין כנופיא האַלטן אין זייערע הענט אַלצדינג: די טאַקסע, די אַרענדע, דאָס קהל־שטיבל, אַלע צדקות און עולמות־געלט, וואָס זיי מאַכן טשליענעס, וועלכע זיי טויג, און נעמען בלאַנקע וועקסלען ביי דעם גאַלאָווא, ביי דעם רב וכדומה, כדי אין פאַל, אַז זיי וועלן נישט וועלן טאָן דאָס, וואָס ר' טרייטל מיט זיין כנופיא ווילן, וועט מען אויף זיי אויספילן די וועקסלען *). היינט פאַרשטייסטו, פאַר וואָס איך בין שוין נישט מער דאָרטן קיין רב? איך קען מיך נישט פאַרקויפן,

*) אמר ר' מענדעלע, אויף מיין נסיעה אין בעסעראַביע האָב איך באַגעגנט אַזאַ מין טרייטל אין אַ שטעטל אויף דעם דניעסטער, עטלעכע ווערסט פון יאַמפּעלע. איך האָב זיך דאָרטן איבער אים אָנגעהערט זייער שרעקלעכע זאַכן, ער איז אַ מזיק אין אַ לאַנגן טלית־קטן, מען האָט פון אים געגוג צרות אויסצושטיין, השי"ת זאָל שומר ומציל זיין אַלע יידעלעך פון אַזעלכע ר' טרייטעלעך.

איך קען נישט האַלטן בלאַט מיט פאַלשע מענטשן און באַרייסן אַ שטאָט אָרעמע לייט נעבעך, איך קען נישט זיין געבונדן און טאָן נאָר דאָס, וואָס יענער וויל, וואָס יענער הייסט און וואָס יענעם טויג . . . איך בין נאָך פאַר די וויבאָרעס אַוועקגעפאָרן, זאָל זיך דאָרט אַן אַנדערער זיין רב.

ו ו ע ק ע ר (מיט אַ בּיטער האַרץ) וואָס הייסט, און מען שווייגט זיי, אַט־אָ־דער גאַנצער כנופיא ? ! עפּעס הפקר אַ וועלט !

פ י ק ה אָ ל ץ (מיט אַ זיפץ) יידן זענען נעבעך דערשלאָגן, זיי מיינען, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין. ווער אונטער אַלע אומות קען נאָך אַזוי פיל ליידן און שווייגן ווי יידן ? . . . און, איבעריקנס, אַז מען שרייט אַמאָל יאָ אויף ר׳ טרייטלס שטושקעס, אויף זיינע גנבות, הייסט עס נאָך, מען איז דאַנאָסטשיקעס, אַ גאַנצע שטאָט מענטשן, טויזנטער בעלי־בתים און בעלי־מלאכות זענען דאַנאָסטשיקעס, די שטאָט, דאָס הייסט ר׳ טרייטל מיט דער כנופיא, איז ברוגז, פאַר וואָס מען בעזפּאָקאָיעט זיי. מען קען טאַקע נאָך כאַפּן אַ פּסק, ר׳ טרייטל שרייבט וואוהין מען דאַרף אין דעם נאָמען פון דער שטאָט . . . מיט חתימות האָט ער קיינמאָל נישט וואָס צו זאָרגן. זיי ליגן ביי אים תמיד פאַרטיק אָנגעגרייט, היינט האָט ער דאָך עפּעס נאָך וועקסלען אויך ! . . . *)

ו ו ע ק ע ר (קנייטשט דאָס ביכל אין דער האַנט זייער שטאַרק אויפגעבּראַכט), גדליה ! בלייב הי, גדליה !

*) אמר ר׳ מענדעלע, איך האב נאך א תירוץ אויף וועקערס שאלה, ער פרעגט, פאר וואס מען שווייגט ר׳ טרייטלען וכדומה. ווי איך זע קען ער אפנים נישט, זאל ער מיר מוחל זיין, די פוילישע יידן. א פוילישער איז אלץ א בריה ביי זיך אין שטוב, אין בית־מדרש אונטער דעם אויוון, דארט סמאליעט ער די וועלט, ער קען נישט צוזען די עוולות, דעם גראבעזש, וואס עס גייט פאר אין דער שטאט, ער ליארעמט, ער פילדערט, ער גיט עצות, מען זאל שרייבן פראשעניעס, מען זאל שרייבן אויף די נייע צייטונג, מען זאל אלע שטושקעלעך ארויספירן ווי בוימל אויף דעם וואסער, מען זאל טאקע איינמאל אנלערנען די פאלשע מענטשן, מען זאל אויסמאכן דעם, מען זאל אויסמאכן יענעם, נאכדעם זאלט איר זען, אז עס קומט צו עפעס, איז נישטא קיינער אין דער היים, ער באהאלט זיך אין א מויזנלאך פאר א רויטן קאלנער, ער ווערט א קעצעלע, א תם. ער גיט נאך אפ א שיינעם גוט מארגן דעם דאזיקן, וואס ער האט אויסנעמאכט מיט דער צונג, פארקערט ער דרינגט אים אן אומעטום, אין אלע שולן שרייט ער און וועט שרייען, אז קיין ערלעכער חוץ אים איז טאקע נישטא, מאלע וואס שונאים זאגן. נאר פונדעסטוועגן בין איך מודה, אז פיקהאלצס תירוץ איז זייער אן אמתער, אונדזערע יידן זענען נעבעך זייער דערשלאגן. א חוץ דעם האבן זיי מורא זיך צו קלאגן אויף שלעכטע מענטשן און ארויסשרייבן זייער פאלשקייט נאר מחמת דעם טעם אויך, ווייל זיי ווייסן, אז די אומות־העולם באשולדיקן דעם כלל־ישראל פאר א פרט און לייגן ארויף דעם חטא פון איינעם אויף אלע יידן. דעריבער איז זיי בעסער ניחא צו ליידן שטילערהייט, איידער שרייען און עס זאל חס־ושלום ארויסקומען א חילול־השם.

פ י ק ה אָ ל ץ . דאָ איז נישט מיין אָרט.

ו ו ע ק ע ר (נאָך שטאַרקער אויפגעבראַכט) פאַרקערט, דאָ איז דיין אָרט (ער שטייט אויף און רייסט דאָס ביכל פאַר גרויס עגמת־נפש).

פ י ק ה אָ ל ץ (קוקט אָן וועקערן פאַרוואונדערט) וואָס טוסטו, שלמה ?

ו ו ע ק ע ר (מיט אַ רירנדער שטימע). איך טו דאָס, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן — אַמאָל בשעת חורבן דאָרטן אויף די טייכן בבלס. אויף די ווערבעס דאָרטן האָבן די משוררים אויפגעהאַנגען זייערע פידלען, זיי האָבן מער נישט געוואָלט זינגען, שפּילן, נאָר קלאָגן, יאָמערן און טרויערן, גענוג זינגען, גדליה ! גענוג שרייבן שירים, מליצות בשעת אונ־דזער פאָלק, אונדזער אָרעם פאָלק לײַדט אויף דער טייך גנילאַפּיאַטקע. צע־רייס אויך די סטרונעס פון דער יידישער פידל (ער רייסט מיט אימפּעט). יידן זענען נישט געבאָרן געוואָרן צו זינגען, צו שפּילן . . . מען מוז האָבן אין זינען ערנסטערע זאַכן. בלייב הי, גדליה : מיר וועלן פּרואוון ביידע הי עפּעס טאָן, עפּעס ווירקן, פאַר אונדזערע אָרעמע יידן. דאָ גדליה, דאָ איז דער אָרט צו ווירקן.

פ י ק ה אָ ל ץ (מיט אַ ביטערן לאַכן) אַי, שלמה, ביי יידן ווילסטו ווירקן ! פאַר די וואָס דו וועסט זיך אָננעמען, טאָקע די אַליין וועלן דיר זיין שונאים, דער וואָס טרינקט זיך וויל תמיד אַריינשלעפּן אין וואַסער דעם דאַזיקן, וואָס ראַטעוועט אים, קראַנקע האָבן כמעט אַלע פיינט דעם דאָק־טער, דאָס ליגט שוין אַזוי אין דער נאַטור. — דו וועסט זיך סטאַרען עפּעס צו טאָן, עפּעס צו פאַרבעסערן, פּלוצלים וועט קומען איינער און וועט אָפּ־זאָגן אַ סליחה, אַז דו ביסט אַן אפּיקורס, אַז עס פעלט ביי דיר אַ האָר אין באָרד, נו דאָ הערט שוין אויף אַלצדינג, מען מאַכט דיך מיט דער בלאָטע גלייך און מען לאָזט זיך נאָך בעסער צו צו די בעלי־טובות, אַקוראַט ווי דאָס אומגליקלעכע חיהלע נעבעך לויפט צו אַליין צו דעם שרעקלעכן שלאַנג, וואָס באַצויבערט און שלעפּט דאָס מיט די אויגן . . . ניין, שלמה, דו ביסט צו הייס, ניין, זאָג איך דיר, שלמה, ניין, איך וויל נישט ווירקן.

ו ו ע ק ע ר (גראַטשעט זיך) דו בלייבסט גדליה ! דו וועסט הי זיין רב, איך בין גוט באַקאַנט מיט שטאַנדהאַפּטן, ער איז דאָ דער גביר, דער גאַנצער פירער, איך וועל אים בעטן, ער זאָל דיך מאַכן הי פאַר רב, ער לעבט מיט מיר זייער גוט.

פ י ק ה אָ ל ץ . אַי, שלמה, דו ביסט נאָך נישט דערפאַרן, דו קענסט נישט קיין גביר, קיין היגן יידישן גביר, דו קענסט נישט שטאַנדהאַפּטן, ביי

אים איז נישטאָ קיין פריינטשאַפט, קיין געוויסן, ער ליבט נאָר זיך, ער זוכט נאָר זיין נוצן, אַי היט זיך, שלמה, היט זיך פאַר אים.

ווועקער. נישקשה, דאָס איז מיין זאַך, שטאַנדהאַפּט, זאָג איך, וועט דיך מאַכן פאַר אַ רב.

פּיקהאָלץ. איך דאַנק דיר, שלמה, פאַר דער טובה! פּע אַזאַ רבנות, וואָס שטאַנדהאַפּט גיט זי, פּע אַזאַ רבנות, וואָס פאַר איר דאַרף מען זיך פאַרקויפן דעם טייוול, וואָס פאַר איר דאַרף מען זיין אַ נבזה, אַן עבד־כנעני, וואָס פאַר איר מוז מען הערן, זען און שווייגן! פּע, פּע, פּע אַזאַ רבנות! דענסטמאָל וועל איך זיין אַ רב, ווען דאָס פאָלק וועט מיך וועלן, ווען אַלע אָרעם און רייך גלייך, וועלן מיך מאַכן און מיר שענקען זייער צוטרויען, ווען איטלעכער, אַפילו דער אָרעמער נעבעך, וועט מיך געפינען פאַר ווערט צו פאַרטרעטן די שטעלע, נאָר עס איז נאָך אָבער דערצו זייער ווייט צו וואַרטן! זיי מיר געזונט, שלמה! איך מוז פאָרן, לאָמיר איינער דעם אַנדערן נישט מער שטערן! (ער וויל גיין).

ווועקער. אַך, גדליה, וואַרט נאָך אַביסל, גדליה!

פּיקהאָלץ. ניין איך מוז פאָרן, זיי געזונט, געניט און דערפאָרן, היט זיך פאַר שטאַנדהאַפּטן און רעד זיך נישט איין צו ווירקן ביי יידן. אַדיע! (ער צעקושט זיך מיט וועקערן און גייט אַוועק).

ווועקער (נאָך דעם, אַז ער איז אַביסל געשטאַנען פאַרטראַכט) אַך, גדליה, דו האָסט מיר געעפנט די אויגן. איצט הייב איך אָן צו זען, ווי אַזאַ סוחר, ווי מיין ספּאָדיק, קען זיך האַלטן און זיין רייך, אַ מלאך, ווי איך זע, וואָרפט נישט קיין גראָשן און אַפּנים, אַז מען נעמט נישט אַליין אויף דער וועלט, האָט מען טאַקע נישט ... נאָר נישט גוט אָבער צו האָבן אָפענע אויגן, נישט גוט צו זען אַ סך אויף דער וועלט, עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט, עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ; איך פיל, אַז דאָס גאַנצע פּנים פלאַמט מיר. עס איז מיר דאָ דושנע, איך קען דאָ נישט אָטעמען די לופט, איך מוז פון דאַנען אַרויסגיין און שוין טאַקע אַהער מער נישט קומען. אַך, גדליה, דו האָסט מיר געעפנט די אויגן! (ער גייט געשווינד אַרויס און גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר).

צווייטער אַקט

דאָ ווערט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי די פּאָפּעטשיטעליעס פון דער טאַקסע אַרבעטן מעשים און פירן אַ וועלט.

ערשטע סצענע

א מלווה־מלכה ביי ר׳ משה בעל־תכלית. די כנופיא פּאָפּעטשיטעליעס זיצן ארום טיש. אויף אים שטייען פלעשלעך בראנפן און וויין. א גרויסער פּאָלומעסיס מיט א געבראטענע גאנדז און א טעלער מיט אייטערלעך.

ס פּ אָ ד י ק (האַלט אַ כוס אין דער האַנט) **לחיים, יידישע קינדער, גאָט זאָל געבן עפּעס ישועות ונחמות אויף יידן, און טאַקע דערביי אַ שנת פרנסה** (ער פאַרגלאָצט די אויגן צו דער סטעליע) **ישראל עמך צריכים פרנסה! עס איז היינט זייער אַ שלעכטע צייט!** (ער קרעכצט און טרינקט אויס דעם כוס).

ד י כ נ ו פּ י א (קרעכצט אויך מיט די כוסות אין די הענט) **עס איז היינט זייער אַ שלעכטע צייט, השי״ת זאָל רחמנות האָבן! לחיים, ר׳ איצע־וואָלף, לחיים! זאָל טאַקע זיין זרענו וכספינו ירבה כחול,** (אַלע טרינקען און פאַרבייסן).

מ ש ה ב ע ל ־ ת כ ל י ת (האַלט אַ פּולקע אין דער האַנט) **עס איז, כ׳לעבן, גאָר קיין תכלית נישט צו לייזן 25 קאָפּיקעס פאַר אַן אָקע פליש אין אַזאַ שלעכטער צייט, געענוג, וואָס מיר כלאָפּאָטשען זיך נעבעך מיט דער טאַקסע לטובת הכלל, פאַר וואָס נעבעך זאָלן מיר דערלייגן פון אונדזערע קעשעניעס?**

ת ם. **פאַר וואָס נעבעך זאָלן מיר דערלייגן?**

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט. **דערלייגן זענען מיר אַוודאי נישט מחויב, יענער זאָל זיך עסן פליש און מיר זאָלן פאַר אים דערלייגן! פשוט איז פשוט, מען דאַרף פאַרגרעסערן דעם מחק פון פליש.**

ר׳ י ו ס ף. **מהיכא תיתי! האָ, מען מעג טאַקע פאַרגרעסערן.**

ס פּ אָ ד י ק (זיפצט) **אַוודאַי איז אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף די אָרעמע לייט, אויף די אָרעמע יידן נעבעך, נאָר וואָס אָבער זאָל מען טאָן? גאָט**

קען אוודאי העלפן. דערווייל, מיין איך, וועט נישט קיין סך זיין אַרויפּ־ציען אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף דער אָקע.

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי, וואָס קען עס שאַטן, האַ?

ת ם. פאַר וואָס נישט דריי?

שטאַנדהאַפּט. פאַר וואָס טאַקע נישט פיר, פיר איז דען אַ סך? וואָס איז, די שטאָט דאַרף דען ווייניק האָבן? פון וואַנען וועט מען עס נעמען אויף אַלע הצטרכות?

ספּאָדיק (פאַרגלאָצט די אויגן און קרעכצט) אוודאי איז צרכי עמינו מרובים, יידן נעבעך דאַרפן זייער פיל האָבן, נו, זאָל שוין זיין, אויב יאָ אַזוי, טאַקע פינף, איין מאָל איז נישט רעכט קיין זוגות און צווייטנס צו אַ גלייכן מספּר דרייסיק.

ר׳ יוסף. מהיכא תיתי: דרייסיק, זאָל זיין דרייסיק.

משה בעל־תכלית. און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז כ׳לעבן, אויף קיין תכלית נישט, באַרעכנט זיך נאָר גוט, וואָס איז דרייסיק קאָפּיקעס אין אַזאַ צייט? פאָלגט מיך, כ׳לעבן, לאָזט מיך אויף עפּעס פּריבאָווען.

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי, כ׳לעבן, זאָל ער עפּעס אויף פּריבאָווען, ער איז דאָך אויך אַ פּאָפּעטשיטעל.

שטאַנדהאַפּט. כאַפּט זיך נישט אַזוי צו, מיין ליבער ר׳ משה! אמת טאַקע, איר האָט רעכט, איר האָט אויך אַ דעה, מען קען אָבער נישט אַלץ אויף איין מאָל, לעת־עתה דאַרפט איר האָבן אַזאַ רעכענונג, אין גלופּסק גייט אַוועק לערך פון 17 ביז 18 טויזנט אָקעס פלייש אַ וואָך, חוץ עופות, הייגט אַז מען ציט אַרויף נאָך 5 קאָפּיקעס אויף דער אָקע, מאַכט שוין דאָס ביסל אַליין אויס לערך 900 רובל אַ וואָך, אין אַ יאָר איז 52 וואָכן, קענט איר אייך שוין אַליין צונויפרעכענען די סומע, דערווייל מוזן מיר זיך באַ־נוגענען מיט דער קלענער סומע און ווייטער וועלן מיר זען, מען קען נישט אַלץ אויף איין מאָל.

ספּאָדיק. לאָמיר זיך, ר׳ משה, נוהג זיין ווי אונדזערע הייליקע חכמים האָבן געזאָגט „תפסת מועט תפסת”, לאָמיר זיך לעת־עתה באַנו־גענען מיט דער קלענער סומע, אַ רחמנות כ׳לעבן, אויף די אָרעמע לייט, זאָלן זיי לכל־הפּחות נעבעך ביסלעכווייז געווינט ווערן.

ת ם. פאַר וואָס זאָלן מיר נעבעך ליידן?

ספּאָדיק (טרייסט תמען) שאַ, כ׳לעבן, ר׳ שמעיה, נו וואָס קען מען מאַכן, כ׳לעבן, נישקשה, השי״ת וועט אונדז דערפאַר העלפן, בזכות זה טאַקע, וואָס מיר טוען פאַר די אָרעמע לייט, וועט אונדז השי״ת העלפן, לעת־עתה זאָל אונדזערס איבערגיין, דערנאָך, ווי זאָגט שטאַנדהאַפּט, וועלן

מיר זען, מען קען נישט אויף איין מאָל איבערציִען דעם בויגן. געדענקט איר, ווי מען האָט זיך נוהג געווען תחילת ביז מען האָט געשטעלט אויף 25 קאָ־פּיקעס? אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף די אָרעמע לייט, מען קען נישט אַלץ אויף איין מאָל.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט . דער עולם זאָגט, אַ גויאיש שפּריכוואָרט איז להבדיל ווי אַ גמרא, טישע יעדעש — דאַלשע בודעש, דאָס הייסט, ר׳ אי־צע־וואָלף, אויף יידיש, אַז מען פאָרט פאַמעלעך, פאָרט מען ווייטער איין.

ס פּ אַ ד י ק . ווי קומט צו זיי אַזאַ גלייך ווערטל ? זיי האָבן דאָס אודאי געגנאַשט ביי יידן . . . דער אמת איז טאַקע, מען טאָר זיך נישט איילן, מען דאַרף נישט אויף איין מאָל איבערציִען דעם בויגן, פאַרשטייט איר ?

ד י כ נ ו פ י א . מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין ? !

צווייטע סצענע

(די זעלביקע כנופיא. פּיאווקין קומט אריין שטאַרק פריילעך.)

פּ י אַ ו ו ק י ן . אַ גוטע וואָך ! פּאָזדראַווליאַיו אויף אַ פולער וואָך ! גאָט האָט געהאָלפן, עס איז אָנגעקומען ! . . . איצט, זעט איר, קומט אַ גלעזל ווייַן ! (ער גיסט זיך אָן אַ גלעזל וויין, טרינקט אויס און פאַרבייסט מיט די אייטערלעך).

ד י כ נ ו פ י א (שטאַרק פאַרוואונדערט) וואָס אָנגעקומען ? האָ, וואָס אָנגעקומען, וואָס ?

פּ י אַ ו ו ק י ן . דאָס געלט ! די אָבשטשעסטווענע הונדערט טויזנט קערבלעך אָנגעקומען.

ד י כ נ ו פ י א (אין איין קול) וואָס זאָגט איר ? !

פּ י אַ ו ו ק י ן . דאָס וואָס איר הערט.

ס פּ אַ ד י ק (פאַרגלאָצט די אויגן) איך דאַנק דיר און לויב דיר גאָט (צו תמען) נו, ר׳ שמעיה, היינט זעט איר, ווי השי״ת העלפט פאַר ערלעכקייט, האָ, וואָס האָב איך אייך געזאָגט, ערשט נישט לאַנג געזאָגט ? אָט האָט איר אַ מופת !

ב ע ל ־ ת כ ל י ת . היינט זעט איר, אַז איך אינגאַנצן איך ! איך טאַקע האָב אַלץ געזאָגט : וואָס וועט זיין דער תכלית פון אַזוי פיל געלט, וואָס

האָט זיך פון דער טאַקסע אָנגעזאַמלט ביי דער קאַזנאַ נאָך פון גאַנץ לאַנג ? טאַקע סאַמע פון דער הייסער מינוט, וואָס מיר זענען געוואָרן פּאַפּעטשי־טעליעס, כמעט פון דער ערשטער רגע האָב איך אַלץ געשריען, וואָס וועט זיין דער תכלית פון אַזוי פיל געלט, פון אַזאַ סומע געלט ? לאָמיר אַרויס־בעמען דאָס געלט !

ס פּ אָ ד י ק . זעט איר, איך האָב טאַקע גוט געראָטן, מען זאָל שרייבן, אַז מען דאַרף דאָס געלט אויף אַ ביקור חולים, דאָס האָט אַ סך געהאָלפן.

פּ י אָ ו ו ק י ן (מיט חניפה) יאָ, זיי טאַקע האָבן געזאָגט, אַ ביקור־חולים האָט ר׳ איצע־וואָלף געזאָגט.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת . אַ גרויסע חכמה, ער האָט געזאָגט ! וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית ? מען האָט געדאַרפט, פּשוט איז פּשוט, אַרויסנעמען דאָס געלט סתם, אַזוי וואָלט געוועזן אַ סך בעסער, בכל האופנים בעסער !

ר ׳ י ו ס ף . מהיכא תיתי, אַזוי וואָלט טאַקע געוועזן בעסער, סתם איז אוודאי בעסער ! . . .

ת ם . ווער האָט עס געדאַרפט וויסן, וואָס מיר וועלן מיט דעם געלט טאָן ? ווער האָט זיך צו מישן אין אונדזערע עסקים ? מיר זענען דאָך פּאַפּעטשיטעליעס !

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט . מען האָט דאָך געמוזט וויזן דער קאַזנאַ, אויף וואָס מען פאַרברויכט דאָס געלט. דעם חשבון מאַכן, דאָס איז שוין אונד־זער זאַך.

ס פּ אָ ד י ק (טרייסט תמען) כ׳לעבן, זאָרגט נישט, ר׳ שמעיה, השי״ת וועט העלפן. נישקשה, כ׳לעבן, אַזוי איז בעסער. פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א . מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין.

פּ י אָ ו ו ק י ן (מיט אַ גנבה־שמייכעלע צו ר׳ משה בעל־תכלית) גלויבט מיר, ר׳ משה, איך פאַרשטיי אויך אַ תכלית־זאַך, וואָס עס נוצט פאַר דער שטאָט. עס וועט אויסקומען, אם ירצה השם, ווי מען זאָגט, אַגיל ואשמח, קיילעכדיק און שפּיציק ! . . .

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט . איצט, רבותים ! דאַרף מען זיך באַטראַכטן, וואָס מיר האָבן מיט די איבעריקע געלט צו טאָן. פאַרשטייט איר ?

ב ע ל ־ ת כ ל י ת (מיט אַ זיס שמייכעלע) איך האָב געוואָלט בעטן דערפון אַ גמילות־חסד.

ר ׳ י ו ס ף . מהיכא תיתי, מיר אויך אַ גמילות־חסד.

פּ י אָ ו ו ק י ן (צו ר׳ משה בעל־תכלית) נו, אַ גמילות־חסד. דאָס

איז דאָך אַ מצווה, אַ יידישע זאַך. דאָס איז דאָך איינס פון די דברים שאין להם שיעור. (צו זיך אַליין אָן דער זייט מיט אַ שמייכעלע) דערפאַר וועט די שטאָט האָבן עולם־הבא! . . .

ס פ אָ ד י ק. איך וואָלט געוואָלט בעטן אַ זעקס־זיבן טויזנט קערבלעך אויף קאָבצינסקעס אַטראַטע.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. מיין דעה וואָלט געווען, אַז מען זאָל דערווייל די געלט איינלייגן.

ר' י ו ס ף. מהיכא תיתי, לייגט עס איין ביי מיר.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. ביי אייך, ר' יוסף, איז קיין תכלית נישט. איך קען בעסער פאַרטאָן געלט, איך האָב גראָד איצט אַ פּלאַן.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. אַ פּלאַן האָב איך אַ בעסערן, איך נעם די געלט אויף מיר.

ד י כ נ ו פ י א (אין איין קול) ניין, ניין, אַזוי איז נישט גוט, זאָל בעסער זיין ווי פריער.

ת ם. מיר קומט פון דער שטאָט געלט, וואָס האָט מען נעבעך צו מיר?

ס פ אָ ד י ק. און מיר קומט אויך פון דער שטאָט געלט, פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א. מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין? אונדז קומט אויך געלט פון דער שטאָט . . .

ז י אַ ו ו ק י ן (דערווייל צו זיך אַליין אָן דער זייט) איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, עס קומט זיי נישט פון אַ יחיד, אַ שטייגער פון דעם, יענעם, נאָר גלאַט סתם פון דער שטאָט. דאָס איז אַ גרויסער חילוק (צו דער כנופיא מיט חניפה) עס פאַרשטייט זיך, אַז עס קומט אייך פון דער שטאָט, איך בין אָן עדות, עס קומט אייך.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. נו, וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם וויין, בראָנפן, גאַנדז, אייטערלעך? מען דאַרף עס אויסטרינקען, אויפעסן. איך בעט אייך, טוט עפּעס, לאָזט זיך נישט בעטן.

ר' י ו ס ף. מהיכא־תיתי, עס חלשט מיר טאַקע דאָס האַרץ (ער נעמט אַ כוס אין דער האַנט) לחיים מיט אַלע פּרושים! לחיים! מהיכא־תיתי, יידן זאָלן נעבעך אויפגעריכט ווערן. מהיכא־תיתי, ר' איצע־וואָלף, זאָל זיין ווי איר זאָגט, יידן זאָלן בלייבן דאָס וואָס זיי זענען, מהיכא־תיתי, אַזוי איז אַוודאי בעסער.

ד י כ נ ו פ י א. לחיים, לחיים! יידן זאָלן טאַקע בלייבן דאָס

וואָס זיי זענען, השי"ת זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן (מען טרינקט און מען עסט).

דריטע סצענע

די כנופיא איז אביסל פארקלערט, זיננען אליהוס גאנץ פריילעך, שטאנדהאפט זיצט אין ווינקעלע, רויכערט א ציגאר און סודעט זיך מיט פיאווקינען. די גלאָס־נעס קומען אריין אין פאר־חדר.

די גלאָסנעס (פאַרוואונדערט איינער פון איין זייט, דער אַנ־דערער פון דער אַנדערער זייט טיר) מען טרינקט, מען עסט, מען איז פריי־לעך! איז דאָס גלאַט אַ מלווה־מלכה אָדער אפשר עפּעס טאַקע אַ שמחה!

איין גלאָסנע. אָן איז פיאַווקין! מען דאַרף אים אַ וואונק טאָן און אים פרעגן.

צווייטער גלאָסנע. אָ! איך וויס שוין, עס איז אַ חתונה! עס איז אַ גוטע חתונה! איך קען די כלה, זייער אַ שיינע!

ערשטער גלאָסנע (נאָך מער פאַרוואונדערט) ווער חתונה? ווער כלה?!

צווייטער גלאַסנע (מיט אַ שמייכעלע) די קאַץ! מען מאַכט חתונה די קאַץ.

ערשטער גלאָסנע. דו ביסט משוגע!

צווייטער גלאָסנע. דו ביסט חסר־דעה! דו קענסט זיך נישט אָנשטויסן, דו האָסט נישט קיין שכל פאַר אַ קאַץ. איך זאָג דיר טאַ־קע נאָך אַ מאָל: מען מאַכט חתונה די קאַץ, די קאַץ, וואָס איז היינט אָנ־געקומען די פּאַפּעטשיטעליעס, די שיינע אַבשטשעסטוויענע קאַץ, היינט פאַרשטייסטו שוין? יאָ, אַ שיינע כלה. זיי מעגן זיך פרייען.

ערשטער גלאָסנע. אַ־אַ!! אָט איצט פאַרשטיי איך. דער קאָפּ איז מיר היינט אַזוי פאַרשלאָגן, אַז איך וויס אָסור נישט, אויף וועל־כער וועלט איך בין. אַ קאַטאָוועס עפּעס? מיר קענען חלילה פאַרפוילט ווערן אין אסטראָג!

צווייטער גלאַסנע. און דאָ טאָר מען נאָך נישט זאָגן די פּאַפּעטשיטעליעס אַ גראָב וואָרט! ווער האָט דען אונדז געמאַכט און ווער קען אונדז ווידער אויסמאַכן, ווען נישט טאַקע זיי!... בפרט נאָך איצט אַז עס איז די צייט פון די וויבאָרעס. גוט איז טאַקע נאָר פיאַווקינען, ער ווייסט נישט דעם טעם פון וויבאָרעס, ער פאַרלעבט קהלס געלט, וויפיל

ער וויל, און טאַנצט אויף אַלע חתונות. ער וועט, בישקשה, פון דער חתונה אויך אַראָפּנעמען אַ גוט רח״ש!

ערשטער גלאָסנע. וואָס ווען מיר דאָ שטיין. דער גאַ־לאָוואַ וואָרט אויף אונדז אין איינע צרות. עס ציטערט נעבעך אויף אים די הויט. (זיי גייען אַריין אין חדר צו די פּאַפּעטשיטעליעס).

די כנופיא (צו די גלאָסנעס) אַ! ברוכים הבאים! זיצט, מאַכט ברכה, כאַפּט עפּעס!

די גלאָסנעס. אַ שיינעם דאַנק. עס איז איצט אונדז נישט אין קאָפּ. דער רעוויזאָר איז געקומען!

שטאַנדהאָפּט (אַבּיסל דערשראָקן) וואָס, אַ רעוויזאָר? אַ רעוויזאָר איז געקומען!

פּיאָווקין (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) אַ וואַזשנע זאַך! וואָס איז דאָס אַזוינס, אַז ער איז געקומען?

ספּאָדיק (קרעכצט) אַך, זייער אַ שווערער גלות! אַט האָט איר אַ רעוויזאָר! מיר זענען בעוונותינו הרבים אין גלות, השי״ת זאָל רחמנות האָבן.

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי, אוודאי וואָלט בעסער געווען, מיר זאָלן נישט זיין אין גלות.

תם. נאָט אייך אַ רעוויזאָר אויף אונדזער קאָפּ! פאַר וואָס זאָלן מיר נעבעך מער פון אַלעמען ליידן גלות!

בעל־תכלית. אַ שיינער תכלית, כ׳לעבן! נו, מיילע, אַז ער איז געקומען, ווער מען גייט עס אָן?

די גלאָסנעס. ס׳ טייטש, ער וועט מאָרגן רעווידירן די בי־כער אין דומע! דאַרטן וועט ער געפינען די פּראָביעלן, מחמת איר האָט שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט אַריינגעטראָגן, ווי עס געהער צו זיין, די ראַ־טע פון דער טאַקסע, און אין דער קאַסע פעלט געלט. האָט אויף אונדז נישט קיין פּאַריבל, וואָס מיר זאָגן אייך. דער גאָלאָוואַ גייט אַרום אָן אַ קאָפּ, מיר ווערן אויך שיעור נישט משוגע פאַר פחד. איר ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט? דאָס שמעקט מיט סיביר, שמעקט עס!

פּיאָווקין. אַז איר האָט מורא, לייענט קריאת־שמע. גייט, זאָג איך אייך, זאָגט דעם גאָלאָווא, ער זאָל, דער נאַר, קיין מורא נישט האָבן.

ספּאָדיק. עס וועט מסתמא מיט גאָטס הילף זיין רעכט, פאַר־שטייט איר?

די כנופיא. מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען. פאַר וואָס

זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין? מען דאַרף זיך נאָר מכוח דעם אָביסל מיישב זיין (זיי אַלע, חוץ די גלאַסנעס, גייען אַריין אין אַן אַנדער חדר).

פערטע סצענע

(די גלאַסנעם אַליין, דערנאָך די גאַנצע כנופיא).

ע ר ש ט ע ר ג ל אַ ס נ ע (קוקט אויף דעם טיש) זיי האָבן זיך דאָ, אַפנים, גוט משמח געווען! זע נאָר, זע, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף דעם טיש.

צ ו ו י י ט ע ר ג ל אַ ס נ ע. זיי מעגן זיך פרייען, זיי האָבן גוטע יאָרן, אַ קלייניקייט, זיי האָבן אַן אָרענדע אָן ראַטע! וואָס אַ טאָג פאַרגרעסערט מען דעם מקח פון פלייש, אָרעמע לייט ווערן פאַרשוואַרצט, עסן ביינער, קדחת רביעית, זיי האָבן נישקשה אין די עטלעכע יאָרן, וואָס זיי זענען פאַפּעטשיטעליעס, אָנגעשאָטן פעסער מיט גאָלד!

ע ר ש ט ע ר ג ל אַ ס נ ע (מיט אַ ביטער שמייכעלע) זיי האָבן דאָך געגומען די טאַקסע פאַר דער שטאָט, זיי האָבן דאָך אַ טובה געטאָן דער שטאָט.

צ ו ו י י ט ע ר ג ל אַ ס נ ע. אַ שיינע טובה, כ׳לעבן! זיי ווערן נתעשר און אויף דער שטאָט נעבעך וואַקסט ביסלעכווייז אַ נעדאַיעם. מען קען שטאַרבן פון אַזעלכע טובות!

ע ר ש ט ע ר ג ל אַ ס נ ע. איך מיין, די בעלי־טובות וועלן זיך מאָרגן אָפּשאָקלען מיט אַ היפּשן גראַשן!

צ ו ו י י ט ע ר ג ל אַ ס נ ע. זיי וועלן נישקשה נישט דערלייגן פון זייער קעשעניע. איך מיין, מאָרגן וועט טייערער ווערן דער מקח פון פלייש, אוודאי מיט עטלעכע קאָפּיקעס אויף דער אָקע! פון זייער היינטיקער אסיפה, מיין איך, וועט דער שטאָט קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

ע ר ש ט ע ר ג ל אַ ס נ ע. וואָס זאָגסטו! עס איז שוין אָן דעם אויך זייער טייער דער מקח פון פלייש, איך האָב מורא, מען וועט שרייען.

צ ו ו י י ט ע ר ג ל אַ ס נ ע. ווער וועט שרייען?! אומשטיינס געזאָגט, ווער וועט זיך אָנרופן אַ וואָרט? דו קענסט ניט די היגע מענטשן, זיי זענען טרוסן, האָבן מורא פאַר אַ פליג, מען מעג זיי אַפילו דעם קאָפּ אַראָפּדרייען, וועלן זיי נישט רעדן קיין וואָרט.

ע ר ש ט ע ר ג ל אָ ס נ ע . כ׳לעבן, אַ רחמנות, וואָס זאָלן זיי נעבעך טאָן? מיר אַליין האָבן דען נישט מורא? צווישן אונדז גערעדט, פאַר וואָס זעען מיר צו די עוולות און שווייגן? פאַר וואָס קוקן מיר אַוועק אין דער זייט און זאָגן אָמן אויף אַלצדינג וואָס זיי טוען? ווארום מיר האָבן טאַקע פאַר זיי מורא, זיי קענען אונדז אויסמאַכן, ווארום מיר ווילן נישט בלייבן אָן ברויט, אונדזערע ווייבער און קינדער זאָלן חלילה ליידן. פאַדלעצעס וועלן מיר זיין סיי־ווי־סיי. האַלטן מיר מיט זיי, האָט מען דאָך נישט צו רעדן, אַז מיר זענען פאַדלעצעס, און ווען מיר זאָלן אַרויסטרעטן אַקעגן זיי, וועלן זיי אַזוי לאַנג דרייען וואו מען דאַרף און אונדז מאַכן פאַר פאַדלעצעס, זיי זענען תקיפים, זיי האָבן אַלע מיטל, זיי וועלן בלייבן גערעכט און אונדז וועט מען אָפּגעבן פּאָדסוד, איז דאָך גלייכער טאַקע דער ערשטער פאַל, ווייניקסטנס האָבן מיר ברויט און הייסן פאַר דער וועלט ערלעכע לייט. אין צווייטן פאַל וועלן מיר שטאַרבן פאַר הונגער, מיר וועלן נאָך הייסן פאַר דער וועלט פּאָדלע מענטשן און זיי, פּאָדסוד. די אַבסטאַיאַטעלסטוועס זענען אין דער וועלט אַזוי פאַרדרייט, אַזוי פאַרפּלוטעט, אַז מען קען נישט זיין קיין ערלעכע לייט, ווי שטאַרק אַפילו מען זאָל וועלן. אויב מען וויל העלפן די מענטשן און אַרויספירן זיי אויף דעם רעכטן וועג, איז קיין אַנדער מיטל נישטאָ, נאָר אויפפּלאָנטערן דאָס קניפּל און עוקר זיין דאָס שלעכטס מן השורש. דאָס קניפּל אָבער אויפפּלאָנטערן קען נאָר דער, וואָס האָט אין זיין האַנט אַ גרויסן כוח, דערצו נאָך אַ גוטע ראיה, אַ ריכטיקן און אַן אמתן בליק . . .

צ ו ו י י ט ע ר ג ל אָ ס נ ע . אַי, עפּעס רעדסטו איצט ווי אַ גאַנצער פילאָזאָף! איך האָב דיך אסור קיין מאָל נישט געהאַלטן פאַר אַזאַ פילאָזאָף.

ע ר ש ט ע ר ג ל אָ ס נ ע . נאַרעלע, די אומשטענדן מאַכן דעם מענטשן פאַר אַלצדינג! איך רעד דאָס, וואָס איך פיל ביי מיר, אַז איך וויל מיט דעם גאַנצן האַרצן זיין אַן ערלעכער מאַן, נאָר איך קען נישט, מען ציט מיך מיט גוואַלד אַריין אין דער נעץ. דאָס קניפּל — דו ווייסט דאָך, ווען איך מיין — פאַרפּוטעט מיך מיט גוואַלד, איך וויל לעבן אויף דער וועלט, איך האָב ליב מיין ווייב און קינדער, און וויל נישט, זיי זאָלן ליידן דחקות, איך וויל זיי נישט פאַרשוואַרצן דאָס פּנים און וויל הייסן פאַר דער וועלט אַ שטילער מענטש, אַן ערלעכער מאַן, דעריבער מוז איך מיך האַלטן אין דעם שטאַרקן קניפּל און זיין אַ פּאָדליעץ . . . לאַך נישט פון מיר, משה, איך בין אָסור נישט קיין פילאָזאָף, נאָר אַ פּראָסט מענטשל, איך זאָג דאָ נישט קיין גרויסע חכמות, נאָר דאָס וואָס איך זע און פיל. אדרבה,

זיי זיך מודה, דו זאָגסט נישט דאָס זעלביקע וואָס איך ?

צוויי טער גלאָסנע. הערסט בעסער וואָס איך וועל דיר זאָגן, אַז ווייטער דאַרפן מיר שוין קיין נאַרן נישט זיין, מיר ווייסן דאָך יאָ אַלע זייערע שטותשקעס, נו דאַרף מען זיי האַלטן פאַר דעם קאָפּ, אַז ווייניקסטנס פאַר גלאָסנעס מוזן זיי אונדז וועלן.

ערשטער גלאָסנע. עפּעס מאַכן זיי צו פיל שיהות. עפּעס זענען זיי זיך דאַרטן צו פיל מיישב. דער גאַלאָוואַ נעבעך זיצט דערווייל אין געהאַקטע וואונדן.

צווייטער גלאָסנע. שאַ, מען הערט שוין אַ קול. אַט, דאַכט זיך, גייען זיי ! — (די כנופיא קומט אַריין).

ספּאָדיק (צו די גלאָסנעס) נו, גייט רואיק אַהיים ! פּיאָווקין פאַרט היינט אַריבער צו דעם רעוויזאָר.

די גלאָסנעס. אויב אַזוי, גייען מיר און האָט אייך אַ גוטע נאַכט.

פּיאָווקין. וואַרט, וואַרט, אַט גיי איך אויך, איך וועל מיך אויך זעצן פאַרן טאַקע פאַר אייערע אויגן (ער זעגנט זיך מיט דער כנופיא און גייט אַוועק מיט די גלאָסנעס).

פינפטע סצענע

(די כנופיא קלייבט זיך אַוועקצוגיין, פּלוצלינג קומט אַריין אַ כאַליאַסטרע בעלי־מלאכות אָרעמע לייט.)

די כאַליאַסטרע (אין איין קול) מיר בעטן אייך מחילה, רבותים, וואָס מיר זענען אייך מטריח ! מיר זענען דאָך נישט מער ווי פּראָסטע מענטשעלעך.

די כנופיא (קוקט אָן די כאַליאַסטרע פאַרוואונדערט) זאָגט געשווינד וואָס איר ווילט. וואָס ווילט איר ?

די כאַליאַסטרע. וואָס זאָלן מיר וועלן ! עט, דערלעבט משיחן. מה נאמר ומה נדבר, מיר זענען, כ'לעבן, פּראָסטע מענטשעלעך, זייט אונדז מוחל, רבותים. אַט האָט איר ! וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג.

די כנופיא. מיר ווייסן נישט וואָס איר ווילט, זאָל איינער רעדן !

אַ ש נ י י ד ע ר ל. טאָקע וואו תורה, דאָרטן איז חכמה, לאָזט מיך. איך וועל רעדן. לב יודע מרת גיטל. ר׳ איצע־וואָלף, נישקשה, קען מיך, איך האָב זיי אַמאָל פאַרלאַטעט דעם הינטער־חלק . . . פּראָסטע איז מאָס־טע, רבותים! מען זעט נישט די וועלט . . .

אַ ש ו ס ט ע ר ל. שאַ, איך וועל רעדן! קיינער ווייסט נישט, וועמען דער שוך קוועטשט, רבותים! נאַט זעט, ווי איך האָב מיר צעשטאָכן די הענט מיט דעם נאָל. זייט אייך משער, איין ליכטל אויף דער גאַנצער שטוב. אין איין ווינקל איך מיט די פּועלים. אין דעם אַנדערן פליקט מיין ווייב פעדערן, מיר מוטשען זיך, רבותים, אויף דעם שטיקל ברויט, טאָקע פשוט בנפשו יביא לחמו, מיר עסן ווערים. מען זיצט אין נעץ און קעלט, די ליכטל ברענט פינצטער, שפּריצט, שמעלצט.

אַ ק י ר ז ש נ ע ר ל (איין אויג פאַרהאַנגען מיט אַ שטיקל בלאָען צוקערפּאַפּיר) זעט, זעט, רבותים, מיר האָבן שוין די ליכטלעך אָן אויג אַרויסגענומען! עפּעס ברענען זיי מיט אַ רויטן פלאַם, אַז עס שטעכט פשוט די אויגן, ווי מיט אַ מעסער, און דערפאַר צאָלן מיר נאָך אַזוי טייער!

ד י כ נ ו פ י א. נו, מילא, וואָס־זשע ווילט איר? וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן?

ד י כ אַ ל י אַ ס ט ר ע (אין איין קול, כמעט מיט אַ געוויין) האָט רחמנות אויף אונדז, אָרעמע לייט, טאָקע פריער גאָט, דערנאָך איר! מיר האָבן שוין מער קיין כוח נישט אויסצוהאַלטן. דער אַרענדאַר פון די ליכט טוט אונדז אָן צרות, געבראַטענע לייד.

ס פּ אָ ד י ק. שאַ, מען קען טויב ווערן פון אייער געשריי! זאָל כאָטשע איינער רעדן.

ד ע ר ש נ י י ד ע ר ל. שאַ שטילער עולם! ר׳ איצע־וואָלף זאָגט דאָך טאָקע ווי אַ ייד אַ למדן, שאַ, לאָזט מיך, איך וועל רעדן (צו ספּאָדיקן) מען דערלעבט קוים דעם שבת, אַביסל אָבדיכען און זיצן נאַ ראַספּאָסשקו ביים טיש מיט די ווייב און די קינדערלעך. קוים אָבער האָב איך מיך נעכטן געזעצט צום טיש און האָב אָנגעהויבן „כל מקדש״ האָבן די ליכט אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן און צו שפּריצן. מיינער כאַפּט אַ קוילעטש, לייגט אַוועק אַקעגן די ליכט, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט, עס העלפט נישט. די ליכט קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ . . .

ד ע ר ש ו ס ט ע ר ל. שאַ! אַן אָקס האָט אַ לאַנגן צונג און קען שופר נישט בלאָזן. שאַ, לאָז מיך ריידן (צו ספּאָדיקן) מה אני, מה חיי, איך בין אַ גרויסער עני. אַ גאַנצע וואָך ווי מען לעבט, לעבט מען, שבת פאַרזעצט מען אַ משכן, כאָטשע זיך פליישיק מאַכן, כאָטשע פאַרזוכן אַביסל

געקעכץ. מיט וואָס פֿאַר אַ שמחה קוקן די קינדערלעך נעבעך אַרויס אויף דעם פּריטיק צו נאַכט, עפּעס אַ לעק טאָן, עפּעס אַ כאַפּ טאָן . . . נו זאָלט איר געוועזן זען, ווי מיין ווייב האָט נאָר אויפגעהויבן נעכטן די שיסל צום טיש, האָט זיך צעפלאַכטן דער קנויט פון די ליכט און אויסגעפלאַקערט אין איין מינוט, אַז מיר האָבן געמוזט דאָס ביסל לאָקשן אין דער פינצטער אויסזופן . . .

די כנופיא. וואָס־זשע זענען מיר שולדיק? וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן?

די כאַליאַסטרע. מיר בעטן אייך מחילה, רבותים. דער אַרענדאַר פון די ליכט פאַרענטפערט זיך אַלץ, וואָס איז, איר נעמט ביי אים 1200 קערבלעך אַ יאָר!

די כנופיא (אויפגעבראַכט) מיר נעמען דאָך דאָס געלט טאַקע פאַר אייך, טאַקע לטובה פאַר די אַרעמע לייט!

איינער פון דער כאַליאַסטרע. אויף דעם סמך מישט ער חזיר אין די ליכט. און לייזט מיט עטלעכע גראָשן טייערער פאַר אַן אָקע. דאָס טראָגט אים אַ יאָר איין נאָך אַ סך געלט!

נאָך איינער. און אינגאַנצן ווער ליידט? מיר. טאַקע מיר אָרעמע לייט. ביי די נגידים ברענען לאָמפּן, אָדער שטערין־ליכט, זיי קערן זיך גאָר נישט אָן מיט דעם אַרענדאַר. פון אונדז נעבעך לופּעט ער די הויט . . .

די כאַליאַסטרע (אין איין קול) געוואַלד, האָט רחמנות, פאַרקויפט אונדז נישט צו דעם אַרענדאַר.

די כנופיא ס׳טייטש, מיר נעמען דאָך ביי אים דאָס געלט פון אייער טובה וועגן.

די כאַליאַסטרע. די טובה קאָסט אונדז זייער טייער! . . . מיר בעטן אייך, נעמט נישט ביי דעם אַרענדאַר דאָס געלט, זאָל ער נישט האָבן קיין תירוץ. האָט רחמנות, טוט אונדז נישט די טובה און נעמט ביי אים נישט דאָס געלט! . . .

ספאָדיק. אַ העזה אַביסל פון עמי־הארצים. זיי קומען אונדז זאָגן אַ דעה! — תּם, אַט האָט איר יידן, גיי טו זיי טובות! . . .

בעל־תכלית. אַ שיינער תכלית, כ׳לעבן. נישט נעמען ביי דעם אַרענדאַר קיין געלט! . . .

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי. וואָס אַרט עס זיי?

שטאַנדהאַפט. וואָס האָט איר זיך דאָ געשטעלט מיט זיי טענהן, מיט יידן ווילט איר אויסקומען!

ד ע ר ש ו ס ט ע ר ל (נעמט אַרויס פון אונטער דער פּאָלע אַ ליכט) נאָט, זעט מיט אייערע אויגן, אַט האָב איך אייך געבראַכט אויף אַ טשיקאַ־ווּעסט אַ ליכט.

ס פּ אָ ד י ק. הולטאַי. וואָס האָלסטו אַ חלבנע ליכט אין די הענט! אַוועק טריפניאַק! אַוועק פון מיינע אויגן!

ד י כ נ ו פ י א (אויף אַ קול צו דער כאַליאַסטרע) גייט אייך, זייט מוחל, גייט אייך, מען דאַרף נישט אייער דעה, לערנט אונדז נישט קיין שכל. מסתמא ווייסן מיר וואָס מיר טוען!

ד י כ אַ ל י אַ ס ט ר ע. אַז אַך און ווי איז אונדז (איינער ברעכט די הענט, דער אַנדערער שלאָגט מיט אַ קולאַק זיך אין האַרצן און דער דריי־טער אין קאָפּ, אַלע גיבן אַ קרעכץ אין איין קול און גייען אַרויס).

ד י כ נ ו פ י א. געלויבט איז גאָט, מען איז זייערע פּטור געוואָרן!

ס פּ אָ ד י ק. מיר איז שוין צייט צו גיין. מאָרגן דאַרף איך פרי אויפשטיין, איך האָב אַ פּאָר בריתלעך, פון דאָרטן דאַרף איך גיין אויף אַ בר־מצווה, און פאַרנאַכט בין איך מיט מסדר קדושין.

ד י כ נ ו פ י א. אונדז איז שוין אויך צייט צו גיין. אַ גוטע נאַכט, ר' משה! פאַרגעסט נישט, און זאָגט איר טאַקע, זייט מוחל, אַז מאָרגן גאַנץ פרי שינדערן מכוח דעם מקח, מכוח אחת וחמש.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. פאָלגט מיך, איך בעט אייך, זאָל זיין כאָטשע אחת ושש.

ד י כ נ ו פ י א (צו ספּאָדיקן) טוט אים שוין, ר' איצע־וואָלף, צו ליב. מאָרגן דאַרף ער אָפּלייז פאַר יענעם האָבן געלט . . .

ס פּ אָ ד י ק (קווינקלט זיך) כ'לעבן, עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ. אַ רחמנות כ'לעבן, אויף די אָרעמע לייט, אויף די אָרעמע יידן נעבעך! וחוץ לזה איז טאַקע נישט רעכט קיין זוגות. איר ווייסט דאָך, איך האָב פיינט זוגות.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. נו, זאָל־זשע זיין אחת ושבע.

ס פּ אָ ד י ק (קנייטשט דעם שטערן, גיט אַ מאַך מיט די אַקסלען) טאַ!

ד י כ נ ו פ י א. נו, זאָל שוין בלייבן אחת ושבע, אחת ושבע, אַ גוטע נאַכט! (אַלע גייען אַרויס).

דריטער אַקט

דאָ ווערט פאַרגעשטעלט, ווי מען האָט עטלעכע יאָר נאָך דעם געפּרוּווט אַרויסשטעלן זיך אַנטקעגן די פּאַפּעטשיטעליעס פון דער טאַקסע.

ערשטע סצענע

(שינדער און קנעכטבאַרג אין דעם פּראָיעקט)

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג . איך זאָג אייך, מיין ליבער ר׳ יאָסל, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, העלפט גאָר נישט קיין חכמות, אַז דאָס פּיצעלע מזל איז נישטאָ, העלפט נישט אַלע הסברות. אונדזערע הייליקע חכמים האָבן טאַקע רעכט, וואָס זיי האָבן געזאָגט: מזל מחכים — מזל מעשיר, דאָס הייסט, דאָס מזל מאַכט קלוג, דאָס מזל מאַכט רייך. מען זעט עס אַרויס טאַקע בחוש.

ש י נ ד ע ר . גאַנץ ריכטיק, ר׳ אהרן. נאָר אַנטקעגן וואָס זאָגט איר עס?

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג . איטלעכער וואָרום האָט אַ דאָרום. איך זאָג אייך אַנטקעגן אונדז ביידן. מיר קענען זיך ברוך־השם פון אַ גאַנץ לאַנג־גער צייט, אַז איר זייט נאָך געזעסן אין אייער שטעטל. איר וועט מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי אין עסק נישט ערגער פון אייך. איך קען אויפטאָן אַמאָל אַן אויבער־הסברא, פאַלן אויף אַן עצהלע, מאַכן אַ פּלאַן, אַן אַפּשני־צעלע און געפינען אַ קנייטשעלע. פון דעסטוועגן גייט עס מיר, שלימזל, תמיד מיט דער פּוטער אַראָפּ, און אייך, ר׳ יאָסל, גייט עס אַן עין־הרע גאַנץ גוט.

ש י נ ד ע ר . כ׳לעבן, ר׳ אהרן, עס איז נישט אַזוי די מעשה. וואָס איז מיר דאָ אַזוי גוט? כ׳לעבן, עס האָט מיר געמעגט בעסער זיין.

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג . אי פּע, זינדיקט נישט, כ׳לעבן, ר׳ יאָסעלע! איך האָב דאָך ליב דעם אמת. אָהער זייט איר אָנגעקומען אַ קליינשטעטל־דיק יידל, אַן אַ העלער. עס האָט אייך תמיד געפעלט אויף שבת, די ערד

איז פשוט אויף אייך געלעגן, גליקלעך וואָלט איר אייך געשעצט צו נעמען ערגעץ אַכט גילדן אַ וואָך שכירות, אַזוי אָרעם זייט איר נעבעך געווען — וואָס איז, דאָס איז דען אַ חרפה? אָרעם איז נישט קיין שאַנד — און היינט, ברוך־השם, אויסער אייער שאָדן, אויף מיר, אויף אַלע יידישע קינ־דער געזאָגט געוואָרן! איר האָט זיך נישקשה גוט אַריינגעכאַפּט אין דער טאַקסע, איר זייט באַנייט און באַקליידט, לעבט אין גרויס וואוילטאָג. עסט פלייש, דאַרע קישקע, לעדוועצעס, אייטערלעך און טרינקט זייער אָפט אַ גוט גלעזעלע וויין. וואָס פעלט אייך? איר זייט אַן עיך־הרע געזונט, פעט, לויטער מיט אַ הדרת־פּנים און האָט זייער אַ גוטע עלטער. איר האָט, צווישן אונדז גערעדט, קיינמאָל אייך אַזוי נישט געוואונטשן.

ש י נ ד ע ר. מ־מע! איך האָב חלילה צו גאָט קיין פּרעטענזיעס נישט, נאָר, פון דעסטוועגן, גלויבט מיר, ר׳ אהרן, איז פאָרט נישט אַזוי די מעשה, ווי שונאים זאָגן.

ק נ ע כ ט ב א ר ג. איך בין אייך אָסור נישט קיין שונא. פאַר־קערט, וואָס איך ווינטש אייך, זאָל עס טאַקע אייך זיין... אָט האָט איר דעם בעסטן סימן: נאָר אַז עס איז געקומען צו רייד, זאָג איך אייך דעם אמת, אַז זינט איר האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין פּראָיעקט, לעבט איר ווי אַ שררה און האָט נאָך דערצו שיינע עטלעכע טויזנט אייגנס, וואָס האָט איר זיך דערמיט צו שעמען? פאַרקערט, אדרבה... די גאַנצע וועלט ווייסט, ווי טריי איר דינט די פּאָפּעטשיטעליעס, איר ברענג זיי איין אַ יאָר גרובעס געלד, איר טויגט, איר קענט זיך אָפּרעכענען מיט דעם היגן עולם און האַלטן זיי אונטער דעם פּראַלניק, מען קען אייערס חלילה אייך נישט אַוועק נע־מען, איר האָט זיך כלל דערמיט נישט וואָס צו שעמען, פאַרקערט, אדרבה... מיר אַנטקעגן גייט עס נישט, כאָטשע צערייס זיך! איך האָב שוין גע־פּרוּווט אויפגעבן דער שטאָט, די פּאָפּעטשיטעליעס מיין איך, גאַנץ שיי־נע פּראָיעקטן, ווי עס קען ווערן אַ קערבל, איך האָב מיך געוואָרפן אַהין און אַהער, אומזיסט! עס גייט נישט. כאָטשע טו זיך דאָ, שונאי־ציון, אַ מעשה אַן, איך זאָג אייך, טאַקע נאָך אַמאָל בפירוש, אַז עס פעלט דאָס פּיצעלע מזל, דאָס פּיצעלע גליק, העלפט גאָר נישט קיין חכמות!

ש י נ ד ע ר (גיט אַ קוק אין פענצטער און ווערט בלייך) זעט נאָר, זעט! עפּעס גייט אַהער אַ גאַנצער נאַראָד מענטשן, זיי זענען עפּעס שטאַרק אין כעס און שרייען.

ק נ ע כ ט ב א ר ג (גיט אויך אַ קוק אין פענצטער) און בראש גייט דאָרטן לאַ ק ש ע ו ו י ץ און פ ר י ד ל דער קליינער. זיי זע־נען שוין נאָענט, אָט, אָט זענען זיי!

צווייטע סצענע

(די פריערדיקע. די טיר פון דעם פּראַיעקט עפנט זיך אויף מיט אימפּעט,
און דער עולם שטויסט זיך אַריין).

לאַקשעוויץ (אויף אַ קול צום עולם) שרייט, צאַן קדושים! דאָ איז דאָס אָרט, וואָס מען שערט אייך, וואָס מען לופּעט אייך!... דאָ איז דאָס אָרט, וואָס די בעלי־טובות געוועלטיקן און גיבן אַרויס גזירות־רעות, ווי אַזוי מען זאָל ביי אייך דאָס לעצטע אַרויסדראַפּען!

פרידל (צום עולם) שרייט, וויינט, פילדערט, יידן! פאַר וואָס זייט איר פּלוצלים געבליבן שטיל? פאַר וועמען האָט איר מורא?

אַ קול אין דעם עולם. טאַקע באמת, פאַר וואָס זאָלן מיר זיין ווי שאָף, וואָס מען שערט זיי, און זיי שווייגן? טאַקע, באמת טאַקע, וואָס האָבן מיר מורא פאַר די בעלי־טובות?

אַ שניידער. מיר זענען שוין קראַנק פון די טובות! מיר וועלן חלילה שטאַרבן פון זייערע טובות!

אַ שוסטערל. וואו איז אַהינגעקומען אַזוי פיל געלט? אַזוי פיל יידיש בלוט?

אַ קול פון דעם עולם. אַ גוזמא, מער פון זעקס הונ־דערט טויזנט קערבלעך!...

אַ באָנדער. זאָלן זיי אָפּגעבן חשבון! פאַר וואָס זאָלן זיי נישט אָפּגעבן קיין חשבון?

אַ סטאָליער. אַ מלוכה אפילו גיט דאָך אויך אָפּ אַ חשבון! ס'טייטש, וואו זענען די פאַרמעגנע ביכער? זאָלן זיי ווייזן די ביכער!

אַ מולער. ספּאַדיק, טוט אויס די קאַפּאָטע! דאָס איז מיין קאַפּאָטע!

אַ קירזשנער (ווייזט מיט דער האַנט אויף שינדערן) אָט איז דער שינדער, דער בלוטזויגער! קוקט אים נאָר אָן, דעם גרויסן יאָלד מיט די וואָנצעס, ער האָט אַ פּנים ווי אַ וואָלף!

איינער פון דעם עולם. ניין, ער האָט אַ פּנים ווי אַ קאַץ!

אַ צווייטער. ווי אַ צאַפּ!

אַ דריטער. גיט אים אַ טאַפּ!

אַ פערטער. אַנו גיט אים אַ כאַפּ!

אַ פינפטער. אַ דו אַלטער שקראַב!

אַ זעקסטער. וואו איז דער דראַב! (שינדער באַהאַלט זיך הינטער קנעכטבאַרגס פּלייצע).

לאַקשעוויץ. וואָס טויג ער אייך? שינדער איז דאָך נישט מער ווי אַ הונט, ווי אַ געטרייער הונט! זאָג, שינדער, האָב איך רעכט? זאָג, זאָג, וואָרום, ווען נישט...

קנעכטבאַרג (צו שינדערן) וואָס קען מען מאַכן? זאָגט אים שוין ר׳ יאָסל, מען קען אייך נאָך חלילה ברעכן די ביינער. זאָגט יאָ, און ווערט פּטור.

שינדער (מיט אַ ציטערדיק קול) יאָ... איך טו וואָס מען הייסט מיך...

פרידל. קומט, עולם! צו זייער טריף גליק זענען דאָ נישטאָ די בעלי־טובות.

אַ קול פון דעם עולם. הלוואי זאָלן זיי שוין טאַקע מער נישט זיין! (דער עולם גייט אַרויס).

דריטע סצענע

(שינדער און קנעכטבאַרג)

קנעכטבאַרג. וואָס זאָגט איר, ר׳ יאָסל, צו דעם שייגעץ, צו לאַקשעוויטשן? עס איז אַ העזה מען זאָל אַזוי באַליידיקן, אַזוי מבזה זיין! ער איז דאָך ווערט, מען זאָל אים אַריינלייגן אין דער חית!

שינדער (מיט אַ רחמנות־פּנים) אדרבה, אדרבה, וואָס זאָגט איר? האַ, וואָס זאָגט איר? מען זאָל אַזוי באַליידיקן!

קנעכטבאַרג. פון דעסטוועגן פאַלט ביי אייך נישט אַראָפּ, ר׳ יאָסל, ווי זאָגט עפּעס שטאָנדהאַפט! נעכאַי ליודי מאָוו אַ יאַ זדראַוו. דאָס איז זייער אַ גלייך ווערטל. (נאָכדעם אַז ער טראַכט אַביסל) אָט איצט, ר׳ יאָסל, קענט איר מיר טאָן אַ טובה, טאַקע אַ גרויסע טובה, ווי איך בין אַ ייד!

שינדער. אַ, פון אייערטוועגן, ר׳ אהרן, וואָס נאָר מעגלעך.

קנעכטבאַרג. טאַקע פון אייערטוועגן אויך אַביסל. עס וועט אייך אויך אַרויסקומען אַ טובה, בהן שלי!

שינדער. נו זאָגט־זשע שוין, ר׳ אהרן, וואָס איז דאָרטן אַזוינס?

קנעכטבאַרג. איך האָב ברוך־השם אַ גוטן פּלאַן, איך בין מיט גאָטס הילף, דאַ זיצנדיק, געפאַלן אויף אַ גוטער המצאה, ווי אַזוי מען זאָל דעם שייגעץ קנסענען, ווי אַזוי מען זאָל האָבן אַ קערבל און ווי אַזוי דאָס זאָל נאָך הייסן אַ מצווה! איר ווייסט דאָך, אַז אָן אַ מצווה הייבט זיך ביי מיר קיין שום פּלאַן נישט אָן. נאָר אַביסל איז דאָ געווענדט אין אייך, ר׳ יאָסל!

שינדער. נו זאָגט־זשע, ר׳ אהרן, אייער פּלאַן, איך בין טשי־קאַווע צו וויסן.

קנעכטבאַרג. מיין פּלאַן איז, מען זאָל אָנהויבן מאַכן, דאָס הייסט שטאָט זאָל מאַכן, פּונקט אַזעלכע לאָקשן (מאַקעראָנעס) ווי ביי לאָקשעוויצן אין דער פאַבריקע. דאָס פאַרדינסט, פאַרשטייט איר, זאָל הייסן, גייט אויף דער תלמוד־תורה, אויף די אָרעמע קינדער נעבעך, איך זאָל זיין דער מתעסק אין דער מצווה, דער שייגעץ וועט שוין אַראָפּלאָזן די נאָז און וועט נישט מער בעזפּאָקאָיען די שטאָט, פאַרשטייט איר די המצאה?

שינדער. וואָס זאָל איך זאָגן, עס איז אוודאי אַ גוטע המצאה. איך פאַרשטיי דעם שפּיץ פון דער המצאה. נאָר די שאלה איז אָבער, וואו נעמט מען די קלינגערס אויף דער המצאה?

קנעכטבאַרג. אָט דאָס, מיין איך, ווענדט זיך אַביסל אין אייך. איר זאָלט פאַרוואָרפן פאַר מיר אַ גוט וואָרט פאַר די פּאָפּעטשי־טעליעס, זיי זאָלן נאָר מרוצה ווערן, זיי זאָלן מיך נאָר מאַכן פאַר דעם מתעסק. מיט געלט וואָלט איך שוין נישט געהאַט וואָס צו זאָרגן. די שטאָט איז ברוך־השם גרויס, מען קען מאַכן אַ קערבל, בפרט אויף אַזאַ מצווה, אויף אַזאַ שטאָט־זאַך! די שטאָט, וועט עס דאָך הייסן, גייט צו־בויפנעמען געלט, טאַקע פון דער שטאָטס טובה וועגן, נו, פרעג איך אייך, ווער וועט נישט געבן קיין געלט? איך וואָלט נאָך אי היינט אָנגעהויבן אַרומצוגיין מאַכן געלט, אָן עברה, כ׳לעבן, די צייט! אָט איצט, ר׳ יאָסל, קענט איר מיר אַ טובה טאָן. איר זייט ברוך־השם מזלדיקער, אַ מוצלח, שטאַרק אָנגעזען ביי דער שטאָט, ביי די פּאָפּעטשיטעליעס מיין איך. איר פירט ברוך־השם אויס אַלצדינג, וואָס איר ווילט! איך בעט אייך, טוט עס פון מיינעטוועגן, פון אַ גוטן ברודערס וועגן, טוט עס נעבעך פון מיין ווייב און קינדערס וועגן און טאַקע אויך פון אייערט וועגן, עס וועט אייך מסתמא אויך דערפון אַרויסקומען, ווי איך בין אַ ייד!

שינדער. מיר וועלן זען, מיר וועלן זען! איך האָף צו גאָט, איך וועל אייך פועלן אייער בקשה, לאָזט מיר נאָר צורו אַ פּאָר שעה.

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. יישר כוח, ר׳ יאָסל, פאַר דער הבטחה! האָט אייך אַ גוטן טאָג (ער עפנט די טיר און קערט זיך ווידער צוריק) די פּאַפּעטשיטעליעס גייען אַהער! איך בעט אייך, ר׳ יאָסל! ר׳ יאָסל, איך בעט אייך, טוט אַ טובה אַ גוטן ברודער! (ער גייט געשווינד אַרויס).

פערטע סצענע *)

(אַן אסיפה פון דער כנופיא פּאַפּעטשיטעליעס אין פּראָיעקט)

ש י נ ד ע ר (זיצט אין אַ ווינקל און שרייבט סטשאָטעס.)

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. עס איז אַ טאַראַראַם, אַ געדרודער צווישן דעם עולם. מען שרייט איין קול: חשבון! אַ שיינער תכלית, כ׳לעבן!

ר׳ י ו ס ף. מהיכא־תיתי, וואָס אַרט עס זיי?

ת ם. איך ווייס נישט, וואָס חשבון? מיר מוטשען זיך, מיר כלאַפּאָטשען זיך נעבעך היפּשע עטלעכע יאָר אַלץ לטובת הכלל, לטובת הכלל, און היינט נאָט אייך דעם דאַנק, דעם יישר־כוח. גיב זיי חשבון!

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט. ווער זיי?! ווער זענען זיי?! לאָקשעוויץ, פרידל דער קלייזנער מיט עטלעכע קבצנים. בעלי־מלאכות! אויך מיר מענטשן!

ס פּ אָ ד י ק. אָט ווער הערט זיי, די הולטאַיעס, די ליידיקגייער. די עמי־הארצים? איך פרעג אייך, ווער איז די שטאָט? מיר אָדער די קבצנים, די בעלי־מלאכות? האַ, ווער איז די שטאָט, ווער איז די שטאָט, פרעג איך.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. נאָך שענער. זיי שרייען ביכער! וואו זענען די פאָרמענע ביכער? אַ שיינער תכלית, כ׳לעבן, גיב זיי ביכער!

ר׳ י ו ס ף. מהיכא־תיתי, וואָס אַרט עס זיי?

ת ם. איך ווייס נישט, וואָס הייסט ביכער?! אָט האָט איר דעם דאַנק. גיי מוטשע זיך פאַר יידן, טו יידן טובות!

---

*) אמר ר׳ מענדעלע. אין דעם כתב־יד איז באשריבן ביז דער סצענע נאך צוויי. נאר אזוי ווי זיי זיינען ערטערווייז פארפלעקט מיט טינט, און א חוץ דעם קען מען זיך אן זיי אויך באגיין, האב איך זיי איבערגעפירט און אנגעהויבן גלייך פון דער דאזיקער סצענע. וואס דאס איז געשען אין עטלעכע טעג ארום. גלויבט מיר יידן, אזוי איז א סך גלייכער.

ס פ אָ ד י ק. וואָס מיר ביכער! ווער מיר ביכער! — נישטאָ קיין ביכער, פאַרברענט געוואָרן ביכער! פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א. מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין?

ש ט אָ נ ד ה אָ פ ט (אַביסל מיט מורא) פון דעסטוועגן וואָלט מיין עצה געווען, מען זאָל לאָקשעוויצן פאַרשטאָפן דאָס מויל, זאָל ער נישט בילן.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. אַ שיינער תכלית, כ'לעבן, איטלעכן פאַרשטאָפן! ווייניק מיילער דאַרפן מיר נעבעך אָן דעם פאַרשטאָפן?! נישקשה, אפשר אַ זיבן, אַכט, ניין, צען אַלטשטעטלדיקע לייטישע יידן מוזן מיר נעבעך פאַרשטאָפן די מיילער! . . . ס'טייטש, פון וואַנען לעבן זיי, אַז נישט פון אונדז?!

ת ם. פאַר וואָס נעבעך זאָלן מיר ליידן? פאַר וואָס זאָלן מיר איט־לעכן פאַרשטאָפן? פאַר וואָס זאָלן מיר נעבעך אים דאָס מויל פאַרשטאָפן?

ס פ אָ ד י ק. מכות אים! די שטאָט האָט פאַר אים קיין מורא נישט! וואָס הערט אַזעלכן אַ שטאָט! די שטאָט האָט ברוך־השם וואו אַהינצוטאָן געלד! אַוודאי איז אים אַ רחמנות, כ'לעבן, אויף די אָרעמע לייט, דערוויל בעזפּאַקאָיעט ער זיי נעבעך, דער גזלן, דער רוצח! . . .

ת ם. וואָס האָט ער זיך צו מישן אין אונדזערע געשעפטן — מיר מישן זיך אין זיינע עסקים? מיר זאָגן אים דען אַ דעה? אונדז גייען אָן זיינע עסקים?

ש ט אָ נ ד ה אָ פ ט (כלומרשט מיט שטאַרקייט) ניכאַי ליודי מאָוו, אַ יאַ זדראַוו! (אַביסל מיט מורא) זיי אַרבעטן מעשים, מען זאָל די טאַק־סע איבערגעבן אין אַנדערע הענט!

ש י נ ד ע ר (צוגייענדיק בהכנעה פון דעם ווינקל) דאָס, ר' יידל, האָב איך שוין פריער באַוואָרנט. אַ חידוש, כ'לעבן, וואָס איר זאָלט נישט וויסן?

ש ט אָ נ ד ה אָ פ ט (פאַרוואונדערט צו דער כנופיא) האַ! עס איז פאַר מיר אַ סוד?

ס פ אָ ד י ק. חלילה! ר' יאָסל איז געפאַלן זייער אויף אַ גוטער עצה, היינו, מען זאָל זיי שיקן זאָגן: באשר אַזוי ווי מיר האָבן שוין אָנ־געגרייט פאַר דער שטאָט אַ ים אָקסן, פאַר אַ גוזמא אָקסן און האָבן זייער מרבה בהוצאה געווען, בכן זאָל מען אונדז טאָקע באַלד אומקערן גאָר אַ גרויסע סומע געלט מיט אַלע אונדזערע אוביטקעס נעבעך, אלא נישט זאָלן

מיר בלייבן אויף ווייטער, ביז מיר וועלן אויסשעכטן די מחנה אָקסן. פאַר־שטייט איר?

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט (מיט אַ שמייכעלע) איך פאַרשטיי, איך פאַר־שטיי זייער גוט! נו האָט מען געשיקט זאָגן?

ס פּ אָ ד י ק. אַ שאלה אַביסל! פּיאַווקין איז נאָך אין דער פרי געגאַנגען זיי זאָגן. די הולטאַיעס, די בעלי־מלאכות, די עמי־הארצים האָבן אויך געמאַכט אַן אסיפה!! כאַ, כאַ, כאַ! די גראָבע יונגען, די פּראָס־טע מענטשעלעך מאַכן אויך אסיפות!... אַז אַך און ווי טאַקע היינטי־קע צייטן, צו היינטיקער וועלט, עס איז בעונותינו הרבים געוואָרן אַ שיינע וועלט... (ער זיפצט און קרעכצט).

ד י כ נ ו פ י א (קרעכצט אויך) נישטאָ די אַמאָליקע צייטן! עס איז היינט גאָר נישט די וועלט, וואָס פאַרצייטן!...

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. פריער איז טאַקע אין תכלית אַריין געווען גוטע צייטן, יידן זענען געווען פיין, שטיל, בהכנעהדיק און די ברכה האָט עפּעס בעסער שורה געווען...

ש י נ ד ע ר. פון דעסטוועגן קען נאָך גאָט העלפן, עס זאָלן זיך נאָך אומקערן פריערדיקע יאָרן, אַמאָליקע צייטן...

(ער גיט אַ קוק אין פענצטער) אָט וועלן מיר שוין וויסן. פּיאַווקין גייט.

פינפטע סצענע

(די פריערדיקע. פּיאַווקין קומט אַריין מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט).

ד י כ נ ו פ י א (אומגעדולדיק) נו וואָס איז? ר' ראובן! וואָס האָט איר דאָרטן אַזוי לאַנג שיהות געמאַכט?

פּ י אַ ו ו ק י ן (ווישט אָפּ מיט דער האַנט דאָס פּנים) אַ ניכאַי איך... איך האָב דאָרטן געהאַט אַ גוט שטיקל אַרבעט, נישקשה! עס איז מיר אַרויס די נשמה ביז וואַנען איך האָב אַרויסדערטאַפּט אָט אַ דאָס! (ער ווייזט אויף דעם פּאַפּיר אין זיין האַנט).

ש י נ ד ע ר (צו פּיאַווקינען) נו וואָס, איר האָט געזאָגט? איר האָט זיי דאָס געזאָגט?

פּ י אַ ו ו ק י ן. אַ חידוש אַפילו, אויב איך האָב געזאָגט! וואָס דען, איך בין גלאָט געגאַנגען בעסעדעווען מיט די ממזרים! עס איז מיר

אוודאי ניחא געווען דאָס לעבן צוצוהערן דיערע שטעכווערטער אויף מיר, אויף אייך און אויף איטלעכן פון אונדז.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט (מיט שטאַרקייט כלומרשט) ניכאַי ליודי מאָוו, אַ יאַ זדראָוו.

ד י כ נ ו פ י א. נו מילא, מילא, האָבן זיי געזאָגט . . . וואָס איז בעסער געבליבן, וואָס איז דער סוף ?

פ י אַ ו ו ק י ן. דער סוף איז געבליבן, אײן ברירה, איר זאָלט ווײ־טער, ווייטער בלייבן בזה האופן, אַז מען זאָל צו אייך צווזעצן אַ פּאָר נייע.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. אַ שײנער תכלית, כ׳לעבן, אַ פּאָר נייע פאַרשוי־נען נאָט אייך אויף אונדזער קאָפּ, אַ נייע פּאָר !

ת ם. פּאָר וואָס נעבעך אַלץ אויף אונדזער קאָפּ ? פּאַר וואָס זאָלן מיר אַלץ ליידן ?

פ י אַ ו ו ק י ן. דאָס איז נאָך נישט, כ׳לעבן, אַזאַ גרויס אומגליק. די צוויי נייע זענען פון די דאָזיקע פיינע־בריהס, וואָס מען פאַרשטאָפּט זיי אַ בלויז שטילערהייט די מיילער . . . עס איז דאָ נאָך אַ תנאי, נאָך אַ יע־זשעלע. נאָט אייך דעם פריגאָוואָר, און לייענט ! (ער גיט דעם גרויסן פריגאָוואָר, אויף עטלעכע בויגן הערבאָווע פּאַפּיר מיט אַ סך חתימות, ספּאַ־דיקן אין דער האַנט).

ס פּ אַ ד י ק (קוקט אין פּאַפּיר ווי אַ האָן אין בני־אָדם און מאַכט מיט די אַקסלען) מאָ—מע . . . בע, בע . . נאָט לייענט איר, זייט מוחל, ר׳ משה !

ב ע ל ־ ת כ ל י ת (פּרוּאווט זיך לייענען) בע . . . האַ ? וואַרט, וואַרט אַביסל . . . עס איז, דאַכט זיך, אַבוקי.

ר ׳ י ו ס ף (קוקט אַריין פון דער זייט) יאָ, טאַקע, כ׳לעבן, דאַכט זיך, אַבוקי !

ב ע ל ־ ת כ ל י ת (שטופּט אַריין געשווינד דעם פריגאָוואָר ר׳ יוספן) אַדרבה, כ׳לעבן, לייענט איר, ר׳ יוסף ! למאי זאָלט איר זיך נעבעך מר־טשען אַריינקוקן פון דער זייט ? איר וועט נאָך חלילה קאַליע מאַכן די ראיה.

ר ׳ י ו ס ף (שטופּט אויך געשווינד אַריין דעם פריגאָוואָר תמען) מהיכא תיתי, ר׳ שמעיה, לייענט איר מהיכא־תיתי, איר זייט דאָך עפּעס פּאַרט עלטער, איר האָט מיט אַ צען יאָר פריער פאַר מיר חתונה געהאַט.

ת ם (זייער תמעוואַטע) איך בין אייך, שטאַנדהאַפּט, מכבד מיט קריאת הפריגאָוואָר ! איר זייט דאָך אַ געלערנטער.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (קוועטשט זיך אַביסל) בערד . . . בערדיט . . .

בערדיטש . . . אָך ניכאַי יעהאָ מאַמע מאָרדויע! וואָס פאַר אַ מין האַנט דאָס איז. וואָס איז דאָס פאַר אַ צוויי אותיות צום סוף פון דעם דאָזיקן וואָרט? דאַכט זיך ע. ווע, און דערנאָד אַ טוויאָרדע זנאַק מאַכט עס צום סוף עוו . . . אָך ניכאַי יעהע . . . ווער וועט זיך שטעלן לייענען אַזאַ כתב, זאָגט פשוט, ר׳ ראובן, זאָגט וואָס איז דאָ נאָך פאַר אַ תנאי (ער גיט אָפּ פּיאַווקינען דעם פריגאַוואָר).

פּ י אַ ו ו ק י ן. מען האָט דאָ אַרויסגעוואָרפן צוויי פון די אַלטע פּאַפּעטשיטעליעס.

ד י כ נ ו פ י א. וואָס הייסט אַרויסגעוואָרפן? למאַי האָט איר גענומען אַזאַ פריגאַוואָר?

פּ י אַ ו ו ק י ן (געלאַסן) נישקשה. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך פאַרשטיי אַן עסק.

ד י כ נ ו פ י א. האַ, וועמען אַרומגעוואָרפן, וועמען?

פּ י אַ ו ו ק י ן. ר׳ משהן און ר׳ שמעיהן.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. מיך? פאַר מיין מי, פאַר מיין פראַצע.

ת ם (מיט אַ רחמנות־פּנים) פאַר וואָס גראַד מיך, נעבעך מיך?

פּ י אַ ו ו ק י ן. שאַ, כ׳לעבן, נישקשה! ווער הערט זיי, די שקצים? מיט גאָטס הילף, איך וועל זיי פירן אין באָד אַריין, איך האָב אַ גלייכע עצה ווי אַריינצונאַרן זיי אין זאַק.

ד י כ נ ו פ י א. גיכער, ר׳ ראובן! זאָגט וואָס האָט איר פאַר אַן עצה?

פּ י אַ ו ו ק י ן. גאָר אַ פּראָסטע עצה, היינו, מען זאָל זיך איצט גאָר פאַמעלעך אָראָפּנעמען דעם ערשטן בויגן פּאַפּיר פון דעם אָפּגעחתמעטן פריגאַוואָר, צולייגן אַנשטאָט דעם אַן אַנדער בויגן און דאָרט אַריינשטעלן אַלע אַלטע געוועזענע פּאַפּעטשיטעליעס ווי פריער, דערצו זאָל מען בפירוש פריבאַווען, אַז די אָבשטשעסטווע ווילט זיי אויס בזה הלשון: אַזוי און אַזוי ווי מען ווייסט זיכער, אַז זיי, די פּאַפּעטשיטעלעס, אַזעלכע און אַזעלכע, זענען ערלעכע לייט, בעזקאָריסטנע, זאָרגן תמיד לטובת הכלל, כלאָפּאָטשען זיך . . .

ס פּ אָ ד י ק (פאַלט אַריין אין די רייד) פריבאַוועט טאַקע נאָך אויך „מוטשען זיך" אַזוי וועט זיין שטאַרקער.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת. פריבאַוועט אויך, זיי קוקן אין תכלית אַריין, דאָס וועט בעסער נעמען.

פּ י אַ ו ו ק י ן (זעצט פאַר) כלאָפּאָטשען זיך, מוטשען זיך נעבעך, קוקן אין תכלית אַריין און ברענגען איין זייער פיל דער שטאָט מיט זייערע

תחבולות, מיט זייער גוטסקייט, מיט זייער פרומקייט און ערלעכקייט.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט (שלאָגט איבער די רייד) פריבאַוועט טאַקע אויך, מיט זייער בילדונג, מיט זייער אויפקלערונג: דאָס וועט אַ סך העלפן! איך ווייס, מיט וואָס צו נעמען . . .

פ י אַ וו ק י ן (הייבט אָן נאָך אַ מאָל) מיט זייער גוטסקייט, מיט זייער בילדונג, מיט זייער אויפקלערונג, מיט זייער פרומקייט און ערלעכ־קייט, לכן אַ פאַטאַמו, ווײַלט מען זיי ווידער פאַר פירער און מען באַפרייט זיי פון חשבון, מען פאַרלאָזט זיך פריער אויף גאָט, דערנאָך טאַקע אויף זיי, אי פראַטשע, אי פראַטשע . . .

ד י כ נ ו פ י א (פריילעך) אַך, זייער גוט, ר׳ ראובן! אָט וואָס הייסט לערנען אין אַ חדר!

ס פ אַ ד י ק. גאַנץ גלייך, וואָס איר האָט אַריינגעשטעלט „מען באַפרייט זיי פון חשבון", פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א. מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין?

פ י אַ וו ק י ן. הערט אָבער דעם שפּיץ, אם־כן קען שוין דאָך דער פריגאָוואָר אויך דינען פאַר אַ קוויט, אַז איר האָט חלילה נישט נהנה געווען פון אָרים געלט, און איר האָט שוין נישט פאַר דער האַנט לעת־עתה וואָס מער מורא צו האָבן, פאַרשטייט איר, למאי איך האָב ביי זיי גענומען אַ פריגאָוואָר? נישקשה, איך האָב זיי מיט גאָטס הילף אָפּגעטאָן אויף טערקיש!

ד י כ נ ו פ י א. אוודאי, ר׳ ראובן, האָט איר זיי געפירט אין באָד אַריין! אוודאי האָט איר זיי געשטעלט אַ חופּה! איצט, זעט איר, וואָלט מען זיך געדאַרפט נעמען צו לאָקשעוויצן, צו דעם פּראָצענטניק, מען זאָל אים אַ פּיק טאָן שטילערהייט, וואו מען דאַרף, זאָל ער האָבן זיך צו קראַצן, זאָל ער ווייטער וויסן ווי זיך צו טשעפּען מיט אַ שטאָט! . .

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט (מיט איין וואונק צו פּיאַווקינען) נו, וואָס הערט זיך מכוח דעם, וואָס איך האָב אייך געזאָגט? האָט איר אים שוין פאַר־זאָרגט?

פ י אַ וו ק י ן. וואָס קלערט איר דאָ? מסתמא האָב איך אים שוין גוט פאַרטראַכט. מען האָט שוין אָוועקגעשריבן . . . ער וועט אויף זיך האָבן אַ גוט פּעקל! טרוקן וועט שוין דער פּראָצענטניק נישט אַרויס, ער וועט זיך, נישקשה, מוזן אָפּשאָקלען מיט אַ שיינעם גראָשן!

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. אַ שיינע ריינע כפרה! ער וועט שוין פאַר־זאָגן דעם צענטן.

די כנופיא. מיר שטויסן זיך אָן, וואָס איר רעדט. מיר פאַר־שטייען, מיר פאַרשטייען, וואָס איר מיינט. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען אונדז, ברוך־השם, נישט אַריינלייגן.

ספּאַדיק (מיט אַ יראת־שמים־פּנימל) און איך, זעט איר, שטויס מיך נישט אָן: אַז צוויי מענטשן רעדן אַ סוד, וויל איך גאָר נישט הערן. איך פאַרשטיי אסור נישט, ביי מיין יידישקייט! וואָס ר׳ יידל און ר׳ ראובן שמועסן דאָ עפּעס צווישן זיך...

פּיאַווקין (צו דער כנופיא) פונדעסטוועגן מיין עצה איז, נאָך אַלע זאַכן זאָל מען פּאָרט שלום ווערן מיט לאַקשעוויצן און מיט פרייד־לען. ווי זאָגט מען עפּעס: בעסער צען גוטע פריינט איידער איין שונא. אַוודאי אַנלערנען לאַקשעוויצן שטילערהייט, ער זאָל נישט וויסן, פון וואַנען די קויל האָט אים געטראָפן, דאָס איז נייטיק, נאָר ווידער שלום ווערן מיט אים, דאָס איז אויך נייטיק, איך דאַרף עס האָבן צום עסק. איך האַלט זיך טאַקע אַלץ ביי מיינעם: אַ פּאַטש און שלום! אַ ביס אַזש ציינער זאָלן שטיין און טאַקע ווייטער חבר!

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי, אַ פּאַטש און שלום.

שטאַנדהאַפט. מיינע ווערטער! איך האָב נאָך פריער גע־זאָגט, מען זאָל אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל, זאָל ער נישט בילן! איך קען די וועלט...

פּיאַווקין. אַזוי, אַזוי בלייבט עס. דערוויילע אַ גוטן טאָג! איך מוז גיין באַוואָרענען נאָך עטלעכע זאַכן (ער גייט אַוועק).

זעקסטע סצענע

(די פריערדיקע אָן פּיאַווקינען).

שטאַנדהאַפט. נו, לאַקשעוויצן נעם איך אויף מיר, איך וועל אים אָנטאָן כבוד און איינלאַדן צו מיר — עס וועט ביי אים זיין אַ כבוד — און וועל אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל אָט מיט דעם (ער ווייזט אויף אַ טייס־טערל אין זיין האַנט).

בעל־תכלית. כאַפּט אים דער רוח, זאָל ער זיך דערווערגן מיט דעם!

ר׳ יוסף. מהיכא־תיתי, זאָל ער זיך טאַקע דערווערגן, אַזוי איז גאָר גלייכער!

ס פ אַ ד י ק . נו, און מכוח די לאָקשן כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער! זאָל ער זיך מאַכן לאָקשן ווי פריער.

ת ם . אַט אַזוי באַדאַרף צו זיין, ער זאָל זיך נישט מישן אין אונדזערע עסקים און מיר וועלן זיך נישט מישן אין זיינע עסקים.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת . ר׳ אהרן האָט דאָך דערוויל צונויפגעקליבן עפּעס גאָר אַ סך געלט, ווי דערטאַפּט מען זיי ביי אים, ער זאָל נישט מאַכן קיין לאָקשן?

ס פ אַ ד י ק . מען דאַרף בעטן ביי ר׳ אהרן אַ גמילת־חסד, פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א . מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר עס נישט פאַרשטיין?

ס פ אַ ד י ק . און פרידלען נעם איך אויף מיר, ער איז דאָך אַ חסיד, וועט אויף אים טאַקע אויסקומען דאָס ווערטל: „דער רבי האָט געהייסן שווייגן" פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א . מיר פאַרשטייען. מען דאַרף אונדז, ברוך־השם קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת . נו אַן עק, אַ סוף. מען דאַרף בעסער רעדן פון תכלית־זאַכן. לאָמיר זיך נעמען צו דער סמעטע, לאָמיר מאַכן די טאַבעלע.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט . מיר דאַרפן שוין היינט קליגער זיין, מען דאַרף וויסן, ווי אויסצורעכענען אין דער טאַבעלע די הוצאות, וואָס די שטאָט דאַרף אַ יאָר האָבן, אַזוי, אַז פון די הכנסות, פאַרשטייט איר, זאָל נישט איבערבלייבן קיין גראָשן. די קאַזנאַ פאַרלאַנגט נישט מער אַבי אַ חשבון, אַבי ווייז איר אַ חשבון . . .

ר ׳ י ו ס ף . מהיכא־תיתי, ווייזט איר אַ חשבון, עס זאָל נאָך אונדז אפשר אַרויסקומען?

ד י כ נ ו פ י א . וואָס מיינט איר, עס וואָלט אפשר טאַקע נישט געשאַדט, אונדז זאָל קומען, מען קען נישט ווייזן דער קאַזנאַ אַלע זאַכן, די שטאָט אַן עין־הרע דאַרף זייער פיל האָבן, אַמאָל דאַרף זי אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס מען קען זיי נישט אַרויסזאָגן.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט . ווייניק, אַ שטייגער, וועט קאָסטן די שטאָט לאָקשעוויץ?! דעם מקח פון פלייש האָט מען געמוזט אין דער מהומה אַביסל אַראָפּלאָזן, אים גיב, יענעם גיב ווייטער, היינט דאַרף פּיאַווקין פאַרן באַוואָרענען עטלעכע שטאָטישע זאַכן, דאָס וועט מסתמא אויך געגנוג קאָסטן . . . פון וואַנען־זשע וועט עס די שטאָט אויף אַלצדינג נעמען? —

מען וואָלט איצט שוין געמעגט אַרויפציען אַ דריי קאָפּיקעס אויף דער אָקע פלייש.

ת ם . פאַר וואָס נישט פיר ?

ב ע ל ־ת כ ל י ת . פאַר וואָס טאָקע נישט זעקס ? עס איז איצט זייער אַ שלעכטע צייט.

ס פ אָ ד י ק . אוודאי זענען די הצטרכות־העיר זייער גרויס, נאָר אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף די אָרעמע לייט, געגוג דערוויל פּינך, וואָס זאָלן מיר טאָן ? זאָל אונדזערס איבערגיין. (ער קרעכצט און זיפצט).

ב ע ל ־ ת כ ל י ת . קוקט־זשע אין תכלית אַריין און מאַכט אַ גרויסן צעטל פון די הוצאות.

ס פ אָ ד י ק . דער עיקר איז שוחטים, פאַרשטייט איר ? מען דאַרף האָבן אַ סך שוחטים . . .

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט . הײנט משגיחים, טאָקע אַ סך משגיחים.

ת ם . הײנט מנקרים !

ב ע ל ־ ת כ ל י ת (חזרט איבער) שוחטים, משגיחים, מנקרים, הײנט דיינים, חזנים, רבנים, שמשים, בטלנים, קברנים, פאַוויערענעס, שתדלנים און נאמנים . . .

ר ׳ י ו ס ף . מהיכאַ־תיתי, זשאַלעוועט נישט, מהיכאַ־תיתי !

ס פ אָ ד י ק . איך עס נישט פון קיין סירחא, מען דאַרף נאָך אַ חוץ דעם האָבן גאָר אַ טייערן שוחט !

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט . מען דאַרף אַריינשטעלן אַ פּאָר טויזנט קערב־לעך אַ יאָר אויף אַ רעמעסליענע שול. דערמיט וועט זיך די שטאָט אויספיינען און עס וועט אַ סך העלפן, אַז מען זאָל אויסוואָרזשדען די טאָ־בעלע. איך וויים, מיט וואָס צו נעמען . . .

ר ׳ י ו ס ף . מהיכאַ־תיתי, אַריינשטעלן, דאָס איז נאָר דאָך למשל... מהיכאַ־תיתי !

ס פ אָ ד י ק . אויב אַזוי . . . שטעלט־זשע אַריין הונדערט קערב־לעך אַ יאָר אויף דער חברה אלמנות ויתומים. דאָס וועט אויך העלפן.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת . מען האָט אַלץ געדאַרפט צונויפרעכענען און אַרויסשטעלן די אַלע איבעריקע הצטרכות.

ת ם . אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס פיאַווקין איז נישטאָ, ער איז געניט און טויג צו אַזעלכע זאַכן.

ס פ אָ ד י ק . ווייסט איר זשע וואָס ? לאָמיר דאָס אָפּלייגן אויף מאָרגן. די מעשה קען זיך נאָך פאַרלענגערן און מיר זאָלן נאָך חלילה עובר זיין זמן מנחה ! . . . (די כנופיא צעגייט זיך).

זיבעטע סצענע

(שינדער זיצט אַלץ נעבן זיין טישל אין ווינקעלע. קנעכטבאַרג קומט אריין גאַנץ פריילעך, דערנאָך פּיאַווקין).

קנעכטבאַרג (זעצט זיך נעבן שינדערן) אַז דאָס פּיצעלע מזל גייט, ווערט עפּעס ליכטיק אין אַלע רמ״ח אברים! דאָס רעדל, ברוך־השם, האָט זיך שוין ביי מיר אָנגעהויבן צו דרייען, הלוואי ווייטער. איך דאַנק אייך, ר׳ יאָסל, פאַר דער טובה, פאַר דער מצווה, וואָס איר האָט געטאָן.

שינדער (מיט אַ שמייכעלע) ווען, ר׳ אהרן, הייבט איר שוין אָן מיט מזל צו מאַכן די לאָקשן?

קנעכטבאַרג. אַבי געזונט, אַבי געלט, אַבי איך האָב שוין לעת־עתה צונויפגעמאַכט אַביסל געלט, מיט לאָקשן איז שוין קיין דאגה נישט. עס וועט נאָך צייט זיין צו מאַכן, מען דאַרף באַקומען נאָך אַביסל געלט.

שינדער (אַלץ מיט אַ שמייכעלע, אַזוי ווי איינער מאַכט חוזק) איך מיין, ר׳ אהרן, אַז איר וועט מאַכן גאָר אַ גוט געשעפט, אַ קאַטאַוועס, איר וועט גאָר נישט אַריינלייגן! אדרבה, איר וועט נאָך אַלץ צומאַכן פריש געלט, די שטאָט, אָן עין־הרע, איז גרויס! לאָקשן, מיין איך, וועט אויך אַ סך פאַרקויפט ווערן, עס וועט דאָך הייסן אַ מצווה געבן צו לייזן דער תלמוד־תורה, בפרט, ווי זאָגט איר, זיי וועלן נאָך זיין כשרע לאָקשן אויך, היינו, מען וועט פון זיי נעמען חלה. כ׳לעבן, איר וועט האָבן אַ גוט געשעפט.

קנעכטבאַרג. מיט גאָטס הילף, הלוואי דאָס מזל, דאָס פּי־צעלע מזל, זאָל נאָר נישט געשטערט ווערן. וואָס זאָגט איר, ר׳ יאָסל, ווי לאָקשעוויץ האָט אַביסל אַראָפּגעלאָזט די נאָז, מיינע לאָקשן שמעקן אים גאָר נישט, די פּאָפּעטשיטעליעס מוז עס שטאַרק הנאה טאָן, וואָס איך לערן אָן אַזאַ שייגעץ! האַ, וואָס זאָגן זיי? וואָס האָבן זיי געזאָגט?

שינדער. וואָס פרעגט איר, ר׳ אהרן? זיי קוועלן גאָר אָן פון אייך.

קנעכטבאַרג. עס טוט מיר, כ׳לעבן, הנאה. אַ שאָד, וואָס איך האָב זיי דאָ נישט געטראָפן. איך האָב זיי טאַקע נאָך אַ פּלאַן אויפצוגעבן. זייער אַ גוטן פּלאַן, איך מוז טאַקע באַלד גיין (ער גייט און באַגעגנט זיך אין דער טיר מיט פּיאַווקינען).

פּיאַווקין (גאָר אין איין אָטעם) אַך, געשווינד, ר׳ יאָסל, גיט גיכער אַהער, וואָס עס איז אייך היינט עפּעס אַריינגעפאַלן. די פּאָפּעטשי־טעליעס האָבן מיך געשיקט, מען דאַרף גראָד איצט האָבן געלט!

ק נ ע כ ט ב א ר ג (מיט שמחה) **נו, עס איז אַ גוטער סימן! זייער גוט, ר׳ ראובן, וואָס איר זייט מיר איצט גראָד אַנטקעגן געקומען! איך האָב אייך בסוד אויפצוגעבן עפּעס אַ פּלאַן** (ער פירט אַוועק פּיאַווקינען אין אַ ווינקל און שושקעט זיך מיט אים).

פּ י אַ ו ו ק י ן (אויף אַ קול) **גאַנץ גוט, ר׳ אהרן, עס וועט גיין! וואָס מיינט איר, עס איז טאַקע אַ גוטער סימן, וואָס איך האָב אייך גראָד איצט דאָ געטראָפן** (ער גיט אַ וואונק מיט אַ גנבֿה־שמייכעלע צו שינדערן) **עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט, ר׳ אהרן! נאָר לאָזט מיך צורו מיט אייער פּלאַן ביז מאָרגן. איר זעט דאָך, איצט בין איך טרוד, איך דאַרף האָבן געלט.**

ש י נ ד ע ר (אויך מיט אַ וואונק צו פּיאַווקינען) **אַט האָט איר, ר׳ ראובן, אינגאַנצן דאָס געלט, וואָס איך האָב, עס וועט אייך אוודאי קאַרג זיין, וועט איר שוין מוזן באַקומען ערגעץ אַ גמילות־חסד . . .**

פּ י אַ ו ו ק י ן (ציילט כלומרשט איבער דאָס געלט) **אַך, ווייניק, עס דערגרייט נישט אַ פופצן הונדערט קערבלעך** (ער ווענדט זיך געשווינד צו קנעכטבאַרגן) **טאָמער, ר׳ אהרן, טאָמער זייט איר רייך אין עטלעכע קערב־לעך? איר זאָלט געבן די פּאַפּעטשיטעליעס אַ גמילות־חסד, נאָר אויף עט־לעכע שעה, ביז וואַנען עס וועט דאָ אין דער קאַסע אַריינפאַלן** (מיט אַ גנבֿה־שמייכעלע) **זיי וועלן אייך דערפאַר באַלוינען און מכוח אייער פּלאַן, מסתמא וועט זיין רעכט. עס איז, כ׳לעבן, אַ גוטער סימן, וואָס מיר האָבן זיך גראָד באַגעגנט!**

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. איך האָב ביי מיר דרייצן הונדערט קערבלעך, מיט אַ ר׳ קערבלעך ווייניקער, וויפיל איר דאַרפט, ווילט איר, קען איך אייך לייען בשמחה, אָבער נאָר אויף עטלעכע שעה, וואָרום איך דאַרף זיי האָבן צו די לאָקשן (ער באַקומט אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע, אין זיין פּלאַ־נעלן לייבל, אַ יערכין־בייטל, נעמט פון דאָרטן אַרויס דאָס געלט, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין צען פּאַפּירלעך און גיט עס פּיאַווקינען) **זעט איר, איך האָב אייך אַוועקגעגעבן ביז איין גראָשן.**

פּ י אַ ו ו ק י ן (מיט אַ שמייכעלע) **שלאָפט רואיק ר׳ אהרן, די פּאַ־פּעטשיטעליעס וועלן נישט פאַרגעסן די טובה** (ער געזעגנט זיך און גייט אַוועק).

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. איך זאָג אייך, ר׳ יאָסל, אַז דאָס פּיצעלע מזל האָט מיר אָנגעהויבן, אָן עין־הרע, טאַקע צו גיין, איך טראַכט אַז דורך דעם גמילות־חסד וועט מיר זיין גרינגער אָפּצואַרבעטן מיין נייעם פּלאַן. זאָרגט נישט, ר׳ יאָסל, זאָרגט, כ׳לעבן נישט, עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט,

איך מוז דאָך גיין אַ שמעק טאָן אין מאַרק, וואָס הערט זיך עפּעס. (ער גייט אַרויס שטאַרק פריילעך).

אַכטע סצענע

ש י נ ד ע ר (קרימט זיך נאָך קנעכטבאַרגן און שטעקט אים אַרויס אַ צונג) אוודאי, ר׳ אהרן, מעגט איר זיך פרייען, פּיאַווקין, נישקשה, האָט איך געשטעלט אַ חופּה. נו, פּיאַווקין, דאָס איז אַ כיטרע בעסטיע, ער אַרבעט אָפּ אַן עסק קורץ און שאַרף. ווי געשווינד, ווי כיטרע האָט ער גענומען ר׳ אהרנען אויף דער העטשקע! דער לעקיש האָט אים נעבעך דעם לעצטן גראָשן אַוועקגעגעבן און איז פריילעך. אוודאי, ר׳ אהרן, מעגט איר זיך פרייען. (ער לאַכט) שיין איז נאַר געוועזן, ווי דער זאָגט צו מיר: זאָרגט נישט, ר׳ יאָסל, עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט, דער שילממזל טרייסט מיך! אַ מצווה, כ׳לעבן, ער האַלט זיך זייער פאַר אַ ווילדן חכם און מיינט אַלץ יענעם אָנפּייפן. איך האָב ערשט אַרויסגעזען פון זיינע רייד, אַז פון דעם עסק האָט ער געהאַט בדעה מיר נישט צו געבן אפילו אַ פּרוטה, ער האָט מיך געוואָלט פּטרן מיט שהי־פּהי און געבן מיר אַן אָנווייזונג אויף עולם־הבא פאַר דער מצווה. אַ, קען איך אָט־אָ־די שיינע יידן, בשעת עס גייט זיי שלעכט און זיי דאַרפן אייער טובה, ווען זיי אייך קושן די פיס און צוזאָגן הרים־וגבהות; קוים איז זיי גוט געוואָרן, שטעלן זיי אייך אַרויס אַ פייג . . . רעכט אויף אייך, מיין ליבער ר׳ אהרן, זייט ווייטער נישט קיין וואוילער, (ער גיט אַ קוק אין פענצטער) אוי, אוי, אָן גייט מיין ר׳ אהרן, ניין, ניין, ער גייט נישט, ער לויפט אָן אַ נשמה, דאָס פּנים האָט זיך אים פאַרענדערט. (ער לאַכט און פאַרקערט זיך) וואָס איז, ר׳ אהרן, ר׳ אהרנצוצעניו? איר האָט שוין אַ פּנים אָנגעשמעקט פון דעם שלום, וואָס עס קלאַפּט אייך אַזוי דער פּופּיק? (ער גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אין פענצטער) האַ! דאַכט זיך, ספּאָדיק און תם גייען דאָרטן! יאָ טאַקע, זיי גייען אויך אַהער, זיי זענען נאָך ווייט, ר׳ אהרן האָט זיי נאָך זיכער נישט דערזען, אַך, דאָ וועט זיין זייער אַ שיינע סצענע, איך וועל מיך באַהאַלטן אין מיין חדרל און קוקן דורך אַ שפּאַרונע, ווי ר׳ אהרן וועט שמועסן מיט די פּאָפּעטשיטעליעס (ער לויפט אַריין צו זיך אין חדר).

ניינטע סצענע

(קנעכטבארג. דערנאך ספאדיק און תם).

ק נ ע כ ט ב א ר ג (לויפט אריין פארסאפעט) אך, וואו איז ער? וואו איז ר׳ יאסל? אוי ווײ, ווי עס טיאכעט מיר דאס הארץ, אנגסטן האבן מיך באשלאגן! א קאטאוועס עפעס פרנסה! איך האב מורא, אז עס האט זיך אפגעריסן דער ארטשיק און מיין גאנצער פלאן זאל חלילה נישט קאליע ווערן! אך, א מענטש אן א מזל זאל נישט געבארן ווערן! (די טיר עפנט זיך אויף און די צווײ פאפעטשיטעליעס גייען אריין).

ס פ א ד י ק און ת ם. וואו איז ר׳ יאסל?

ק נ ע כ ט ב א ר ג (לויפט זיי אנטקעגן ווי צעמישט) ר׳ יאסל? נישטא ר׳ יאסל! איך דארף אויך ר׳ יאסל. עס טוט מיר טאקע הנאה, וואס איר זייט דא. איך האב מיך ערשט אין גאס פאר אייך געקריגט, שונאים זאגן, וואס איז, איר האט זיך איבערגעבעטן מיט דעם שייגעץ, מיט לאקשעוויצן, זאגן שונאים!

ת ם. (גאנץ תמעוואטע) בע...

ס פ א ד י ק (רוקט אן דאס היטל און מאכט א זויערע מינע) אוי, לא־עליכם, ווייטער מיינע מערידן!

ק נ ע כ ט ב א ר ג (שפרינגט פון דער הויט פאר צרות) וואס הייסט? איר וועט שלום ווערן מיט דעם עזות־פנים, וואס האט אייך אויס־געמישט מיט דער בלאטע, וואס האט אייך גערופן, איך בעט אייך מחילה, גנבים, גראביטעליעס, בלוטזויגער, רוצחים, גזלנים, און אויף אייך אויס־גערעדט אסור לדבר... וואס האט אנגעשטעלט, מען זאל ביי אייך פא־דערן חשבון און ביכער! מיט דעם שייגעץ, מיט דעם הולטאי וועט איר, אזעלכע גרויסע בכבודע מענטשן ווי איר, וועט מיט אים שלום מאכן? עס איז כדאי אנצולערנען אזא הולטאי, אריינלייגן אים אין דער חית, פאר־שיקן אים צו אלדי שווארץ יאר, אפטאן אים א שפיצל, ער זאל ווייטער וויסן, ווי זיך צו טשעפען מיט א שטאט!

ת ם (אן ווערטער) בע; מילא וואס. עט... בע...

ס פ א ד י ק (כאפט זיך פאר די קריזשעס מיט א קרעכץ) איך מוז גיין אהיים אפדאוונען מנחה און זיך אביסל צולייגן.

ק נ ע כ ט ב א ר ג (אלץ שטארק צעקאכט) קודם, אין מחשבותן, גיט מיר דאס גמילות־חסד, איך דארף זייער געניייטיק האבן דאס געלט צו די לאקשן.

ס פ אָ ד י ק (מיט אַן אָגערוקטן היטל) וואָס לאָקשן ?

ת ם (תמעוואַטע) האַ, וואָס זאָגט איר ?

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ) סטייטש, ווי הייסט, וואָס לאָקשן ? וואָס זאָג איך ? סטייטש, לאָקשן זאָג איך. מיין גמילות־חסד, זאָג איך, בעט איך ! איך דאַרף האָבן דאָס געלט צו די תלמוד־תורה־לאָקשן. איך בין דאָך דער לאָקש . . . דער לאָקשנמאַכער ! — (שינדער עפנט אַביסל די טיר פון זיין חדר און שטעלט אַרויס הינטער קנעכט־באַרגן די צונג).

ס פ אָ ד י ק (מיט אַ קאַלטער לעבער) דאָס געלט איז דאָך נישט אייערס, וואָס־זשע מאָנט איר דאָ אַזוי ?

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (לאַכט כלומרשט מיט גרינע ווערים) זאָלט איר לעבן און געזונט זיין, וואָס זאָגט איר ? גאָט איז מיט אייך, איך דאַרף דאָך דאָס געלט צו די לאָקשן !

ס פ אָ ד י ק (רוקט אַרויף דאָס היטל) וואָס לאָקשנט איר מיר ? וואָס גמילות־חסד איר מיר ? אויס לאָקשן, ר׳ אהרן ! אויס לאָקשן !

ת ם (בעט זיך מיט אַ רחמנות־פנים) וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן ? מיר קענען זיך נישט קריגן, מיר האָבן ווייבער און קינדער, מיר ווילן נישט טראָגן קיין לעקעך אויף די פלייצעס, מיר ווילן נישט מגולגל ווערן צוליב אייך קיין קליין ארץ־ישראל. מיר ווילן זיך נישט קריגן, וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן ?

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (ווערט נעבעך שיעור נישט צעלאָפנעט) געוואַלד, איך האָב אויך ווייב און קינדער ! איך בין אויך, כ׳לעבן, אַ שיינער ייד ! פאַר וואָס קומט אַלץ נאָר אייך, נאָר אייך ?

ס פ אָ ד י ק (מיט אַ געשריי) תרבות ! דרך־ארץ !

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (גיט אַרויס פון די כלים פאַר גרויסע צרות) לאָזט מיך אויך ביי דער שאָף אויסרייסן עטלעכע זשמעניעס וואָל ! לאָזט מיך אויך אַ טשאָקע טאָן, אָפלעקן אַ ביינדל ! געוואַלד, פאַר וואָס אַלץ אייך ? אַלץ נאָר אייך און אייך !

ס פ אָ ד י ק. קומט, ר׳ שמעיה, וואָס ווען מיר דאָ מיט אים טענהן. (זיי גייען ביידע אַרויס. קנעכטבאַרג בלייבט שטיין ווי אָפגעבריט און שינדער שטעלט אים אַרויס פון הינטן אַ צונג).

פערטער אַקט

דאָ ווערט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי מען נעמט די טאַקסע אויף דער הײַנטיקער צײַט, ביז דעם יאָר 1870.

ערשטע סצענע

(שטאַנדהאַפּט בײַ זיך אין קאַבינעט, דערנאָך ספּאַדיק).

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (זיצט פאַרזאָרגט און האַלט אַ בריוו אין דער האַנט) זייער אַ שלעכטע ידיעה! ער שרײַבט, אַז מען וועט באַלד אַביאַווען טאָרגעס אויף דער הינער־טאַקסע, איך האָב מורא, אַז דאָס קעסטעלע קען זיך נאָך חלילה אַרויסגליטשן פון דער האַנט. עס וועלן זיך געפינען זייער פיל בעלנים, אַ סך, גאָר אַ סך שאַרפן אויף דער הינער־טאַקסע די ציין. מען דאַרף באַצײַטנס זען אַלצדינג באַוואָרענען, אָנהויבן זיך צו סטאַרען און צו טאָן אַרום דעם . . . (ער פאַרטראַכט זיך און קוקט אין דעם בריוו, די טיר עפנט זיך און ספּאַדיק קומט אַרײַן).

ס פּ אַ ד י ק. גוט מאָרגן, ר׳ יידל, עס איז מיר גראָד אויסגעקומען צו גיין פון אַ ברית פאַרבײַ אײַער הויז, האָב איך מיך מישב געווען אַרײַנצוגיין אײַך צו פרעגן, אפשר האָט איר מקבל געווען אַ בריוו פון פּיאַווקינעץ.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (מיט אַ ווידער־מינע) יאָ, אָט דאָס איז טאַקע דער בריוו, וואָס איך האָב הײַנט פון אים מקבל געווען.

ס פּ אָ ד י ק. נו, וואָס שרײַבט ער? ווי גייען דאָרטן די עסקים? האָט ער זיך שוין דאָרטן אָפּגעפאַרטיקט?

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט. מיט די עסקים, שרײַבט ער, איז ער שוין כמעט פאַרטיק. די אַלע פּראָשעניעס און דאַנאָסן אויף דער שטאָט פון דעם גאַנצן צעך וכדומה נאָך פון אַזעלכענע קבצנים וועלן קיין שום ממשות נישט האָבן, מען האָט אים דאָרטן צוגעזאָגט זיי אַלע צו פאַרשטאָפּן ערגעץ אין אַ לאָך, אַז דער אָדון הגדול זאָל זיי אַפילו נישט אָנקוקן. קורץ און גוט, עס

ווער אַלצדינג זיין רעכט, די דאַנאַסטשיקעס וועלן נאָך כאַפּן אַ פּסק. ער שרייבט און בעט רחמים, מען זאָל אים אַריינשיקן נאָך געלט.

ספּאַדיק (מיט אַ קרעכץ) גאָט זאָל רחמנות האָבן אויף דער שטאָט, זי דאַרף נעבעך האָבן אַ סך געלט. וואוהין מען קערט זיך, אַלץ געלט, געלט און געלט. וואָס שרייבט ער עפּעס נאָך?

שטאָנדהאַפּט (מיט אַ פאַרכמורעט פּנים) ער שרייבט, אַז מען האָט בדעה צו מאַכן טאַרגעס אויף דער טאַקסע.

ספּאַדיק (לאָזט אַראָפּ די נאָז) טאַרגעס, אודאי איז דאָס נישט גוט פאַר דער שטאָט נעבעך, השם יתברך זאָל שומר ומציל זיין, זי זאָל חלילה אַריינפאַלן אין די הענט פון די בעלי־טאַקסעס, זיי זענען דאָך פּשוט רוצחים, נאָר מסתמא וועלן מיר עפּעס טאָן מכוח דעם. מהיכא־תיתי טאַר־געס, אַלץ בעסער ווי מען שמועסט ביי אונדז אין קלויז.

שטאָנדהאַפּט. וואָס שמועסט מען? וואָס שמועסט דער עולם?

ספּאַדיק. מען שמועסט זייער געשמאַק פון דער גזירה, אַז דאָס קעסטל זאָל חס־ושלום בטל ווערן. יידן עפּעס זאָלן מער נישט צאָלן קיין טאַקסע.

שטאָנדהאַפּט (סטאַרעט זיך אַ שמייכעלע צו טאָן) וואָס הייסט, ר׳ איצע וואָלף. דאָס רופט איר אַ גזירה?

ספּאַדיק (נעמט זיך פאַר דעם בערדל) יאָ, יאָ, זאָלט איר טאַקע וויסן, ר׳ יידל, דאָס איז אַ גזירה. דאָס קעסטעלע, כ׳לעבן, דערהאַלט נאָך דאָס ביסל יידישקייט, פון וואַנען נעמט מען אויף דאָס, אויף יענץ, אויף דעם, וואָס מען טאָר נישט זאָגן? טאַקע פון דעם קעסטל, מיט וואָס האָט מען די אויבערהאַנט איבער די שקצים פון דער היינטיקער וועלט? מיט וואָס היט מען אָפּ, אַז יידן זאָלן בלייבן טאַקע דאָס וואָס זיי זענען? מיט וואָס? אַלץ טאַקע מיט דעם קעסטל! — דורך וואָס האַלט מען אין דער מורא אַ בעל־מלאכה, אַ נחות־דרגא, אַ פּאַרך אַ קבצן, זיי זאָלן האָבן דרך־ארץ, אָפּשיי פאַר דער שטאָט, פאַר אונדזער איינעם? דורך וואָס? טאַ־קע אַלץ ווייטער דאָס קעסטל! הכלל, דאָס קעסטעלע האָט נאָך דער־האַלטן דאָס ביסל יידישקייט, דאָס ביסל יידיש יחוס . . . חלילה אָן אַ קעסטל שווימען דאָך אַרויף פון אויבן אַפּיקורסים, בעלי־מלאכות, שניידער, שוסטער, און אַלע עמי־הארצים, וואָס קענען אַפילו נישט קיין פּרק משניות, און דענסטמאָל אָך און ווייי איז אונדז . . . יאָ, יאָ, ר׳ יידל, דאָס איז ביי מיר אַ גזירה!

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט . וואָס האָבן יידן געטאָן אמאָל, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין קעסטל.

ס פּ אָ ד י ק . וואָס גלייכט איר אַמאָל צו היינט ? אַמאָל זענען יידן געווען גוט און פרום, ווער האָט אויף זיי געקוקט, ווי זיי גייען, ווי זיי שטייען ? די קליינע מענטשעלעך, די עמי־הארצים האָבן נישט געטאָרט קיין קאָפּ אויפהויבן. וואָס די מנהיגי־העיר האָבן געטאָן, דאס איז געווען געטאָן. יידן האָבן אַמאָל גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט . . . היינט אבער זענען דאָ ביי יידן זייער פיל עזות־פּנימער, זייער פיל הולטאַיעס, וואָס זאָגן דעות און פאָדערן ביי דיר גרויסע חשבונות, וחוץ לזה, וואָס אַ טאָג קומען אָן אויף יידן נייע גזירות, אַזוי גיי נישט, אַזוי שטיי נישט, אַזוי לערן נישט, אַ מערכה, כ׳לעבן, וואָס עס איז נאָך דאָ אַ קעסטעלע, דורך דעם קען מען זיך נאָך אויסדרייען און דערהאַלטן (ער ווייזט אויף דעם ספּאָדיק) דאָס ביסל יידישקייט. איר מיינט, ווען נישט דאָס, וואָלט איך, אַזאַ צעבראָכענער ייד, ווי איך, זיך אָפּגעגעבן אויף דער עלטער מיט דער טאַקסע ? עס איז פאַר מיר אַ טירחה, טאַקע אַ טירחה גדולה, נאָר וואָס זאָל מען טאָן, וואָס זאָל מען מאַכן ? איך זאָג אייך נאָך אַמאָל בפירוש, נעמט מען חלילה ביי אונדז צו דאָס קעסטעלע, נעמט מען ביי אונדז צו דעם כוח . . . (ער גיט אַ טרייסל דאָס בּערדל) אָבער ניין ! מיט השם יתברכס הילף. מיר וועלן עס נישט דערלאָזן. יידן בלייבן יידן ! מען וועט פּאָרן, מען וועט זיך סטאַרען, גאָט וועט העלפן, דאָס קעסטעלע וועט בלייבן (מיט אַ שמייכעלע) נישקשה עס וועט בלייבן, ווי איך בין אַ ייד, בלייבן . . .

צווייטע סצענע

(שטאַנדהאַפּט אַליין. פאַרטראַכט.)

אַז ספּאָדיק מיט זיין גלייכן זאָגן, אַז דאָס קעסטעלע וועט בלייבן, ווייס איך זיכער, אַז עס וועט בלייבן, איך קען זיי . . . נו, זאָל עס כאָטשע ביי מיר בלייבן (נאָך דעם אַז ער טראַכט אַבּיסל) יאָ, ביי מיר, אָבער ווי ביי מיר ? אויף וועלכער אַרט ביי מיר, מען דאַרף געפינען עפּעס אַזאַ תחבולה אַז הייסן זאָל עס נישט ביי מיר, און זיין זאָל עס פאָרט טאַקע ביי מיר, אַזוי וועט עס אין כמה אופנים בעסער זיין איינמאָל, וואָס טויג מיר דער טיטול בעל־טאַקסע ? איך בין מוחל דעם כבוד. צווייטנס וואָס טויג מיר,

מען זאָל פאַר מיר וויינען? עס קומט פאָרט אַמאָל אויס עפּעס נישט לאַור־קע, יענער וויינט, מוז מען דאָך אַמאָל, כאָטשע פאַר לייט, רחמנות האָבן, רחמנות אָבער קאָסט געלט? יאָ רחמנות, אָבער וועך־זשע? ווען דאָס רחמנות טראָגט נאָך עפּעס איין, דאָס הייסט פּשוט, ווען דורך דעם פאַר־לאַנגט מען עפּעס אַ געוויסע זאַך . . . דריטנס, גיי האָב שטענדיק צו טאָן מיט ליאַדע בעלי־מלאכות, מיט גאָלדשמידלעך, מיט מולערעס און מיט נאָך קבצנים. פערטנס . . . די הצטרכות זענען זייער גרויס, מען איז שוין געוואוינט געוואָרן צו שפּילן די ראָלע, געבן כלומרשט אויף דאָס, אויף יענץ און די געשעפטן גייען היינט עפּעס נישט אַזוי שטאַרק גוט . . . (ער קראַצט אַבֿיסל די פּאַטיליצע) יאָ, איך האָב שוין אַ פּלאַן, איך וועל אָנפּייפן איטלעכן, אַפילו דעם גרויסן פייפער ספּאָדיקן, מכות אים! אַביסל וועט פאַר אים אויך גענוג זיין. ביינער איז ער קראַנק צו גריזשען? נישקשה, דער צעבראָכענער ייד האָט זייער שאַרפע ציין . . . יסורים אים! ער האָט, ברוך השם, אָן דעם גוטע געשעפטן, ער איז אַ גבאי פון אַ סך חברות, ביי אים געפינט זיך שלישית־געלט, עולמות־געלט, ארץ־ישראל־געלט, נאָך און נאָך געלט. ער איז אַ גאַנצער כלי־קודש . . . איך וועל מיין שינדערן אָפּלאָזן פון דער קייט, ער קען שטילערהייט גוט בייסן; אָנקוקנדיק אים, איז ער געדאַכט אַן אָפּגעבאַרעט יידל, בלייך, גרוי ווי אַ טויב, פרום און שטיל, גאָט די נשמה שולדיק. נאָר אָבער דרך־ארץ! טרעט אָפּ פאַר שינ־דערן דעם וועג, היט אייך די ביינער, ער איז אַ משחית! אָט דער שינ־דער וועט עס לפנים זיין גלופּסקער בעל־טאַקסע . . . הייסן מוז עס לכתחילה, מען פאָרט נעמען דאָס קעסטעלע פאַר דער שטאָט, נאָר בשעת טאָרג וועט עס שינדער אויסדינגען פאַר זיך. דאָס הייסט פאַר מיר. ספּאָדיק מיט אַ טייל פון דער כנופיא וועלן נאָר נעמען געוויסע שכירות, אָדער אַ קליין פּראָצענט. חוץ זיי אָבער וועט נייטיק זיין צו צולאַנטשן נאָך עטלעכע פייגל, סאַמע די רעכטע עזותניקעס. איבעריקנס זענען זיי נישט קיין סך. (ער ציילט אויף די פינגער) איינס, צוויי, דריי, האָ? נאָך אַמאָל; נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי. דאַכט זיך, טאָקע מער נישטאָ. און אפשר, האָ? נאָך איינער. נו איז נישט פיר . . . אַ שיין פּעקל, כ׳לעבן! דער גלאַוונער פון זיי איז נתן שיפּרהס; ווער קען נאָך אַזוי לערנען בלק מיט איינעם, ווי ער? ער איז אַן אויסגערויכערט ליולקעלע, מען מוז זיך נאָך טאָקע היינט מיט אים זען: (ער גיט אַ קוק אין פענצטער) אָך, דער רוח האָט אים איצט אָנגעטראָגן! וואָס טויג מיר דער וועקער? וואָס דולט ער מיר תמיד אַ קאָפּ מיט זיין בילדונג, מיט זיינע פּלענער? ער איז אַן ערלעכער נאַר, אַ כשרע בהמה, ער זוכט אַלץ דעם אמת, סטאַרעט זיך, מיך

צוצוציען צו זיך, איך זאָל אַנטייל נעמען אין זיינע פּלענער. דער נאָר מיינט, אַז מיך אינטערעסירן זיינע פּוסטע זאַכן. אָך, ווי טשעפּעט מען זיך אָפּ פון אים?

דריטע סצענע

(שטאַנדהאַפּט, וועקער, דערנאָך שינדער און נתן שיפּרהם)

ו ו ע ק ע ר. איר זייט עפּעס ווי אומרואיק, הער שטאַנדהאַפּט. אפשר שטער איך אייך?

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (אונטער דער נאָז) בע... איך האָב נאָך צייט, עטלעכע מינוט.

ו ו ע ק ע ר. קיין סך וועל איך אייך נישט שטערן, איך וויל אייך נאָר בעטן, מיר צו באַשטימען אַ צייט, ווען איר וועט זיין רואיק. איך וויל מיט אייך איבערשמועסן מכוח דער חברה און מכוח נאָך זאַכן, וואָס איר האָט בדעה צו טאָן.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט. למאַי, הער וועקער, שרייבט איר מיר צו אייער מי, אייערע גוטע איינריכטונגען? איך פאַרדין אסור נישט אייער לויב, וואָס איר לויבט מיך אומעטום און אין די צייטונגען.

ו ו ע ק ע ר. די ווערטער זענען פון אייער זייט זייער שיין. נאָר וואָס מאַכט עס אויס, איך אָדער איר? דער עיקר איז, מען זאָל טאָן, מען זאָל העלפן, ווי וויט מען קען. ליידער שטייט איצט אונדזער חברה שלעכט. און אין דער שטאָט הערשט היינט אַ ביטערע עלנט!

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (גלעט די פּאַטיליצע) וואָס קען מען טאָן? קענען מיר פאַרזאָרגן אַ וועלט?

ו ו ע ק ע ר. פונדעסטוועגן טאָר מען עס נישט לאָזן אַזוי. ביי מיר אין קאָפּ דרייט זיך שוין עפּעס אַ שטיקל פּלאַן. איך וועל עס אויפשרייבן און אייך וויזן. אפשר וועט עס אייך געפעלן.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט. גלויבט מיר, מיין ליבער פריינט, די היגע יידן זענען נישט ווערט, מען זאָל זיך מיט זיי אָפּגעבן. איך קען זיי. בעסער פון אייך. גלויבט מיר, עס איז פיל גלייכער גאָר נישט צו טאָן און זיך נישט מישן.

ו ו ע ק ע ר. עס איז אייך גרינג צו זאָגן, די אָרעמע אָבער ליידן. זיי הונגערן און דאַרן, זיי וויסן נישט דעם טעם פון פלייש.

שטאַנדהאַפּט. אַט וועט באַלד זיין טאַרגעס אויף דער היגער טאַקסע, נו וועלן מיר זען, אויב די נייע בעלי־טאַקסעס וועלן בעסער זיין. איך זאָג אייך אויסדריקלעך, עס וועט נאָך צען מאָל ערגער זיין, געדענקט מיינע ווערטער, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן.

וועקער. איך פאַרשטיי אסור נישט, פאַר וואָס יידן מוזן האָבן אַ טאַקסע אויף פליש, אַז דורך דעם זאָלן זיי אַזוי פיל ליידן און ליגן אין דער ערד? די טאַקסע זויגט אויס ווי אַ פּיאַווקע יידיש בלוט, זי מאַכט זיי קראַנק, זי לאָזט זיי נישט זיין שטאַרק און געזונט, די רעגירונג פאַר־לירט דורך דעם אויך זייער פיל, עפּעס אַ קלייניקייט צוויי מיליאָן מענטשן אין לאַנד זענען אומזיסט־אומנישט פאַרקויפט צו די בעלי־טאַקסעס, עסן נישט דאָס נייטיקסטע שפּייז, זענען שלאַף און האָבן אַ פּנים ווי די מתים!... ווי קענען אַזעלכע דערשלאָגענע, אַזעלכע שלאַפע מענטשן האָבן אין זינען די וועלט? ווי קען מען פון זיי פאַרלאַנגען, זיי זאָלן האָבן אַ געפיל פאַר ערנסטע זאַכן? איך רייד שוין נישט, אַז די רעגירונג זאָל מיט אַמאָל געבן יידן גלייכע רעכטן, אַלע פרייהייטן, נאָר ווייניקסטנס זאָל זי אונדז אויס־לייזן פון דעם יידישן גלות, וואָס ער איז זייער אַ שווערער. די כאַפּער האָבן אַמאָל באַוויזן, ווי שווער דער יידישער גלות איז. ווי באַלד אַז יידן מוזן געבן, חוץ דעם צינז וואָס זיי צאָלן דער קאַזנאַ, נאָך אַמאָל צינז טאַקע זייערע יידן אַליין, און נאָך שרעקלעך אַ גרויסן צינז, היינט פאַר וואָס זידלט מען זיי אין אַלע צייטונגען, אַז יידן טיילן זיך אָפּ ווי אַ באַזונדערע מדינה אין דער מדינה?

שטאַנדהאַפּט. פּוסטע רייד, מיין ליבער פריינט! איר רעדט ווי אַ מענטש, וואָס איז קיין געניטער און האָט נישט קיין ידיעה אין שטאַט־זאַכן. די טאַקסע מוזן יידן האָבן, אָן איר, זאָג איך אייך, וועט נאָך ערגער זיין. אין פיל גראַדן ערגער זיין, אויסווייזן עס אייך, איז נישט איצט די צייט.

וועקער. איך וויל מיך אויך נישט ארייַנלאָזן אין ווייטע וויכור־חים, ווייל איך ווייס, אַז עס איז דברים־בטלים, די טאַקסע וועט בלייבן, ווייניקסטנס וואָלט רעכט געווען, אַז אויף ווייטער זאָל מען זי אַביסל ער־לעכער פירן, אַז דער עולם זאָל קענען עסן פליש פאַר אַ וועלוועלערן מקח. בפרט ווי עס הערט זיך, וועט מען שוין מער קיין צינזן נישט דאַרפן צאָלן פון דעם קעסטל. (ער גיט אַ בליק אויף שטאַנדהאַפּטן פון דער זייט מיט שפּאָט) כ׳לעבן, אַז איר, הער שטאַנדהאַפּט, אַזאַ רייכער, אַזאַ געבילדעטער און אַ דורש־טוב ווי איר, זאָלט נעמען די טאַקסע. איר וואָלט טאַקע אי כשר פאַרדינט, אי אַ גרויסע טובה געטאָן דער שטאָט. איר ווייסט דאָך,

וואָס פאַר אַ ראָלע פלייש שפּילט אין דער געזונטהייט. אַלע קרענק, אַלע מכות און פורעניות נעמט זיך דאָס רוב ביי די היגע יידן פון דעם, וואָס זיי עסן נישט קיין פלייש; גייט הערט, זייט מוחל, וואָס דאָקטוירים זאָגן. ערשט נעכטן האָט מיך אַ דאָקטער געפירט צו אַ קראַנקן, וואָס די ביינער פון די הענט און די פיס פוילן ביי אים, מחמת ער האָט אין זיין לעבן געגעסן זייער ווייניק פלייש. ער זאָגט, אַז אַזעלכע קראַנקע מאַכן זיך ביי אים זייער אָפט און ער איז אַפילו באַרייט צו שרייבן און צו זאָגן עס בקול־רם פאַר דער גאַנצער וועלט, כ'לעבן, עס וואָלט רעכט געווען, איר זאָלט נעמען די טאַקסע.

שטאַנדהאָפּט (ווי איינער וואָס איז שטאַרק אויפגעבראַכט) איך די טאַקסע! איך די היגע טאַקסע?! מען זאָל זי מיר אַפילו שענקען. איך וועל פאַרזאָגן דעם צענטן נישט צו האַנדלען מיט די היגע יידן, גענוג טאַקסע, גענוג, איך וויל זי שוין מער נישט קענען! (די טיר עפנט זיך אויף און שינדער מיט נתן שיפּרהס קומען אַריין).

שינדער און נתן. מיר שטערן אייך אפשר, ר' יידל, וועלן מיר אַוועקגיין.

שטאַנדהאָפּט (לויפט זיי אַנטקעגן) חלילה! פאַרקערט, ווי געוואונטשן, איך דאַרף אייך טאַקע האָבן.

וועקער (טוט אַ קוק אויף שטאַנדהאָפּטן מיט זיינע געסט) נו, איצט האָב איך ביי אייך נישט מער וואָס צו טאָן. מיר וועלן זיך נאָך זען אַן אַנדערש מאָל. עס וועט נאָך צייט זיין... לעת־עתה בעט איך אייך, אַז איר זאָלט מוחל זיין איבערצוקוקן די רעכענונג, וואָס איך האָב אייך נעכטן פאַרנאַכט געשיקט, דאָרטן שטייט ריין אַרויסגעשריבן, וויפיל עס קומט אייך פון מיר און וויפיל מיר קומט פון אייך, איך האָב ליב צו לעבן מיט חשבון. איך האָף, אַז איר וועט מיר אָפּשיקן דעם נשאָר, וואָס מיר קומט אַרויס פון אייך על־פּי חשבון. אַדיע! (ער גייט אַרויס).

שטאַנדהאָפּט. געלויבט איז גאָט. פּטור געוואָרן די זלודניעס! (צו נתן שיפּרהס) ער קומט און דולט מיר תמיד אַן אַ קאָפּ מיט פּוסטע זאַכן, מיט לויטער נאַרישקייטן, ביי זיין אַוועקגיין פיל איך מיך תמיד פריי, ווי מען טוט אויס אַן ענגן שטיוול. איך ווייס נישט, וואָס האָט זיך דער נאַר אַזוי פאַרליבט אין מיר און האָדעוועט מיך מיט עפּטערע וויזיטן?

נתן. איר זאָגט, וועקער איז אַ נאַר, כע, כע, כע! האָט אויף מיר נישט קיין פאַריבל, מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט אַ גרויסן טעות. וועקער איז, נאָך מיין מיינונג, אַ קלוגע בעסטיע. איר באַמערקט גאָר נישט, ווי ער נעמט אייך דורך און דורך מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, בשעת ער

רעדט מיט אייך, איך בין אויף אים אַ מבין. איך קען מיינע לייט. כע, כע, כע!

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. און מיר דאַכט זיך, ער איז אַ גרויסער נאַר, ער דולט מיך תמיד מיט לויטער נאַרישקייטן, ער איז נישט קיין גענײטער און דערצו איז ער נאָך היציק, צינדט זיך גיך אָן ווי אַ שוועבעלע, איבע־ריקנס, וואָס גייט עס מיך אָן? קומט, זייט מוחל, אין צווייטן חדר אַריין. איך האָב מיט אייך צו רעדן פון אַ סך ווײטיקערע זאַכן. (די טיר עפנט זיך ווידער אויף, און אין שטוב גייט אַריין פריער אַ ייד מיט אַ בלייך פּנים, באַלד נאָך אים ר' אהרן קנעכטבאַרג).

פערטע סצענע

(די פריערדיקע. אַן אָרעמער ייד און קנעכטבאַרג)

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט (ווענדט זיך מיט אַ פאַרכמורעט פּנים צו דעם יידן) וואָס ווילט איר, מיין ליבער ייד?

ד ע ר י י ד (שטאַרק מיט הכנעה, מיט אַ ציטערדיק קול) איך האָב אייך געוואָלט בעטן אַ טובה... האָב איך אייך געוואָלט בעטן... עס איז מיר איצט שלעכט די צייט...

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט (לאָזט דעם יידן ווייטער נישט רעדן) אַ! איך מיש מיך נישט היינט, איך מיש מיך נישט!

ד ע ר י י ד. איך בין געוועזן אַ היגער בעל־הבית; פון אַ קורצער צייט בין איך אַראָפּ פון מיין מעמד און לייד שטילערהייט דחקות מיט מיין ווייב און קינדער...

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. נו וואָס־זשע ווילט איר פון מיר האָבן? בין איך דען אייגער אין דער שטאָט?

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (מישט זיך אַריין פון דער זייט, און וויל זיך צו־שמייכלען צו שטאַנדהאַפטן) טאַקע באמת, ר' ייד, וואָס ווילט איר האָבן? וואָס קען אייך ר' יידל טאָן? פאַר וואָס באמת אַלץ צו ר' יידלען, אַלץ נעבעך צו זיי?

ד ע ר י י ד. איך וואָלט בעסער געוואונטשן דעם טויט איידער צו גיין בעטן. איך שעם מיך, איך בין דאָס נאָך נישט געוואוינט געוואָרן, איך קען שוין אָבער מער נישט צוזען דעם רחמנות פון מיינע קינדער, ווי

זיי ליידן הונגער און נויט, די כוחות גייען זיי נעבעך אויס, זיי זענען דאַר ווי שפּענדלעך און האָבן שוין אויף זיך נישט קיין לויט פלייש. אָך, מען זאָל מיר העלפן מיט עטלעכע קערבלעך, וואָלט איך געטאָן כל אַ מיטל מפרנס צו זיין מיין ווייב מיט די קינדער. קיין שום שטראָף איז נישט אַזוי גרויס, קיין שום ווייטיק איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי צוצוזען מיט אייגענע אויגן די יסורים פון קינדער, וואָס גייען אויס פאַר הונגער. איטלעכער קוק זייער גיט אַ ברי דאָס האַרץ ווי פייער, איטלעכער זיפץ, איטלעכער קרעכץ רייסט אויס די נשמה! געוואַלד האָט רחמנות איך בעט אייך, האָט רחמנות!

שטאַנדהאַפט. איך האָב נישט קיין צייט. גייט צו וועקערן, ער וועט אייך שוין דאָרטן עקספּעדירן.

דער ייד. איך בין דאָך געקומען צו אייך, אַזוי ווי איר זייט אַ רייכער, דער ראש אין דער שטאָט און...

שטאַנדהאַפט (מיט כעס) איך מיש מיך שוין מער נישט! וואָס ווילט איר פון מיר האָבן? איך האָב שוין דאָך אייך געזאָגט, וואוהין צו גיין, מער האָב איך קיין צייט נישט מיט אייך צו טענהן.

קנעכטבאַרג (פון דער זייט) וואָס אַ ייד איז? ר׳ יידל האָט דאָך אייך שוין איין מאָל געזאָגט. וואָס־זשע דורעט איר זיי נעבעך דעם קאָפּ? זיי טראָגן נעבעך אויף דעם קאָפּ אַ סך אַנדערע זאַכן. גאָט זאָל זיי נאָר געבן כוח...

נתן. אַ ייד העלפט נישט איין מאָל זאָגן. דעריבער האָב איך מיר געמאַכט, אַז אַ ייד מעג רעדן פאַר מיר אַפילו אַ טאָג מיט אַ נאַכט, זאָל איך מיר זיצן און שווייגן. ער רעדט זיך אָן ביז וואַנען עס ווערט אים טרוקן אין האַלדז און גייט דערנאָך אַליין אַוועק. כע, כע, כע! איך קען מיינע לייט.

שינדער. דעריבער, ר׳ נתן, זייט איר דאָך אין דער שטאָט אַ בורר. אַ בורר דאַרף קענען אַ סך הערן און שווייגן (צו דעם יידן) נו גייט, זייט מוחל, ר׳ יידל האָט איצט נישט קיין צייט.

דער ייד. אָך, רבונו של עולם! (ער קרעכצט פון דעם גאַנצן האַרצן און גייט אַרויס).

שטאַנדהאַפט (ווענדט זיך צו קנעכטבאַרגן) נו, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, מיין ליבער ר׳ אהרן?

קנעכטבאַרג. איך האָב מיט אייך צו שמועסן מכוח אַן ענין.

שטאַנדהאַפט. איר זעט דאָך, מיין ליבער ר׳ אהרן, איך בין איצט טרוד, איך בין איצט באַשעפטיקט מיט מענטשן.

ק נ ע כ ט ב א ר ג . איך קען באַשטיין אויסוואַרטן. נישקשה, כ׳לעבן! גייט רעדט אייך מיט זיי, איך וועל מיר דאָ אויסוואַרטן, לעבט הונדערט מיט צוואַנציק יאָר!

(שטאַנדהאַפט, שינדער און נתן שיפרהס גייען אַריין אין צווייטן חדר).

פינפטע סצענע

(קנעכטבאַרג זיצט אויף אַ שפיץ פון אַ בענקל און רעדט צו זיך אליין).

אַך, השם יתברך זאָל וועלן כאָטשע היינטיקס מאָל אויף מיר רחמנות האָבן און דאָס פיצעלע מזל זאָל מיר גיין! מיין פלאַן איז זייער אַ גוטער, עס איז אין אים דאָ זייער אַ טיף קנייטשל, זייער אַ שיין שפיצל, ער זאָל נאָר אויסגעפירט ווערן, וואָלט איך מיט אַמאָל אויפגעריכט געוואָרן, איך וואָלט מיר אַרומגעצאָלט מיינע חובות און חתונה געמאַכט מיין עלטערע בתולה, זי איז שוין אַ בוגרות, אין די יאָרן, זי ווערט וואָס אַ טאָג בייזער, טרויעריקער, הוסט, זי גענעצט און שטערט מיר ביי דער נאַכט פון דעם שלאָף. — אוי, קיין תחית־המתים זאָל ספּאַדיק נישט אויפשטיין! ער האָט מיך דענסטמאָל פשוט דערהרגעט, אויס לאָקשן! האָט ער געזאָגט (ער קרימט נאָך ספּאַדיקן) אויס לאָקשן! אוודאי איז אים גרינג צו זאָגן, אַז ער האָט זיך שוין אָנגעזאָפּט מיט יידיש געלט ווי אַ פּיאַווקע! אוי, ער זאָל זיין אין מיין שטאַנד, נישקשה, וואָלט ער נישט געזאָגט מיט אַזאַ קאָל־טער לעבער: אויס לאָקשן! (ער טוט אַ קרעכץ פון דעם גאַנצן האַרצן) גוט אויף דער וועלט איז טאַקע נאָר די פּאַפּעטשיטעליעס, זיי זענען, כ׳לעבן, נישט קיין גרויסע חכמים, נישט קיין שטאַרק געלערנטע, נישט צו פיל אײ־בערגעשפּיצט און דאָס מזל שפּילט זיי! זיי טוען אָן צרות אין דער שטאָט, טרעטן איטלעכן מיט די פיס, און איטלעכער פונדעסטוועגן טראָגט זיי אויף דעם קאָפּ, מען ציטערט פאַר זייער דוך, מען לעקט זיי, מען גיט זיי אָפּ כבוד אין באָד און להבדיל אין שול. זיי פאַרען זיך אויף דער אויבערשטער באַנק, זיי זענען מיט שישי און מיט סנדקאות. קורץ זיי זענען דאָס אויבערשטע פון שטויסל. עס גייט זיי פון אַלע זייטן, און מיר גייט עס שלים־שלימ־מזל. השם יתברך זאָל היינט וועלן אויף מיר רחמנות האָבן, כאָטשע בזכות מיין אַלטער בתולה, ער זאָל אָנגעמען איר הוסטן, איר גענעצן און זאָל געבן שטאַנדהאַפּטן אין האַרצן אַ גוטע לוינע, אַז ער זאָל זיך לאָזן רעדן און

נישט זיין משוגע. (ער קרעכצט) איך האָב מורא, אַז היינט איז אים אָנגעקומען דער שיגעון, עפּעס קוקט ער מיט אַ פּאָר אויגן, גלעט אַלץ די פּאַטיליצע און רופט איטלעכן מיין ליבער, דאָס איז ביי אים אַ שלעכטער סימן. לעת־עתה האָב איך גוט געטאָן, וואָס איך האָב אים געלאָזט שמועסן מיט אַנדערע און בין מיר דאָ געבליבן זיצן. אפשר וועט ביי אים אין דער צייט דער שיגעון איבערגיין. (ער שטעלט זיך אויף און ציט אויס די גלידער) אָך, לאַנגווייליק כ׳לעבן, צו זיצן דאָ אַליין, וואָס קען דאָס זיין, וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן פֿאַרשפּאָרט? וואָס מען סודעט זיך דאָרטן אַזוי לאַנג? עס איז עפּעס נישט גלאַט. אין דער שטוב, וואָס מען סודעט זיך מיט ר׳ נתן שיפּרהס, מוז שוין דאָרטן עפּעס זיין. אַז ר׳ נתן איז פֿריילעך, איז אַ סימן, אַז מענטשן וועלן, היינט אָדער מאָרגן וויינען. ר׳ נתן איז ווי אַ וואָרים, וואָס האָט אַ שליטה איבער נבילות און פּגרים, קוים איז איינער געפֿאַלן און געבליבן טויט אָן אַ גראָשן, דענסטמאָל דרייט זיך אַרום אים מיין ר׳ נתן, ער שינדט אים אָפּ דאָס פֿעל און לעבט מיט כל אַתענוגים, ער עסט גוט, און טרינקט גוט, ער שלאָפֿט גוט, און מאַכט זיך פֿון יענעמס פֿעל אַ גוטע קאָלדרע . . . ר׳ נתן איז מיר היינט עפּעס פֿריילעך, עס וועט שוין מסתמא זיך טרעפֿן עפּעס אַן אומגליק אין דער שטאָט. ווי אַזוי ווערט מען געוואָר, וואָס זיי שמועסן דאָרטן? איך בין זייער טשיקאַווע צו וויסן. (ער שטרעקט זיך אויס און פּראַווט צוגיין גאַנץ שטיל אויף די שפּיץ פֿינגער נעענטער צו דער טיר, שטעלט זיך דערנאָך אַנידער און שטרעקט אויס דעם קאָפּ. האַלט איין דעם אָטעם, הערט זיך צו אַביסל און שפּרינגט באַלד צוריק אויף די שפּיץ פֿינגער) איך האָב מורא, כ׳לעבן! איך האָב מורא, מען זאָל חלילה נישט דערהערן, אָדער מען זאָל נישט פּלוצים עפֿענען די טיר. — וואָס טוט מען אָבער? איך וויל דאָך פֿאָרט הערן, כאַפּן עפּעס אַ וואָרט. איך קען מיך נישט איינהאַלטן, עס גלוסט זיך מיר זייער צו וויסן (ער בייגט זיך און הייקערט זיך איין אין צענען, שאַרט זיך צו, ווי אַ קעצעלע אויף די נעגל, צו דער טיר, לייגט־צו אַן אויער און הערט זיך צו עטלעכע מינוט, דערנאָך רוקט ער זיך צוריק און ציט זיך ביים צוריקגיין אַלץ וואָס ווייטער מער אויס, ביז ער קומט צו אויסגעוואַקסן צו זיין בענקל) אָבער איצט האָב איך שוין געהערט, איך האָב געכאַפּט עטלעכע ווערטער. געווגג פֿאַר מיר, דאָס איבעריקע קען איך מיך שוין אַליין אָנשטויסן. די עטלעכע ווערטער קומען מיר שטאַרק צונוץ. ביי מיר אין קאָפּ מאַכט זיך שוין גאָר אַ נייער פּלאַן, מען דאַרף אים נאָך היינט אָפּאַרבעטן. (נאָך דעם, אַז ער טראַכט אַביסל) נו, איך וועל זאָגן דעם אַרענדאַר, הער אויס! וועל איך אים זאָגן, היינט מעג מען דאָך אַריינפֿירן בראָנפֿן, ווי באַלד מען האָט דערפֿאַר אָפּ־

געצאָלט אַקציז. אויך וויל מען ביי דיר אויסדינגען די אַרענדע. ווייסטו וואָס, סערדצע ? צוואַנציק פּראָצענט פון דער אַרענדע, זאָל הייסן, גייט אויף דער שטאָט ; עס איז, דאַכט זיך, אַ גרויסע טובה פאַר דער שטאָט. דערפאַר, בחור, וועל איך זען מאַכן אַ חרם, מען זאָל קיין בראַנפן נישט אַריינפירן. כאַפּסטו איינעם מיט אַביסל, טו אים אָן צרות, געבראָטענע לייד, גיס צו וואַסער אין די בראַנפן און שטעל גרויסע מקחים ! אַ יאָ, גוט ? גיב־זשע מיר די מעשה, דאָס הייסט, צוואַנציק פּראָצענט אויף דער שטאָט. שאַ, שאַ, נאָך אַ פּלאַן ! טאַקע דו, בחור, דיך אַרענדאַר פון די ליכט מיין איך, גיב אויך די קאָץ ! . . . (ער פאַרטראַכט זיך אַביסל) האַ ? דאַכט זיך, זיי גייען, איך וועל מיך מאַכן גאַר תם. (ער זעצט זיך אַנידער אויף דעם בענקל און דרעמלט כלומרשט).

זעקסטע סצענע

(קנעכטבאַרג, שטאַנדהאַפּט, שינדער און נתן שיפּרחס)

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (אַריינגייענדיק אין חדר אַביסל לוסטיק) נו, ר׳ אהרן, וואָס וועט איר זאָגן, האַ, וואָס שווייגט איר ? (ער גייט צו אַביסל נעענטער) ע, ער שלאָפט ! ר׳ אהרן, שטייט אויף צו חצות (ער שטערכט אים מיט אַ פינגער).

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (שטייט גיך אויף פון דעם בענקל, נישט טויט, נישט לעבעדיק, און רייבט די אויגן) האַ, וואָס איז ? (ער רעדט כלומרשט ווי פאַרשלאָפן אונטער דער נאָז) וואָס ווילט האָבן פון פּאָפּעטשיטעליעס?... ערלעכע לייט פּאָפּשיטעל . . . וואָס ווילט האָבן פון שטאַנדהאַפּט ? . . . אַנדהאַפּט ערלעך, וויל זיך נישט מישן שאַנדהאַפּט ! . . . (ער טשוכעט זיך באַלד אויס) אַך, זייט מיר מוחל, ר׳ שטאַנדהאַפּט. איך בין אַלץ געזעסן, געזעסן דאָ אויף דעם אָרט און פאַר גרויס מידיקייט האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל, אַך, זייט מיר מוחל, איך האָב אַפּנים געשמאַק געשלאָפן ?

נ ת ן (מיט אַ שמייכעלע) עס מוז אייך אַפּנים, אָן עין־הרע, גאַנץ גוט זיין, ר׳ אהרן, אַז איר שלאָפט בייטאָג ? הע, הע, הע ! (צו שינדערן) עסן זאָל ער אַזוי, ווי ער האָט געשלאָפן ; ר׳ אהרן איז אַ ממזר. כע, כע, כע ! איך קאָן מיינע לייט.

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט (צו נתן שיפּרהס און צו שינדערן) זיצט, זייט מוחל, מיר וועלן באַלד ווידער איבערשמועסן מכוח דעם עסק.

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג (דערווייל צו זיך אַליין) ער איז איצט, געלויבט השם יתברך, אויפגעלייגט, און אַז עס איז יאָ אַן עת־רצון, וועל איך אים שוין דאָ אויפגעבן טאַקע אַלע פּלאַנען מיט אַמאָל, טאָמער וועט מיר היינט דאָס מזל גיין.

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט. נו, ר׳ אהרן!

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. איך האָב מיט אייך צו שמועסן מכוח כמה וכמה ענינים. וואָס קענען זיין אַ טובה פאַר דער שטאָט.

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט. אויב איר האָט כמה וכמה ענינים, קומט־זשע צו מיר אין אַן אַנדער צייט, איצט בין איך פאַרנומען, איר זייט דאָך אויך מיד און שלעפעריק.

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. איך בעט אייך, ר׳ יידל, רחמים איך בעט אייך, שענקט מיר אַ שעה צייט, אַז איך בין שוין דאָ, איך בעט אייך, טוט מיר די טובה!

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט (גלעט די פּאַטילניצע) מיין ליבער ר׳ אהרן, גייט אייך היינט געזונטערהייט!

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. נאָר אויף איין האַלבער שעה. טוט מיר די טובה!

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט. אַך, וואָס אַ ייד איז? איך בעט אייך, מיין ליבער ר׳ אהרן, לאָזט מיך איצט צורו און גייט אייך!

ק נ ע כ ט ב אַ ר ג. האָט נישט קיין פּאַראיבל, איך גיי. האָט אייך אַ גוטן טאָג. (ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר און וואָרטשעט) איך האָב מיר אַליין אַנגעפּייפּט דערמיט, וואָס איך האָב געזאָגט כמה וכמה ענינים. עס איז איצט מיט אים נישט צו רעדן, ער איז שוין משוגע. אוי, נישטאָ קיין מזל! (ער גייט אַרויס).

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט (זעצט זיך אַנידער נעבן טיש און טראַקטירט די געסט מיט גוטע האַוואַנער ציגאַרן) אַזוי, אַזוי, דענק איך, וועט עס מוזן טאַקע זיין... אַי וואָס, מען וועט אַמאָל דאַרפן שרייען? עט... איך בין שוין צו אַזעלכע זאַכן געוואוינט געוואָרן. ניכאַי לודי מאָוו, אַ יאַ זדראָוו.

נ ת ן וועט הערט יידן, אַז זיי שרייען? יידן, כע־כע, קען איך! זיי זענען נאָר ווי די קאַמאַרן, זיי נעמען זיך צונויף זשוזשען, זשוושען דאַכט זיך, גאָר שרעקלעך. פּרוּאוו נאָר אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, צעפליען זיי אין אַלע זייטן.

ש י נ ד ע ר . וואָס אמת, איז אמת. נישט אומזיסט זייט איר אַ ווילדער בורר! און אַ גוטער אַפּמאַכער, טאַקע ווייל איר קענט יידן.

נ ת ן (שמייכלט) כע, כע, כע; יידן זענען, דאַכט זיך, קלוג, עס זענען אָבער נאָך נישטאָ אַזעלכע נאַראָנים אין קיין אומה ולשון, וואָס מען טוט זיי אָפּ איז פּאַרפאַלן. פּרואווט שטעלן זיך אַ שטייגער אין גלופּסק מיט אַ שטריק אויף דער גאַס, לאָזט קיינעם נישט דורך, ביז מען זאָל באַצאָלן, ווערט איטלעכער געבן געלט, אַפילו אַ וואָרט נישט איבערצוזוגן. איינער אפשר ווערט זיך שטעלן אַפּדינגען אַ קאָפּיקע. יידן, דאַכט זיך, זענען רחמנים, זייער רחמנות, אומשטיינס געזאָגט, איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבעקע. בשעת אַ שרפה, אַשטייגער, ווערט איר זען אַ סך יידן לויפן זיך צונויף אָן אַ נשמה. נישט איינער פון זיי ווערט אויסשטרעקן די האַנט צו דער־לאַנגען אַביסל וואַסער; נעכטן ערשט האָט אַ ייד געריינקט די רינווע אַרום אַ דאַך. ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן און איז געבליבן הענגען אין דער לופט, אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אָן דער רינווע. אַ האַלבע שטאָט אפשר איז זיך צונויפגעלאָפן, איטלעכער האָט געקרעכצט, געשריגן און נישט איינער האָט געבראַכט אַ לייטער! כע, כע, כע! איך קען מיינע לייט.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט . לאָמיר דאָס איצט אָוועקלייגן אָן דער זייט און שמועסן בעסער פון עסק.

ש י נ ד ע ר . פאַרקערט, דאָס וואָס ר׳ נתן האָט ביז איצט גערעדט, נוצט טאַקע צום עסק, זיי רעדן ווי אַ געניטער, ווי אַ חכם. פון זייערע רייד קענט איר אַרויסזען, ווי גוט איך האָב געראָטן, אַז מען זאָל דערווייל נאָך אָן מורא אַרויפציען אויף דעם מקח פון פלייש. יענעם מאַכט, כ׳לעבן, נישט אַזוי שטאַרק אויס, אַז ער גיט אויף דער אָקע נאָך אַ פּאָר קאָפּיקעס און פּאָר אונדז מאַכט עס טאַקע אויס גאָר אַ גרויסע סומע. עפּעס אַ קאַטאַ־ ווערס אַזאַ גרויסע שטאָט יידן, זאָלן זיך פּרוכפּערן! די הצטרכות זענען זייער גרויס.

נ ת ן . און אַז מען אַז מען ווערט נעמען די טאַקסע אויף ווייטער בזה האופן, ווי מיר האָבן ערשט געשמועסט, ווערט מען מעגן אַרויפציען נאָך אַ קאָפּיקע אויף דער אָקע. וואָס איז אַ קאָפּיקע? אי וואָס, מען ווערט שוין נישט דאַרפן מער צאָלן פּאַדאַט פון דעם קעסטל? נו מיילא, וואָס מאַכט עס אויס? יידן דאַרפן אָן דעם אויך אַ סך האָבן . . . און וואָס איז, אומ־ שטיינס געזאָגט, אַ קאָפּיקע?

ש י נ ד ע ר . איך טראַכט שוין דאָס אַליין אויך, וואָס איז אַ קאָפּי־ קע? אפילו צוויי?

ש ט אַ נ ד ה אָ פּ ט . אַ קאָפּיקע איז טאַקע גאָרנישט. פּונדעסט־וועגן וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן שרייען. איר אַלץ וואָס ווייניקער און זיי טאַקע אַלץ שרייען. פאַר יידן ווילט איר יוצא זיין ? משה רבינו האָט מיט זיי נישט געקענט אויסקומען.

נ ת ן (מיט אַ שמייכעלע) ווען אַ שעפעלע שפּאַרט זיך אַביסל איין, מעקעט, דריגעט מיט די פיסלעך, דאַרף מען עס נאָר געבן אַ שמיצל, כע, כע, כע ! וועט עס זיך גיין גאַנץ שטיל. אויב עס שרייט ווידער, נאָך און נאָך אַ שמיצל ביז די כוחות וועלן אים אויסגיין און עס וועט אַנידערפאַלן, אויסגעצויגן מיט דעם פופּעק אַרויף, כע, כע, כע !

ש י נ ד ע ר . עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קען נישט מיט גוטן, מוז מען מיט בייזן . . . בשעת מען וועט דאַרפן מאַכן ספּראַוועטשנע צענעס אויף דעם פלייש, וועלן מיר, ווי פריער טאַקע, אויסקלייבן פון דער סטאַדע אַ פּאָר קערבלעך, הונגעריקע פאַרשוינען, וועלן זיי מסתמא שטעלן גוטע צענעס. פאַר אַ קלייניקייט, כ'לעבן, טאַקע נאָר פאַר אַ זשמעניע היי. וואָס דאַרף דען אַ קעלבל מער האָבן ? — קעלבלעך זענען דאָ ברוך השם זייער געננג, איר וועט זיי געפינען דווקא אין די הויכע טויערן, זיי מעקען באָך דער ברוסט און ווילן נעבעך עסן . . . און ווייטער, ווי זאָגט איר, ר' נתן, איר זייט דאָך אַ שטאָט־בורר, וועט איר בעטן דעם צד, וואָס איר האַלט מיט אים, ער זאָל מיט אייך אויך האַלטן און זיצן ביי די ספּראַוואַטשנע צענעס . . .

נ ת ן . פון קינדוויז אָן האָב איך ליב עקאָנאָמיע, דאָס איז זייער אַ גרויסע זאַך. מען וועט דאַרפן זען איינצובערענגען פון דער זייט אויך אַ גראָשן. איך מיין, עס וועט נישט שאַדן, כ'לעבן, מען זאָל פון דרויב, פון קעפּ און פון פיס וכדומה אויך נעמען אַקציז, ווער ווייס דען, וואָס על־פי זאַקאָן טאָר מען דערפון נישט נעמען ? און פאַר וואָס טאַקע אויך נישט פון שמאַלץ ? לפחות אַ קערבל פון דעם פוד. אַ קאָטאָוועס עפּעס, וויפיל פוד שמאַלץ ווערט אַ יאָר אין גלופּסק אַריינגעפירט ! אַט נעמט אַ פסח, וויפיל הונדערט פוד, מיינט איר, וועט אַריינגעפירט ווערן, האַ ? דאָס קען מאַכן ווידער אַ גרויסע סומע, און קיין האָן אַפילו זאָל נישט קרייען ! מען וועט הייסן ביי דער ראָגאַטקע צאָלן, כאָטש מען דאַרף אייגנטלעך נישט וועט מען צאָלן.

ש י נ ד ע ר . זעט איר, וואָס גליך איז גלייך, איך האַלט אויך זייער פון עקאָנאָמיע. איך וועל אייך נאָך בעסערס עפּעס זאָגן, מען דאַרף נעמען טאַקע אַקוראַט דאָפּלט, ווי די פּאָלאָזשעניע, שחיטה־געלט פון גסות ודקות און פון עופות. דער וואָס עסט עופות, איז נישט קראַנק צו צאָלן עטלע־

כע קאָפּיקעס מער! און איר קענט אייך משער זיין, וויפיל געלט דאָס קען אַ יאָר אַריינטראָגן? האַ? מיין ליבער ר׳ נתן! וואָס זאָגט איר.

נ ת ן. וואָס זאָל איך זאָגן? איר זאָלט דערלעבן משיח! וואו געפינט מען נאָך ערגעץ אַזאַ ר׳ יאָסל? אַז עס איז שוין יאָ געקומען צו רייד, וועל איך אייך אויפגעבן נאָך אַ פּלאַן, ווי אַזוי עס קען ווערן אַ קערבל. מען דאַרף זען, אַז די פּעדערן פון אַלע עופות זאָלן עפּעס אויך אייַנטראָגן. איטלעכער, וואָס קוילעט איין עוף, מוז ביי דעם שוחט אין שטוב אָפּפּליקן די פּעדערן, נישט טאָרן איבערצולאָזן זיך אַ פּלעדערוויש, באָם נישט, זאָל דער שוחט מאַכן תנועות און זאָל נישט שעכטן דאָס עוף. — ווייטער, דער עולם עסט די גרויסע גאַלגאַנסקע הינער, זיי וועגן מער פון די פּראָסטע אפשר מיט אַ פּאָר פונט, און שחיטה־געלט צאָלט מען פּאַר זיי אַקוראַט ווי פּאַר די פּראָסטע, בכן איז דאָך אונדז אַ פּאָדריוו, דאַרף מען זוכן אַ מיטל, מען זאָל די הינער נישט עסן.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. יאָ, עס נעמט מיר אין קאָפּ! וואָס פּאַר אַ מיטל אָבער טוט מען דערצו? (מיט אַ שמייכעלע) זעט איר, דערצו האָט מען שוין געדאַרפט האָבן ר׳ אהרנען, ער איז אַ בריה אויף אַזעלכע זאַכן.

נ ת ן. מיר וועלן זיך קענען באַגיין אָן אים. זעט איר, דאָ מוז מען שוין אַביסל באַנוצן יידישקייט, מען מוז ווערן גאָטס סטראַפּטשעס, אָפּהיטן יידן פון אַ מכשול, פון אַ חשש טריפות. אין עקאָנאָמיע דאַרף פרומקייט אויך עפּעס איינטראָגן, נישט זיין קיין לעגער־סחורה. גאָט נוצט אויך, אַז ער נוצט... כע, כע, כע! פאַרשטייט איר? מען וועט דאַרפן אָנזאָגן די דיינים, אַז זיי זאָלן אסרן די דאָזיקע פּראָקליאַטע הינער.

ש ט אַ נ ד ה אַ פ ט. אומזיסט זאָלן אונדז די באַנקקוועטשערס קאָסטען געלט, פאַר וואָס נעמען זיי ביי אונדז געלט, אונדזער בלוט? אונדזער נויט נאָר האַלט דאָך אין שטאָט אַזאַ מחנה ליידיקגייער!

ש י נ ד ע ר. זייט, כ׳לעבן, נישט אין כעס אויף די דיינים נעבעך, זיי זענען גאַנץ ערלעכע יידן, זיי פאָלגן, וואָס מען הייסט זיי... מסתמא וועלן זיי דאָס אויך טאָן. טאָן, ווי איך בין אַ ייד, טאָן! זעט איר, אָט מיט די הולטאַיעס, מיט די יידישע סאָלדאַטן וואָלט זייער רעכט געווען צו לערנען בלק. פאַר וואָס זאָלן אַזעלכע הולטאַיעס עסן פלייש אָן טאַקסע? און אויב אַפילו עס איז דאָ אַזאַ זאַקאָן, נו מאַלע וואָס שטייט? מאַלע וואָס מען הייסט? מיר דאַרפן אונדזער שכל האָבן.

נ ת ן. נאָך מיין מיינונג וואָלט אפשר נישט געשאַדט, אַז בעת מיר וועלן אם ירצה השם איינפירן אונדזער עקאָנאָמיע, זאָלן מיר צו זיך צו־

לאַטשען מענדל דעם געלן, ער האָט אַלע פּאַסטעמקעס פון אַ שייגעץ, ביי אונדז וועט ער ערשט ווערן גאָר אַן אַנטיק. ער וועט סלוזשען, אָנפּאַלן און וועט מיט דער צייט שטאַרק צונוץ קומען.

שינדער. למאַי נתן פּרעכמאַן, ער איז אויך זייער געראָטן, קען שטאַרק נוצן דער שטאָט. די שטאָט וואָלט פון אים געקענט האָבן טובות. פאַר וואָס זאָל די שטאָט נישט מחזיק זיין אַזאַ נוצלעכן מענטשן? ערשט היינט איז ער ביי מיר געוועזן און האָט שטאַרק מתרעם געוועזן אויף דער שטאָט.

שטאַנדהאַפּט. וואָס מיינט איר? מען האָט אים אפשר געדאַרפט טאַקע מחזיק זיין, ער האָט אַ געמבע, אַ פּיסק אויף שרויפן און קען אַמאָל זייער צונוץ קומען . . .

נתן. מסתמא וועט מען אים שוין אויך אין זינען האָבן, ער איז דאָך מיין פּרעכמאַן . . . מיר קענען שוין, דאַכט זיך, גיין, עס איז איצט ביי מיר פּונקט די צייט פון מיטיק.

שטאַנדהאַפּט. וואַרט נאָך אַביסל, ר' נתן, איך וועל גיין אייך געבן עטלעכע האָלענדער הערינגלעך פון די, וואָס געפעלן אייך, איר זייט דאָך אַ מבין אויף עסן. (ער גייט).

נתן (שטילערהייט צו שינדערן) איך מיין, מען זאָל שטאַנדהאַפּטן אָפּגעבן אין דער אַרענדע צו פּרעכמאַנען. שטאַנדהאַפּט, אומשטיינס געזאָגט, מוז דאָך אַ בלויז תמיד זיין ביי עמיצן אויף דער אַרענדע. זאָל אים זשע לכל־הפּחות פון היינט אָן האַלטן מיין פּרעכמאַן. עס וועט אין כמה אופנים זיין גוט, מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, מיט וואָס פאַר אַ מין מענטשעלע מיר האָבן צו טאָן. שטאַנדהאַפּט איז קלוג, מיר דאַרפן אָבער קליגער זיין. כע, כע, כע!

שטאַנדהאַפּט (קומט אַריין) נאָט אייך, ר' נתן, עטלעכע הערינג אין דעם פּאַפּיר, זיי וועלן אייך מאַכן אַ גוטן אַפּעטיט.

נתן. אַ שיינעם דאַנק אייך. איך האָב ברוך השם תמיד אַ גוטן אַפּעטיט (ער נעמט די הערינג, געזעגנט זיך און נעמט מיט שינדערן).

פינפטער אַקט

דאָ ווערט פאַרגעשטעלט אַלע זאַכן, וואָס קומען פאָר בײַ די נײַע מיני בעלי־טאַקסעס. *)

ערשטע סצענע

ביי דעם שוחט אין שטוב, אין דער פרי. ווייבער, מיידלעך זיצן און פליקן אפ עופות איבער גרויסע ביטן. אויף דער ערד ליגן הינער, קאטשקעס, גענדז, אינ־דיקעס און שרייען מיט אלערליי קולות. עס איז א געשריי, א געשטופעריי, א געשעלטעריי.

(אייזיק זאאיקע קומט אן).

דער שוחט (האַלט אַ חלף אין דער האַנט) **פליקט! לאָזט נישט איבער קיין איין פעדער!**

ווייבער. מיר פליקן, עס זענען שוין פול די ביטן, נאַט זעט, זעט!

איין יידענע. נאַט אייך מיין האָן, ער איז אָפגעפליקט גלאַט ווי בערל פאַרכס קאָפּ!

צווייטע יידענע. נאַט אייך מיין הון, אָן אַ סימן פעדער!

דריטע יידענע. נאַט זעט ביי מיר! מיינע איז גלאַט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט!

---

*) אמר ר' מענדעלע. אין דעם אקט קומען פאר אזוי פיל זאכן און שרעקלעכע מעשות, אז איך האב געמוזט א סך איבערהיפן. ראשית, האב איך נישט געהאט אזוי פיל געלט דאס אלצדינג מיט א מאל אפצודרוקן, צווייטנס, האב איך טאקע נישט געוואלט ארויסגעבן א דיק ביכל, מחמת א ייד האט פיינט צו צאלן פאר א ביכל א סך געלט. ער האט איין מקח אי פאר א דינס, אי פאר א גראבס. איך בין מבטיח דעם עולם, אז ווי באלד איך וועל אפלייזן פאר דער דאזיקער מעשה, וועל איך איה"ש אפדרוקן אין א באַ־זונדער ביכל די אלע סצענעס, וואס איך האב איבערגעהיפערט.

פ ע ר ט ע   י י ד ע נ ע . נאַט קוילעט מיין קאַטשקע, איך האָב זי שוין אָפּגעפּליקט ! . . .

פ י נ פ ט ע   י י ד ע נ ע . נאַט אייך דעם הינטער־חלק פון מיין אינדיק !

ד ע ר   ש ו ח ט   (שרייט אויף אַ מיידל) דראַבקע, וואָס האָסטו איבערגעלאָזט אַ פלעדערוויש ! כאַפּט זי, די גנבטע, די הולטייקע, איך וועל דיר אויסרייסן די צעפּ, דראַבקע, גנבטע, גנבטע !

ד אָ ס   מ י י ד ל . פאַר וואָס פליקט שיינדל אייך נישט אָפּ די עופות ? פאַר וואָס איז שיינדל ביי אייך אַזאַ מיוחס ?

א י י ן   ק ע כ נ י ע . שיינדל איז אַ שיין מיידל !

צ ו ו י י ט ע   ק ע כ נ י ע . שאַ ! מען טאָר נישט אויסזאָגן פון דעם חדר !

א י י ז י ק   ז אַ א י ק ע   (שטופּט זיך דורך צווישן דעם עולם צום שוחט מיט אַ גרויסן גאַלגאַנסקען האָן אין דער האַנט) קוי—קוי—קוילעט מיר דעם האָן !

ד ע ר   ש ו ח ט   (קוקט אָן דעם האָן) מיין ליבער ייד, דעם האָן וועל איך אייך נישט שעכטן.

א י י ז י ק . פאַ—פאַ—פאַרוואָס דעם האָן נישט שעכטן ?

ד ע ר   ש ו ח ט . אַ שיינער ייד, כ׳לעבן, ער וויל עסן אַ גאַלגאַנסקען האָן, אַ טריפה האָן ! . . . אַ שיינער ייד, כ׳לעבן !

ו ו י י ב ע ר . טריפניאַק, טריפניאַק ! ער וויל עסן אַ טריפה האָן.

ד ע ר   ג אַ ל ג אַ נ ס ק ע ר   ה אָ ן . (קרייעט) קוקוריקו ! קוקוריקו !

א י י ז י ק . פאַר וואָס איז אַ גאַ—גאַ—גאַלגאַנסקער האָן טריפה ? ער קרייעט דען נישט ווי אַלע אַנדערע ?

ד ע ר   ש ו ח ט   (מיט מוסר) ווי שעמט זיך נישט אַ ייד צו בעטן, מען זאָל אים שעכטן אַ טריפהן האָן ? ! אַזאַ אַלטער ייד מיט אַ באָרד !

ו ו י י ב ע ר . דערנאָך זאָלן שטאַרבן אונדזערע קליינע קינדער פאַר זיינע חטאים, צוליב זיין טריפה קישקע !

א י י ז י ק . פאַ־פאַ־פאַר וואָס עסט מען אַזעלכע הינער אומעטום ? און פאַר וואָס האָט מען זיי געגעסן פ־פ־פריער טאַקע אויך דאָ ?

ד ע ר   ש ו ח ט   (מיט כעס) בראש פרעגט ער שאלות, די גאַנצע שטאָט מאַכט נישט קיין שאלות. אַז מען זאָגט, מען טאָר נישט, טאָר מען נישט. מסתמא טאָר מען נישט, וואָס פרעגט איר דאָ שאלות ? אַ חרפה, אַ בושה, כ׳לעבן, שעמט אייך אין אייער ווייטן האַלדז !

אייזיק (געלאַסן) אַז איך פאָ—פאָ—פאַרשטיי נישט, האָב איך מיך פיינט צו שעמען און פ—פ—פרעג.

דער שוחט (מיט יראת־שמים) אַזוי ? ! אַ שיינער ייד, כ׳לעבן, ער פרעגט ! . . . אָט, כ׳לעבן, לאָזט מיך צורו און גייט אייך, גייט ! איך האָב אָסור נישט קיין צייט מיט אייך דאָ צו טענהן. (ער ווענדט זיך צו די וויבער) פליקט, וויבער, פליקט !

(די וויבער לאָזן אַרויס אַ געלעכטער, אייזיק שטייט אַביסל און קוקט אָן דעם שוחט, די וויבער, די ביטן מיט פעדערן און גייט אַוועק מיט דעם האָן אין דער האַנט).

צווייטע סצענע

איין בית־המדרש, אין דער פרי, נאָך דעם דאַווגען. דער דיין זיצט אויבנאָן אין טלית און אויף דעם שטענדער פאַר אים איז אָפן אַ גרויסע גמרא. אייזיק זאַ־איקע שטייט אַנטקעגן דעם דיין. עטלעכע יידן דרייען זיך אַרום און דערקאַנטשען זיך דעם דאַווגען.

אייזיק . איך האָב מיך נישט געפוילט ! איך האָב פאַרזעצט מיין שבתדיקע קאַ־קאַ־קאַ־פּאַטקע און איך בין אַביסל געפאַרן, צו־פוס קיין לעמבערג און האָב געבראַכט פון די „מפרשי הים" כאַ־כאַ־כתוב וחתום, אַז די גאַ־גאַ־גאַלגאַנסקע הינער מעג מען עסן. זיי אַליין עסן אויך די הינער.

דער דיין . עס איז אָבער דאָ אַ דעה, אַז מען טאָר די הינער נישט עסן.

אייזיק . ס־ס־טייטש ! עסן אָפנים די ג־גאונים, די מפרשי הים און די גאַנצע וועלט יידן טריפות ? נאָר דאָס איז שוין אָן אַ ז־ז־ייט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַר וואָס האָט איר פ־פ־ריער נישט געהאַלטן פון דעם ? דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס, ווייזט מיר די דעה ! אָט זענען דאָ יי—יי—דן, וועלן זיי אויך זען.

די יידן . טאָקע באמת, רבי, דער ייד איז דאָך גערעכט : ווייזט אים די דעה.

דער דיין . זאָל ער קומען צו מיר אַהיים.

אייזיק . דאָס אייגענע האָב איך שוין פון אים געהערט אַמאָל פ—פ—פופציק, נאָך איידער איך בין געגאַנגען קיין לעמבערג, ער וויל מיך אַ—אַ—אָפנאַרן.

דער דיין (מיט אַ געשריי) תרבות ! דרך־ארץ.

די יידן. מסתמא, ר׳ ייד, אז דער דיין זאָגט, האָט ער אַ דעה.

אייזיק. עס פאַרשטייט זיך, ער האָט אַ דעה. דעם פּ—פּ—פּראָיעקטס דעה! אָט ווי אַזוי ביי יידן ווערט פּ—פּ—פּלוצלינג אַ מינהג!...

דער דיין. אפּיקורס! הערט נאַר, וואָס דער אפּיקורס זאָגט!

אייזיק. אָבער אָבי נישט קיין צ—צ—צבועק. איך האָב ליב דעם אמת און ש—ש—שווינדל נישט מיט דער תורה... אדרבה זאָ—זאָגט נאַר, איך וויל אייך עפּעס פרעגן: אויב די גאָ—גאָ—גאַלגאַנסקע הינער זענען טריפה, דאַרפן דאָך זייערע אייער אויך זיין טריפה, אַזוי ווי די אייער פון אַלע עופות טמאים, היינט פאַר וואָס זשע קויפן יידן אויף דעם מאַרק אייער סתם און קוקן גאָרנישט דערויף פון ווע—וועלכע מיני הינער זיי זענען? האָ, וואָ—וואָ—וואָס זאָגט איר דערצו? (ער באַרבעט זיך און נעמט אַרויס פון דער קעשענע עפּעס איינגעוויקלט אין אַ טיכל) אָט זענען הינערשע אייער? אדרבה דערקענט, וועלכע אייער זענען דאָ גאָ—גאָ—גאַלגאַנסקער? — אָט הערן י—יי—דן, איך גיי פון דאַנען נישט אַוועק ביז איך וועל ווי—ווי—סן אַן עק אַ סוף!

דער דיין (רייבט די וואָנצעס פאַר גריזאָטע) גייט שוין, גייט! איר וועט פון מיר היינט האָבן אַ קלאָרע תשובה. קומט צו מיר פאַר מנחה. בנאמנות, היינט וועט איר האָבן אַ תשובה.

אייזיק. נו, אַז אַ ייד שווערט אין שול נעבן אָרון־קודש, מ—מ—מוז מען גלויבן... איך וועל מיך נישט פּ—פּ—פוילן און קומען צו אייך פאַר מנחה. (ער גייט אַוועק).

דער דיין (מיט אַ קרעכץ צו זיך אַליין) היינט, ריבונו־של־עולם, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? ווי אַזוי איז מען דאָ יוצא פאַר ביידע צדדים? קיין פשרה, ווי איך זע, וועט דאָ נישט העלפן. ער וויל נישט קיין געלט... אָך ריבונו־של־עולם! וואָס טוט מען? (ער מאַכט צו די גמרא, לייגט צונויף דעם טלית און גייט אַרויס).

דריטע סצענע

(שטאָנדהאַפט מיט זיין כנופיא, דער דיין, מענדל דער גלעזער, ביי נתן שיפרה אין הויז)

פיאַווקין. הערט נייעס! אייזיק זאַאיקע גייט אַרום אין דער שטאָט מיט אַ קאָנטראַקט פון דער טאַקסע, און קלערט אויף דעם עולם ווי אַזוי מען באַרייסט זיי פראַטיווו דעם זאַקאָן!

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט. נישט אויסצוהאַלטן פון די ליידיקגייער, פון די קבצנים, פון די עזות־פּנימער.

פ ר ע כ מ אַ ן. וואָס הערט איר, שטאַנדהאַפּט, די עזות־פּנימער? (ער מאַכט אַ קולאַק) זעט איר, מיין איין קולאַק איז גענוג פאַר אַזאַ זאַ־איקע! אַמאָל האָב איך איינעם געגעבן אַ סטוסאַק, האָט ער זיך באַלד באַוואַשן מיט בלוט און איז טאַקע אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן אין באָלניצע. איך זאָג אייך, אין אַזאַ יידישע שטאָט ווי אונדזערע, העלפט נאָר אַ קולאַק... אויך מיר אַ זאַך זאַאיקע! אַזאַ דאַר יידל, נאָר הויט און ביין!

נ ת ן ש י פ ר ה ס. וואָס וויל דער זאַאיקע? אַלץ טאַקע מיט די הינער? — אַי, יידן, יידן, וואָס מען שטייט פון אייך אויס! זינט יידן זענען אַרויס פון מצרים, האָבן זיי אַלץ צו טאָן איבער דעם פלייש. מען הערט נישט מער שרייען נאָר פלייש און פלייש! קאַרג פאַר זיי עסקים מיט פלייש אויף דער וועלט, האָבן זיי זיך נאָך אָנגעגרייט אַ שור הבור אויף יענער וועלט. כע, כע, כע!

ש י נ ד ע ר. גאָט אַליין, כ'לעבן, וועט מיט זיי דאַרטן נישט אויס־קומען. איטלעכער וועט וועלן דעם חלק, וואָס מען גיט דעם אַנדערן. אָרע־מע לייט וועלן פאַרלאַנגען גאָלע פלייש אָן ביינער, הכלל, מען וועט זיך בלאָזן, מען וועט שרייען, אַקוראַט ווי דער ערב רב! (די טיר עפנט זיך אויף און דער דיין קומט אַריין).

ד ע ר ד י י ן. גוט, רבותי, וואָס איר אַלע זייט דאָ! וואָס טוט מען מיט דעם זאַאיקע? ער לאָזט דאָך מיך נישט אָטעמען, אַלץ מכוח די גאַלגאַנסקע הינער, פאַר וואָס האָט מען זיי דאָ געאַסרט? איך האָב אים אַלץ מדחה געווען און געצויגן ביז עס איז נאָר מעגלעך געוועזן.

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט. נו יישר כוח! ציט אים טאַקע נאָך ווייטער אָפּ, דאָס איז שוין אייער זאַך, איר וועט שוין וויסן ווי אַזוי.

ד ע ר ד י י ן. גאָט איז יודע דעם אמת. איך האָב געטאָן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געוועזן. איך האָב זיך געמוטשעט טריפה מאַכן העוף הזה בק"ן טעמים און האָב מיך אין איין שאלת תשובה אַזוי צעלאָזט מיט פילפול, ביז עס איז אויסגעקומען, אַז אַ גאַלגאַנסקער האָן איז גאָר אַ מין אָדלער!... נאָר דער זאַאיקע אָבער האָט זיך נישט געפוילט און האָט געבראַכט פון די „מפרשי הים" כתוב וחתום, אַז די הינער מעג מען עסן, זיי אַליין עסן זיי אויך. אַנטקעגן אַזעלכע גאונים, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, העלפן נישט מער אַלע תנועות. איצט זאָגט מיר, רבותי, וואָס זאָל

איך נעבעך טאָן? איך האָב געשוואָרן, בהן שלי, אַז היינט פאַר מנחה זאָל איך געבן זאַאיקען אַ קלאָרע תשובה. זייט זיך טאַקע באַלד מיישב און גיט עפּעס אַן עצה.

נ ת ן (נאָכדעם אַז ער האָט אַביסל געטראַכט) עס איז דאָ אַ גוטע עצה! אין ברירה, זאָל מען זיך שעכטן די הינער, נאָר באופן זה, אַז איר, רבי, זאָלט מזהיר זיין די שוחטים, פאַרשטייט איר, אַז זיי זאָלן איטלעכן, וואָס קוילעט אַזעלכע הינער, זאָגן בזה הלשון: „מיר שעכטן אייך דאָס עוף, וואָס זאָלן מיר טאָן? נאָר די עבירה נעמען מיר נישט איבער אונדז". אויב דער וואָס קוילעט איז אַ בעל־שמחה, זאָלן די שוחטים דערפון מעלדן עטלעכע געוויסע אונדזערע מענטשעלעך, וועלן זיי אויף דער שמחה נישט וועלן עסן. ר׳ איצע וואָלף וועט אויך גאָר נישט וועלן פאַרזוכן אויף דער שמחה, היינט פאַרשטייט איר, וואָס דערפון קען זיין? כע, כע, כע! איך קען מיינע יידן.

ד י כ נ ו פ י א. מיר פאַרשטייען עס זייער גוט. אויף אַזאַ עצה קען טאַקע נאָר פאַלן אַ בורר!

ד ע ר ד י י ן. געלויבט איז השם־יתברך! איצט מעג איך מיר שוין אַפּנים גיין! אַ גוטן טאָג! (ער גייט אַרויס).

ש ט אָ נ ד ה אָ פ ט. ר׳ נתן, מיט דעם זאַאיקע האָט מען געדאַרפט לערנען בלק!

פ ר ע כ מ אַ ן. ער איז געוואָרן צו אַ גרויסער עזות־פּנים. ווער איז ער אַזוינס?

נ ת ן. בע . . . מסתמא וועט מען אים אויך פאַרטראַכטן. וואָס הערט די שטאָט אַזאַ זאַאיקע? כע, כע, כע! פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר. איך האָב אים שוין אין זינען. — מען דאַרף איצט בעסער שמועסן מכוח די וויבאָרעס און מכוח דער דומע, זי זאָל זיך חלילה נישט אַרויס־גליטשן פון אונדזערע הענט. מען דאַרף טראַכטן באַציייטנס אַריינצוזעצן דאָרטן אַ גלאָסנע פון אונדזערע מענטשן . . . וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי מרה־שחורהדיק, ר׳ איצע וואָלף? וואָס שווייגט איר?

ס פּ אָ ד י ק (מיט אַ קרעכץ) עס איז היינט נישט מיינע זיבן יאָר! עס איז בעוונותינו הרבים אין היינטיקן דור נתרבה געוואָרן אַזוי פיל הול־טאַיעס, אַזוי פיל עזות־פּנימער, אַז מען מוז אַמאָל זיצן און שווייגן. ס׳טייטש, האָט מען דאָס אַמאָל געהערט אָדער געזען? אַלץ וואָס די שטאָט האָט געטאָן איז געוועזן געטאָן . . . און היינט, אָך ווי איז מיר! די האָר שטעלן זיך פּשוט — קאַפּויר. עס איז היינט טאַקע נאָר משיח־צייט!

פ ר ע כ מ אַ ן . טאַקע שוין זייער פיל עזות־פּנימער אין דער שטאָט. נישטאָ די אַמאָליקע יאָרן!

פּ י אַ ו ו ק י ן (צו זיך אַליין אָן דער זייט) מיר דאַכט זיך, אַז האַלטן הײַנט שטאַנדהאַפטן אויף דער אַרענדע, איז אַ סך בעסער, ווי צו זיין אַ משרת אין אַן אַכסניא . . .

ש י נ ד ע ר . אַ רחמנות, כ׳לעבן, אויף דער שטאָט! דערוויילן ליידט נעבעך די שטאָט, מען בעזפּאָקאָיעט זי מיט דאָנאָסן! באמת טאַקע האָט מען געדאַרפט טראַכטן מכוח דער דומע.

ס פּ אַ ד י ק . מײַן עצה וואָלט געווען, מען זאָל דאָרטן אַרײַנזעצן פּיאַווקינען פּאַר אַ גלאָסנע. פאַרשטייט איר?

ד י כ נ ו פ י א . מיר פאַרשטייען, מיר פאַרשטייען, פאַר וואָס זאָלן מיר נישט פאַרשטיין?

פּ י אַ ו ו ק י ן (מיט עניוות) ווייניק שרייען אויף מיר די הול־טאַיעס, וואָס איך בין אַ פּאָוויערענע? ווער־זשע וועט מיך נעבעך ווילן נאָך פאַר גלאָסנע?

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט און ס פּ אַ ד י ק (ביידע אינאיינעם) עט, נאַרישקייט! ווער וועט דען צולאָזן די הולטאַיעס צו אַ וויבאָר? ווער זענען די עמי־הארצים, די בעלי־מלאכות, די דראָבעס, די קבצנים? איר מיינט אין אמת, אַז עס איז הפקר די וועלט? מיר האָבן די דעה! . . . מיר וועלן מאַכן אַ הונדערט איזביראַטעליעס פאַ פּריגאָוואָרו פון אונדזערע לייט. שרײַבט אָן, ר׳ ראובן, איצט טאַקע דעם פּריגאָוואָר. גייט דערנאָך אַרײַן אין קהל־שטיבל, און חתימות וועט איר באַקומען פּאַרטיקע . . . מער קיין דאגות זאָלט איר נישט האָבן! אָט אַזוי וועט עס זײַן געשווינד און גוט.

פ ר ע כ מ אַ ן . איר האָט געהערט? דער גובערנאַטאָר דאַרף די טעג אַהער קומען. מען דאַרף נייטיק באַוואָרענען, אַז די עזות־פּנימער זאָלן אים חלילה נישט געבן קיין פּראָשעניעס, דער גובערנאַטאָר, זאָגט מען, איז זייער אַ סטראָגער, קוקט אַלצדינג מיט זײַנע אויגן. מען דאַרף פאַרהיטן, די עזות־פּנימער זאָלן צו אים נישט האָבן קיין דריסת הרגל.

פּ י אַ ו ו ק י ן . דאָס איז שוין אונדזער עסק. מיר האָבן שוין דער־צו תמיד תחבולות . . . פאַרזאָרגט בעסער זאַאיקען. איך זאָג אייך, ער איז אַ פײַער, ער דאָקאָפּאַיעט זיך גאַנץ ווייט. ער גייט אָפּט צו שלמה וועקער.

נ ת ן (מיט אַ קרעכץ) אָך, דער שלמה וועקער, דער וועקער! ער איז מיר ווי אַ ביין אין האַלדז. ווען ער דערזעט מיך פאַרנדיק אויף מײַן

דראָזשקע מיט די פערד, וואָס איך האָב מיר געקויפט בשעת איך בין אַריינ־געטראָטן אין דער טאַקסע, גיט ער אויף מיר אַ קוק עפּעס מיט אַזוי אַ פּאָר אויגן, מיט אַזוי אַ שטעכעדיקן שמייכעלע, אַז עס ווערט מיר קאַלט אין בויך! האָט מיר נישט קיין פאַריבל, פּאַני שטאַנדהאַפּט, איר האָט פריער נישט פאַרשטאַנען וועקערן, מיר האָבן אים צו פאַרדאַנקען אַ סך פון אונד־זערע צרות. איך האָב מורא, ער זאָל אונדז חלילה אַמאָל נישט אָנרייבן אַ מאָרדע!

ש י נ ד ע ר. ווער? ער אַ מאָרדע? עט, כ׳לעבן! ער איז דאָך אַ דייטשל? דאַרף מען אים אַביסל פאַרשמוצן ביי דעם עולם, אַז ער איז אַן אַפּיקורס און אָפּזאָגן זיי אויף אים עפּעס אַ סליחה. וועט מען אים שוין פיינט האָבן, ווי אַ שפּין, איך קען יידן...

ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט (מיט כעס) דער וועקער שטייט מיר אויך שוין אין דער גרגרת! צוואָנציק טויזנט רובל זאָל מיך קאָסטן מוז איך אים פאַרשיקן. ער טויג מיר כלל דאָ נישט אין דער שטאָט!...

פּ ר ע כ מ אַ ן. ערגערט זיך נישט אַזוי, שטאַנדהאַפּט! וואָס הערט איר אַזוי איין וועקער? וואָס הערט איר, די שטאָט, אַזוי אַן עזות־פּנים?...

(מענדל דער גלעזער קומט אַריין).

מ ע נ ד ל ד ע ר ג ע ל ע ר (שטיל צו נתן שיפּרהס) איך האָב אים געבראַכט. עס וועט גיין!

נ ת ן. גיי זאָג אים, ער זאָל אַביסל אויסוואַרטן, ביז איך וועל מיך דאָ אָפּפּאַרטיקן. (מענדל גייט אַרויס).

ד י כ נ ו פ י א. מיר קענען שוין גיין. האָט נאָר, ר׳ נתן, אין זינען זאַאיקען.

נ ת ן. זאָרגט נישט, דאָס איז שוין מיין עסק. פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר! (די כנופיא צעגייט זיך).

פערטע סצענע

(נתן שיפּרהס, דערנאָך מענדל דער גלעזער און אברהמל גרינפּאַן)

נ ת ן (צו זיך אַליין) וואָס פאַר אַ טרוס דער שטאַנדהאַפּט איז! קוים דערהערט ער דאָס וואָרט פּראַשעניע, אָדער גובערנאַטאָר, ציטערט אים שוין דאָס הייטל, עס ווערט אים בלוי אונטער די זעבּרעס! צוואָנציק טויזנט

רובל, זאָגט ער, זאָל אים קאָסטן, אַבי פאַרשיקן וועקערן. עס, איך מיין, אַפילו מער ווען אויך נישט העלפן! וועקער איז באַקאַנט פאַר אַן ערלעכן מאַן, די וועלט קען אים אַ סך מער ווי שטאַנדהאַפטן. ער האָט אַ גוטן שם. איך אַליין, כ׳לעבן, שעץ וועקערן און האָב תמיד ליב געהאַט מיט אים זיך אונטערהאַלטן איבער וועלט־זאַכן. איך אַכט אים אַפילו היינט אויך אין האַרצן. נאָר אַך, וואָס פּרנסה איז! זינט איך האָב מיך איבערגעגעבן דער טאַקסע, מוז איך אים באַטראַכטן פאַר אַ שונא, וואָרום ער איז דאָך נעבעך טאַקע אַ מבין אויף די אַלע זאַכן און זוכט דעם אמת . . . האָב איך דען אַליין טאַקע נישט געהאַלטן אַמאָל מיט אים? האָב איך דען אַליין נישט אויסגערעכנט אָסור לדבר אויף שטאַנדהאַפטן מיט דער גאַנצער כנופיא, אַז זיי זענען אַן אומגליק פאַר דער שטאָט, פאַר אַ וועלט יידן? אָך וואָס פּרנסה איז! (מענדעלע דער געלער און אַבֿרהמל גרינפּאַן קומען אַריין).

א ב ר ה מ ל. מיין גאַנצע האָפענונג איז פריער אויף גאָט, דערנאָך אויף אייך, ר׳ נתן. עס איז מיר היינט שלעכט די צייט, און די שטעלע וואָלט פאַר מיר געווען גוט.

נ ת ן. עס וועט אייך גאָר נישט העלפן, ר׳ אברהמל, שטאָט וועט אייך אַנדערש נישט מאַכן פאַר טאַרגאָוואַי דעפּוטאַט, ביז איר וועט טאַקע באַלד פאַר זאָרגן קומען אַהער געבן דאָס בלאַנקע וועקסל!

א ב ר ה מ ל. אַז איך האָב איין מאָל געזאָגט, איך וועל געבן, וועל איך מסתמא געבן.

מ ע נ ד ל. אָבער איך האָב אַ חוש הריח! איך האָב אָנגעשמעקט, אַז דער בחור האָט אויף אים אַ וועקסל. צום גליק דאַרף זיך גראַד ביי ר׳ אברהמלען פאַרוואַלגערן אויף זאַאיקען נישט קיין אויסגעפּילטער וועקסל. אפשר נאָך פון כמעלניצקעס צייטן!

נ ת ן. נו, צעגאַרטלט אייך, מיין ליבער ר׳ אברהמל, און אַרויס מיט דעם וועקסל! מאַכט נישט קיין שיהות.

א ב ר ה מ ל (האַלט די האַנט אין דער בוזעם־קעשענע און קווינקלט זיך אַבֿיסל) ווייס איך? כ׳לעבן, עס איז מיר אַביסל פּריקרע! דער זאַ־איקע האָט מיר אייגנטלעך אָפּגעצאָלט אינגאַנצן, נאָר ווייל עס איז אַמאָל צווישן אונדז געווען אַ סיכסוך איבער עטלעכע קערבלעך פּראָצענט, איז דערווייל ביי מיר געבליבן זיין נישט אויסגעפּילטער וועקסל.

נ ת ן. מען צווינגט אייך חלילה נישט. קיין בת־ישראל גויט מען נישט. נאָר איך זאָג אייך, אַז די שטאָט וועט אייך אַנדערש נישט מאַכן פאַר קיין דעפּוטאַט.

מ ע נ ד ל. איך בין אייך מקנא, ר׳ אברהמל, די מצווה, וואָס איר וועט האָבן, עפּעס אַ קאַטאָוועס אַ טובה צו טאָן אַ שטאָט! עפּעס אַ שפּאָס אָנצולערנען אַ שייגעץ! אַ גרויסע מצווה, כ׳לעבן... יהי חלקי עמך!

א ב ר ה מ ל (קווענקלט זיך אַלץ) ווייס איך?... עפּעס פּריקרע!

מ ע נ ד ל (רעדט אַלץ אַבֿרהמלען ווייטער צו) היינט טאַקע חוץ דער גרויסער מצווה, וועט איר נאָך זיין דעפּוטאַט! איר וועט האָבן אַ גוטע פּרנסה אין די הענט. עס שטייט געשריבן: יש קונה עולמו בשעה אחת, און איר, ר׳ אברהמל, זייט קונה ביידע וועלטן: די וועלט, איר וועט דאָך האָבן ברויט מיט דעם פולן מויל, און טאַקע אויך יענע וועלט, עפּעס אַ שפּילכל אַזאַ מצווה!...

נ ת ן. וואָס דאַרפסטסטו אים אַזוי צורעדן? עס איז גאָר נישט אַזאַ וואַזשנע זאַך. עס וועט זיך געפינען אַן אַנדערער.

א ב ר ה מ ל. האַ? נו, נו, איך גיב דעם וועקסל, איך גיב!

מ ע נ ד ל. אָט אַזוי רעדט! וואָס מאַכט איר דאָ חן? אַ שיינער משא־ומתן וואָלט פאַר מיר געווען, ווען איטלעכער זאָל מאַכן אַזוי פיל חן! פון וואַנען זשע וואָלט איך געלעבט...

נ ת ן. גענוג שוין צו פּלוידערן, מענדל! דו האָסט זיך שוין צע־רעדט, האַ? (צו אברהמלען) נו, גיכער, ווי האַלט איך דאָ מיט אייך?

א ב ר ה מ ל (כאַפּט אַרויס פון דער קעשענע דאָס וועקסל און גיט עס אַ וואַרף אויף דעם טיש סאַמע פאַר נתנס נאָז) נאָט! אָט האָט איר וואָס איר ווילט!

נ ת ן (נעמט און באַטראַכט דאָס וועקסל מיט אַ שמייכעלע) דערפאַר, כע, כע, כע! וועט איר אם ירצה השם האָבן דאָס, וואָס איר ווילט!

א ב ר ה מ ל. אָבער זיכער?

נ ת ן. גייט אַהיים צום ווייב, הייסט מאַכן קרעפּלעך און זייט רו־איק!

מ ע נ ד ל. איך פּאַזדראַווע אייך שוין אַפּילו. (ער שטעלט אויף צוויי פינגער לעבן שטערן און פאַרבויגט זיך).

א ב ר ה מ ל. איך פאַרלאָז מיך פריער אויף גאָט, דערנאָך אויף אייך, ר׳ נתן! (ער גיט אַ קוק מיט אַ רחמנות־פּנים אויף נתן שיפּרהס און גייט אַרויס).

נ ת ן. נו, מענדל, היינט נאַ דיר דאָס וועקסל. פיל עס אויף ק״ן קערבלעך, טאַקע אויף דיין נאָמען און גיב עס אָן. דו וועסט שוין דאָ מסתמא נישט דערלייגן.

מ ע נ ד ל. מיין באָבעס ירושה דערלייג איך קיין מאָל נישט. איך

פרעג אייך נאָר: וואָס וועט עס דער שטאָט העלפן? זאַאיקע האָט דאָך אַ הויז, וועט מען אין שלעכטן פאַל איזיסקעווען די ק״ן קערבלעך פון דעם הויז. זאַאיקע וועט זיין פריי און וועט טאַקע אַלץ בעזפּאָקאָיען די שטאָט!

נ ת ן (מיט אַ שמייכעלע) זאַאיקע וועט שוין, כ'לעבן, זיצן. כע, כע, כע! דער טאָטער אַפילו וועט אויך נישט העלפן! דאָס איז שוין מיין עסק. גיי נאָר, גיי, טו דיין זאַך!

מ ע נ ד ל . איך וועל זיך מיר געשעפטיקן איבער אַ לעקער. איך וועל דאַרטן איינעם געבן אַ לעקער, וועט די זאַך גיכער צוגיין. אַ לעקער פועלט תמיד . . . (ער פאַרבויגט זיך צוויי פינגער לעבן שטערן, ווי אַ סאָל־דאַט, און גייט אַרויס).

נ ת ן (קוקט נאָך מענדלען) אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ שייגעץ דו ביזט! (ער גיט אַ שמייכל) נו, האָבן מיר שוין מיט גאָטס הילף ר. אייזיק זאַאיקע אויך פאַרזאָרגט. איצט דאַרף מען עסן מיטיק! (ער גייט אַריין אין צווייטן חדר).

פינפטע סצענע

א קליין שטיבעלע· ד׳ על ד׳. ש ל מ ה ו ו ע ק ע ר זיצט פארטאג צעשוי־בערט און פארזארגט נעבן א טישל, וואס אויף אים געפינען זיך ספרים, א טינ־טער, פענעס און פאפיר. אין א ווינקל שטייען ווענטלעך, פון דארטן זעט זיך ארויס א בעט, וואס דארטן שלאפן זיין ווייב מיט די קינדער. — טויבע־לאה און אן ארעמע יידענע.

ו ו ע ק ע ר . דער חשבון איז פאַרטיק. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט! לויט די סוויעדעניעס, לויט זיי אַפילו זאָגן, פאַלט אין גלופסק אַריין צדקה־געלט פון פאַרשיידענע חברות עפּעס גאָר אַ סך טויזנטער אַ יאָר! פון חברה אלמנות ויתומים אַליין 9,000 (נאָך אַנ־דערע 5,000) קערבלעך אַ יאָר. היינט וואו איז נאָך חברות? היינט עולמות־געלט! אַ קלייניקייט עפּעס איז ביז אַהער אַריינגעפאַלן! און וויפיל וועלן נאָך אַריינפאַלן? וואו זענען אַזוי פיל געלט? ווער ווייסט, וואו זיי קומען אַהין און צו וואָס זיי ווערן פאַרברויכט? וואו חשבון, וועץ חשבון?! אַך, וואָס האָט מען דאָ נישט געקאָנט מאַכן מיט אַזוי פיל געלט! וויפיל אָרעמע, וויפיל אומגליקלעכע וואָלט מען געקאָנט מיט דעם העלפן! וואָס זאָג איך? עס וואָלט דען גאָר געווען אַזוי פיל אָרעמע, אַזוי פיל

אומגליקלעכע נעבעך ? עס וואָלט דען געדאַרפט זיין אַזוי פיל ליידנדע, אַזוי פיל קראַנקלעכע, אַזוי פיל הונגעריקע, פאַרוואָגלטע, פאַרפינצטערטע, פאַרוויסטע, נעבעך (ער שטייט אויף און גייט איבער דער שטוב, פאַרלייגט די הענט) אַך, דאָס האַרץ בלוטיקט קוקנדיק! גאָט ווייסט ווי אַזוי עס מאַכט זיך אין מיר איבער דאָס בלוט, ווי אַזוי עס שפּרינגט מיר די גאַל צוצונען אַזוי אַן עלנט, אַזעלכע פינצטערע פּאַריאַדקעס מיט אַזעלכע ביטערע צרות ! גאָט ווייסט, אַז נישט איין מאָל זענען מיינע אויגן פייכט פון טרערן, איך וויין שטילערהייט (ער ווישט זיך די אויגן). אָבער וואָס זאָל מען טאָן ? דער יידישער גלות איז שטאַרק, נאָך שטאַרקער פון אייזן, וואָס קען איין מענטש טאָן ? —.איך האָב געפּרואווט מאַכן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו העלפן נויטבאַדערפטיקע, איך האָב זיך געקליאַנעט פאַר די היגע שטאָט־פירער, איך האָב זיך אונטערגעלייגט שטאַנדהאַפטן, לֿמאַי זאָל איך לייקענען, איך האָב אים געשמייכלט, געליבט : ער איז אַ גוטער, אַ געבילדעטער, אַ גרויסער בעל־צדקה. איך האָב אים צוגעשריבן מיין מי און אים מוחל געווען דעם כבוד . . . מיין כוונה איז געווען זייער אַ גוטע, טאָמער וועל איך אים דורך דעם טאָקע באַוועגן צום גוטן, וועט דאָך באמת אַרויס־קומען אַ גרויסע טובה, מחמת ער איז רייך און האָט אין דער שטאָט אַ גרויסע דעה. נישט איינמאָל האָב איך אים געאָפּפערט מיין צייט, נישט איינמאָל האָב איך אָוועקגעוואָרפן אין דער היים אַלצדינג און בין געגאַנגען צו שטאַנדהאַפטן אָנטאָן אים כבוד און ממלא זיין זיין רצון. אָבער אַך, אַלץ אומזיסט ! שטאַנדהאַפט איז פון דער יוגנט אָן פאַרפירט. אַ שאָד, ער האָט גילדערנע פייאיקייטן, טייערע מעלות, נאָר שלעכטע מענטשן האָבן אים פאַרפירט . . . (ער עפנט אַ לאַדן און גיט אַ קוק אין פענצטער) אַ, עס איז שוין טאָג, אין דרויסן קאַפּעט אַ קאַלט אָסיענדיק רעגנדל און אין שטוב איז נאָך ביי מיר נישטאָ קיין שייטל האָלץ . . . (די טיר עפנט זיך אויף און אין שטוב לויפט אַריין טויבע לאה, זאַאיקעס וויב).

טויבע לאה (מיט אַ געוויין) מען האָט איינגעזעצט אייזיקן ! זיי האָבן איינגעזעצט מיין אייזיקן ! זיי האָבן אויף אים אויסגעפּילט אַ וועקסל ! זיי וועלן אים דאַרטן דערשטיקן . . . גוואַלד, אייזיק, מיין אייזיק !

וועקער (זייער גערירט) געוואַלד, וואָס שוויגסטו גאָט ! !

טויבע לאה. אייזיק האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל געשווינד גיין צו אייך, איך זאָל אייך דערציילן. געוואַלד, האָט רחמנות, זיי וועלן אים דאַרטן דערשטיקן ! האָט רחמנות אויף מיינע קינדער, זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו עסן, געוואַלד ראַטעוועט !

ו ו ע ק ע ר (שטאַרק צעמישט) גאָט אייך צען גראָשן און קויפט אַ שטריק!

ט ו י ב ע ל א ה. וואָס זאָגט איר? פאַני וועקער, וואָס רעדט איר?

ו ו ע ק ע ר. קויפט אַ שטריק! זאָג איך, עס קומט אונדז איצט אויס טאַקע זיך נאָר אַ מעשה אָנצוטאָן! בעסער דעם טויט איידער צו זען אַזעלכע צרות, איידער צו ליידן פון דעם שווערן יידישן גלות!...

ט ו י ב ע ל א ה (וויינט אויף אַ קול ווי איבער אַ טויטן) אַז אָך און וויי און ווינד איז מיר, פינצטער איז מיין וועלט, נישטאָ אייזיק!...

ו ו ע ק ע ר (מיט גרויס רחמנות) וויינט נישט, טויבע לאה! גלויבט מיר, וואָס עס וועט וועט נאָר מעגלעך זיין, וועל איך טאָן. נישקשה, וויינט נישט! גייט, זאָגט אייער מאַן, איך וועל טאָן אַלצדינג, וואָס איך וועל נאָר קענען.

ט ו י ב ע ל א ה. איך פאַרלאָז מיך נאָר אויף אייך; גאָט זאָל אייך באַצאָלן פאַר אייער גוטסקייט (זי גייט אַרויס מיט אַ געוויין און אַן אָרעמע יידענע קומט אַריין).

ד י י י ד ע נ ע. אַך, דערבאַרעמט אייך, האָט רחמנות! איין קינד איז ערשט ביי מיר געשטאָרבן פון צרות, היינטיקע נאַכט איז איינגעפאַלן מיין מאַן, מען האָט אים קוים דערראַטעוועט, ער ליגט איצט ווי אַ טויטער, אין שטוב איז נישטאָ, איר זאָלט זאָגן, אַפילו אַ ברעקל ברויט, דאָס גאַנצע עסן אונדזערס איז עטלעכע קאַרטאָפל פרי און אויף דער נאַכט. אַ ריבונו של עולם, מיר זאָלן אַזוי נישט ווייסן קרענק, ווי מיר ווייסן נישט דעם טעם פון פלייש, מיר דאַרבן, מיר גייען שטילערהייט אויס ווי ליכט, די כוחות וועלן אונדז אַזוי אויסגיין פאַר הונגער, פאַר נעץ און פאַר קעלט! אַ, האָט רחמנות, לאָזט מיך נישט פאַלן! איין מאָל האָט איר שוין מיין מאַן גער האָלפן, האָט נאָך אַמאָל רחמנות אויף אים און אויף מיר מיט מיינע נאַקעטע הונגעריקע קינדערלעך, מיר זאָלן חלילה נישט אויסגיין! (זי וויינט אויף אַ קול).

ו ו ע ק ע ר (מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ) וואָס אַמאָל איז געווען איז שוין היינט נישטאָ! די קליינע חברה, וואָס איך האָב אַמאָל מיט שווערער מי געבראַכט צו שטיצן בויטבאַדערפטיקע, איז שוין מער נישטאָ! גאָט ווייס, ווי אַזוי איך וואָלט אייך געוואָלט העלפן. נאָר אַך, וואָס אַמאָל איז געווען, איז שוין היינט נישטאָ, אויס, מער נישטאָ!

די יידענע (ברעכט די הענט) הײנט וואוהין זאָל איך שלימ־מזלדיקע גײן? צו וועמען זאָל איך מיך קערן און ווענדן?

וועקער. גײט צו די נגידים! גײט צו די בעלי־טובות!

די יידענע. אַ, שיקט מיך בעסער אין דער ערד אַרײן! בע־סער זיך אין וואַסער אַרײנצוואַרפן אײדער גײן צו די בעלי־טובות! מען קען דען אַפּנים צוטרעטן צו זײ? אַז מען גײט זיך שוין גוט אַפּ די פיס און מען איז זוכה זײ צו דערטאַפּן אויף אַ מינוט, קוקן זײ אַן קרום, לאָזן נישט אויסרעדן קײן וואָרט און שרײען מיט כעס: וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן? גײט אײך! וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן? — אוי אויף מײן מעמד זאָלן זײ איבערקומען! אוי, ווי קומט מען אַזוי אַהײם?! די קינדער זענען הונגעריק, אין שטוב איז נאַס און קאַלט, קײן שײטל האָלץ איז נישטאָ. פון דער סטעליע קאַפּעט, דער מאַן ליגט שלאָף. ער פלעגט נעבעך דאַרן, קוואַרן, הונגערן שטילערהײט. (זי ווײנט ווײטער) ער פלעגט נעבעך דאַרן, און מאַכן אַ פרײלעך פּנים, מען זאָל דאָס נישט אַרויסזען!.. קײן לעפל געקעכץ, קײן שטיקל פלײש איז שוין אַ לאַנגע צײט אין זײן מויל נישט געקומען. אַ שבת, אַ יום־טוב, אַז מען האָט שוין אַמאָל געקאָכט דאָס פּיצל לונגען־לעבער, פלעגט ער עס די קינדער אָוועקגעבן, דעם לעצטן, דעם בעסטן ביסן די קינדער אָוועקגעבן?... ער איז נעבעך געבליבן אָן כּו־חות, ער איז נעבעך שלאָף פאַר הונגער, פאַר צרות! אוי, וואָס טוט מען? ווי קומט מען ליידיק אַהײם? עס קומט מיר נאָך זיך אין וואַסער אַרײנ־צוואַרפן? (זי וויל גײן).

וועקער (שטאַרק גערירט) וואַרט, זײט מוחל, וואַרט! (ער זוכט אין קעשענע און געפינט נישט, ער זוכט אין טיש־קעסטל, געפינט אויך גאָרנישט, ער גײט צו צום ווײבס בעט, נעמט אַרויס פון איר קעשענע און קערט זיך צוריק) נאַט אײך! וועט איר קויפן פאַר אײער מאַן אַ הון. אָט דאָס האָט איר אויף אַ הון. און דאָס אויף שחיטה־געלט.

די יידענע. שחיטה־געלט איז הײנט דאָפּלט טײערער... גאָט זאָל אײך געבן געזונט און לעבן איר זאָלט נישט דאַרפן צו קײן מענטשנס גאָב! (זי גײט אָוועק).

וועקער (דיער אויפגעבראַכט, חזרט איבער דער יידענעס ווערטער) „זײ שרײען מיט כעס, וואָס ווילט איר פון אונדז האָבן?" נאַראָנים! דאָס איז דאָך אײערע שאָף! אײערע שעפעלעך, וואָס איר שערט זײ, זענען צו אײך געקומען, אײערע שעפעלעך, וואָס טראָגן אײך אַזוי פיל אײן! זײט־זשע נישט קײן נאַראָנים, פאַרמאַרעט נישט אײער סטאַדע! וואַרפט זײ

אַמאָל אונטער אַביסל היי, טאַקע פון אייער טובה וועגן, כדי עס זאָל דער־נאָך זיין וואָס צו שערן ! (ער גיט אַ טופּ מיט דעם פוס אין דער פּאָדלאָגע) ניין ! די גאַל ווערט צעזעצט, מען קען זיך שוין נישט מער איינהאַלטן ! פאַרפלוכט זאָל זיין דער וואָס זעט אַזעלכע עוולות און שווייגט ! פאַר־פלוכט זאָל זיין דער וואָס איז אַ טרוס, וואָס האָט מורא צו זאָגן דעם אמת! פאַרפלוכט זאָל זיין דער וואָס פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די יללות און דאָס קרעכצן פון די אומגליקלעכע, פון באַליידיקטע און נויטבאַ־דערפטיקע. פאַרפלוכט, פאַרשאָלטן אַלע, וואָס פאַרקויפן זייערע סאָוועסט, זייער געוויסן, אַלע וואָס זענען אימשטאַנד צו העלפן מיט אַ וואָרט, מיט דער פען און שטייען פון ווייטן, טאָמער וועט זיי חלילה עפּעס דאָס מינ־דעסטע שאַטן ? . . . וואָס זאָל איך מיך באַהאַלטן ? איך האָב אַ האַרץ, איך האָב געפיל, איך קען זיך נישט מער איינהאַלטן. איך קען נישט שווייגן ! איך מוז גיין אַרויסזאָגן דעם אמת גאַנץ פריי, זאָל כאָטשע די וועלט וויסן !

זעקסטע סצענע

(שלמה וועקער טוט זיך אָן אויף אַרויסצוגיין אין גאַס. בתיה קומט אַרויס פון אונטער די ווענטלעך)

בתיה. וואָס טראַכסטו זיך, שלמה ? דו האָסט היינטיקע נאַכט ווידער נישט געשלאָפן !

וועקער (מיט אַ פאַרביטערט האַרץ) אין דער שטאָט זענען דאָ זייער פיל גנבים. עס איז געפערלעך צו שלאָפן ! . . . פאַרשטייסטו מיך, בתיה ?

בתיה (מיט האַרץ) דאָס פאַרשטיין קאָסט מיר גענוג רבי־געלט ! פון וואַנען נעמען זיך אונדזערע צרות, ווען נישט פון דעם, וואָס דיר ליגט אַלץ אין זינען די שטאָט ! געוואַלד, שלמה, וואָס גערערט זיך מיט דיר אַן פרעמדע זאַכן ? האָב בעסער דיך אין זינען !

וועקער. אָט דאָס איז דאָך טאַקע די גאַנצע צרה ביי אונדזערע יידן, וואָס איטלעכער האָט נאָר זיך אין זינען. די גאַנצע וועלט מעג אונ־טערגיין, אַבי ער זאָל בלייבן . . .

ב ת י ה (מיט אַ וויינענדיק קול) דערווייל קויפסטו דיר נאָר שונאים, דערווייל מוטשעסטו זיך, ווערסט פאַרשוואַרצט און מען לאָזט דיך ערגעץ נישט אויפקומען . . . אוי, קוק זיך נאָר אָן, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט ! דו ביסט געוואָרן אַ תּל !

וו ע ק ע ר (געריִרט) וויין, כ׳לעבן, נישט, מיין האַרץ, גאָט איז מיט דעם געדעכטן. נישט תּמיד וועלן מיר זיין אין גלות ביי די פאַלשע מענטשן.

ב ת י ה . באַטראַכט זיך נאָר. זיי זענען רייך, זיי האָבן מיטל און כּל התחבולות, זיי האָבן פאַר זיך מלאכי מליצים, זיי האָבן אַ דריסת־הרגל אומעטום, וואוהין מען דאַרף . . . און דו ביזט איינער, דו ביזט אָרעם !

וו ע ק ע ר . איך בין נישט איינער, איך בין נישט אָרעם. איך גיי מיט דעם אמת און האָב גאָט אין האַרצן, די רעגירונג, כ׳לעבן, זוכט דעם אמת, האָט ליב דעם אמת, קוק נישט אויף גלופּסק . . .

ב ת י ה . געוואַלד, מיר זענען אַזוי אָרעם, מיר קומען נעבעך אָפּ און לעבן נישט ווי אונדז וואָלט אָנגעשטאַנען. האָב רחמנות אויף דיר, אויף דיין ווייב און קינדער, קוק נאָר אָן, שלמה, דיינע קינדער !

וו ע ק ע ר (הויבט אָן אויפצושוידערן און קוקט מיט ליבשאַפט אויף די קינדער, וואָס שלאָפן אַרומגענומען אויף דעם געלעגער) שלאָפט, פייגעלעך ! שלאָפט, מיינע טייערע קינדערלעך ! איך בין שולדיק, וואָס איר שלאָפט נעבעך אַלע אינאיינעם, אין איין ענגער ספּאַלניע ! וואָס איר האָט נישט קיין וויגאַדע, וואָס איר מוזט שטענדיק זיצן מיט די גרויסע אינאיינעם און כאַפּן אַ זעץ, אַ קלאַפּ, ווען איר גיט אַמאָל זיי אַ לאַך ווי קינדער ! איך בין שולדיק, פאַר וואָס אייער יוגנט איז נישט ווי דער מאַי, שיין, לויטער, פריילעך, מיט בלומען און רויזן ! פאַר וואָס אייער יוגנט נעבעך איז ווי דער אָסיען, מיט טרערן, מיט שטורעם, מיט כמאַרעס און מיט כּל אצרות! ווען איך זאָל נישט האָבן קיין האַרץ, קיין געפיל, וואָלט איר אַ סך בעסער געקענט לעבן ווי איצט, ווען איך זאָל קענען צוזען עוולות, זיך נישט מישן און שווייגן, וואָלט איר געלעבט אַ סך פרייער ווי היינט ! . . . זייט מיר מוחל, מיינע קינדערלעך ! שלעכט, זייער שלעכט צו האָבן אַ טאַטן מיט האַרץ, מיט געפיל, מיט אַזאַ כאַראַקטער !

ב ת י ה (ווישט זיך די אויגן) נו, האָב זשע רחמנות, שלמה ! ווער מיט זיי שלום, וועט אונדז זיין גוט . . .

וו ע ק ע ר (זייער פאַרטראַכט) האַ, וואָס ווילסטו ?

ב ת י ה . האָב רחמנות אויף דיר, אויף מיר און אויף אונדז אַלע, ווער מיט זיי שלום, וועט אונדז זיין גוט ! . . .

ו ו ע ק ע ר (גיט זיך אַ כאַפּ) **האַ, האָב רחמנות אויף מיר, אויף דיר, ווען טויזנטער מענטשן ליידן! . . . ניין, ניין, טויזנט מאָל ניין! וואָס איז, דו קומסט אַפּ? נו, לייד אויך! מעגסט אויך, כ'לעבן, אַביסל ליידן!** (ער נעמט דעם שטעקן און גייט געשווינד אַרויס).

זיבעטע סצענע

(בתיה כליפעט און רוימט אויף אין שטוב. טויבע־לאה קומט אריין)

ב ת י ה. **אַט איז ער שוין אַוועקגעגאַנגען, און גאָט ווייסט, ווען ער וועט קומען נעמען עפּעס אין מויל! ער עסט נישט, ער גייט נעבעך איין קוקנדיק אויף אונדז, עס טוט מיר, כ'לעבן, באַנג וואָס איך עס אים אָפּ דאָס האַרץ. איך ווייס, אַז איך דערמאָן אים פון אונדזערע ליידן, צאַפּט זיך אים אָפּ דאָס בלוט. נאָר פאַר צרות אָבער כאַפּט מען זיך אַמאָל נישט ווילנדיק, אַרויס מיט אַ וואָרט . . . וואָס איז ער נעבעך שולדיק? ווען ער זאָל נישט האָבן אַזאַ נאַטור, וואָלט אים נעבעך אַ סך בעסער געווען . . .** (טויבע לאה קומט אַריין).

ט ו י ב ע ל א ה (אויף אַ וויינענדיק קול) **נישטאָ אייער מאַן?**

ב ת י ה (ווישט זיך אויס די אויגן) **ניין! וואָס וויינט איר אַזוי טויבע לאה?**

ט ו י ב ע ל א ה. **פינצטער איז מיין וועלט! זיי האָבן איינגע־זעצט מיין מאַן. זיי האָבן אויף אים אויסגעפילט אַ וועקסל! הלוואַי וואָלט מיך מיין אייזיק געפאָלגט. איך האָב אים לאַנג געבעטן, ער זאָל זיך נישט מישן, עס זאָל אים גאָר נישט אָנגיין וואָס זיי טוען, זיי זענען שטאַרק, אַנטקעגן זיי קען מען נישט באַשטיין . . .**

ב ת י ה (זייער איבערגעשראָקן) **הלוואַי וואָלט מיך מיינער גע־פאָלגט! איך טענה דאָס אייגענע אויך מיט אים, וואָס טויג דיר זיי האָבן פאַר שונאים. מען טאָר היינטיקע צייטן ניט זאָגן דעם אמת . . .**

ט ו י ב ע ל א ה. **מיינער איז נאָך ערגער! זיי ווילן זיך מיט אים מירען, זיי ווילן שלום ווערן און אים געבן געלט. אַבי ער זאָל שווייגן, און ער בשום־אופן נישט. בעסער, זאָגט ער, זאָל איך שטאַרבן, בעסער זאָל איך געשוואָלן ווערן ווי אַ באַרג און פאַרפוילט ווערן אין אַסטראָג איידער איך זאָל פאַרקויפן מיין נשמה, מיין געוויסן, מיט אַ שטאָט מענטשן! וואָס**

איז? זאָגט ער, דו וועסט נישט האָבן מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען? פאַרקויף דאָס הויז, וועט מען דאָך אָפּגעבן די ק"ן קערבלעך אויף דעם פאַלשן וועקסל, און מיט דעם איבעריקן קען מען לעת עתה ווי עס איז לעבן.

ב ת י ה . אַז איר האָט אַ הויז, פאַר וואָס זשע זיצט אייער מאַן?

ט ו ב ה ל א ה . אַז זיי ווילן אים אָבער מוטשען! ווער ווייסט זיי דען ווערן? אַז אַלע זענען מיט זיי . . . מען וויל דאָך פאַר אים נישט אָננעמען קיין ערבות, איך טענה מיט אים, איך חלש פאַר אים: גזלן, נעם געלט און זיץ אָפּ! געוואַלד, גזלן, שווייג און נעם געלט! און ער אַלץ דאָס זייניקע: בעסער זאָל איך שטאַרבן. בעסער זאָל איך ווערן די כפרה... גיי זאָג זיי: אייזיק גריסט אייך פון אָסטראָג! אייזיק דאַנקט אייך פאַר אייער ברויט און זאַלץ! אייזיק וויל זיך נישט פאַרקויפן! אייזיק וויל שטאַרבן מיט דעם אמת! אייזיק וויל זיין די כפרה פאַר די אומגליקלעכע נעבעך און קומען אויף יענער וועלט ריין! אייזיק וועט דאָרטן זוכן אַ סוד, אַ ספּראַווע, אויב עס וועט אים נישט געראָטן עס צו געפינען אויף דער וועלט! . . . איך האָב געוואָלט בעטן אייער מאַן, טאָמער וואָלט ער ביי מיין משוגענעם געפועלט, אַז ער זאָל נעמען געלט און אָפּזיצן!

ב ת י ה (לאַכט מיט טרערן) געפונען, כ'לעבן, אַ גוטן בעלן! . . .

ט ו י ב ע ל א ה . נו, וואָס איז, אייער מאַן, כ'לעבן, וועט האָבן אַ מצווה. איך בעט אייך, בתיה סערדצע, העלפט מיר אויך בעטן אייער מאַן, ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַ דימענטדיקער מענטש! ער וועט אייך כ'לעבן פאָלגן!

ב ת י ה (מיט טרערן אין די אויגן) אַך, אַז מיין מאַן זאָל מיך פאָלגן! . . .

ט ו י ב ע ל א ה . נישקשה, ער וועט אייך פאָלגן! איצט מוז איך גיין אַהיים אָנגרייטן עפּעס מיטיק, איך וועל קומען שפּעטער. (זי גייט אַוועק).

ב ת י ה (צו זיך אַליין) איך מוז אויך עפּעס אָנגרייטן מיטיק, אַ רחמנות נעבעך אויף די קינדערלעך! איך האָב נאָך ביי מיר אַ פּאָר גילדן (זי לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע) האַ, וואו איז דאָס געלט? איידער איך האָב מיך נעכטן געלייגט, האָב איך עס דאָך אַריינגעלייגט דאָ! (זי זוכט אין דער קעשענע) די קעשענע איז גאַנץ! נישטאָ קיין פּיצל לעכל, וואו־זשע איז דאָס געלט! (זי זוכט אין שטוב) אַך, פאַרפאַלן, נישטאָ! דאַכט זיך, אַז איך האָב עס נעכטן זיכער אַריינגעלייגט אין קעשענע! אוי, וואָס טוט מען איצט? מיט וואָס קאָכט מען מיטיק? אין קלייטל קומט שוין זייער פיל. וואָס זאָל איך טאָן? מען מוז ווייטער גיין באָרגן, ווייי־

טער שוואַרצן דאָס פּנים. אַ רחמנות אויף די קינדער, אויף אים אויך נעבעך! ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט און איז אַוועקגעגאַנגען גאָר ניכטער (זי באַוואַשט זיך מיט טרערן, ברעכט די הענט און גייט אַרויס).

אַכטע סצענע

אויף דער גאַס. פּיאַווקין גייט מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. עטלעכע רעדלער בעלי־בתים און בעלי־מלאכות שטייען און רעדן שטילערהייט. שלמה וועקער, אַן עולם, פּרעכמאַן, מענדל דער גלעזער, פּיקהאָלץ און אייזיק זאַאיקע.

איין בעל־מלאכה. פּיאַווקין טראָגט שוין דאָרט ווידער אַ פּאַפּיר! עס וועט שוין אונדז מסתמא קיין גוטס דערפון נישט אַרויסקומען . . .

דער צווייטער. שאַ, שטילער! רעד נישט אַזוי הויך, מען וועט דערהערן.

דער דריטער. נישקשה, אַן סכנות, ער איז שוין ווייט. דער רוח האָט אים אַוועקגעטראָגן, איר מעגט רעדן, ער וועט נישט הערן. זאָגט נאָר, איך בעט אייך, איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ פּאַפּיר?

דער פערטער (קוקט זיך פריער אום אין אַלע זייטן) דאָס איז אַ פּריגאָוואָר, גאָר אַ מין ניי־מאָדנער פּריגאָוואָר.

אַלע בעל־מלאכות. וואָס שטייט דאָרטן? וואָס שטייט דאָרטן אין דעם פּריגאָוואָר?

אַ גאָלדשמידל (קוקט זיך אום זייער פאָרזיכטיק) דאָרט שטייט אַוודאי גוטע זאַכן! דאָרט שטייט, אַז די פיינע בריות מעגן זיך טאָן אין דער שטאָט, וואָס זיי ווילן, זיי מעגן מאַכן נאַלאָגן, מעגן תמיד אַרויסנעמען פון פּריקאַז קהלשע געלט און צונויפנעמען אין שטאָט פּריש געלט, וויפיל זייער האַרץ גלוסט. קורץ, זיי מעגן אַלצדינג טאָן און זיך בעל־הביתעווען גאָר פריי פון חשבון. בשעת וויבאַרעס האָבן זיי, נאָר זיי, דאָס רעכט אויסצודערווײלן טשלענעס. חוץ דעם מעגן זיי דערווייטערן פון זייערע אויגן די אַלע מענטשן, וואָס ווען זיי נישט טויגן. פּשוט איז פּשוט, זיי ווען די דאָזיקע מענטשן משלח זיין פון גלופּסק און ווען זיך פּראָסט זיין שררות, זיי ווען זיך לעבן, ווי גאָט אין פראַנקרייך! . . .

אַלע בעל־מלאכות. אַך און וויי איז אונדז! דאָס איז דאָך אַ ביטערע גזירה! דאָ וועט מען דאָך אונדז גאָר אויף דאָס ניי לופּען די הויט! גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!...

איין בעל־מלאכה. איך ווייס, כ׳לעבן, נישט, צו וואָס האָבן זיי היינט געמאַכט דעם דאָזיקן פּריגאָוואָר? אַפּנים, פריער האָבן זיי נישט געטאָן דאָס אייגענע? אַפּנים פריער האָט עמיצער דען זיי געווערט, זיי זאָלן אונדז צופּן, רייסן? ווער, אַ שטייגער, ווערט זיי איצט צו פּייניקן אייזיק זאַאיקע? היינט האָבן זיי אים איינגעזעצט, מאָרגן וועלן זיי אונדז איינזעצן, ווער וועט זיי דען נישט לאָזן?

אַ צווייטער. שאַ! אָט גייט וועקער, מען דאַרף אים פרעגן וואָס זאָגט ער אויף דער גזירה... עפּעס איז ער שטאַרק אויפגעבראַכט!

דאָס גאַנצע רעדל (לאָזט זיך צו וועקערן און קוקט זיך אום מיט מורא אין אַלע פיר זייטן) האָט איר געהערט, פּאַני וועקער? שוין ווי־דער אַ פּריגאָוואָר!

וועקער (זייער אויפגעבראַכט) וואָס האָט איר מורא? שאָף! ביז וואַנען, אַך, וועט איר זיך לאָזן פאַרפירן, מען זאָל מיט אייך טאָן, וואָס מען וויל? זעט, די רעגירונג איז גוט, איז באַרעמהאַרציק, זי האָט באַפרייט עטלעכע און צוואַנציק מיליאָן פּויערן, זי ווינטשט איטלעכן גליק, אויך אונדז יידן ווינטשט זי גליק, זי זוכט אַלע מיטל צו פאַרבעסערן אונדזער צו־שטאַנד, זי וויל יידן נעבעך זאָלן עסן, זאָלן געזונט זיין, זאָלן אַ פּנים האָבן ווי מענטשן. איר אָבער, דערשלאָגענע, פאַרוואָגלטע, פאַרוויסטע יידן, לאָזט זיך פאַרפירן, מען זאָל אויף אייך רייטן. מען זאָל אייך צופּן, רייסן!

צווייטער בעל־מלאכה. שאַ, שאַ, שטילער אַביסל! אָט גייען צו אַ סך מענטשן, מען וועט נאָך חלילה דערהערן! (די מענטשן גייען צו).

וועקער (הויך אויף אַ קול) ווער איז דען שולדיק, וואָס איר האָט אַזאַ פּנים, וואָס איר ליידט, וואָס איר קרענקט, וואָס אויף אייך ליגט די ערד, וואָס אויף אייך איז אויסגעגאָסן די תוכחה? ווער איז דען שולדיק? ווען נישט איר טאַקע אַליין! — אומגליקלעכע מענטשן! מען מוז יאָמערן, וויינען קוקנדיק אויף אייך!

דער עולם. שאַ, עולם, זאָל מען הערן, וואָס רעדט ער דאָרטן אַזוינס!

וועקער (אַלץ וואָס ווייטער מער אויפגעבראַכט) זייט איר בלינד? זעט איר נישט, וויפיל טויזנטער מענטשן גייען אַרום אָן קאָפּ, ווי די בלוד־נע שאָף, און האָבן נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען? זעט איר נישט,

וואָס פאַר אַ פנימער נעבעך זיי האָבן, גלייך ווי די טויטע, ווי פינצטער, ווי וויסט, ווי דערשלאָגן נעבעך? זעט איר נישט, וואָס אַ טאָג מער קומען צו אביונים, געפאַלענע, אומגליקלעכע, הונגעריקע און קראַנקע? יאָ, וואו איז נאָך ערגעץ וואו דאָ אַזוי פיל קראַנקע? — זייט איר טויב? הערט איר נישט קולות פון דעם בית־עולם, די קולות פון טויזנטער אָרעמע פאַמיליעס, מענער, ווייבער און קינדער, וואָס זענען אויסגעשטאָרבן, געפאַלן ווי די פליגן, ערשט אין דער כאָליערע פאַר הונגער און פאַר קעלט? הערט איר נישט די קולות פון די אומגליקלעכע, וואָס האָבן נעבעך נישט געוואוסט דעם טעם פון פלייש, האָבן אין זייער לעבן שטילערהייט געהונגערט, געדאָרט, געקרענקט, געליטן, ביז די ביטערע שלאַפקייט האָט מיט זיי אַן עק געמאַכט?... זייט איר בלינד? זייט איר טויב? האָט איר נישט געזען, נישט געהערט די שרעקלעכע סצענעס און גרויסע צרות, וואָס זענען פאָרגעקומען ערשט בשעת די כאָליערע, אין דעם חלק פון שטאָט, וואָס דאָרט וואוינען די אָרעמע לייט? ווי א וואָלף צווישן שאָף האָט זיך אַהינצו אַריינגעכאַפט די הונגעריקע כאָליערע! זי האָט געריסן, געפרעסן, געגעסן, נאָר אָן רחמנות, נאָך איידער מען האָט אוספייעט זיך אַרומצוקוקן. שפייז האָט זי דאָרטן געפונען זייער פיל, מער ווי אומעטום. דען וואו נאָך ערגעץ שטיקן זיך צונויף אַזוי פיל מענטשן אין איין אָרט ווי די מוראַשקעס נעבעך? וואו נאָך ערגעץ, אַזוי ווי דאָ, וואַלגערן זיך אין ענגע לעכער, אין נעץ און אין קעלט, הונגעריקע, נאַקעטע מענטשן? ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָט זיך די בייזע שלאַפקייט דאָרט צווישן די אומגליקלעכע אַריינגעכאַפט און האָט געוואָרגן יונג און אַלט, טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע קינדער, קימפעטאָרינס און כלות. מענטשן זענען געפאַלן ווי שטרוי ואין בית אשר אין שם מת! אין איין שטיבל האָט געגוססט אַ פאָטער פון קינדער, באַלד טאַקע נעבן אים איז געפאַלן זיין ווייב, האָט אויסגעבראָכן די גאַל און געבליבן ליגן קאַלט ווי אייז, דאָרטן אין אַ ווינקל האָט געכאָרכלט אַ בריליאַנטענע קינד, אַנטקעגן אין דער אַנדער זייט האָט זיך געראַנגלט מיט דעם טויט אַ געטרייע מוטער, ביידע האָבן צום סוף אַ כראָפע געגעבן און אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק! מען גוססעט, מען כאָרכלט, מען פאַלט איין, מען פאָכט מיט דער נשמה, מען שטאַרבט און די כאָליערע גייט פון שטוב צו שטוב, קוילעט, שעכט הונגעריקע, ליידנדע, אָרעמע נעבעך, וויל גאָר נישט אויפהערן, וויל גאָר נישט אָפלאָזן!

אַ קול פון דעם עולם. אוי, מיין טאַטע! אוי, מיין מאַמע!

נ אָ ד אַ ק ו ל. אוי, מיין קינד! אוי, מיין מאַן! זיי האָבן נעבעך שטילערהייט געליטן, הונגער, געליטן קעלט, תמיד געליטן!

אַ ס ך ק ו ל ו ת . עס האָט שוין נישט געהאָלפן קיין רחמנות, עס האָט שוין נישט געהאָלפן קיין טובות, בשעת דער חלף איז געלעגן אויף דעם האַלדז און די כאָליערע האָט אָנגעכאַפּט ביי דעם גאָרגל . . . אַוועקט מיט דעם רחמנות ! האָט געוואָרטשעט די כאָליערע, מען האָט מיר פריער אַליין געוויזן אַהערצו אַ וועג ! אַוועקט מיט די טובות ! מען האָט מיר פריער אַליין דאָ אָנגעגרייט אַזוי פיל שפּייז, מען האָט מיך אַהער געבראַכט. דאָ איז מיין אָרט ! אַוועקט, אַוועקט, לאָזט מיך גיין ! לאָזט מיך גיין !

ו ו ע ק ע ר . גיט נאָר אַ קוק אויף דעם בית־עולם ! פּרוּווט נאָר איבערציילן די נייע קברים, זיי זענען ווי די שטערן אין הימל ! דאָס האַרץ ברעכט, צעפּאַלט אויף שטיקער, מען קען זיך נישט איינהאַלטן, מען מוז יאָמערן און קלאָגן אויף אייך, אומגליקלעכע ברידער ! (אין דעם עולם הערט זיך אַ געוויין) יאָ, יאָ ! קלאָגט אויף דעם חורבן, אויף אייער חורבן! איך זאָל קענען, וואָלט איך זיי גערופן, די הייליקע אָבות, אונדזער מוטער רחל און ירמיהו הנביא, זיי זאָלן טרויערן אויף זייערע פאַרוואָגלטע קינדערלעך. זיי זאָלן פאַר אייך גאָט בעטן, ער זאָל אייך אויסלייזן פון דעם יידישן גלות, ער זאָל עפענען אייערע אויגן, איר זאָלט זען, און עפענען אייערע אויערן, איר זאָלט הערן, און עפענען אייערע מיילער, איר זאָלט רעדן און זיך באַפרייען פון אייערע פאַלשע שטאָט־בעלי־טובות.

אַ ק ו ל . שאַ ! אַביסל שטילער ! זייער מענדל דער געלער גייט.

נ אָ ך אַ ק ו ל . שאַ ! זייער פרעכמאַן איז אויך נישט ווייט, ער וועט דערהערן !

ע ט ל ע כ ע ק ו ל ו ת . נישקשה, נישקשה, רעדט ווייטער ! רעדט, רעדט, זאָלן זיי טאַקע הערן !

ו ו ע ק ע ר . איך פרעג אייך : איר האָט אזוי פיל חברות, אַזוי פיל צדקה־ און עולמות־געלט, וואו, טאָמער ווייסט איר קומען זיי אַהין ? האָבן דען ביי אייך גבאים אָרנטלעכע ביכער ? אָדער קומט מען זיך ביי אייך אַמאָל צונויף טראַכטן, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די שטאָט, ווי צו העלפן נויטבאַדערפטיקע. אָדער גאָר זוכן מיטל צו פאַרמינערן די צאָל פון די אָרעמעלייט ? וואָס טויג דען אַזעלכע צדקות, וואָס מען גיט כלומרשט יענעם אויף דעם קראַנקן בעט, בשעת ער איז שוין נוטה למות ? זאָל מען אים בעסער נישט באַרייסן בשעת ער איז געזונט, זאָל מען אים דענסטמאָל לאָזן זשיפּען, אָטעמען, נישט אויסדרייען דאָס וואַסער, וועט ער דאָך נישט קראַנק ווערן ! . . . שוין צייט צו וויסן דעם ריכטיקן, דעם אמתן זין פון צדקה, שוין צייט צו וויסן, אַז דערמיט, וואָס מען וואַרפט אונטער פאַר אַ מענטשן, פון צייט צו צייט, אַ ביסן ברויט, מאַכט מען אים טאַקע פאַר

אַ הונט, פאַר אַ בטלן, פאַר אַ לאָ־יוצלח, מען דערנידעריקט אים, מען שאַדט זיך און מען שאַדט אויך דעם גאַנצן לאַנד. שוין צייט צו וויסן, אַז צדקה, וואָס ווערט נישט פאַרוועגדט מיט שכל, שאַדט פּונקט אַזוי פיל ווי אכזריות. שוין צייט צו פאַרשטיין, אַז האַרץ אַליין אָן שכל האָט נישט קיין שום ווערט, מען קען אַמאָל שטאַרבן בנשיקה אַזוי ווי פון אַ פּאַטש. וואָס טויג איך בעלי־טובות, וואָס זויגן אייך אויס דעם מאַרך פון די ביינער, וואָס פאַרפירן אייך אין דער בלאָטע, אין די הרי־חושך אַריין? ביז וואַנען וועט איר אָבער אייך האָבן באַהעלפערס מיט לאַנגע פאַרעוועע קעשענעס, וואָס לקחענען אַראָפּ פון אייער מיטיק, פון וואָרעמעס?... ווער איז דען שולדיק, וואָס ביי אייך זענען דאָ אַזעלכע שטאָט־מענטשן, אַזעלכע פירער, אַזעלכע פּאַפּעטשיטעליעס? איך מיין, כ׳לעבן, נישט זיי זענען שולדיק! שולדיק זענען די אומשטענדן, וואָס האָבן פריער געבראַכט דערצו, עס זאָל ביי אייך זיין אַ טאַקסע וכדומה אַזעלכע פאַריאַדקעס. שולדיק זענען די אומשטענדן, וואָס האָבן אייך פאַרשלאָגן דעם קאָפּ, וואָס האָבן אייך געמאַכט צום נאַר, צוגענומען דעם מוט, וואָס האָבן אייך פאַרבלענדט און פאַרשלעפערט. די אומשטענדן האָבן זיך, מיט גאָטס הילף, היינט געענדערט, שטייט־זשע אויף, יידן, שטייט אויף פון דעם לאַנגן שלאָף! גענוג צו זיין פאַרפירט, פאַרבלענדט, גענוג צו זיין נאַראָנים!... זייט מענטשן מיט שכל, מיט מוט, ווי גאָט און די טייערע רעגירונג האָט געבאָטן. דאַלאָי דאָס קעסטעלע! דאַלאָי די אָנגערופענע בעלי־טובות! דאַלאָי זייערע פינצטערע, ביטערע פאַריאַדקעס! גענוג צו שלאָפן, גענוג חלומות, פאָלגט די רעגירונג און שטייט אויף, יידן, שטייט אויף!...

פרעכמאַנס קול פון דעם עולם. הערט יידן דאָס עזות! הערט, וואָס דער אַפּיקורס זאָגט, וואָס ער וויל! (ער מאַכט אַ קולאַק).

מענדל דעם געלבנס קול. נישקשה, איך האָב געזען. דאָ זענען אַלע שקצים!

איין בעל־מלאכה. אוי, איך האָב מורא, כ׳לעבן, מען זאָל מיך נישט דערזען.

אַ צווייטער. מען קען אונדז אָנטאָן פּאַקאָסטן!

אַ דריטער. מען קען אונדז אַריינשטעלן סאָלדאַטן... דער סבאַרשטשיק קען אונדז ווידער מאַנען צום רייסטער...

אַ פערטער. ברידער, לאָמיר מאַכן אַ פּליטה!

איין סוחר. איך קען נאָך חלילה אָנווערן דעם קרעדיט!

צווייטער סוחר. איך דאַרף מאָרגן נעמען ביי שטאַנד־האַפטן אַן אַנווייזונג!

דריטער סוחר. מען קען מיר אָפּטאָן אַ שפּיצל!

פערטער סוחר. מען קען אויף מיר אויספּילן וועקסלען!

אַ בעל־הבית. עס וועט מיר חלילה שאַטן צום שידוך מיט מיין בתולה!

נאָך איינער. מען קען מיך מאַכן פאַר אַ דאַנאָסטשיק!

אַ דריטער. קומט אַוועק גיכער! (דער עולם צעגייט זיך, וועקער בלייבט שטיין איינער אַליין מיט צונויפגעלייגטע הענט).

פרעכמאַן. עולם, הערט עולם, וואָס ער וויל מאַכן! (נייע אַנדערע מענטשן גייען צו).

קולות פון דעם עולם. ווער מאַכן, ווער וויל מאַכן?

פרעכמאַן. ער וויל מאַכן גימנאַזיעס!

מענדל. שקאָלעס!

עטלעכע קולות (פון דער זייט) ער וויל מבטל זיין די תלמוד־תורה!

אַ קול פון איין זייט. ער וויל אָפּשמדן יידישע קינ־דער!

אַ קול פון דער אַנדער זייט. ער איז אַ ווילדער אַפּיקורס!

פרעכאַן (צווישן דעם עולם) שרייט, יידן, שרייט!

אַ געזונטער סוחר מיט אַ פּופּיק. ווער בעט אייך, וועקער, איר זאָלט זיך מישן? איר זייט דאָך נישט קיין היגער?

נאָך אַ סוחר. נישקשה, שטאַנדהאַפט איז אונדזערער, אונד־זערער!

אַ ליאַדע פּאַבריקאַנטל. וועקער! ספּאַדיק, כ׳לעבן, הערט אייך ווי דעם קאַטער!

עטלעכע קולות. עס זאָל טאַקע לעבן און געזונט זיין ר׳ איצע וואָלף ספּאַדיק!

נאָך עטלעכע קולות. עס איז דאָך אַ העזה צו רעדן אויף אַזעלכע גוטע און פרומע מענטשן, אויף אַזעלכע בעלי־צדקות, וואָס זאָרגן זיך לטובת הכלל און זענען זיך נעבעך מקריב תמיד פאַר יידן!...
וואו איז דער אַפּיקורס? (וועקער שטייט שטיל אין מיטן דעם רעדל, און קוקט אָן דעם עולם מיט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן).

אַ קול (פון דער זייט) אַך, שלמה! וואו ביזטו שלמה?...

קולות אין דעם עולם. מאַכט אים אַ וועג! אַן אַפּיצער גייט, אַן אַפּיצער מיט פּאַלעטן!

דאָס פֿריערדיקע קול. אַך, וואָס הער איך, וואָס זע איך שלמה?

עטלעכע קולות. הערט נאָר, הערט, דער אַפּיצער רעדט יידיש!

וועקער (קוקט זיך צו און טוט אַ געשריי) אַך, גדליה!... מיין טייערער גדליה! (ביידע פֿריינט קושן זיך און וויינען).

פּיקהאָלץ. געשווינד, שלמה! אַוועק פֿון דאַנען! אַוועק, אַוועק פֿון די יידן, פֿון די פֿרומע, פֿון די ערלעכע יידן!

וועקער (קוקט שאַרף אָן פּיקהאָלצן, פֿון אויבן ביז אַראָפּ, טרעט אָפּ פֿון אים עטלעכע טריט און ווייזט אים אויף זיינע פּאַלעטן) גדליה, וואָס איז?... אַך, וואָס איז אָט א דאָס?! — דו זאָגסט, איך זאָל אַוועק פֿון די יידן!...

פּיקהאָלץ (נעמט אָן וועקערן ביי דער האַנט) נישקשה, שלמה, איך בין אַ ייד! איך שטאָלציר מיט דעם נאָמען ייד און האָב ליב דעם כלל יידן, אַ סך בעסער, כ'לעבן, ווי דיינע היגע אַלע בעלי־טובות. איך האָב זייער גוט געוואוסט, אַז כל־זמן יידן וועלן ביי זיך האָבן בעלי־טובות, וועט אונדזער איינער נישט קענען אויפהייבן דעם קאָפּ, עס וועט נאָר אומזיסט זיין די מי צו פֿאַרבעסערן זייער צושטאַנד. די בעלי־טובות וועלן אַלצדינג גובר זיין און שטעלן אויף דאָס זייעריקע... געדענקסטו, שלמה, איך האָב דיר געזאָגט, בשעת איך בין געוואָרן אויס רב: איך וויל נישט ווירקן ביי יידן, האָב איך געזאָגט, וויל איך נישט ווירקן. און באַלד בין איך פֿון טונעיאַדעווקע גלייך אַוועקגעפֿאָרן אין דעם אוניווערזיטעט. איך בין איצט דאָקטאָר אין וואַיענעם האָספּיטאַל, איך נוץ איצט פֿאַר מיר, פֿאַר מיינע קראַנקע מענטשן נעבעך, און פֿאַר מיין טייער פֿאָטערלאַנד, מען האָט מיך ליב, כאָטשע איך בין אַ ייד. הלוואַי, שלמה, וואָלסטו דענסטמאָל געפֿאָלגט מיינע ווערטער און דיר נישט אַריינגענומען אין קאָפּ צו ווירקן ביי יידן, וואָלסטו נעבעך היינט אַזוי פֿיל נישט געליטן, נישט געוועזן אַזוי אָרעם. נישקשה, איך בין שוין געוועזן ביי דיר אין דער היים און האָב אַלצדינג געזען! (ער ווישט זיך די אויגן).

וועקער. אַך, גדליה, גדליה! למאַי האָסטו מיר דענסטמאָל געעפֿנט די אויגן, גדליה!

פּיקהאָלץ (אויפֿגעבראַכט) נעם, שלמה, דיין פּעקל אויף די פּלייצעס, אַ שטעקן אין דער האַנט, זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, ביי יידן וועס־

טו גאַרנישט מאַכן. פאַר די דאַזיקע, וואָס דו נעמסט זיך אָן, דו אַליין טאָקע וועלן דיר זיין שונאים! יידן שלעפּן אויף זיך אַליין אַרויף דעם דלות, דעם גלות! . . . און אַז זאַאיקע, ווי איך האָב געהערט, האָט זיך באמת מקריב געווען, רופט זיך דען אײנער אָן איין וואָרט, פאַר וואָס מור־טשעט מען אים? וואַרט, עס וועט נאָך אָנקומען, מען זאָל דעם ערלעכן זאַאיקען פאַרשיקן! . . . קום, שלמה! קום, מען דאַרף טראַכטן, אַז דו זאָלסט נאָך באַצייטנס אַנטלויפן פון גלופּסק! . . . (זיי גייען. איזיק זאַ־איקע קומט פלוצים אָן מיט סאָלדאַטן).

א י י ז י ק (שרייט פון דערווייטנס נאָך וועקערן) פּאַ־פּאַ־פּאַני ווע־קער! אַ, ווע־ווע־וועקער, פּאַ־פּאַ־פּאַני וועקער.

פ ר ע כ מ אַ ן (לאַכט און פאַרשרייט אים, כדי וועקער זאָל נישט דערהערן) כאַ, כאַ, כאַ! אַ ן ע ב י ר ה א י י ע ר ש ר י י ע ן, ר׳ א י י ז י ק, מ ע ן ו ו ע ט א י י ך נ י ש ט ד ע ר ה ע ר ן!...

ע ט ל ע כ ע ו ו י י ס ע ח ב ר ה נ י ק ע ס (קרימען זיך נאָך זאַאיקען) נו, ווע־ווע־ווער איז שטאַרקער. צו אַ דאַ־דאַ־דאַנאָסטשיק אָדער די שטאַ־שטאַ־שטאָט? . . .

מ ע נ ד ל ד ע ר ג ע ל ע ר (צו די סאָלדאַטן) בעריטיע יעהאָ אואוו טיורמו!

א י י ז י ק (פאַרביטערט) בע־בע־בעסער, כ׳לעבן, אין דער טורמע, איידער צו שטיין דאָ מיט פּ־פּ־פרעכמאַן, מיט מע־מע־מענדל דעם געלן און מיט נאָך אַזעלכע פּאַ־פּאַ־פּאַרשוינען! . . . אין דער טורמע, כ׳לעבן, זע־נען נישטאָ אַזעלכע אָפּ־עאַ־פּאַסנע מענטשן . . . (ער גייט אַוועק מיט די סאָלדאַטן).

פ ר ע כ מ אַ ן (שרייט אים נאָך) עזות־פּנים!

מ ע נ ד ל. שייגעץ!

ו ו י י ס ע ח ב ר ה נ י ק ע ס (מאַכן זאַאיקען אַ הוראַ און לאַכן) הוראַ, דאַנאָסטשיק! כאַ, כי, כי־כי, כאַ! . . .

ניינטע סצענע

נעבן דער ראָגאַטקע. אויף אַ וועגעלע ליגן אַנגעלייגט: אַן אַלט בעט, אַ צעבראָכענער שרייב־טיש, אַ קופערט, עטלעכע מולטערלעך מיט קלומקעס, דערויף זיצט בתיה מיט די קליינע קינדער. וועקער הייסט זיך שטעלן, קריכט אַראָפּ פון דעם וואָגן, באַקוקט אַרום עפּעס אַ קליין זעקעלע, קערט זיך דערנאָך אום מיט דעם פּנים צו דער שטאָט און זעגנט זיך מיט די ווערטער:

זיי געזונט, גלופּסק, דו גרויסע יידישע שטאָט, פון דעם גאַנצן ווינקל! וואָס אין דיר באַגעגנט מען טויזנטער מענטשן מיט בלייכע, אויסגעצויגענע פּנימער אַזוי ווי די מתים, וואָס אין דיר באַגעגנט מען זייער פיל אביונים, אויסגעדאַרטע, איינגעהויקערטע, קרענקלעכע, אומגליקלעכע מענטשן, דערפאַר וואָס ביי זיי זענען נישטאָ קיין גוטע פּאַריאַדקעס און זענען נעבעך פאַרפּירט, פאַרבלאָנדזשעט, פאַרמאַראַטשעט און איטלעכער בלאָנדזשעט זיך אַרום ווי אַ בלודנע שעפעלע! זיי מיר געזונט, דו אומגליקלעכע שטאָט! וואָס אין דיר זענען דאָ אַ סך חברות, אַ סך פּוסקעס, אַ סך גבאים, אַ סך מיוחסים, אַ סך בעלי־טובות, און אַ סך יידן קבצנים . . . זיי געזונט אויך דו, חלק שטאָט, וואָס דאָרטן זיצן די אָרעמע לייט אין קליינע נידעריקע חורבות, אין לעכער, אין קעלערס, ביז דעם האַלדז אין בלאָטע. זיי געזונט, דו וויסטער חלק שטאָט, וואָס דאָרטן פלעג איך עפּטער גיין צו זען, ווי אַזוי מענטשן קומען דאָס אַביסל אָפּ, ערגער נאָך אפשר ווי אין גיהנום! צו זען די ביטערע לאַגע פון דעם אָרעמאַן, ווי אַזוי נעבעך ער זיצט, ווי אַזוי ער שלאָפט, וואָס ער עסט, ווי אַזוי זיין ווייב ליגט אין קימפּעט, ווי אַזוי זיינע קינדער וואַלגערן זיך, ווי אַזוי זיי גייען אָנגעטאָן און ווי אַזוי זיי ווערן אויפגעצויגן! . . . זיי געזונט נאָך אַ מאָל, דו גרויסע יידישע שטאָט, וואָס אין דיר ליידן אַלע ערלעכע לייט, וואָס אין דיין טורמע זיצט דער ערלעכער זאַאיקע און אין דיינע גאַסן פאָרן אַרום אויף דראָזשקעס שינדער, שיפרהס, מענדל, פּרעכמאַן, מיט זייער גאַנצער כאָפּטע! וואָס אין דיר האָב איך געליטן שנאה, קנאה, רדיפות און דחקות, וואָס אין דיר האָב איך באַגראָבן מיינע יונגע יאָרן מיט אַלע מיינע גוטע האָפענונגען, וואָס אין דיר האָב איך איבערגעלאָזן אַלצדינג און פיר אַרויס אַ האַרץ פול מיט וואונדן און אויך דאָס קליינע זעקעלע! (ער הייבט אויף דאָס זעקעלע אין דער הויך) אין דעם זעקעלע ליגט די בלאָטע, וואָס איך האָב אָפּגעשאָבן פון דער פּאָדלאָגע, אין מיין קליין שטיבעלע, די בלאָטע איז געוואָרן פון די טייכלעך טרערן, וואָס ליידנדיקע, געפאַלענע, הונגעריקע, גערודפטע, באַריסענע פלעגן פאַרגיסן, און וויינען ביי מיר אין שטיבל! דאָ ליגן די טרערן פון אייזיק זאַ־

איקעס ווייב, די טרערן פון זיין מיידל, די טרערן פון אַ פאַמיליע, וואָס מען האָט פאַרשיקט זייער טאַטן, און די טרערן פון נאָך אַנדערע פאַרוויסטע און פאַרוואָגלטע! . . . (ער קושט דאָס זעקעלע, און זעצט זיך אויף פאָרן, פלוצים זעט מען אַ פלאַם פייער איבער דער שטאָט, אַ שרעקלעכער ביז דעם וואָלקן, פונקען און גאַנצע האַלעוועשקעס פליען, דער הימל איז רויט, די גלעקער קלינגען, וועקער שטעלט זיך אויף דעם וואָגן, די אויגן פייערן אים, דאָס גאַנצע פנים איז שרעקלעך, פאַר עגמת נפש הייבט ער אויף די האַנט אויף דער שטאָט און זאָגט מיט אַ ציטערדיקן און וויינענדיקן קול).

אַך, גלופּסק! אַ צאָרן פון גאָט איז אויף דיר אויסגעגאָסן. ער שטראָפט דיך מיט זיינע פיר שרעקלעכע שטראָפן. ער שטראָפט דיך ברעב, מיט הונגער, בדבר ומגפה, מיט כאָליערע, באַש, מיט פייער, מיט שריפות, ובחיות רעות, מיט שטאָט־בעלי־טובות! . . . גאָט האָט דיך געשטראָפט, גאָט זאָל אויף דיר רחמנות האָבן! גאָט זאָל געבן אין האַרצן פון דער גר־טער און פרומער, און באַרעמהאַרציקער רעגירונג, אַז זי זאָל אויף דיר אַ בליק טאָן מיט חסד און מיט רחמנות! זי זאָל סליעדעווען, נאָכפאָרשן און דערווייטערן פון דיר די אומגערעכטיקייט, זי זאָל דיר געבן מוט און דיך נעמען אונטער איר שוץ! זי זאָל מאַכן אין דיר גוטע אָרדענונגען, עס זאָל מער נישט געהערט ווערן אין דיר דאָס געוויין, דאָס קרעכצן פון אָרעמע לייט, פון געמוטשעטע און געראָדפטע מענטשן . . . איטלעכער אין דיר זאָל זיין צופרידן און זאָלסט דינען צום ביישפּיל אַלע, אַלע אַנדערע יידישע שטעט. לעת־עתה נעבעך, איז דיר נישט גוט, זייער נישט גוט! . . . **(ער טוט אַ שמיץ די פערדלעך און פאָרט אַוועק ווייטער).**